STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06223

ALT UN NAY

L. Baizer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלט און נײַ

נאָוועלע פון א. בייזער

Copyright 1967

LOUIS BAIZER
1118 Glenview Street,
Philadelphia, Pa.

Printed by
FUTURO PRESS, INC.
476 Broadway, New York 10013
200

Printed in U. S. A.

ערשטער טייל

ALT UN NYE

(OLD AND NEW)

1

דאָס יידישע שטעטל אין אוקראַינע איז הונדערטער יאָרן געווען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ פעסטונג וואָס קיינער האָט נישט געקענט דורכברעכן. די באַשיצונג האָט מען נישט געקענט זען אָדער אָנטאַפּן מיט די הענט, דאָך האָט זי אַרומגעצאַמט דאָס שטעטל מיט אַזאַ קראַפט וואָס אַ שטיינערנע פעסטונג האָט נישט פאַרמאָגט. די היטערס פון דער פעסטונג זענען געווען אַלע יידישע איינוואוינער וואָס האָבן קיין געווער נישט געטראָגן און זיך אויסגעמישט אויף דער גאַס און אין די קראָמען מיט די פויערים און פויערטעס, מיט די פריצים און שליאַכטיטשעס, אָבער צום פריוואַטן לעבן פון די היטערס האָט קיינער פון זיי קיין צוטריט נישט געהאַט.

צום שפּיץ פון אַן אויער האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען אַז ס'זענען פאַראַן גרויסע שטעט מיט אַזעלכע גוואַלדאָווע בנינים און געשעפטן אַז ס'שווינדלט פאַר די אויגן צו קוקן אויף זיי. און די אָרטיקע מענטשן, זאָגט מען, טראָגן אַזאַ הלבשה אַז ס'איז צום שטוינען.

דאָס האָט אָבער אַ שטומער געהערט אָדער אַ בלינדער געזען און מיטן יידישן שטעטל האָט זיך עס נישט אָנגעקערט. עס איז זיך געגאַנגען אויפן אַלט־אַלטן וועג וואָס די זיידעס און עלטערזיידעס האָבן אויסגעטראָטן. ס'האָט געקויפט און פאַרקויפט סחורה צו די פויערים. מ'האָט פאַר זיי גענייט קאַפּטאַנעס, פעלצן און פוטערנע קוטשמעס, פאַר די פויערטעס — סוקניעס ספּאָדניצעס און סטאַניקעס.

דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעקערט מיט פרנסה, אָבער וואָס צו לייט איז צו לייט, און וואָס צו גאָט איז צו גאָט. די קינדער זענען געגאַנגען אין חדר אַריין וואו זיי האָבן געלערנט חומש מיט רש״י און אַמאָל אויך אַ שטיקל אורח חיים. די עלטערע בחורים האָבן געלערנט אַ בלאַט גמרא און אויך אַריינגעקוקט אין תוספות. איייניקע יידן האָבן זיך געפעדערט צום ערשטן מנין אין בית מדרש, אַנדערע זענען געקומען צום צווייטן־דריטן מנין.

פרייטיק פאַרנאַכט זענען די יידן געגאַנגען אין מרחץ אַריין, און אויסגעריבניקטע פון וואָכעדיקייט האָבן זיי אין די בתי־מדרשים געזונגען לכו נרננה.

מ'האָט אויך צוגעגרייט די קינדער צום עול פון פרנסה. מ'האָט זיי געלערנט חשבונען, איבערלייענען, אָנשרייבן אַ יידיש בריוול און אַ רוסישן אַדרעס. שפּעטער צו האָט מען געפונען פאַר נויטיק מער נאָכצוגעבן פאָניען און מ'האָט געשיקט די דערוואַקסענע קינדער צו יאַנקל דעם שרייבער.

יאַנקל דער שרייבער האָט שוין איינגעפירט קלאַסן ווי ביי די גויים, רחמנא לצלן. יעדער קלאַס האָט געדויערט נישט מער פון צוויי שעה. צו דער

באַשטימטער צייט האָבן די תּלמידים פֿאַרלאָזט דעם קלאַס און זייערע ערטער האָבן פֿאַרנומען אַנדערע קינדער.

אין דער לענג פֿון קלאַסצימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש וואָס איז באַשטאַנען פֿון צוויי ברעטער אַרויפֿגעלייגטע אויף פֿיר הילצערנע געשטעלן. אייגנטלעך איז עס געווען צוויי טישן אין איינעם. נעבן דער פֿאָדערשטער וואַנט פֿון חדר אין געשטאַנען אַ קליינער טיש. אין דער לענגלעכער וואַנט, קעגנ־איבער דעם גרויסן טיש, זענען געווען צוויי אָפֿענע טירן — איינע אין קיך אַריין און די צווייטע — אין אַלקער אַריין. איבער זיי זענען אַראָפּגעהאָנגען גרויסע פּירהאַנגען.

ביים ווענטל, צווישןביידע פּירהאַנגען, איז געשטאַנען אַ טישל מיט אַ בענקל. אויפֿן בענקל איז געזעסן יאַנקל דער שרייבער. די שפּאַקולן זענען אים אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער שפּיץ נאָז. די הויכע יאַרמולקע איז געווען פֿאַר־רוקט ביזן שפּיץ קאָפּ און דאָס שפּיציקע רויטע בערדל האָט זיך געשאָקלט בעת ער האָט געקנעלט מיט די קינדער ווי אַזוי צו שרייבן אַן אלף און אַ בית, אָדער אַ רוסישע אַ,בע, גע... פֿאַרטיק ווערנדיק מיט די אָנהייבער האָט יאַנקל דער שרייבער זיך אויפֿגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו די תּלמידים וואָס זענען געזעסן אַרום דעם גרויסן און קלענערן טיש און איבערגעקוקט זייערע אָנגעשריבענע ווערטער ווי טאַטע, טיש, שאַפֿע, אָדער ענלעכע רוסישע ווערטער, געשטעלט — גוט, אויסגעצייכנט. איז דאָס אָנגעשריבענע געווען אַזוי פֿאַרגרייזט אַז ער האָט געדאַרפֿט שטעלן דעם צייכן: שלעכט, האָט ער עס נישט געטאָן, נאָר שפּעטער איינגעקנעלט מיט יענע תּלמידים ווי אַזוי אָנצושרייבן די יידישע און רוסישע ווערטער.

די קינדער פֿון די העכערע קלאַסן האָבן זיך געלערנט לייענען גרינגע יידישע און רוסישע מעשׂיות און זיי אַריינגעשריבן אין אַ העפֿט. צוויי מאָל אַ וואָך האָבן די תּלמידים געהאַט אַ דיקטאָווקע. זיי זענען געזעסן אָפּגערוקט איינער פֿונעם אַנדערן און יאַנקל דער שרייבער האָט שוין אַכטונג געגעבן אַז קיינער זאָל נישט אַריינקוקן אין אַנדערנס העפֿט. האָט ער דערזען אַז אַ תּלמיד האָט עס געטאָן, האָט ער אים געהייסן פֿאַרלאָזן דאָס פּלאַץ און מער נישט שרייבן די דיקטאָווקע. דאָס איז פֿאַרן תּלמיד געווען אַ וואָרענונג אַז חזרט זיך עס איבער נאָך איין מאָל ווערט ער אַריבערגעפֿירט אין אַ נידעריקן קלאַס. פֿאַר דעם האָבן די קינדער געציטערט און עס האָט זעלטן געטראָפֿן אַז אַ געוואָרענטער תּלמיד זאָל אַריינקוקן אין זיין שכנס העפֿט.

יאַנקל דער שרייבער פֿלעגט זיין אַרומגערינגלט מיט אַלע תּלמידים בעת ער האָט איבערגעקוקט די דיקטאָווקעס. יעדן טעות אין אויסלייגעכץ האָט ער אונטערגעשטראָכן מיט אַ גראָבן שרייבפֿעדל און פֿון קיינעם איז נישט געווען פֿאַרהוילן וויפֿל יעדערער האָט געמאַכט גרייזן.

אַלע האָבן איבערגעשריבן די גרייזן דריי מאָל און געוויזן דעם לערער צו חתמענען. כאָטש די תּלמידים האָבן זיך געגרייזט צו דער דיקטאָווקע מיט

אַ ציטערדיק האַרץ, איז עס פונדעסטוועגן געווען פאַררעכנט פאַר אַ וויכטיקער געשעעניש און זיי האָבן געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אז דער לערער זאָל וואָס גיכער אָנהייבן די דיקטאָווקע.

אין די נידעריקע קלאַסן האָט דער לערער דיקטירט איינצעלנע גרינגע ווערטער, אין די מיטעלע קלאַסן — קורצע זאַצן, און אין די העכערע קלאַסן — לאַנגע זאַצן אָדער אַ קליין מעשהלע פון אַ ביכל וואָס די תלמידים האָבן שוין אַ פּאָר מאָל געלייענט.

אין צימער איז געשטאַנען אַזאַ טומל אַז מ׳האָט געקענט פאַרטויבט ווערן, אָבער פאַרן לערער און די תלמידים איז עס געווען אַזוי נאַטירלעך אַז ס׳האָט זיי נישט אָנגעהויבן צו אַרן.

פאַרנאַכט, ווען די קלאַסן זענען געווען פאַרענדיקט, האָט יאַנקל דער שרייבער זיך צוגעלייגט אין אַלקער אָפּרוען. דאָס ווייב, דער זון און די טאָכטער האָבן אַרויסגעטראָגן די צענומענע טישן מיט די בענק אין דער קאָמער אַריין. אויסגעקערט די שטוב און אויסגעלופטערט דאָס צימער און ס׳איז כמעט נישט געווען צו דערקענען אַז נישט לאַנג צוריק האָבן דאָ קינדער געליאַרעמט און געטומלט.

צו לייענען, שרייבן און אויסלייגן יידיש איז משה קליינמאַנען אָנגעקומען זייער לייכט. רוסיש איז אָבער צוגעגאַנגען שווערלעך. האָט ער זיך דערמיט אָפּגעגעבן מיט גרויס פלייס און בייגעקומען ,אַפילו געקענט אויסלייגן אַ סך רוסישע ווערטער. קליינמאַנס שכנים האָבן דערפון געוואוסט און ס׳איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין טאָג אַז עמיצער זאָל נישט צושטיין צו משהן ער זאָל זיך מטריח זיין אָנצושרייבן אַ רוסישן אַדרעס.

ווי אין יעדן מענטשלעכן קיבוץ איז אויך אין יידישן שטעטל געווען אַ געמיש פון קהלעשע פריידן און מחלוקתן. איינמאָל אַ יאָר איז אין שטעטל אַראָפּגעקומען אַ רבי. אין ענגן קרייז פון זיינע חסידים האָט זיך געטומלט אַ צוויי וואָכן איידער דער רבי האָט געדאַרפט אָנקומען. נישט יעדעס יאָר איז מעגלעך געווען אַראָפּצוברענגען דעם רבין אין דער זעלבער צייט אָדער באַשטעלן פאַר אים די זעלבע דירה. און אַז דער רבי האָט שוין מיט גאָטס הילף זיך דערנענטערט צום שטעטל, האָט אַ שטאַפּעט אָנגעזאָגט די בשורה אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט „ער” אָנקומען. חשובע באַלעבאַטים האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף צוגעגרייטע פורן צו באַגעגענען דעם רבין.

דאָס אָפּגעבן שלום דעם רבין איז נישט געווען קיין קלייניקייט. פרייטיק פאַרנאַכט האָט דער רבי באַוויליקט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון זיין חדר מיוחד כדי צוגיין אין „זיין” קלויז אַריין דאַוונען, זענען דעמאָלט אין גרעסערן צימער געשטאַנען פון ביידע זייטן צוויי שערענגעס חסידים און „אים” אָפּ־געגעבן שלום. נאָר די חשובסטע חסידים האָבן זוכה געווען צו שטיין אין דער פאָדערשטער ריי און געהאַלטן אַ פּאָר רגעס דעם רבינס האַנט.

די פריידיקסטע איבערלעבונג ביי די חסידים איז געווען שבת בייטאָג

ווען דער רבי האָט געפּראַוועט טיש. דער רבי איז געזעסן אויבנאָן אין אַ פּאָטעל און אַרום אים זענען געווען אויסגעזעצט אויף בענק די אָנגעזעענע באַלעבאַטים, ווער נעענטער און ווער ווייטער פון רבין, לויט זייער חשיבות. אַרום די בענק זענען געשטאַנען די מינדערוויכטיקע חסידים און דאָס קליינוואַרג. מיט העכסטער דערהויבנקייט האָט דער רבי געמאַכט די המוציא, געטונקען אַ כזית אין מויל אַריין און פאַרזוכט צו ביסלעך פון די דערלאַנגטע מאכלים. ווען עס איז געקומען צו טיילן זיך מיט די שיריים איז צו דער התלהבות פון די חסידים נישט געווען קיין ברעג. העגט האָבן זיך געהויבן און אויסגעבויגן, פינגער האָבן זיך צעעפנט און צעצויגן, גרייט געווען אַריינפּאַקן אין די העגט אַריין וואָס מער פון די איבערגעבליבענע רבינס־מאכלים. ווער ס'האָט אַרייגעקראָגן אַ סך פון די שיריים, איז אַ גליקזעליקייט געווען צעשפּרייט איבער זיין פּנים, און ווער ס'איז נישט געווען מזלדיק עס צו דערגרייכן האָט אַ נאָגנדיקער צער אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן.

ביי משהס עלטערן איז דער רבי דאָס ערשטע מאָל איינגעשטאַנען ווען משהלע איז אַלט געווען אַ יאָר צען. איז דעם רבין אויסגעקומען איינדערפרי דורכצוגיין דאָס גרויסע צימער, האָט משהלע כמעט אַלעמאָל מיט אַ כיוון אים אָפּגעטראָטן דעם וועג. דער רבי האָט אים אַ קניפּ געטאָן אין בעקל אָדער אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל. משהלע איז דערנאָך אַרויסגעלאָפן אין גאַס און געוויזן זיינע חברים: „אָט־דאָ־אָ האָט דער רבי מיר געגעבן אַ גלעט".

צום צווייטן מאָל איינשטיין ביי די קליינמאַנס איז משהן שוין געגאַנגען דאָס פערצנטע יאָר. ביי אַ באַגעגעניש מיטן רבין האָט משה שמייכלדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דער רבי האָט אים געפרעגט צו ער קען שוין מעביר זיין די סדרה אָדער זאָגן אַ שיעור. משה האָט אים געענטפערט: „זיכער", און חשק געהאַט צוגעבן אַז ער לערנט זיך שוין רוסיש. האָט עס אָבער נישט געטאָן.

דער פאַרשטאָרבענער שטעטלעשער רב האָט נישט איבערגעלאָזט קיין יורש וואָס זאָל פאַרנעמען זיין אָרט, האָבן די מקורבים אַראָפּגעבראַכט זיינעם אַ ווייטן קרוב צו פאַרנעמען דאָס כסא־הרבנות.

די באַלעבאַטים וואָס זענען נישט געווען צווישן די חשובסטע יידן פונעם פאַרשטאָרבענעם רב, האָבן געגאַרט צו ווערן אויך אָנגעזען אין שטעטל, האָבן זיי צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן אַ יונגנמאַן וואָס האָט נישט לאַנג צוריק געקראָגן די סמיכה אויף רבנות. דער ענערגישער יונגערמאַן האָט זיך געלאָזט צורעדן, איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין ווי אַ רב פונעם צווייטן קלויז — און אין שטעטל האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן.

אַ פּאָדריאַטשיק, אַן אויפגעקומענער גביר, האָט אַרונטערגענומען דעם יונגען רב אונטער זיינע פליגלען און דאָס האָט געשטאַרקט זיין מעמד. דער פּאָדריאַטשיק האָט געדונגען פאַרן נייעם רב אַ גערעמע דירה וואו פון איין גרויס צימער איז געוואָרן אַ קלויז פאַר זיינע אָנהענגער. ער האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט אַז אַלע רעליגיעזע הצטרכותן פונעם קלענערן צד זענען פאַר־

געקומען אין הויז פונעם יונגען רב וואָס האָט ווי אַ געפאַנגענער אין זיין אייגן הויז, נישט געטאָרט באַווייזן זיך אין גאַס. דער פּאָדריאַטשיק האָט אַזאַ עוולה קעגן „זיין" רב נישט געקענט פאַרטראָגן, האָט אָבער נישט געוואָגט קעגנשטעלן זיך דעם רוב יידן פונעם שטעטל וואָס איז געווען שטאַל און אייזן פאַרן ווייטן קרוב פונעם פאַרשטאָרבענעם רב.

עס זענען פאַריבער עטלעכע יאָר, די געמיטער האָבן זיך איינגעשטילט און איניקע באַלעבאַטים וואָס האָבן איבערן מחלוקת אויפגעהערט צו רעדן איינער צום אַנדערן האָבן זיך איבערגעבעטן. דער פּאָדריאַטשיק איז געוואָרן רייכער און מער אָנגעזען אין שטעטל. האָט ער געקלערט אַז ס'איז שוין צייט צו באַפרייען דעם יונגען רב פון זיין געפאַנגענשאַפט. מער נישט, מע דאַרף עס דורכפירן ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט. איז אָפּגעמאַכט געוואָרן מכבד צו זיין דעם יונגן רב מיט סנדק אויף אַ ברית פון זיינעם אַ ידיד.

דער רב, אין דער באַגלייטונג פון אַ צען־פופצן יונגעלייט, האָט שנעל געשפּאַנט צום הויז פונעם בעל־ברית. דאָס האָט געדאַרפט געדויערן נישט מער ווי אַ צען מינוט. דער פּאָדריאַטשיק, דער ממונה איבער די באַגלייטער, האָט גערעכנט אַז אין שטעטל וועט זיך אַביסעלע טומלען און ביי דעם וועט עס בלייבן.

די ערשטע פינף־זעקס מינוט זענען דורכגעגאַנגען בשלום און דעם פּאָד־ריאַדטשיק איז געקומען אויפן געדאַנק אַז מ'האָט עס שוין פון לאַנג באַדאַרפט טאָן, ס'איז נישט געווען פאַר וואָס צו שרעקן זיך פאַר די „יידישע גזלנים", קיינער וואָלט נישט געוואָגט אַרויפצוהייבן אַ האַנט אויפן רב.

אין איין אויגנבליק אָבער איז געשען אַזוינס אויף וועלכן קיינער האָט זיך נישט געריכט. פון אַלע זייטן זענען אָנגעלאָפן יידן, איניקע מיט שטעקנס אין די הענט, געוואָרפן זיך אויף דער קליינער עדה מיטן רב אין דער מיט וואָס האָט מיט פעסטע טריט געשפּאַנט פאָרויס. ס'האָט אויסגעקוקט אַז אײדער וואָס־ווען וועט דער רב מיט די באַגלייטער שוין זיין אין הויז פונעם בעל־ברית.

האָט אָבער איין מיטליעריקער ייד אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אַריינגעריסן זיך אין דער מיט פון די באַגלייטער וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם יונגן רב. דער אַריינרייסער האָט געגעבן סטיקאַקעס אַריינגעכאַפּט פון אַלע זייטן. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרימצאָרן ביי די אָנגעלאָפענע יידן און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ שטורעמווינט אויפן רבס באַגלייטער, ווער פון פאָרנט, ווער פון הינטן און ווער פון אַ זייט, ווי נאָך אַ קאָמאַנדע — און איבערגעריסן די באַגלייטער־קייט אַרום דעם יונגען רב.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. דער פּאָדריאַדטשיק האָט דערזען אַז דער רב איז אין אַ גרויס געפאַר, האָט ער מיט אַ פּאָר באַגלייטער אַרומ־גערינגלט דעם רב און די איבעריקע האָבן זיך געוועהרט קעגן די אָנגעלאָפענע יידן און געהאַט אויפן אויג אַז קיינער פון די אָנגרייפער זאָל נישט צוקומען

צו די באַשיצער פונעם רב. די צאָל פון די אָנגעלאָפענע איז געוואָרן גרעסער און די קליינע עדה אַרום דעם רב האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די האַסטיקע קלעפּ וואָס זענען געפאַלן אויף זיי פון אַלע זייטן און גענומען זיך וואַקלען און איין יונגערמאַן האָט דורכגעבראָכן דעם ברעקלנדיקן מענטשן־רינג אַרום רב און אים דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און די אָנפאַלער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַהין אים צו דער־קאָנטשען. ווען נישט די אויסרופן פון די זייטיקע מענטשן: „יידן בני־רחמנים, איר ווילט טאַקע דער׳הרגענען אַ רב? — וואָלט דער געשלעג זיך פאַרענדיקט מיט אַ מאָרד.

דער געשלעג איז געוואָרן שלאַבעריקער און צום סוף זענען די אָנפאַלער געבליבן שטיין מיט די שטעקנס אין די הענט ווי זיי וואָלטן זיך געווענדט צו זייערע קעגנער: „מיר האָבן אונזערס אָפּגעטאָן, איצט קענט איר זיך אַוועק־נעמען אייער רב״. זייטיקע מענטשן האָבן זיך געפעדערט, אויפגעהויבן דעם צעבלוטיקטן רב און אַריינגעטראָגן אין אַ דערבייאיק הויז. אַהין זענען אויך אַריינגעגאַנגען דעם רבס באַגלייטער.

משה קליינמאַן און נאָך אַדנערע יינגלעך זענען נאָכגעלאָפן די קעגנערישע צדדים וואָס האָבן זיך צעשלאָגן איבערן רב. די יינגלעך זענען געווען אויף דער זייט פון זייערע עלטערן, האָבן זיי געהאַלטן פון דעם רב פאַר וועמען טאַטע־מאַמע האָבן זיך איינגעשטעלט. משה איז אַזוי אַרום געווען פאַרן רב וואָס האָט זיך אָנגעקערט מיטן פאַרשטאָרבענעם רב און ס׳האָט אים געפרייט וואָס דער יונגער רב איז געלעגן אַ צעבלוטיקטער אויף דער ערד.

דער יידיש־שטעטלעשער שטייגער לעבן וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע הונדערט יאָר האָט זיך דערנענטערט צו זיין סוף און ראַפּטאָם זיך פאַר־ענדיקט ווי אַ וויכער וואָלט אומגעוואָרפן אַן אַלטע געביידע וואָס וואָלט סיי ווי פאַמעלעכל זיך צעפאַלן.

די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע איז געווען דער געוויכער וואָס האָט אַוועקגעשאַרט ווי אַ שטיקל פּאָוועטינע דעם אַלטן יידישן אַרט־לעבן. די זעלבע יידן וואָס זענען נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק גרייט געווען צו גיין דורך פייער און וואַסער פאַר זייער רבין, זענען מיטאַמאָל אָפּגעקילט געוואָרן צו אים. זיי זענען נאָך געווען ביים רבין ווען ער האָט געפּראַוועט טיש, האָבן אָבער שוין נישט געהאַט די פריערדיקע התפעלות און ס׳איז נאָר געטאָן געוואָרן פון יוצא וועגן.

די יוגנט פירט דורך זאַכן אימפּעטיק, און מיטאַמאָל זיך אָפּגעקערט פונעם אַלטן לעבנסוועג. דעם ענין „גמרא״ האָט מען נישט אַרויפגעבראַכט אויף די ליפּן, מ׳האָט זיך נאָר אַרומגעטראָגן מיט חלומות אַוועקצופאָרן אין דער גרויסער שטאָט און צוגרייטן זיך אַריינצוטרעטן אין אַ גימנאַזיע. האָט נישט געקלעקט קיין געלט ביי די עלטערן צו נעמען אויף זיך אַזאַ יאָך, האָט די יוגנט זיך געלערנט ביי אַ געניטן שטעטלעשן לערער די רוסישע לימודים,

דערנאָך צוגעפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט, דערקאָנטשעט דאָרט דעם נויטיקן קורס און געהאַלטן עקזאַמענעס פאַר עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע.

די עלטערן וואָס זענען נישט געווען פאַרמעגלעך געגוג דורכצופירן אַזאַ אויפגאַבע, האָבן זייערע קינדער נישט דערפירט צו אַ יאוש. זיי האָבן זיך געלערנט ביי אַ רוסישן לערער ווי פריער — ביי גמרא־מלמד, און וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער זאָל זיך גאָט זאָרגן. אייניקע בחורים האָט דאָס גליק צוגעשפּילט — זייערע עלטערן האָבן אין משך פון אַ פּאָר יאָר געגומען גוט פאַרדינען און שוין געקענט פאַרגינען זיך אויסצוהאַלטן די קינדער אין אַ גרויסער שטאָט. אַנדערע בחורים האָבן דאָס אייגענע דערגרייכט אויף אַן אַנדער אופן. זענען געוואָרן מלמדים ביי דאָרפישע יידישע אַרענדאַרעס, אין משך פון אַ יאָר אַנדערהאַלבן פאַרדינט גענוג געלט אַוועקצולאָזן זיך אין אַ גרויסער שטאָט, צוגרייטן זיך ביי אַ גוטן לערער צו די עקזאַמענעס פון עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע, קומען צוריק אין שטעטל אַריין און, אויף אַ פריערדיקן אָדער אַן אַנדער אופן, איבערחזרן דאָס אייגענע.

צווישן די יוגנטלעכע פון יענער צייט איז משה נישט געווען קיין אויסנאַם.

2

ווען משה איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר האָט ער מיט פלייס גענומען זיך צו רוסישע לימודים און אויפדערנאַכט, אויף די שפּאַצירן מיט זיינע חברים, פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ רוסיש וואָרט. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט משה געלערנט אַ ישובניקס קינדער אָנצושרייבן אַ יידיש בריוול, אַ רוסישן אַדרעס, נאָכזאָגן און צו ביסלעך פאַרשטיין די תפילות פון שבת און יום־טוב.

דריי זמנים האָט משה געקנעלט מיט די קינדער פונעם ישובניק. ער האָט מיטגענומען אַלטע פּאָפּולערע רוסישע זשורנאַלן און אַ רוסיש־יידישן ווער־טערבוך. אין דער פרייער צייט האָט ער געפּרובירט לייענען די רוסישע זשורנאַלן. די ערשטע עטלעכע חדשים איז עס אים אָנגעקומען זייער שווער און איידער ער איז דורכגעגאַנגען אַ בלעטל האָט געדויערט עטלעכע שעה, אַזויפיל מאָל איז אים אויסגעקומען צו באַנוצן זיך מיטן ווערטערבוך. דער טייטש פון אייניקע ווערטער, וואָס ער האָט נאָכגעקוקט נעכטן־אייערנעכטן איז אים אַרויס פון קאָפּ און האָט געדאַרפט נאָכזוכן נאָך אַמאָל. איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה. האָט פאַרשריבן די שווערע ווערטער און דעם צווייטן טאָג זיי איבערגעקוקט. די טייטש פון אייניקע ווערט האָט ער גע־דענקט און פון די איבעריקע ווידער געזוכט אין אַ ווערטערבוך. אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סכום ווערטער ס׳האָט איינגעקריצט אין זיין מוח.

נאָך אַ געוויסן דערפאָלג צעוואַקסט זיך געוויינלעך דער אַפּעטיט. נאָך אַ צוויי זמנים ביי אַ ישובניק, וועט זיך אָנזאַמלען ביי אים גענוג געלט אַוועקצופאָרן אין אַן אויעזדנע שטאָט צו לערנען זיך רוסיש, ווי עס באַדאַרף צו זיין. נאָך צוויי זמנים לערנען מיט די קינדער פון אַן אַדענדאַר, וואו ער האָט געקראָגן גוט באַצאָלט און מ׳האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ גרויסער קענער פון דער רוסישער שפּראַך האָט ער זיך באַקלערט, אַז ס׳לוינט זיך אים צופאָרן אין דערבייאיקן גרעסערן שטעטל צוליב עטלעכע טעמים. ערשטנס וועט ער פון צייט צו צייט זיך אַראָפּכאַפּן אין שטעטל אַריין זיך זען מיט די עלטערן און מיטנעמען געוויסע טרוקענע עסנוואַרגן, וואָס ווערן נישט אַ תל איינס און צוויי. צווייטנס וועט ער זיך צוגעוואוינען צו אַ גרעסערער שטעטל, וועט אים דערנאָך נישט אָנקומען שווער איינצולעבן זיך אין אַ גרויסער שטאָט.

געוויינלעך מערן זיך די פאָרטלען צו דערגיין צום געשטעלטן ציל. אין וועלכן ספר פראַלניק שטייט עס געשריבן, אַז מ׳דאַרף זיך צעפירן די הענט אין דער גרויסער שטאָט און לעבן מיט אַ ברייטער האַנט? אומעטום

זענען דאָ סטאָלאָווקעס וואו מ׳קען אָפּעסן אַ זאַטן מאָלצייט פֿאַר אַ שיבוש. איי ס׳איז נישט, ווי ביי דער מאַמען אין דער היים, איז וואָס? משה האָט אויף גיך אָפּגעמאַכט, אַז נאָך דעם זמן פֿאַרלאָזט ער דאָס דאָרף, און עס געזאָגט דעם לערער פון דער דאָרפס־שולע, וואָס האָט גערן געהאַט משהן, האָט מיט אים געקענט רעדן וועגן זאַכן, וואָס קערן זיך נישט אָן מיטן דאָרפישן לעבן.

— „איר זענט גערעכט״. — האָט קליינמאַן געקוקט פֿאַר זיך. — „אָבער אָפּלייגן אויף מאָרגן וואָס מען קען טאָן היינט, טויג אויך נישט. די צייט שטייט נישט. כ׳וועל אייך לאָזן וויסן נאָך איידער דער בייער זמן וועט זיך אָנהייבן״.

— „טוט ווי איר פֿאַרשטייט און לאָזט מיר באַצייטנס וויסן״. — האָט דער לערער איינגעזען, אַז קליינמאַן האָט געוויסע פּלענער פון וועלכע ער וועט נישט אָפּווייכן.

משה איז געווען צוגעבונדן צו דער מאַמען מער ווי צום טאַטן. דערצו נאָך איז דעם פֿאָטער נישט אָנגעשטאַנען וואָס זיין איינציק קינד איז אָן זיין צושטימונג געוואָרן אַ „מלמד״ אין אַ דאָרף. ער האָט געהאָפּט אַז זיין געראָטן ייִנגל וועט זיך פֿאַרטיפֿן אין תוספות, יורה־דעה, מהרש״א און ווערן אַן עלוי. ער האָט זיך מיט אַ קרעכץ אונטערגעגעבן. משה ווידער קומענדיק אַהיים פֿונעם דאָרף האָט זיך דורכגערעדט מיט דער מוטער וועגן זיין פּלאַן — אַוועקלאָזן זיך אין דער גרויסער שטאָט און דאָרטן לערנען זיך די רוסישע לימודים ביי אַן אָנגעזעענעם לערער. די מוטער האָט געפּרובירט אים באַווייזן, אַז ס׳איז גלייכער פֿאַר אים צו זיין נאָך אַ זמן אין דאָרף און וועט דערימעך אין דער גרויסער שטאָט נישט זיין געענגט אין געלט. זעענדיק אַז אירע רייד האָבן נישט קיין פּעולה אויף משהן, איז זי געפֿאַלן אויף אַ המצאה, האָט אים באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז ס׳איז בעסער פֿאַר אים צוצופֿאָרן אין דער אויעזדנער שטאָט, וואו עס זענען אויך פֿאַראַן גוטע רוסישע לערער. דאָס איז נישט פֿאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות, זי וועט אים יעדע וואָך צושיקן מיטן באַלעגאָלע אַ פּעקל מיט טרוקן עסנוואַרג. ווען ער וועט פֿאַרטיק ווערן מיט זיינע לימודים און אויך אין איין וועג צוגעוואוינען זיך צו דער אויעזדנער שטאָט, וועט אים אָנקומען גרינגער צו לעבן אין דער גרויסער שטאָט. זי האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אויך דער פֿאָטער וועט גאָר נישט האָבן דאַקעגן וואָס ער וועט זיך לערנען אין דער אויעזדנער שטאָט ווייל ז׳איז מיטן שטעטל ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער.

משה האָט זיך געלאָזט איבעררייד, באַזונדערס געלייגט געוויכט אויף דעם וואָס ער וועט אין דער אויעזדנע רשטאָט זיך פֿילן היימישע רווי אין דער גרויסער שטאָט וואו ער וועט מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער דאָרפן האַלטן די עקזאַמענעס. אגב, האָט ער געלאָזט וויסן וועגן זיין באַשלוס דעם דאָרפישן לערער.

שיע האָט זיך אונטערגעגעבן דער קלענערער צרה. אײדער ס׳קינד זאָל אַרײנפאַלן אין דער גרויסער שטאָט, זאָל ער שוין צופאָרן אין דער אויעזדנער שטאָט, וואו דער גיהנום ברענט נישט אַזוי שטאַרק, און אַהינצו קען מען דאָך צופאָרן אָדער ער וועט זיך אַראָפּכאַפּן אין אין שטעטל אַרײן. אײנהאַלטן אים דאָ, אין שטעטל, איז אַן אומזיסטע טירחה, ס׳איז אַ שווערע צייט אָנגעקומען אויפן כלל ישראל. שטאָט כיבוד־אב איז געוואָרן כיבוד־בן און אויב ער, שיע, וועט פּרובירן אײנרעדן זײן אײנציק קינד, אַז ער האָט שוין זײנס דערגרייכט, קען אָנשרייבן אַ יידיש און רוסיש בריוול און אויך אַרײנקוקן אין אַ גוישן בלאַט און דאַרף דערימעד אין ערגעץ נישט פאָרן, וועט משה נאָך אָפּציען אַהין וואו דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט. איז שוין גלייכער אַז ער זאָל זיך לערנען אין דער אויעזדנער שטאָט און דער רבש״ע זאָל זיך אויף אים מרחם זיין.

משה איז אָפּגעווען אין דער אויעזדנער שטאָט אײן יאָר, און נישט ווי זײן פּלאַן איז געווען אַ יאָר און אַ האַלב. די אויסרעכענונג איז געווען — ער וועט מער פּעולה האָבן אין לערנען ווען וועט דאָס האַלבע יאָר אַריבערטראָגן אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער וועט קריגן אַ בעסערן לערער, זיצן על התורה ועל העבודה און דער קאָפּ וועט אים נישט זיין אין שטעטל.

און אַזוי האָט ער געטאָן. אין דער גרויסער שטאָט האָט אים גענומען דריי וואָכן אײדער ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ גוטן לערער און אינצווישן זיך באַקענט מיט די גימנאַזיסטן פון אַ פּאָר רעגירונגס־גימנאַזיעס, געוואָר געוואָרן ביי וועלכער גימנאַזיע עס איז גרינגער אויסצוהאַלטן די עקזאַמענעס.

עס האָט געדויערט אַ יאָר אײדער ער איז געווען צוגעגרייט צו די עקזאַמענעס. אַלץ איז געגאַנגען כשורה און עס איז געוואַקסן אין אים אַ זיכערקייט, אַז ער וועט זײנס דערגרייכן.

אויף די שווערסטע געגענשטאַנדן — רוסישע שפּראַך, געשיכטע און מאַטעמאַטיק — האָט ער אויסגעהאַלטן. איז געשען אַזוינס אויף וועלכן משה האָט זיך נישט געריכט: ער איז דורכגעפאַלן אויף געאָגראַפיע, אי דאָס ווען עס איז אים געבליבן צו עקזאַמענירן זיך נאָך אויף אײן קעגנשטאַנד — נאַטורוויסנשאַפט.

אין די צאַרישע צייטן איז געווען אײנגעפירט, אַז אַן עקסטערן, וואָס האָט זיך עקזאַמענירט אויף עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע און נישט אויסגעהאַלטן אויף אײן געגנשטאַנד, האָט שפּעטער מיט אַ יאָר אָדער מער געמוזט זיך עקזאַמענירן אויך אויף די אויסגעהאַלטענע געגענשטאַנדן, כדי צו קריגן אַ דיפּלאָם אויף די אײגענע עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע.

זײנע באַקאַנטע האָבן אים געעצהט ער זאָל אָנטאָן אַ גימנאַזיסטישע פוראזשקע, כאָטש ער איז דורכגעפאַלן. דאָס וועט אים העלפן צו קריגן די בעסטע אוראָקן אין שטעטל. משה איז געווען קעגן דעם. ביי אים איז עס אויסגעקומען, אַז ס׳איז אַ נאַרישער אָנשטעל וואָס נאַרט קײנעם נישט אָפּ.

— „אַפּילו די רוסן ווייסן אַז די יידישע עקסטערנער זענען באַנק־קוועטשער". — האָט איינער פון דער חברה זיך געווענדט צו קליינמאַנען. — „אין צאַרישן רוסלאַנד מוזן די יידישע יונגעלייט אָנקומען צו אַלערליי אומ־שולדיקע פּאָרטלען כדי נישט פאַרגריזנעט ווערן אין די שטעטלעשע בלאָטעס. מיט אַ גימנאַזיסטיש היטל נאַרסטו קיינעם נישט אָפּ, מע ווייסט, אַז די ביסט אַ גוטער באַנק־קוועטשער. ס'איז נאָר אַ פּאָרטל גוט צו פאַרדינען און איבעראַיאָר קומען אַהער נאָכאַמאָל".

די דערמאָנונג פון „צאַרישן רוסלאַנד" האָט אויפגעטרייסלט קליינמאַנען, ווי ער וואָלט דערשפּירט, אַז מוז אויסמיידן דעם אייזערנעם רוט, וואָס הענגט איבער זיין קאָפּ און זיך אָנגערופן: „איך וועל זיך קויפן אַ גימנאַ־זיסטיש היטל".

— „קום טאַקע שוין" — האָט אַ נאָענטער באַקאַנטער אָנגענומען קליינמאַנען ביי דער האַנט. — „און מירן עס באַלד דערליידיקן".

3

אַ יידישער רייכער פּאָסעסאָר פון אַ דערבייאיק דאָרף איז געקומען אין שטעטל אַריין אַריינצוקריגן אַ לייטישן לערער פאַר זיינע קינדער. מ׳האָט אים נאַראַיעט עטלעכע יידישע בחורים, וואָס האָבן זיך געקוואַפּעט אָנצו־נעמען די שטעלע. ביים פּאָסעפּאָר איז אַ גראָשן געווען אַ ממזר און אין זיין הויף האָט מען דערלאַנגט צום טיש אַזעלכע פּאַטראַוועס, פון וועלכע מ׳האָט אין שטעטל אַפילו נישט געחלומט.

דער פּאָסעסאָר האָט זיך נישט געאיילט. אַמאָל איז אים דער בחור נישט געפעלן, אַן אַנדערש מאָל איז אים דעם בחורס משפחה נישט געווען צום האַרצן, פון געמיינעם גראַד קומט נישט אַרויס קיין ריכטיקע פּרי.

אַ באַלעבאַטישן יידן איז נישט אָנגעשטאַנען, אַז זיין געראָטענער בחור זאָל אויגעבראַקירט ווערן צו זיין אַ לערער ביים פּאָסעסאָר. איז דאָס אַלץ צוגעגאַנגען בשתיקה. אין דעם עסק האָבן זיך אויך אַריינגעדרייט אַ פּאָר האַלבע מעקלערס, וואָס האָבן צוליב קאָנקורענץ נישט צונויפגעפירט די צדדים בפרהסיא און נאַטירלעך נישט ביים שיין פון טאָג, וואָס איז סאָמע אויפן...

ביי טאָג איז דער פּאָסעסאָר מיט פאַרלייגטע הענט אַרומגעגאַנגען איבערן שטעטל, געשמועסט מיט די באַלעבאַטים, צומאָל מיט די בחורים צערעדט זיך מיט אַ מיין, אפשר וועט איינער פון זיי, וואָס וועט נושא חן זיין ביי אים, מרוצה זיין צו ווערן אַ לערער פון זיינע קינדער. אויפן פינפטן טאָג פון אַרומדרייען זיך איבערן שטעטל איז זיין אויג געפאַלן אויף משהן. דער פּאָסעסאָר האָט פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט אים. פון משהס אַרט רעדן און שטעל מיטן גימנאַזיסטישן היטל, פאַררוקט אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט ער אָנגעקוואָלן. ווי אַ תקיף אַ גביר האָט ער גענומען משהן אונטער אָרעם, געכאַפּט מיט אים אַ שפּאַציר און גאָר אינגיכן געקומען צו דער מסקנה, אַז ער האָט אָנגעטראָפן דעם ריכטיקן בחור און אין געלט וועט קיין מניעה נישט זיין, אויב ער איז גרייט צו ווערן אַ לערער. דער פּאָסעסאָר האָט משהן געפרעגט וועך זיינע עלטערן זענען. קריגנדיק אַן ענטפער האָט דער פּאָסעסאָר אונטערגעשמייכלט — דער בחור איז פון גוטן יחוס — און געזאָגט משהן, אַז אויפדערנאַכט וועט ער אָפּשטאַטן זיין טאַטן אַ וויזיט.

משה האָט פאַרשטאַנען דעם פּאָסעסאָרס מיין און אויפן וועג אַהיים איז אים איינגעפאַלן אַז ער דאַרף זיך קווענקלען און די טאַטע־מאַמע זאָלן אים צורעדן. דערמיט וועט ער שיסן צוויי האָזן מיט איין שאָס: ער וועט קריגן מער געלט פאַרן קנעלונג; ביים פּאָסעסאָר וועט זיין אָנגעלייגט וואָס ר׳האָט אים אַריינגעקראָגן פאַר אַ לערער און ט׳אים באַהאַנדלען מיט זיידענע

העגטשקעס. אין דער היים האָט משה אויסגעלייגט זיין פּלאַן פאַר די עלטערן און זיי האָבן אָן שום איבערקלערענישן איינגעשטימט מיט אים.

דעם זעלבן אויפדערנאַכט האָט דער פּאָסעסאָר זיך אַריינגעשטעלט צו די קליינמאַנס אין הויז מיט אַ פלאַש ווייך אין דער האַנט און דערביי זיך אָנגערופן: „צובייסעכץ איז אין אַ יידיש הויז אַלעמאָל פאַראַן, אָבער אַ גוטע פלאַש וויין פעלט אַמאָל אויס אינדערוואָכן. האָב איך זיך מישב געווען, אַז איך וועל אייך פאַרשפּאָרן די טרחה און אַליין אַריינברענגען. וועל איך אייך בעטן איר זאָלט זיך מטריח זיין און אַוועקשטעלן פאַר יעדן איינעם אַ גלאָז אָדער אַ גלעזל". — ער האָט אַ קוק געגעבן אויף קליינמאַנס מוטער וואָס וועט דאָך באַשטיין אויף אַ גלעזל. משה האָט אונטערגעשמייכלט: דער פּאָסעסאָר איז, ווייזט אויס, נישט קיין גראָבער פליגל און ווייסט ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט מענטשן.

מען האָט געטרונקען לחיים און צוגעביסן מיט פלעצלעך און איינגעמאַכטס.

נאָך צוויי גלעזער וויין האָט דער פּאָסעסאָר גענומען רעדן וועגן אַ לערער פאַר זיינע קינדער. ער האָט געמיינט, אַז נאָך אַ גלאָז גוטן וויין וועט נישט אָנקומען שווער איבערצורעדן שיען, וואָס וועט זיך געוויס קווענקלען אַוועקצושיקן זיין איינציק קינד אין דער פרעמד. מיט דער הילף אָבער פון דעם מיושבדיקן בחור וועט אים סוף־כל־סוף זיך איינגעבן צו ברענגען דעם ווידערשטאַנד פונעם פאָטער און אַליי וועט זיך ענדיקן בכי טוב. נו, איז גאָר פאַרגעקומען פונקט פאַרקערט. שיע איז באַלד מרוצה געוואָרן און דער בחור מיטן גימנאַזיסטישן היטל האָט זיך איינגעעקשנט: „ניין און ניין!" און אַז דער בחור איז שוין איינגעגאַנגען צו פאַרלאָזן זיין היים, האָט ער פאַרלאַנגט מער געלט פאַרן זמן. ער איז נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, האָט דער פּאָסעסאָר געקלערט, ער ווייסט זיין ווערט, וויל קריגן וואָס מער באַצאָלט און עס לוינט זיך. עס איז פונדעסטוועגן נויטיק צו דינגען זיך אַ ביסל, זאָל ער נישט מיינען, אַז זיין וואָרט איז תורת משה.

ביים פאַרענדיקן דעם צווייטן זמן איז משהן געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז אפשר וואָלט זיך אים געלוינט אַוועקצופאָרן אין דער גרויסער שטאָט און פּרוּוון זיין מזל. עס האָט זיך ביי אים אָנגעזאַמלט גענוג געלט צו לעבן דאָרט אַ גאַנץ יאָר. ער איז שוין אַ דערוואַקסענער, וועט זיך גוט צוגרייטן צו די עקזאַמענעס און גאַנץ מעגלעך, אַז ער זאָל אויסהאַלטן אויף פיר קלאַסן גימנאַזיע. דאָס וואָלט געווען אַ געוואַלטיקער שריט פאָרויס, דער ערשטער שטאַפּל צו גרעסערע נצחונות. ווי זיין שטייגער איז געווען די לעצטע צייט איז משה נישט געקומען באַלד צו קיין באַשלוס, האָט עס אָפּגעלייגט אויף עטלעכע טעג כדי נאָכצוטראַכטן. פון איין זאַך וועט ער נישט אָפּטרעטן — מער ווי אויף נאָך איין זמן וועט ער ביים פּאָסעסאָר נישט פאַרבלייבן, מעג ער אים צוזאָגן דאָס טעלערל פון הימל.

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט דער פּראָפעסאָר גאָר זיך אָנגערופן: „איך וויל דיר עפּעס זאָגן, משה, און זאָלסט מיך נישט איבערשלאָגן. איך בין פון דיר זייער צופרידן און פאַרלאָז זיך אויף דיר מער... ווי אויף זיך אַליין, זעסטו שוין ווי איך האַלט פון דיר. איך בין געפאַלן אויף אַ פּלאַן. נעם מיינע צוויי קינדער. דאָס מיידל מיטן יינגל, פאָר מיט זיי אַוועק אין דער גרויסער שטאָט, קריג אַ לערער וואָס ווייסט אין וועלכער טיר אָנצוקלאַפּן און זאָל ער זיי אַריינגעבן אין אַ רוסישער גימנאַזיע. גיב אויף זיי אַכטונג ווי אַן עלטערער ברודער און זיי וועלן זיך צוהערן צו דיינע רייד. אין געלט וועט נישט זיין קיין מניעה, נישט פאַרן לערער און נישט פאַר דיר. דאַרפסט דאָך האָבן פון וואַנען צו לעבן. דו וועסט זיך טאָן דיין אַרבעט און אויכעט האָבן אַן אויג אויף זיי. דאַרפסט מיר נישט געבן תיכף ומיד קיין תשובה, ס׳ברענט נישט. און טאָמער וועסטו נישט איינגיין אויף דעם, וועל איך דיך נישט אַוועקשיקן, וועסט בלייבן דערווייל נאָך אויף אַ זמן, דערנאָך אימער זיך נאָכאַמאָל דורכריידן. טראַכט זיך איבער און גיב מיר אַ תשובה.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט משה קליינמאַן געגעבן דעם פּראָפעסאָר אַ תשובה: „איך האָב עטלעכע מאָל זיך אַריינגעטראַכט אין דעם ענין און געקומען צו דער מסקנה אַז זיי דאַרפן ווינציקסטנס נאָך איין האַלב יאָר זיך לערנען דאָ, כדי צו זיין צוגעגרייט צום מעטאָד פון לערנען אין אַ גימנאַזיע. איך ווייס נישט, צי כ׳האָב איך איבערגעגעבן פּינקטלעך וואָס איך מיין...

— „איך פאַרשטיי וואָס דו מיינסט, משה, און אַזוי וועט עס בלייבן" — האָט דער פּראָפעסאָר איינגעשטימט מיט אים. — „דו וועסט זיין דאָ נאָך אַ זמן און דערנאָך וועסטו זיך אַריבערקלייבן אין דער גרויסער שטאָט און מיטנעמען מיינע קינדער".

— „איכ׳ל שוין זען, אַז די קינדער זאָלן האָבן אַ פּעולה אי דאָ, אי דאָרט" — האָט משה מיט האַרץ אַרויסגערעדט די ווערטער.

— „איך פאַרלאָז זיך אויף דיר, משה, און וועל גאָרנישט טאָן אָן דיין הסכמה" — האָט דער פּראָפעסאָר געפונען פאַר נויטיק צו זאָגן די לעצטע עטלעכע ווערטער.

אין אַ האַלב יאָר אַרום איז משה מיט דעם פּראָפעסאָרס קינדער אָפּגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט. עס האָט געדויערט אַ צוויי־דריי וואָכן איידער ער האָט געפונען פאַר די קינדער אַ פּאַסיקע קוואַרטיר, און אַ פאַראַנטוואָרט־לעכן לערער, און אַז אַלעס האָט זיך איינגעשטעלט אויפן בעסטן אופן האָט ער גענומען קלערן וועגן זיך אַליין.

אין צאַרישן רוסלאַנד איז געווען איינגעפירט, אַז קריגנדיק אַ דיפּלאָם פון פיר קלאַסן גימנאַזיע האָט מען ווינציקסטנס געקענט ווערן אַן אַפּטייקער־שילער. נאָך צוויי יאָר אַרבעטן אין אַן אַפּטייק האָט מען געהאַט די רעכט אַריינצוטרעטן אין אַ שול, וואו מען האָט געלערנט די העכערע קורסן פון פאַרמאַצעווטעריי און נאָכן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען איז מען געוואָרן אַז

אַפּטייקער־געהילף. האָבנדיק אַ דיפּלאָם אויף זעקס קלאַסן גימנאַזיע האָט מען געקענט אַרײַנטרעטן אין אַ צאָן־דאָקטאָר־שול. דערשלאָגנדיק זיך צו אַ מאַטורע, אַ דיפּלאָם פון אַכט קלאַסן גימנאַזיע, האָט אַ קריסט נישט געהאַט קיין שום שטערונג אַרײַנצוטרעטן אין אַן אוניווערסיטעט. פאַר אַ יידן האָט אומאָפּיציעל עקזיסטירט אַ פּראָצענטנע־נאָרמע, נאָר אַ קלײנע צאָל יידן האָט מען אַרײַנגענומען אין אַן אוניווערזיטעט. פאַרשטײט זיך אַז די זינדלעך פון יידישע גבירים האָבן געהאַט אַ סך מער מעגלעכקייטן צו לערנען זיך אין אַן אוניווערזיטעט.

דער דריטער, פינפטער און זיבעטער קלאַס גימנאַזיע איז געווען פון קלײנעם באַדייט, זיי האָבן נאָר געדינט ווי אַ טרעפּ צו אַ העכערן שטאַפּל — צום פערטן, זעקסטן און אַכטן קלאַס גימנאַזיע.

משהן איז דאָס אַלץ געווען גוט באַקאַנט און ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה וואָס צו טאָן — עקזאַמענירן זיך באַלד אויף פיר קלאַסן גימנאַזיע, וואָס ער קען זייער גוט און עס איז מעגלעך, אַז די רעאַקציאָנערע לערער וועלן זיין געצוואונגען צו שטעלן אים גוטע צייכנס, אָדער זיך גאָר אַנידער־זעצן על התורה ועל העבודה, גוט אויסשטודירן דעם קורס פון זעקס קלאַסן גימנאַזיע און פּרובירן דאָס מזל: וועט ער דורכפאַלן איין מאָל, צוויי מאָל, אָבער סוף־כל־סוף וועט ער אויסהאַלטן.

ער האָט איינמאָל אַ שטיק צייט אַרומגעשפּרייזט איבער די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט, האָט אייגנטלעך וועגן גאָרנישט נישט געטראַכט, נאָר טענות האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן, מאָנען און באַשטיין, אַז ער טאָר נישט אַרומגיין שלינג און שלאַנג, נאָר דאַרף עפּעס טאָן...

ער איז אַהיים געקומען אַ מידער, אַרײַנגעוואָרפן זיך אין בעט און אַ טיפער שלאָף האָט אים צוגעשמידט צום געלעגער אויף אַ שעה צען. ער איז אויפגעשטאַנען ווי אַן אָפּגעפרישטער נאָך אַ שווערער קראַנקייט און געקראָגן אַ געפיל, אַז היינט וועט אים, דוכט זיך, קלאָר ווערן וואָס צו טאָן, ווי ער וואָלט אין שלאָף איבערגעטראַכט דעם גאַנצן ענין און געקומען צו געוויסע באַשלוסן.

באָכן איבערבייסן איז אַ קלאָרקייט אויפגעגאַנגען אין אים — ער ווייסט שוין וואָס צו טאָן. עס איז נישט געווען קיין מיטאַמאָליק ווערן, נאָר ביסלעכ־ווייז האָבן זיך אויפגעוויקלט טיילן פון אַן אַנדער פּלאַן. צו וואָס איז נויטיק צו עקזאַמענירן זיך מיטאַמאָל פאַר פיר אָדער זעקס קלאַסן גימנאַזיע? איז נישט בעסער אָפּצואווייכן פונעם גלייכן וועג און פאַרנעמען זיך אויף אַ סטעזשקע, וואָס וועט סוף־כל־סוף דערפירן צום זעלבן ציל? ער וועט צום אַלעם ערשטן האַלטן עקזאַמענעס פאַר פינף קלאַסן גימנאַזיע און מיט אַ יאָר שפּעטער — פאַר זעקס קלאַסן. זיין אויסרעכענונג איז געווען, אַז ס'איז גרינגער אויסצוהאַלטן פאַר פינף קלאַסן איידער פאַר פיר אָדער זעקס. ווי די עקסטערניקעס האָבן אים, משהן, איבערגעגעבן זענען אַפילו די רוסישע

לערער, וואָס זענען אָפענע שונאי־ישראל, מילד צו די יידישע בחורים, וואָס עקזאַמענירן זיך אויף פינף קלאַסן גימנאַזיע. די אוסטייטשונג איז געווען — זאָלן די יידישע עקסטערניקעס מיינען, אַז מע דאַרף זיך נישט שטאַרק אָנשטרענגען צו קריגן אַ דיפּלאָם פאַר עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע און זיי וועלן נישט זיין צוגעגרייט צום זעקסטן קלאַס פאַר וועלכן זיי וועלן געוויס האַלטן מיט אַ יאָר שפּעטער. דעמאָלט וועט זיין די בעסטע געלעגנהייט צו שטעלן זיי אַזעלכע האַרבע פראַגן, אויף וועלכע זיי וועלן נישט געפינען קיין ריכטיקע ענטפערס — און דורכפאַלן.

משה האָט געפרעגט אַן עקסטערן וואָס האָט מיט אים געוואוינט אין שכנות, פון וואַנען ס'איז באַוואוסט, אַז די לערער זענען אַזעלכע רשעים, האָט אים יענער געענטפערט, אַז אַלע גימנאַזיסטן־רוסן באַשטעטיקן עס און זיי וועלן נישט אויסטראַכטן אַ בילבול אויף די רוסישע לערער.

4

אין שטעטל זענען געווען צוויי יידישע גבירים, וועמענס קינדער האָבן זיך געלערנט אין אַ רוסישער גימנאַזיע. דאָס צו דערגרייכן איז געווען פֿאַרבונדן מיט צווייערליי הוצאות. צוערשט דאַרף מען לייגן דאָס לעבעדיקע אויפֿן טויטן, ס׳איז נויטיק צו קריגן פֿאַרן תּלמיד אַ רוסישן לערער, וואָס איז אַ כּל־ולך אין אַ באַוואוסטער גימנאַזיע און פֿאַר דעם קומט מען נישט אָפּ מיט שיע־פּיע. עס טרעפֿט אויך נישט זעלטן, אַז נישט אַלע יידישע תּלמידים פֿון אַזאַ לערער ווערן אַריינגענומען אין דער גימנאַזיע. שמועסט מען טאַקע, אַז אַחוץ דעם לערער פֿאָדערט זיך אויך אַן אַרויסהעלפֿער, וואָס „שטופּט" אַריין אין דער גימנאַזיע איין שילער און ממילא ווערט אַרויסגעשטופּט אַן אַנדער תּלמיד. דאָס ווערט נישט געטאָן בחינם. ווען דער בחור ווערט שוין, מיט גאָטס הילף, אַ גימנאַזיסט, פֿאַרשפּעטיקן נישט אָנצוקומען די יערלעכע הוצאות — אויף שכר־לימוד און באַשפּייזונג. נישט יעדער פֿאַרמעגלעכער שטעטלישער ייד האָט געקענט זיך אָנטאָן אַזאַ פֿאַרגעניגן.

אַהיים קומענדיק מיט אַ דיפּלאָם פֿון פֿינף קלאַסן גימנאַזיע איז קליינמאַן דערימעך געוואָרן אַ שם־דבר אין שטעטל. ער איז דאָרט געווען דער ערשטער, וואָס האָט ווי אַן עקסטערן אויסגעהאַלטן אויף עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע. אויף זיין אָפּגעפּאָרן גימנאַזיסטיש היטל האָט מען איצט געקוקט מיט גאָר אַנדערע אויגן — ער איז נישט קיין פּוסטער באַרימער, איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיך דערשלאָגן צון אַ דיפּלאָם.

קליינמאַנען איז אָנגעקומען גרינג אַריינצוקריגן די בעסטע אוראָקן אין שטעטל און האָט זיך געהייסן גוט באַצאָלן. מ׳האָט אים נישט נאָר נאָכגעגעבן אין די שכירות, נאָר אויך אין די שעהן פֿון טאָג — אינדערפֿרי, ביי טאָג אָדער פֿאַרנאַכט. ס׳איז געווען אַ זיכערע זאַך, אַז אין קענטשאַפֿט פֿון די רוסישע לימודים קען זיך קיינער צו אים נישט גלייכן, אַניט וואָלט ער נישט אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס. משה ווידער האָט אָנגענומען אַזויפֿיל אוראָקן וויפֿל נאָר עס האָט זיך געלאָזט. עס וועט טאַקע פֿאַלן אויף אים שווער, דערפֿאַר וועט ער אין משך פֿון אַ קורצער צייט צונויפֿלייגן גענוג געלט עס זאָל אים קלעקן אויף אַ יאָר צו לעבן באַקוועמלעך אין דער גרויסער שטאָט און גרינטלעך דורכגיין דעם קורס פֿונעם זעקסטן קלאַס. אויסצוהאַלטן אויף דעם קלאַס איז זייער שווער. מע דאַרף זיין אַ פּרימע שבפּרימע צו קענען ענטפֿערן אויף אַלע פֿראַגעס פֿונעם עקזאַמענאַטאָר.

ביים ערשטן אַרויספֿאָר האָט משה אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. אויפֿן עקזאַמען פֿון פֿיזיקע האָט דער לערער, אַ יונגער בלאָנדער רוס, אים געהייסן איבער־

געבן מיט אַלע איינצלהייטן וויאַזוי עס איז געבויט די און די מאַשין. דער געבוי פון דער מאַשין איז קליינמאַנען געווען באַקאַנט, אָבער נישט מיט אַלע פּרטים. ער האָט זיך נישט געקווענקלט און גלייך געענטפערט, אַז אין דעם לערנבוך פון פיזיקע, וואָס איז רעקאָמענדירט צום עקזאַמען, איז די מאַשין אויסגעלאָזט.

דער לערער האָט אים געהייסן ווייזן דאָס בוך. קליינמאַן האָט צוגעבראַכט דאָס בוך, אויפגעמישט דאָס קאַפּיטל, וואו עס האָט געפעלט די באַשרייבונג פון דער מאַשין. דער לערער האָט גענומען דאָס בוך אין די הענט אַריין, געמישט אַהער און אַהין און זיך איבערציגט, אַז קליינמאַן רעדט טאַלקאָווע. ביים לערער איז אָבער אויסגעקומען, אַז דער יידישער בחור האָט געוואַגט צו געבן אים אַזאַ ענטפער, וואָס די יידישע עקסטערניקעס טוען עס נישט, איז ער אַ חוצפהניק. דער לערער האָט געבלעטערט דאָס בוך און געהייסן קליינמאַנען אים דערקלערן די אַרבעט פון די קאָמפּליצירסטע מאַשינען, וואָס האָבן זיך געפונען אין בוך. דאָס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה, וואָס האָט זעלטן געטראָפן ביי די מינדלעכע עקזאַמענעס.

אין רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען איינגעפירט אַז אַן עקסטערן דורכ־געפאַלן אויף איין געגנשטאַנד, איז ער מער נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו די איבעריקע עקזאַמענעס.

משה איז געווען זיכער, אַז ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף פיזיקע, דאָך איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און צוגעפאָרן צו דער גימ־נאַזיע, כדי צו זען אַז זיין נאָמען איז פאַראַן צווישן די עקסטערניקעס, ווען ס׳איז דערלויבט פאַרצוזעצן די עקזאַמענעס. איבערלייענענדיק זיין נאָמען עטלעכע מאָל, האָט משה געקראָגן אַ סך מוט, מיט בטחון איז ער געגאַנגען צו די איבעריקע עקזאַמענעס. און ס.איז אים אָנגעקומען לייכט צו ענטפערן אַפילו אויף די קאָמפּליצירסטע פראַגעס.

אין איין געגנשטאַנד נאָר האָט קליינמאַן געפילט, אַז ער קען אַריינפאַלן אין אַ נעץ און זיך נישט אַרויסדרייען. דאָס איז געווען דער עקזאַמען אויף דער רוסישער שפּראַך. וואָלט ער אַפריער נישט געוואוסט, אַז איין לערער באַלאַנגט צו די שוואַרץ־מאַהניקעס און זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז ווען אַ יידישער בחור פאַלט דורך, וואָלט ער אויך געציטערט פאַר דעם עקזאַמען.

צו דעם עקזאַמען האָט קליינמאַן זיך זייער גוט צוגעגרייט. עס האָט אים אויך אָפּגעגליקט, וואָס דער צווייטער לערער האָט אים געשטעלט אַזעלכע פראַגעס, אַז ער האָט געדאַרפט אונטערשרייבן די וויכטיקייט פון מענטשליכקייט, בילדונג אַליין איז נישט גענוג, האָט נישט קיין סך ווערט, אויב מען פאַרמאָגט נישט קיין מענטשליכקייט. משה האָט מיטאַמאָל דער־פילט, אַז ר׳איז אַרויס פון אַ סכנה. און ס׳איז אים פאַרגעקומען, אַז נישט אַ לערער פון אַ גימנאַזיע שטעלט אים פראַגעס ווי אַן אויבערהאַר, אים צו פריטשמעליען, נאָר אַן עלטערער חבר פירט אַרויף דעם יינגערן אויף ריכטיקן

וועג. עס האָט משהן זייער געפרייט — ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ רוסישן לערער, וואָס באַגייט זיך מיט אים אָן שום שמד־שטיק. מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט משה באַמערקט אַז דער שוואַרצמאַהניק זיצט אָן אָנגעכמורעטער, האָט ער שוין פאַרשטאַנען וואוהין דער צווייטער לערער האָט געצילט. מיט זיינע פראַגעס האָט ער געמיינט צו דערנידעריקן דעם ערשטן לערער און משה האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, צעלייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז דער עיקר איז ווען אַ מענטש צו אַ מענטש איז פריינדלעך, העלפט אים אַרויס ביי צוקומען אַלערליי שוועריקייטן. משה האָט זיך איינגעקוקט אין דעם צווייטן לערערס פּנים, דערזען אין אים דעם רוסישן אינטעליגענט, וואָס שטרעבט איינצושטעלן אַזאַ סדר אויף דער וועלט, וואו איין מענטש זאָל נישט אונטערדריקן דעם צווייטן. אינצווישן איז משהס בליק געפאַלן אויפן פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, דעם גלח מיט דער לאַנגע שפּיציקער באָרד, וואָס האָט זיך גוט איינגעהערט אינעם לערערס פראַגעס און אין זיינע, משהס, ענטפערס. פונעם גלחס פּנים איז געווען ניכר, אַז ער האָט דערפון הנאה. איז קליינמאַנען איינגעפאַלן עפּעס צו זאָגן וועגן דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס זאָל וואוילגעפעלן דעם גלח, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם „געזאַנג פון איגאָרס פּאָלק” און גענומען ציטירן אויף אויסנווייניק סטאַנצן פונעם קירכלעך־סלאַווישן אָריגינאַל. אַ האַרציקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן גלחס לענגלעך פּנים, אויך דער צווייטער לערער האָט זיך צעשמייכלט. ביידנס שמייכל האָט געמיינט: אַ יידישער בחור קען אויף אויסנווייניק דעם אָריגינאַל פון „דאָס געזאַנג וועגן איגאָרס פּאָלק”!

נאָכן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אויף דער רוסישער שפּראַך איז אַלץ געגאַנגען גלאַטיק — איין עקזאַמען איז געווען גרינגער פונעם צווייטן און ווען ער האָט איבערגעלייענט זיין נאָמען אויף דער רשימה פון די אויסגעהאַלטענע עקסטערניקעס, האָט ער געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע אַהיים: „גליקלעך פאַרענדיקט” — און געלאָזט זיך איבער די גאַסן. דער טאָג איז גראָד געווען אַ פאַרנעך, די שוואַרצע כמאַרעס אויפן האָריזאָנט זענען געוואָרן אַלץ שוואַרצער און גרעסער, האָבן זיך געשפּרייט איבער דער ברייט און הייך פונעם הימל און נאָך אַלע סימנים איז געווען קענטיק, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט גיין אַ רעגן, אָבער ביי משהן איז דער טאָג געווען אַ ליכטיקער ביז גאָר. אַלע זיינע אברים זענען געווען איבערפולט מיט פרייד און פאַרבייגייענדיק אַ גאָראָדאָוואָי, וואָס איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ טעלעגראַפנער סטאָלב, האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאָר קאָפּיקעס און דערלאַנגט דעם היטער פון גערעכטיקייט (געוויינלעך האָט קליינמאַן, ווי יעדער יידישער בחור פון דער פּראָווינץ, געהאַט אַ ווידערווילן צום אַ גאָראָדאָוואָי). דער גאָראָדאָוואָי האָט זיך פאַרנייגט פאַר משהן, האַלטנדיק די אויסגעשטרעקטע רעכטע האַנט ביים דאַשעק. אַן אַנדערש מאָל וואָלט קליינ־

מאַן אָנגעקוואָלן דערפון: פאַר עטלעכע קאָפּיקעס שטייט ער פאָד קאָזיראָק פאַר אַ יידישן בחור, אָבער איצטער האָט ער נישט געקלערט דערפון. משהס פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט וועגן גאָרנישט ניט געטראַכט, נאָר אַ גליקזעליקייט איז געווען צעשפּרייט אויף די ליפּן, אויגן, שטערן און וואו נישט? עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז די פרייד שטראָמט פון אַזאַ קוואַל, אַז אויך דוממים ווערן אָנגעשטעקט דערפון, אַפילו די הייזער און טראָטואַרן האָבן עס נישט פאַרפעלט צו טאָן.

5

ווען משה האָט זיך פּלייסיק געגומען לייענען רוסישע און יידישע צייטונגען, איז אים באַקאַנט געוואָרן אַז איבער דער גאַנצער וועלט זענען ניטאָ מער ווי זיבעצן מיליאָן יידן. עס האָט אים געאַרט און פּאַמעלעכל אָנגעהויבן צו פּאַרדריסן וואָס ס׳איז אַזוי געשען און ער האָט געהאַט אַ טעם דערביי, די אוקראַינער ווייסן ניט ווי די נאַז אויסצושנייצן, לעבן נאָר אין איין געגנט, און זענען פּילצאָליקער פון די יידן וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער איז דער פּאַרדראָס אַריבערגעגאַנגען אין אַ פרייד. מיט די יידן וואָס זענען אומעטום אַ מועט, רעכנט מען זיך און ווער קוקט זיך אום אויף די אוקראַינער? דערין ליגט דאָך מסתמא אַ וויכטיקע סיבה און דערפאַר טאַקע האָט אין אים געזאָטן דער כעס און נישט געקענט באַנעמען פאַרוואָס די צאַרישע רעגירונג באַגייט אַן עוולה קעגן די יידן און גיט זיי ניט אַלע רעכט וואָס אַפילו די אוקראַינער האָבן. אויף יעדן שריט און טריט שלאָגט זיך דער ייד אַן אויף אַלערליי פּאַרבאָטן, דאָס טאָר מען ניט טאָן ביינאַכט און דאָס איז פאַרווערט צו טאָן בייטאָג. ווען נישט דער אוראַדניק וואָס מאַכט זיך ניט זעענדיק און ניט וויסנדיק וואָס ס׳קומט פאַר אין שטעטל, וואָלט דאָס יידישע לעבן דאָרט געווען אומדערטרעגליך. מיטן אוראַדניק קומט מען אָפּ מיט אַ קלייניקייט, אָבער דעם פּריסטאַוו אַז ער הויבט אָן דערקוטשען מוז מען דערלאַנגען אין דער יד אַריין אַ גרויסע מטבע.

די אוראַדניקעס האָבן זיך געהאַלטן אין שטעטל אַ סך לענגער ווי די פּריסטאַוועס. צי דאָס איז געווען געווענדט אין דער גרעסערע נאַטשאַל־סטוואָ וואָס האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויף די אוראַדניקעס, צי די פּריס־טאַוועס אַליין האָבן געערן געהאַט, צוליב געוויסע סיבות, צו בייטן זייער אָרט פון סלוזשבע, איז אין שטעטל ניט געווען באַקאַנט. מער נישט, נאָך איידער אַ נייער פּריסטאַוו איז אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין, האָבן די יידישע קליאַמקעס געקלינגען זיך דערוואוסט אין פאָרויס צי ער האַלט פון דער כלל — אַז מען שמירט, פאַרט מען.

אין שטעטל האָט געגאָלטן דער כלל אַז יעדן פּריסטאַוו קען מען אונטערקויפן. דאָס האָט זיך געגומען דערפון, וואָס אויפן געהאַלט וואָס די פּריסטאַוועס האָבן געקראָגן, האָט מען געמוזט לעבן זייער אויסגערעכנט. וואָסערע פּריסטאַווס פרוי האָט ניט געהאַט קיין חשק צו לעבן אויף אַ ברייטן פוס וואָס שאַפט אַן אָנזען אין דער געזעלשאַפט? בייזע צינגער האָבן אַפילו געברייעט אַז דאָס איז די וויכטיקסטע סיבה פונעם לאַפּקע געלט וואָס די

פריסטאַווס נעמען. וואָס די סיבה זאָל ניט זיין, האָט דאָס שטעטל זיך קעגן דעם נישט געווערט און עס אָנגענומען ווי אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. ס'איז דעריבער אין שטעטל געוואָרן אַ בהלה ווען ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז דער נייער פּריסטאַוו וואָס וועט איינגיכן פאַרבייטן דעם אַלטן, נעמט נישט קיין כאַבאַר. מען איז געווען זיכער אַז ער וועט טאָן פאַקאָסטן דעם שטעטל, ווי דען אַנדערש קען עס זיין? האָט אַ יונגערמאַן פון די היינט־וועלטיקע געפּרובירט באַווייזן אַז דער נייער פּריסטאַוו איז מסתמא פון די פּראָגרעסיווע, האַלט נישט פון לאַפּקע געלט און וועט זיך מיטן שטעטל באַגיין מיט חסד, האָט מען אים אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, — „עס קען ניט געמאָלט זיין! און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער היינטוועלטיקער האָט געטראָפן ווי מיט אַ פינגער אין הימל אַריין. אַפילו אין די קלענסטע חגאות וועלכע די פריערדיקע פּריסטאַווס האָבן גאָר נישט גערעכנט פאַר חגאות, און אויך דער גלח האָט געקוקט אויף זיי דורך די פינגער, האָט דער נייער פּריסטאַוו געהייסן האַלטן צוגעשלאָסן די קלייטן ביז צוועלף בייטאָג.

קיינער האָט ניט ווידערשפּעניגט, מען האָט געקענט קריגן דערפאַר אַ שווערע שטראָף. דער פּריסטאַוו האָט אויך שטאַרק מקפיד געווען אַז די קרעמער זאָלן יעדן אינדערפרי אויסקערן די קלייטן און אויך דעם פּראָנט. מיט איין וואָרט, ער האָט אַרויפגעלייגט אַ שווערע לאַפּע אויפן שטעטל און דאָס לייזונג איז געפאַלן. אַפילו דער אוראַדניק האָט נישט געלעקט קיין האָניק. דאָ און דאָרט האָט ער אַריינגעקריגן אין דער יד אַריין, אָבער נישט ווי פריער. חוץ דעם האָט ער געמוזט זיין אויף דער וואַך און אָפּשטעלן יעדע מחלוקת אין שטעטל. איבערהויפּט איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און געהאַלטן אַן אויג אויף יעדער קלייניקייט. די יידן האָבן גענומען דרייען מיטן גראָבן פינגער פאַרוואָס דער פּריסטאַוו פירט זיך נישט אויף ווי אַלע פּריסטאַווס ביז אַהער. אייניקע האָבן געדרונגען אַז ער האָט אַ הכנסה פון אַנדערע קוואַלן און דער געהאַלט פון דער סלוזשבע איז נאָר אַ צוגאָב, קען ער זיך באַגיין אָן כאַבאַר. אַנדערע ווידער, האָבן אָפּגעוואָרפן די השערה ווייל די פּריסטאַווכע קויפט איין נאָר די נויטיקסטע זאַכן און באַצאָלט נישט אין צייט. איז געקומען אויפן געדאַנק די שכלדיקסטע השערה: ער האָט אַן אויג אויף אַן איספּראַווניק־שטעלע און וויל זיך אויס־פיינען פאַר דער העכערער נאַטשאַלסטוואָ. כאָטש די לעצטע השערה איז געווען ווי אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, האָבן די יידן פונדעסטוועגן געזוכט אַן עצה און געקומען צו דער הנחה זיך צו ווענדן צו שלמה מעקלער וואָס איז אַ כל ולך מיט אַלערליי פּריצים וועלכע קומען אין שטעטל אַריין איינ־קויפן און זאָל ער פּרובירן פאַרוואַרפן אַ וואָרט פאַר דער פּריסטאַווכע וועגן דעם. שלמה דער מעקלער האָט אויך איינגעזען אַז די איינציקע הילף קען קומען פון דעם פּריסטאַווס פרוי אויב צו איר הערט ער זיך צו. שלמה מעקלער האָט אָבער נישט געוואָלט ריידן מיט איר אויף זיין אייגענער

אחריות, עס זאָל ניט מיינען, אַז ער רעכנט אָפּצולעקן אַ ביינדל דערבײַ. וואָלט מען זיך נאָר געווענדט צו אים, וואָלט ער שוין אַלץ געטאָן אַבי גרינגער מאַכן די יידן צו ציען זייער חיונה.

די יידן האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און זענען אָנגעקומען צו שלמה מעקלער ער זאָל געבן אַן עצה ווי אַזוי ווייך צו מאַכן דעם פּריסטאַוו, הארץ בנוגע שטעטלעשע ענינים. שלמה האָט ניט ליב געהאַט צו שפּילן זיך אין באַהעלטענישן און איז באַלד אַרויס מיט לשון:

— קומען קומט איך אָנצולערנען. איר האָט אַוודאי געקערט מיינען אַז איך וועל עפּעס אַראָפּשאַרן אין קעשענע אַריין פון דעם ענין. אײַ יידן, יידן! איך מאַך דאַנקען גאָט אַ לעבן פון די פּריצים און קוואָפּע זיך נישט אויף אַ פּאַרדינסטל ביי קהל. איך וועל נישט לאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין אַבי עס זאָל זיין פּרנסה אין שטעטל.

שלמה מעקלער האָט צום אַלעם ערשטן צוגעשאַרט עטלעכע מציאות דעם פּריסטאַווס ווייב, דערנאָך געבראַכט מתנות פאַר אירע קינדער. אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי ער האָט איר געגעבן אַ קליינע מתנה, האָט ער פאַרוואָרפן אַ וואָרט אַז די שטעטלעכע יידן פאַרדינען נישט גענוג צו פירן אַ באַלע־באַטיש לעבן.

— „מיר קלעקט אויך נישט אויף אַ סך זאַכן אין וועלכע די קינדער נייטיקן זיך". — האָט דער פּריסטאַווס ווייב זיך באַקלאָגט.

— „איר דאַרפט זיך נישט זאָרגן" — האָט שלמה אַ שמייכל געטאָן צו איר — אייער לאַגע, גלויב איך, וועט זיך פאַרבעסערן".

אויפן צווייטן טאָג האָט ער איר געבראַכט אַ שטוב־חפץ אין וועלכן, ווי ער האָט זיך אָנגעשטויסן, זי האָט זיך גענייטיקט. אין דעם טיפן דאַנק וואָס זי האָט אים געגעבן און אין דעם שמייכל וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער איר פּנים, האָט ער געזען אַז זי האָט אָפּגעשאַצט די מתנה. האָט ער שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט אַז דער פּריסטאַוו איז אַ ביסעלע צו שטרענג צו דער שטעטלעשער באַפעלקערונג. זי האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס ער האָט געמיינט און ביי אַ געלעגנהייט איבערגעחזרט שלמהס רייד פאַרן פּריסטאַוו. ער האָט איר נישט געענטפערט און דאָס האָט געמיינט, ווי ס'איז איר שוין געווען באַקאַנט, אַז זי זאָל זיך ניט מישן אין די ענינים וואָס קערן זיך אָן מיט זיין רעגירונגס אַמט. ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט שלמה מעקלער, האָט זי אים געלאָזט וויסן אַז פון דער בקשה צו איר מאַן, איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. כאָטש ער האָט דערוואַרט, נאָך זיינע אויסרעכענונגען, אַזאַ ענטפער פון איר, איז שלמהן פונדעסטוועגן געוואָרן ביטער אויפן האַרצן. אַ מורא האָט זיך צו אים אַריינגעגנבעט אַז פון אַלע זיינע שתדלנותן וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם און אויב דאָס שטעטל וועט פאַרלירן אַלע האָפענונגען, וועט אַ מרה שחורה זיך אָנרוקן אויף די יידן. מען דאַרף זיך אַן עצה געבן, אַזוי־אַ עס לאָזן גיין, טויג נישט און מען טאָר נישט! ווי ער געדענקט איז מען אַלע מאָל אויסגעקומען מיט אַ פּריסטאַוו,

אַראָפּ אַ רענדל, אַרויף אַ רענדל, אָבער מ׳איז געקומען צון אַ טאָלק. מען האָט שוין געפונען אַ פּאַרטל ווי אַזוי ווייכער צו מאַכן דעם פּריסטאַווס האַרץ.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט אים אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ אַז דער און דער רייכער פּריץ קען פּועלן ביים פּריסטאַוו וואָס זיין ווייב האָט נישט געקענט. דער פּריץ וועט זיך זיכער איינשטעלן פאַר די יידן, אַלע זיינע עסקים פירט ער מיט זיי. פאַר זיין פאַמיליע־דאָקטאָר האָט ער זיך אויס־געקליבן אַ יידן, נישט קיין קריסט, אַפילו זיין אַדוואָקאַט אין דער אויעזד־נער שטאָט, איז אַ ייד. כאָטש עס זענען דאָרט פאַראַן אַ סך קריסטלעכע אַדוואָקאַטן. קומענדיקע וואָך דאַרף ער זיך טרעפן מיט דעם פּריץ, וועט ער ריידן מיט אים וועגן דעם. דער פּריץ וועט אָן שום ספק זיך איינשטעלן פאַר די יידן און דער פּריסטאַוו וועט מוזן איינגיין אויף זיין בקשה, ער קריגט פון דעם פּריץ צוגעשיקט אַ סך זאַכן פון זיין פאָלווארק און וועט גלאַט נישט וועלן אָנווערן אים פאַר אַ פריינד.

עס איז פאַריבער נישט מער ווי צוויי וואָכן און שלמה האָט זיך דורכ־גערעדט מיטן פּריץ וואָס האָט זיך געפּעדערט אַריינצוואַרפן אַ וואָרט וועגן דעם ענין, אין זיין באַגעגעניש מיטן פּריסטאַוו, און דאָס שטעטל האָט דערפילט אַז די שווערע האַנט פון דעם פּריסטאַוו ווערט שטופּענווייז גרינגער.

שלמה מעקלער האָט נישט אויפגעהערט אַריינצושיקן שטוב־זאַכן צום פּריסטאַווס פרוי און געגוועלט ביי די שטעטלעשע באַלעבאַטים ערב חגא צו באַגיטיקן דעם פּריסטאַוו מיט אַ פינף־און־צוואַנציקער. דאָס איז געווען אַ געשאַנק פון דעם כלל און יענע יידן וואָס האָבן געפירט מיסחרים מיט דער גרויסער שטאָט, האָבן אויך נישט פאַרגעסן אָן פּריסטאַוו. עס לוינט זיך צו האָבן אים אויף זייער זייט אין אַ נויט.

די פאַרהעלטענישן פון די יידן מיט דער נאַטשאַלסטוואָ זענען נישט געווען פאַרהוילן פון דער שטעטלעשער יוגנט. אַלץ איז געטאָן געוואָרן בפרהסיא. האָבן די יידן געשמועסט וועגן דעם און משה קליינמאַנען איז אויסגעקומען צו זיין דערביי, האָט ער פאַרדרייט מיט דער נאָז ווי נישט געלייגט קיין אַכט אויף די רייד. ביי דער יוגנט איז געווען אָנגענומען, אַז דער אַלטער דור איז דורך שתדלנות און כאַבאַר אַרומגעגאַנגען די אַלע געזעצן און לאָקאַלע פאַראָרדענונגען וואָס האָבן געפּענטעט און פאַרביטערט דאָס יידישע לעבן אין תחום המושב. דער נייער דור האָט געהאָפט און גע־גלויבט אַז גאָר אין גיכן וועט דער תחום המושב בטל ווערן און די יידן וועלן קענען וואוינען אין אַלע גרויסע שטעט באַגלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער, און עס וועט נישט נויטיק זיין אַרומצוגיין די געזעצן פון לאַנד. די מלוכה וועט איינשטעלן דאָס לעבן אויף אַזאַ אופן, אַז אַלץ זאָל זיין לטובת הכלל נישט אויסשליסנדיק די יידן.

אַזוי האָבן געלעבט און געטרוימט דער אַלטער און נייער יידישער דור אין רוסלאַנד ערב דער ערשטער וועלט מלחמה.

6

אין שטעטל איז געווען אַ ביבליאָטעק פון יידישע, העברעאישע און רוסישע ביכער. פאַר עטלעכע קאָפּיקעס האָט מען געקענט אַהיים נעמען עטלעכע ביכער אויף אַ פּאָר וואָכן. חוץ דעם איז די ביבליאָטעק געווען אַ זאַמלפּונקט פאַר ייִנגעלייט פון אַלערליי עלטער, וואָס האָבן זיך געטיילט מיט מיינונגען און געוויסע ידיעות, וואָס זענען נישט אַלעמען געווען באַקאַנט. די ייִנגערע האָבן זיך אין דעם געניטיקט מער ווי די עלטערע.

איינמאָל איז פאָרגעקומען דאָרטן אַ שמועס וועגן עלילת דם. אָן שום פּלאַנירונג איז געקומען דערצו, אַז די ייִנגערע האָבן געשטעלט קשיות און די עלטערע האָבן געגעבן ענטפערס. קליינמאַן האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן און ממש געשלונגען יעדעס וואָרט, נישט נאָר פון די ענטפערס נאָר אויך פון די קשיות, און זיינע ליפּן זענען געווען אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט גיריק געווען אַריינצוקריגן וואָס מער קשיות און ענטפערס. ער האָט זיך דערוואוסט פון אַזויפיל טראַגישע געשעענישן, פון יידישע מאַרטירער און ניצול געוואָרענע, און דאָס האָט זיך אָנגעקערט מיט שיינע עטלעכע יאָרהונדערטער, — אַז ער האָט געקראָגן אַ קאָפּווייטיק און אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער זיך אומגעקערט און אַהיים גענומען אַ בוך וועגן עלילת־דם.

קומענדיק אַהיים האָט קליינמאַן גלייך זיך גענומען לייענען דאָס בוך און נישט אויפגעהויבן זיך פון בענקל ביז ער האָט עס נישט פאַרענדיקט. דערנאָך האָט ער געשפּאַנט פון איין עק צימער ביזן צווייטן און די בלוט־בלבולים זענען אים נישט אַרויס פון קאָפּ — מיט אַ בלוט־בלבול האָט זיך עס אָנגעהויבן און אויסגעלאָזט זיך מיט אַ שחיטה אויף יידן. אַזויפיל יידיש בלוט האָבן די קריסטן פאַרגאָסן אין נאָמען פון זייער גאָט, דער גאָט פון ליבע. צו זייערע אייגענע, איז משהן געקומען אין קאָפּ אַריין, זענען די קריסטן אויך נישט געווע בעסער. איין סעקטע האָט געקוילעט די צווייטע. איין סעקטאַנט האָט געמשפּט דעם צווייטן און פאַראורטיילט צום טויט. אַזוי זענען אומגעקומען יאַן הוס, סעווערעט אא״ו. דאָס איז צוגעגאַנגען אין משך פונעם גאַנצן מיטלאַלטער, פון פאַרמישפּטן אַ סעקטאַנט ביז צו מאַכן אַ בלבול אויף אַ יידן. די קריסטן האָבן „געכאַפּט" בוצים אַ יידן, וואָס האָט געקוילעט אַ קריסטלעך קינד און זיין בלוט אַריינגעטאָן אין די פסחדיקע מצות און פאַר אַזאַ „פאַרברעכן" זענען יידן אומגעקומען אין די הונדערטער. וויפל ער, קליינמאַן, האָט זיך נישט געגריבלט אין יידישע ספרים, האָט ער נישט געפונען אַפילו קיין רמז אַז ביי יידן איז געווען אַזאַ סעקטע וואָס

האָט געברויכט קריסטלעך בלוט צו באַקן מצות. וואָלט געווען אַזאַ סעקטע ביי יידן וואָלט זי זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר גאָרנישט און יעדן יאָר געכאַפּט אַ קריסטלעך קינד צוליב זייערע ריטועלע צוועקן, מחמת סעקטאַנטן זענען זייער פאַנאַטיש און שרעקן זיך נישט פאַרן שייטערהויפן.

קליינמאַן האָט אומיסטן זיך געגריבלט אין יידישע ספרים. ביזן ניינטן יאָרהונדערט איז קיין אייראָפּעיש פאָלק נישט ריין געווען פון הערעטיקער. האָט ער געוואָלט זיין זיכער, אַז ביי יידן איז אַזאַ סעקטע נישט געווען. קליינ־מאַנען האָט געפרייט וואָס די יידן האָבן אויפגעהערט צו ברענגען פאַר אַ קרבן עולה אַ בכור נאָך מיט אַ דריי טויזנט יאָר צוריק). דערביי איז אים אויך געקומען אין קאָפּ אַריין — דאָס איז געווען אַמאָל: קינדער־קרבנות צו די אָפּגעטער, בלוט־בלבולים אויף יידן. היינט קען אַזוינס נישט פאָרקומען.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט מען אין דרום־רוסלאַנד אַרעסטירט אַ פּשוטן יידן מענדעל בייליס, אים באַשולדיקט אַז ר׳האָט גע׳הרג׳ט אַ קריסטלעך ייִנגל און זיין בלוט אַריינגעטאָן אין די מצות וואָס ער האָט געבאַקן צו פאַרקויפן דער יידישער באַפעלקערונג אויף פּסח.

משה קליינמאַן איז געווען זייער דערשלאָגן. אַפילו אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווען די רוסישע מאָנאַרכיע איז געווען געצוואונגען צו פאַר־רופן אַ כמו־פּאַרלאַמענט (דומע) וואָס האָט געהאַט די רעכט אָנצונעמען אַלערליי געזעצן פאַרן גאַנצן לאַנד און ס׳האָט אויסגעקוקט אַז פרילינג־ווינטן וועלן אויסלופטערן דעם גרויסן בנין פון רוסלאַנד וועמענס טיר און טויער זענען אַ לאַנגע צייט געווען צוגעשלאָסן, — אַפילו דעמאָלט האָט זיך דערטראָגן אַ שלעכטער ריח פון אַ בלוט־בילבול אויף יידן. ווי זשע קען מען שוין האָפן אויף בעסערע צייטן?

אינגיכן האָבן כמעט אַלע רוסישע צייטונגען חוזק געמאַכט פון דעם בלוט־בילבול אויף בייליסן און די בעסטע רוסישע אַדוואָקאַטן האָבן זיך אונטערגענומען צו פאַרטיידיקן אים אָן געלט. דאָס האָט געגעבן האָפנונגען אַז דער בילבול וועט זיך צעגיין ווי אַ רויך. עס איז ביי קליינמאַנען אויסגעקומען אַז אַלעמאָל גייט אָן אַ געראַנגל צווישן שלעכטס און גוטס וואָס מען קען נישט פאַרמיידן און גאַנץ מעגלעך אַז דאָס ליכטיקייט וועט גובר זיין דאָס פינצטערניש.

אויף משהן האָט פונדעסטוועגן געציטערט די הויט ווען דער פּראָצעס האָט זיך געדאַרפט ענדיקן, מחמת דער פּראָקוראָר האָט שוין געזען, באַנוצנ־דיק זיך מיט אַלערליי דריידלעך, אַז די געשוואוירענע ריכטער זאָלן באַ־שטיין פון פּשוטע פּויערים ביי וועלכע אים וועט מסתמא גרינג זיין אַרויס־צוקריגן אַ ווערדיקט: שולדיק.

ווען די געשוואוירענע ריכטער האָבן אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל אַז מענדעל בייליס איז נישט שולדיק אינעם מאָרד פונעם קריסטלעכן ייִנגל, האָט אַ פרייד אַרומגענומען די יידישע באַפעלקערונג פון רוסלאַנד בפרט

און פון דער גאַנצער וועלט בכלל. די אינטעליגענץ פון רוסלאַנד און פון גאַנץ אייראָפּע איז געווען שטאַרק צופרידן וואָס דער ריטועלער בלוט־בילבול האָט געקראָגן אַ טויטקלאַפּ.

פון משהס פנים האָט זיך נישט אָפּגעטאָן דער שמייכל, עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס די געשוואוירענע ריכטער זענען באַשטאַנען פון סאַמע פּשוטע פויערים און זיי האָבן איינגעזען אַז מענדעל בייליס איז נישט שולדיק. דאָס וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל צונעמען דעם חשק ביי די רוסישע שוואַרצמאַהניקעס צוריקקערן זיך צום פינצטערן מיטלאַלטער ווען אַ בלוט־בילבול אויף אַ יידן איז געווען אַגאַנגבאַרע סחורה. יענע צייטן זענען שוין לאַנג פאַריבער.

7

ווען משה קליינמאַן איז אונטערגעוואַקסן איז אים נישט געגאַנגען אין לעבן אויסצוגעפינען וויפל יידן עס זענען פאַראַן אויף דער גאָרער וועלט. ס׳איז ביי אים קיין ספק געווען, אַז זיי ציילן זיך אין גאָר גרויסע צאָלן. עס האָט אַנדערש נישט געקענט זיין צוליב אַ פּשוטער סיבה — רוסן און אוקראַאינער מעגן זיין זייער פיל און יידן נישט? עס איז ביי אים אויך געווען אָנגענומען אַז די יידן זענען דאָס אייבערשטע פון שטייסל. ווי קען עס זיין אַנדערש? ווי קען גאָר קומען אויפן געדאַנק צו פאַר־גלייכן די יידן מיט די פּויערים פון שטעטל און פון די אַרומיקע דערפער? וואָסער ייד האָט נישט אַריינגעקוקט אין דער סדרה פון דער וואָך? אַנדערע האָבן אָפּגעלערנט אַ בלאַט גמרא און אויך געבראָכן זיך דעם קאָפּ איבער אַ שטיקל תוספות. פון איבערלייענען און אָנשרייבן אַ יידיש בריוול איז שוין אָפּגערעדט. אייניקע יידן האָבן אַפילו געקענט אָנשרייבן אַ רוסישן אַדרעס און אויך אונטערגענומען זיך אָנצושרייבן אַ קורץ רוסיש בריוול. אַ גרויסע צאָל פּויערים האָט נישט געקענט ניט לייענען און ניט שרייבן. אין שטעטל און אין די גרויסע דערפער האָבן זיך שוין באַוויזן דאָרפישע שולן, וואו די קינדער פון די יוסטע פּויערים האָבן זיך אויסגעלערנט די ורסישע גראַמאַטע, און די קינדער פון די אָרעמע פּויערים האָבן געמוזט אַרויסהעלפן דער פּויערטע אין דער באַלעבאַטישקייט און דער פּויער האָט זיך געקוואַפּעט אויף אַ פאַרדינסטל אין שטעטל.

צו וועמען זשע זענען די פּויערים אָנגעקומען אָנצושרייבן אַ פּראָ־שעניע? צו אַ שטעטלעשן יידן, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אַריינצוקוקן אין די געזעצביכער. ער האָט זיך געהייסן באַצאָלן פאַר זיין טירחה און געהאַט דערפון פּרנסה בריווח. איז פאָרגעקומען אַ לאָדעניש צווישן אַ פּויער און דער הראָמאַדע, איז שוין די דיעלאָ נישט לייכט געווען איינ־צובייסן, האָט דער ווינקל־אַדוואָקאַט זיך געווענדט נאָך אַן עצה צון אַ ריכטיקן אַדוואָקאַט פון דער אויעזדנער שטאָט און נאָך זיינע אָנווייזונגען געפירט די דיעלאָ. עס האָט זיך אויך געטראָפן, אַז דער אַדוואָקאַט האָט געמוזט נעמען די דיעלאָ אין די אייגענע הענט אַריין און דער פּויער איז שוין נישט אָפּגעקומען מיט קליינגעלט. מיט דער צייט איז דער ווינקל־אַדוואָקאַט גאָלדמאַן געוואָרן באַהאַוונט אין די נישט־קאָמפּליצירטע דיעלאָס און די שטעטלעשע יידן זענען אויך אָנגעקומען צון אים מיט זייערע לאָדענישן. דאָס האָט געקאָסט אַ סך וועלוועלער ווי צו פאָרן אין דער אויעזדנער שטאָט אַריין און דערשלאָגן זיך צון אַ ריכטיקן אַדוואָקאַט.

ווען משה איז צוריקגעקומען פון דער גרויסער שטאָט מיט אַ דיפּלאָם

פון עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע און זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי זאָל ער צוריק ווערן אַ מלמד אין אַ דאָרף אָדער פּרובירן צו קריגן אוראָקן אין שטעטל, האָט אים זיינער אַ קרוב דערלאַנגט גאָלדמאַנס אַ פּראַשעניע. דער קרוב האָט משהן איבערגעגעבן אַלע פּרטים פון זיין לאַדעניש און אים געבעטן צו זען צי אַלצדינג איז אָנגעשריבן אין דער פּראַשעניע. משה האָט געלייענט און זיינע אויגן נישט געגלויבט. דער ווינקל־אַדוואָקאַט שרייבט דאָך אַ בעזגראַמאַטנע רוסיש און האָט פונדעסטוועגן פון דעם שרייבעניש פּרנסה. אויף זיין שטוב וואָס ער האָט נאָר וואָס איבערגעבויט, זאָגט מען, אַז זי איינע פון די שענסטע אין שטעטל. און אַהין איינגעלאַדן צו ווערן איז אַ גרויסע זכיה. עס קען טאַקע זיין, איז שמהן געקומען אַ קלערעניש אין קאָפּ אַריין, אַז גאָלדמאַן פאַנאַנדערקלייבט זיך אַ ביסל אין נישט־וויכטיקע געזעצגעבונגען, קען דאָך אָבער נישט אָנשרייבן קיין ריכטיקן זאַץ! נישט אַנדערש אַז נאָר אין אַ פאַרגרעבט שטעטל גילט ער פאַר אַן אַדוואָקאַט.

די ערשטע צייט האָבן טאַקע די יידן נישט אומגעקוקט זיך אויף גאָלדמאַנען, קיין למדן איז ער נישט און אַדוואָקאַטור האָט ער אין ערגיץ נישט שטודירט, איז פאַר וועלכע מעשים טובים קומט אים צו זיין אָנגעזען אין שטעטל? אָבער אַז די פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן אין אַ מאַרקטאָג אים אָפּגעשלאָגן די שוועל און אין די וואָכעדיקע טעג זענען תמיד געזעסן אין זיין שטוב אַ פּאָר פויערים און געוואַרט אויף זייער ריי, האָט עס אויסגעזען אַז ער טוט עפּעס פאַר זיי, אַניט וואָלטן זיי נישט גע׳פּטרט קיין צייט צו קריגן ביי אים אַ פּראַשעניע. האָבן די יידן צוליב זיין אָנזען ביי די פויערים, אויך געפרעגט ביי אים אַן עצה אין נישט־וויכטיקע געזעץ־ענינים.

משה האָט זיך דערפילט תקיפדיק אין שטעטל. בחורים און מיידלעך פון זיין עלטער האָבן אים אָנגעהויבן צו אירצן. אַפילו די אָנגעזעענע באַלע־באַטים וואָס האָבן משהן ניט געאירצט, האָבן זיך באַצויגן צון אים מיט דרך ארץ וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם וואָס זייערע רייד געווענדט צו אים זענען געווען געוואויגן און געמאָסטן — ווער קען עס וויסן וואו ער וועט אָנשפּאַרן שפּעטער מיט עטלעכע יאָר? אויך גאָלדמאַן האָט גע־פונען פאַר נויטיק צו פאַרבעטן משהן אויף אַ גלעזל טיי. משה האָט אים נישט אָפּגעזאָגט און צו דער באַשטימטער צייט אַריינגעשטעלט זיך אין זיין הויז.

פון דרויסן האָט גאָלדמאַנס שטוב נישט אויסגעזען שענער פון די שטעטלשע גבירישע הייזער. מער נישט, זי האָט געהאַט אַ בלעכענעם דאַך וואָס איז געווען רויט אָפּגעפאַרבט און דערמיט געוואָרפן זיך אין די אויגן. צום דרויסן פונעם הויז איז משה געווען צוגעוואוינט, אַריינ־קומענדיק אָבער אינעווייניק האָט ער געגאַפט — די ברייט צעעפנטע אויגן

האָבן נישט געקענט ווערן ברייטער, איז זיין מויל געבליבן אָפן... דאָס מעבל האָט געבליאַסקעט מיט אַזויפיל אָפּגעפּוצטקייט אַז מען האָט זיך געקענט אָפּשפּיגלען אין דעם. די פּאָדלאָגע האָט געגלאַנצט אַזוי שאַרף ווי אַ גליטש וואָלט זיך געשפּרייט איבער איר, איבערן גלאַנציקן טיש האָט אַראָפּגעהאַנגען פון דער סטעליע אַ לאָמפּ אַרומגערינגלט מיט קאָלירטע פראַנזן און גוטברידעריש זיך באַגעגנט מיטן אָפּגעשפּיגלטן לאָמפּ וואָס האָט געהאַנגען מיטן קאָפּ אַרויף. די בענקלעך זענען געווען אַזוי אַריינגערוקט אַרום קיילעכדיקן טיש אַז די האַנט האָט זיך נישט געלייגט אַרויסצורוקן אַ בענקל צום אַנידערזעצן זיך אויס מורא אַז דער אָפּגעקליי־בענער צוזאַמענשטעל זאָל זיך נישט צעפאַלן. פון דעם גאַנצן אַרום האָט געפינקלט מיט אַזאַ ציכטיקייט אַז ס׳האָט אָפּגענומען דער חשק צורירן זיך צון אַ שטיקל מעבל און עס פאַרשטויבן.

טאַקע דערפאַר זענען די שטאָרן אויף די פענצטער תמיד געווען אַראָפּ־געלאָזט, דער אומריינער דרויסן זאָל מיט זיין אריינבליק נישט מאַכן קיין פגימה אין דער גאָלער ריינקייט.

דורך דער אָפענער טיר האָט מען געקענט זען אַז פויערים האָבן פון צייט צו צייט זיך אַריינגעשטעלט, תיכף ומיד אַראָפּגענומען די היטלען, מיט גרויס זאָרגפעליקייט אָפּגעריבן די זוילן אין דער ראָגאָזשע, געבליבן שטיין ביי דער טיר און געדולדיק געוואַרט, אַז מע זאָל זיי אַריינרופן.

אין גאָלדמאַנס צימער האָט קיינער נישט אַריינגעשטעלט קיין פוס בעת ער איז געווען פאַרנומען אין אַ שמועס וועגן אַ דיעלאָ. ווי אומוויכטיק זי איז נישט געווען. די יידן און פויערים האָבן אים דערפאַר געגעבן גערעכט וואָס ר׳האָט ווי ווייט מעגליך אויסגעמיטן אָנצונעמען אַ נייע דיעלאָ ווען געסט זענען געווען אין הויז. אויך אין אַזאַ פאַל איז גאָלדמאַן זיך באַגאַנגען אַזוי שכל־הישר׳דיק אַז קיינער האָט קיין טענות נישט געהאַט צון אים. ער האָט נישט אָפּגעזאָגט אויסצוהערן דעם אַריינגעקומענעם יידן, נאָר אויפמערקזאַם צוגעהערט זיך צו זיינע רייד און אויב ס׳איז געווען אַן ענין וועלכן מען טאָר נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן, האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר די געסט און פאַרשפאַרט זיך מיטן יידן אין זיין חדר מיוחד. דאָס האָט זייער זעלטן געטראָפן. אין מערסטע פאַלן האָט גאָלדמאַן געזאָגט דעם יידן: „ס׳ברענט נישט, קומט אַריין מאָרגן־איבערמאָרגן, כ׳האָב געסט אין הויז.

עפענענדיק משהן די טיר האָט גאָלדמאַן זיך אַנטשולדיקט פאַר אים: „כ׳דאַרף פאַרענדיקן אַ שמועס מיט אַ פויער וועגן אַ דיעלאָ, איכ׳ל עס מאַכן בקיצור. קוק דערווייל אַרום דאָס הויז און אויב מיין ווייב וועט זיך אומקערן פון איר שוועסטער, וועסטו האָבן מיט וועמען אַ וואָרט אַרויס־צורייד ן.

אַריינקומענדיק שפּעטער אין גאַסטצימער האָט גאָלדמאַן זיך אָנגערופן:

„איך ווייס נישט, משה, אויף וואָס דו רעכנסט צו שטודירן, אָבער אום גאָטעס ווילן ווער נישט קיין אַדוואָקאַט. ס׳טעך לאָזן קריכן אויפן קאָפּ, ווערסטו נישט האָבן קיין רו נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. ווערסטו אויפּבעמען נאָר אין די און די שעהן, וועט מען זאָגן אויף דיר: „זע נאָר ווי ער איז גדול׳דיק ביי זיך, מע קען דאָך צו אים נישט צוטרעטן.

„כ׳וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת — האָט משה זיך פאַרהיקעט, ווייל געקווענקלט זיך וויאַזוי אים צו רופן: גאָלדמאַן ווי מע טוט עס אין שטעטל, אָדער הער גאָלדמאַן, ווי אין די גרויסע שטעט. — „אַז איך וועל זיך גרייטן צום אַכטן קלאַס גימנאַזיע, וועל איך אַ טראַכט טאָן וועגן דעם.

— עס איז נישט מיין עסק, משה, פונדעסטוועגן וויל איך דיר עפּעס זאָגן. ביזט דאָך אַ היימישער מענטש, האָב זשע נישט קיין פאַריבעל...

— איך וועל מיט פאַרגעניגען זיך צוהערן צון אייערע רייד, הער גאָלדמאַן. נאָך אַלעמען, קומט דאָך אייך אויס צו טרעפן זיך מיט אַזויפיל מענטשן.

— אויב אַזוי, משה, וועל איך זיין זייער אָפנהאַרציק מיט דיר. מיר דאַכט זיך אַז דו מעסט זיך אָן אַ גרויס היטל. פאַר אַן אונדזעריקן צו קריגן אַ דיפּלאָם אויך אַכט קלאַסן גימנאַזיע, איז זייער אַ פאַרפלאָנטערטער ענין, און אַז מע קריגט שוין אַריין דאָס גרויסע געווינס, האָט מען ערשט אַ צעפּיקעניש ווייל מע וויל אונדז נישט האָבן אין די אוניווערסיטעטן. אַריינשפּאַרן זיך אַהין קען מען נאָר מיט אַ סך געלט און גרויסע פאַרבינדונגען. האָסטו עס?

— דאָס אַלץ ווייס איך, גאָלדמאַן, וועל׳יך טאָן וואָס מ׳קען, און דאָס איבעריקע איז שוין נישט אין מיינע הענט...

— פון דיר, משה, רעדט אַרויס דער יאוש און דאָס איז נישט קיין יידישע טבע. אַ ייד גיט זיך אַן עצה...

— גיט זשע מיר אַן עצה, הער גאָלדמאַן.

— די עצה איז, משה, אַז מע קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער. אַז מע קען נישט אַריין אין אַן אוניווערסיטעט, לערנט מען אויף אַ געהילף־פּראָוויזאָר אָדער צאָן־דאָקטאָר. אויך דאָס צו דערגרייכן נעמט ימים ושנים.

— כ׳גלויב אַז איך וועל ברעכן די וואַנט, ווייל עס גייט צום בעסערן, און אויב נישט, וועל איך זיך נישט זעצן קיין שבעה...

— ס׳איז מעגלעך, משה, אַז אינגיכן וועלן מיר האָבן בעסערע צייטן.

— יאָ, הער גאָלדמאַן, ס׳איז שוין, דוכט זיך, אין דער לופטן.

שפּאַנענדיק אַהיים נאָענט צו חצות האָט משה געקלערט אַז גאָלדמאַן ווייסט גאַנץ גוט וואָס ס׳טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט. אמת איז אַז אים קומט אויס צו באַגעגענען זיך מיט יידן און קריסטן, אָפטמאָל פאָרט ער צו אין דער גרויסער שטאָט, זאַמט זיך דאָרט עטלעכע טעג. די יידן פון אַ גאַנץ יאָר לעבן נאָר אין קליינעם שטעטל און אַז זיי קומען שוין אין דער גרויסער שטאָט אַריין, מיינען זיי אַז דאָרט ברענט דער גיהנום.

8

משה קליינמאַן איז נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער גרויסער שטאָט מיט אַ דיפּלאָם פון עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע. אַריינפאָרנדיק אין שטעטל האָט ער געטראַכט — דאָרטן האָבן זיך אים געעפענט די אויגן און אַ נייע גרויסע וועלט האָט זיך פאַר אים געעפענט שפּרייטן. דאָ וואָלט ער געקוועטשט די באַנק און אונטערגעברומט מיטן פּאַרצייטיקן ניגון „ביצה שנולדה ביום טוב". וואָס וואָלט פון אים געוואָרן? אַ גרויסער כניאָק! און דאָס שטעטל איז גרויס ווי אַ גענעץ, דערצו נאָך איז עס אין דער אמתן אַן אַלטע חורבה. וואָס זשע וועט ווערן דערפון? אַ ווינט וועט געבן אַ בלאָז אויף דעם און ס'וועט פאַרשווינדן.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך שטאַרק דערפרייט — ענדלעך איז זייער זון צוריקגעקומען. די שכנים מאַנסלייט האָבן אים געגעבן די האַנט. די פרויען האָבן אים באַקוקט פון אַלע זייטן — ווי ער איז קיין עין הרע אויסגעוואַקסן! און פאַניעס היטל פּאַסט אים גראַד, איז געוואָרן אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם, און מע וועט נישט קענען צוטרעטן צו אים ווי צו אַ גרויסן דאָקטאָר.

משה איז געווען איבערגליקלעך — די שטעטלעשע יידן האָבן אים אויפגענומען ווי אַ גרויסשטאָטישן וואָס איז מסתמא אַראָפּגעקומען אַהער נאָר אויף אַ ווייל. איבערן שטעטלעשן שאָסיי וואָס האָט זיך געצויגן פון אָנהייב הויפּטגאַס ביז צום איר סוף, האָט משה געשטעלט פּאַמעלעכע און סאָלידע טריט ווי פון אַ מענטשן וואָס האָט ענדלעך דערפילט אַ פעסטן באָדן אונטער זיך, און פון די בליקן וואָס מ'האָט געוואָרפן אויף אים פון אַלע זייטן, האָט מען געקענט דרינגען אַז דאָס גאַנצע שטעטל מיינט אויך אַזוי. כאָטש אין בית המדרש וואו ער איז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר געווען אַן אָפטער גאַסט, זענען נאָך געזעסן עטלעכע בחורים און אַריינגעקוקט אין אַ בלאַט גמרא, האָט משה אַהין דעם פוס נישט אַריינגעשטעלט. וואָלט עמיצער זיך איינגעשטעלט און פרובירט דערגיין ביים אים די סיבה דערפון, — וואָלט ער גאַנץ מעגלעך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט וואָס וואָלט באַדייט ס'איז נישט כדאי צו מאַכן אַ ווענז פון אַלטע זאַבאַבאָנעס.

שבת און יום טוב איז משה פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען אין בית המדרש אַריין דאַוונען. צוליב אַזאַ קלייניקייט וועט ער נישט גיין מצער זיין די טאַטע־מאַמע. מערסטנס איז ער געשטאַנען אין פּאָליש און געשמועסט מיט זיינע חברים, נאָר צו דער שמונה־עשרה איז ער אַריינגעגאַנגען אינעווייניק און ס'האָט געהייסן אַז ער האָט געדאַוונט.

נאָכן צווייטן מאָל אַהיים קומען פון דער גרויסער שטאָט מיט אַ נייעם דיפלאָם האָט משה אויך נישט אויסגעמיטן צוגיין יום טוב אין בית המדרש אַריין. האָט עס אָבער געטאָן מיט אַ ווידערווילן.

גראָד איז משהס אַ שכן, אַן אַלטער ייד, פּלוצים קראַנק געוואָרן און געהאַלטן ביים שטאַרבן. דעם קראַנקנס קינדער זענען געקומען צו לויפן אין בית המדרש אַריין און פאַרן אָפענעם ארון קודש געבעטן: גרויסער גאָט, זיי זיך מרחם אויף אונדזער טאַטן! אויפן באַלעמער איז געשטאַנען דעם קראַנקנס עלטסטער זון און אויף אַ הויך קול אויסגערופן: איך שווער פאַרן גאַנצן קהל אַז איך שענק דעם טאַטן עטלעכע יאָר פון מיין לעבן!

דער זון האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעהאַלטן אין באַלעמער, די אויגן זענען געווען געשלאָסן און די ליפן האָבן זיך קוים־קוים באַוועגט ווי ער וואָלט תפילה געטאָן בלחש אַז גאָט זאָל זיך צוהערן צו זיין געבעט. אין בית המדרש איז געשטאַנען אַ שווערע שטילקייט, דער עולם האָט נישט אַ ריר געטאָן מיט קיין אבר, געקוקט מיט לייב און זעל אין די הויכע ווייטקייטן ווי געהאָפט און געוואַרט אויף אַ נס.

מיטאַמאָל איז אין בית המדרש אַריינגעפאַלן אַ פאַרסאָפּעטער ייד און אַרויסגעשאָסן: „ער לעבט! ר׳לעבט! האָט געעפנט די אויגן און געהייסן זיך געבן אַ טרונק וואַסער״!

דער עולם האָט זיך אויסגעדרייט צום בשורה־זאָגער און דערזען אין אים דעם מלאך טוב. דעם קראַנקנס עלטסטער זון האָט אויפגעהויבן די הענט און פון זיין האַרצן האָבן זיך אַרויסגעריסן די רירנדיקע ווערטער: „מיין תפילה האָט דערגרייכט צום כסא הכבוד און דו האָסט זיך דערבאַרעמט איבער אונדז, ריבונא דעלמא כולא!״

ביי די ווערטער איז אַ ציטער דורכגעלאָפן איבער משהס לייב, האָט ער געענומען קוקן אויף דעם יידן און ס׳איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין: נאָר אַ גרויסער מאמין קען אַרויסקומען מיט אַזעלכע רייד צום באַ־שאַפער פון אַלע וועלטן. עס האָט זיך אויך אין משהן אָנגעהויבן אַן איבער־לעבונג וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן פאַרפולט אַז נאָר מאמינים אין אַ גרויסער אידייע האָבן אַ רייך לעבן.

דער עלטסטער זון און די גאַנצע עדה האָבן זיך געלאָזט גיין צום יידן וואָס האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן און איז צוריק געקומען צום לעבן. משה האָט די אויגן נישט אַראָפּגענומען פון זיי, ער איז בייגעווען אַ דערשיינונג וועלכע ר׳האָט נישט באַנומען און נישט געקענט זיך אַרויספּלאָנטערן פון איר.

טרעפנדיק זיך מיטן געזונט־געוואָרענעם יידן אַ שטיקל צייט נאָך דער געשעעניש, האָט דער שטעטלשער ייד געהאַט אַ געפיל אַז נעבן אים שטייט אַ מענטש וואָס איז צוריק געקומען פון יענער וועלט. קיינער אָבער האָט אַפילו מיט אַ וואָרט אים נישט אָנגעוואונקען אויף דעם.

אַזאַ זאַך קען מען נישט באַהאַלטן אין אַ פּושקעלע. די שטעטלעשע און דאָרפישע פּויערים זענען אינגיכן געוואויר געוואָרן וועגן דעם, אַז דאָס מיט אַלע פּיטשעווקעס. טייל האָבן מקנא געווען די יידן, וואָס נאָר ביי זיי טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן. ביי די פּויערים, אַז מע ווערט זייער קראַנק, שטאַרבט מען. אַ פּויער, אַ וויצלינג, ביי וועמען וואָס אויף דער לונג איז אויף דער צונג, האָט אַ פרעג געטאָן דעם געזונט־געוואָרענעם יידן „זאָג מיר נאָר, מאַשקע, וואָס הערט זיך אויף יענער וועלט?"

„כ'האָב גיך דערשמעקט אַז ס'טויג ניט דאָרט. — האָט דער ייד גלייך אָפּגעענטפערט. — „האָב איך באַלד געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און געקומען צוריק. וואָלט איך דאָרטן זיך געווען געזאַמט אַ פּאָר רגעס מער, וואָלט איך געווען אַן אָפּגעקוילעטער".

די אַרומיקע פּויערים האָבן זיך צעלאַכט. און דער פרעגער האָט זיך געזעגנט: „מאַשקע קען איבערכיטרעווען אַפילו דעם מלאך המות".

דער געזונט־געוואָרענעם ייד האָט נאָך געלעבט אַ שיינע פּאָר יאָר און מיט אַ צוויי־דריי יאָר שפּעטער איז געשטאָרבן זיין עלטסטער זון. אַרום זיין קראַנקייט האָט זיך אַלץ איבערגעקערט קאַפּויער. ער איז פּלוצים קראַנק געוואָרן שפּעט ביינאַכט, אין דרויסן האָט געגאָסן מיט ציבערס. טיר און טויער זענען געווען צוגעמאַכט, דאָס שטעטל איז געווען איינ־געזונקען אין אַ טיפן שלאָף און ס'איז געווען שטאָק פינצטער אין דרויסן.

דעם קראַנקנס זון האָט זיך קוים דערשלאָגן צום רופאס שטוב, האָט געקלאַפּט און געקלאַפּט אין פענצטער, ביז וואַנעט עמיצער פון דעם הויזגעזינט האָט דערהערט און געעפנט די טיר. דער בחור האָט איבער־געגעבן וואָס ס'האָט געטראָפן מיט זיין טאַטן און געבעטן אַז מ'זאָל אויפ־וועקן דעם רופא און ער זאָל וואָס גיכער צוגיין צום קראַנקן.

דעם רופאס איידעם האָט צוגעזאָגט אַז ווי נאָר זיין שווער וועט אויפ־שטיין, וועט ער צוקומען צום קראַנקן. דער בחור איז באַשטאַנען אויף זיינעם און דעם רופאס איידעם — אויף זייניקן. זיי האָבן זיך אַ שטיקל צייט געאַמפּערט און סוף כל סוף האָט מען אויפגעוועקט דעם רופא. ער האָט קיין חשק נישט געהאַט צו שלעפּן זיך אין אַזאַ בלאָטע צון אַ קראַנקן און געגעבן דעם בחור אַ סאָדע־פּראָשעק, געהייסן עס אויסמישן אין אַ ביסל וואַסער און איינגעבן דעם קראַנקן. דער בחור האָט אים געזאָגט אַז אַ שכן, פון די אויפגעקלערטע, איז געפאַלן אויף דער המצאה, געטאָן עס אויף זיין אייגענער אחריות און ס'האָט נישט געהאָלפן. דער רופא האָט איינגעוויליקט צו געבן דעם בחור אַ פּערטל פלעשעלע וואַלעריאַנע טראָפּנס און אָנגעזאָגט איינצוגעבן דעם טאַטן פופצן טראָפּנס, אין צוואַנציק מינוט אַרום — דאָס אייגענע טאָן, דערפון וועט אים זיכער בעסער ווערן און אינדערפרי וועט ער דעם ערשטן וויזיט מאַכן צו זיין טאַטן.

דער בחור האָט אויסגעפּאָלגט דעם רופאס אָנווייזונגען, ס'איז דעם טאַטן נישט געוואָרן בעסער, איז ער ווידעראַמאָל צוגעגאַנגען צום רופאס שטוב און שטאַרק גענומען קלאַפּן אין פענצטער. דער רופא האָט זיך אָנגעטאָן ווי עס איז געווען נויטיק אין אַזאַ שלעכטן דרויסן, אָנגעצונדן דעם לאַמטערן און פאַרלאָזט דאָס הויז. עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט איידער זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום קראַנקנס שטוב.

דער רופא האָט אונטערזוכט דעם קראַנקן, נישט געקענט דערגיין וואָס זיין שלאַפקייט איז און געהייסן באַלד שיקן נאָכן דאָקטער. דער בחור איז צוגעגאַנגען צו זייערס אַ קרוב, אַ פּאָרער איבער די דערפער איינצוקויפן מעסטלעך תבואה, קוים געפּועלט ביי אים איינצושפּאַנען דאָס פערד־און־וועגעלע און צופאָרן נאָכן דאָקטער. אָן אַ צעטעלע פונעם רופא וואָלט דער דאָקטער אין אַזאַ דרויסן נישט געלאָזט זיך ביינאַכט צון אַ חולה. דערווײַלע איז דעם חולה געוואָרן ערגער. דער רופא האָט געטאָן אַלצדינג צו דער־האַלטן דעם קראַנקן ביים לעבן ביזקל דער דאָקטער וועט קריגן די מעג־לעכקייט אונטערצוזוכן אים. דער דאָקטער האָט זיך סוף כל סוף אַריינ־געשטעלט אין הויז פון קראַנקן, ס'איז שוין אָבער נישט געווען וועמען צו ראַטעווען.

גאַנץ פרי איז מען אין שטעטל געוואויר געוואָרן אַז דער ייד, וואָס האָט געשענקט זיין טאַטן עטלעכע יאָר פון זיין לעבן, איז ביינאַכט פּלוצים פאַרשלאָפט געוואָרן און דער מלאך המות האָט אים שוין צוגענומען. אַ פּחד האָט אַרומגענומען די שטעטלעשע יידן. ס'איז זיי נישט אַרויס פון קאָפּ אַז דער טאַטע האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן און דאָך אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר וואָס דער זון האָט אים געשענקט, דער זון אין פּלוצים קראַנק געוואָרן און איידער וואָס־ווען איז ער אויסגעגאַנגען. מ'האָט זיך שפּעטער אַ ביסל דערוואוסט, אַז וואָס מ'האָט נישט פּרובירט צו טאָן פאַרן חולה איז געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ און דער דאָקטער איז אַריינגעקומען צום חולה אַ פּאָר מינוט נאָך זיין פּטירה, איז ביי קיינעם קיין ספק נישט געווען, אַז דער ימח־שמו האָט זיך אַריינגעמישט און אים דערקאָנטשעט איינס און צוויי. עס האָבן זיך אויך שנעל פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער רופא האָט איבערגעגעבן דעם דאָקטער די סימפּטאָמען פונעם חולהס שלאַפקייט און דער דאָקטער האָט אַרויסגעמורמלט: „מ'האָט אים זיכער געקאָנט ראַטעווען". איז ביי יעדן געווען קלאָר, אַז דער שטן־המשחית האָט זיך נוקם געווען אין זון וואָס האָט געשענקט עטלעכע יאָר פון זיין לעבן דעם טאַטן. די לוויה איז דערפאַר געווען זייער אַ גרויסע. קינד און קייט האָבן אַרומגערינגלט די שטוב, וואו מען האָט דעם בר־מינן זיין רעכט געטאָן און אינעווייניק איז מען אויך געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. אַ סך יידן האָבן באַגלייט דעם מת צום בית־עלמין.

פיל יידן האָבן ביי זיך אין האַרצן ווידערשפּעניקט קעגן האַרבן פּסק־

דין פונעם רבש״ע. גאָט ברוך הוא האָט געמעגט אָנווענדן צום זון נישט דעם מידת הדין, נאָר דעם מידת הרחמים. נאָכן דין האָט דער זון געדאַרפט שטאַרבן פאַר דער צייט ווייל ר׳האָט זיך אַריינגעמישט אין גזר פון בית־דין של מעלה — מי לחיים ומי למות. די מעשים פונעם זון זענען אָבער געווען ווי פון הצדיק, האָט דער אב הרחמים געדאַרפט אָפּשטעלן די האַנט פונעם שטן־המשחית און אים שענקען די עטלעכע יאָר.

9

ווי אַ סך יידישע בחורים פון זיין דור האָט משה געהאַט עטלעכע פאַרליבעגישן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן כמעט אויפן זעלבן שטייגער — ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אין אים אַ ליבע צו אַ מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין אַ לאַנגע צייט געקענט און איז אַלעמאָל געווען צו איר נישט קאַלט און נישט וואַרעם — און פלוצים האָט ער נאָך אַ טרעפעניש מיט דעם מיידל אין אַן אויפדערנאַכט דערפילט אַזאַ בענקשאַפט נאָך איר, אַז ער האָט נישט געקענט איינשלאָפן, און אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעטראָגענער און קוים דערלעבט די מינוט צו הערן איר קול און גלעטן די האַנט. נאָך עטלעכע באַגעגענישן מיט איר האָט אָבער די ליבע צו דער מיידל ביסלעכווייז גענומען זיך אויסוועפן און ס׳איז געקומען די לאַנגווייליקייט כאָטש דאָס איז פאַר אים שוין נישט געווען קיין נייעס און צומאָל געוואוסט די סימנים פון צעברען און פאַרלעש, דאָך האָט אים די פאַרליבעניש אַלעמאָל צעברויזט און שנעל נישט געסטאַיעט.

די ליבע צו מרימען איז פאָרגעקומען אויף אַן אַנדער אופן. משהס באַקאַנטשאַפט מיט איר איז נישט געווען קיין נאָענטע, מ׳האָט זיך געטראָפן, דורכגעוואָרפן מיט אַ פאָר ווערטער און זיך צעגאַנגען. זי האָט נישט איבערראַשט מיט קיין שיינקייט, וואוילקענעוודיקייט אָדער שכל. עס איז נויטיק געווען איינצוקוקן זיך אין איר פנים, גוט איינהערן זיך אין די קורצע ענטפערס און גלאַט באַמערקונגען, און קומען צום אויספיר, אַז פון איר קוואַלט אַרויס אַ שכל הישר, וואָס איז פשוט און דאָך זייער ווירקעוודיק. אַזעלכע אייגנשאַפטן איז די יוגנט נישט גענויגט צו באַנעמען, איז גע־ווינלעך אומגעדולדיק וואו עס פאָדערט זיך צייט און ישוב הדעת. דערפאַר האָט מרים נישט געגלאַנצט מיט דערפאָלג ביי די יונגע בחורים, כאָטש קיינער האָט זי נישט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

ביי אַ מיידל פון זייער קרייז איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער איבער־רייד מיט אַ יונגנמאַן, וואָס פלעגט אַמאָל אין אַ יובל אַריינדרייען זיך אין זייער גרופע. קיינער האָט נישט געצווייפלט, אַז דאָס מיידל האָט ריכטיק אָפגעענטפערט דעם יונגנמאַן און עס איז גוט, וואָס זי האָט עס געטאָן. מרים האָט אַזוי קלאָר און געלאַסן צעגומען דעם ענין, אַז ס׳איז ווי בוימל אויפן וואַסער אַרויסגעשוואומען דעם מיידלס חוצפהדיקער אַרויסרוף צו דעם יונגנמאַן וואָס האָט איר גראָד אָפגעענטפערט מיט ווירדע און טאָלק. משה האָט נישט אַראָפגענומען די אויגן פון מרימס פנים, נישט פאַרפעלט קיין וואָרט פון אירע רייד און עס איז פאַר אים אויסגעוואַקסן אַ יונגע

פרוי פון וועמען ס׳האָט אַרויסגערעדט די אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג פון דורות און דורות, וואָס ס׳איז שווער צו פאַרעגן. דערצו נאָך האָט פון אירע אויגן געשטראַלט אַזויפיל פרויאישער חן און קלוגשאַפט, אַז ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף איר.

פון דעמאָלט אָן האָט משה זיך אָפט געטראָפן מיט איר. נאָכן אַוועקגיין פון מרימען איז ביי משהן נישט געבליבן די בענקשאַפט נאָך יוגנטלעכער ליבע, וואָס נאָגט און גיט תענוג, נאָר ס׳האָט זיך פאַרטאַיעט אַ געפיל, אַז אויף אַ קליינער ווילע האָט זיך אָפגעשיידט אַ נאָענטע, ליבע און איבערגעגעבענע פריינטשאַפט, וואָס וועט באַלד צוריקקומען. וואָס אָפטער משה האָט זיך באַגעגנט מיט מרימען, אַלץ מער איז זי אים איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן. פון איר האָט זיך געטראָגן אַ וואַרעמקייט, וואָס לאַשטשעט און גלעט און קענסט עס אַלעמאָל פאַרטראָגן. ס׳איז ליבלעך און עס ברית נישט. איבער אַזאַ ליבע ציטערט מען נישט, מען איז זיכער אַז מען וועט זי נישט פאַרלירן, איילט מען זיך נישט חתונה צו האָבן איבער קליינינקייטן, וואָס שטייען אין וועג און מע רעדט אַפילו נישט דערפון, וואָרעם ס׳איז נישטאָ וואָס איבערצורעדן וועגן אַ זאַך וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדליך.

אַזעלכע איבערלעבענישן זענען פאָרגעקומען אין משהן, וואָס זענען אינגאַנצן נישט פרעמד געווען אויך מרימען, נאָר איר ווי אַ מיידל האָט געאַרט, וואָס משה גיט אַפילו נישט קיין וואונק אָדער רמז, אַז אַנדערש קען עס נישט געמאָלט זיין — פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי חתונה האָבן. ווען ס׳האָט זיך דעריבער אונטערגערוקט אַ יונגערמאַן, וואָס איז נישט לאַנג צוריק אַריבערגעקומען פון אַן אַנדער שטעטל, האָט מרים גענומען זיך באַגעגענען מיט אים. זי איז געווען זיכער, אַז משה וועט זיך דורכרעדן מיט איר וועגן דעם, וועט זי אים שוין געבן אָנצוהערן, אַז ס׳איז צייט צו רעדן וועגן אַ תכלית. משה אָבער האָט נישט געמאַכט קיין וועזן דערפון: — וואָלט זי אַפילו געווען פאַרקנסט צו אים וואָלט זי אויך געמעגט זיך טרעפן מיט אַן אַנדער בחור. האָט מרים גערעכנט, אַז וועט זי באַזוכן אַ קינאָ מיטן נייעם באַקאַנטן און משה וועט געוויס דערפון זיך דערוויסן, וועט שוין קומען צון אַ לאַר צווישן איר און משהן. אַז דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן האָט זי נישט געסטאַיעט פון הויז אין דער וועטשערע־צייט, וואָס האָט זעלטן געטראָפן, און משה האָט לויט דער אַלטער געוואוינהייט זיך אַריינגעשטעלט צו איר אין הויז. איר ברודערל האָט אויסגעשאָסן, אַז מרים איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר און די עלטערן האָבן גאָרנישט צוגעגעבן.

קליינמאַן איז געזעסן דאָרט מער ווי אַ האַלבע שעה, איז געוואָרן אומגעדולדיק און פאַרלאָזט דאָס הויז. אין דרויסן האָט דער כעס זיך שטאַרק צעזאָטן אין אים. וואָלטן אירע עלטערן אים כאָטש פאַרהאַלטן — „וואָרט

צו אַ ביסל, מרים וועט באַלד זײַן צוריק" — אָדער — „צוליב אַ וויכטיקן ענין האָט זי געדאַרפט ערגעץ צוגיין, קום אַרײַן מאָרגן, משה, זי וועט זיכער וואַרטן אויף דיר". איז דאָס נישט קיין סימן, אַז דערין ליגט אַ מיין — האָסט נישט וואָס צו וואַרטן אויף מרימען, זי האָט זיך שוין אָפּגעזוכט אַן אַנדער באַשערטן. ווי דען אַנדערש קען מען עס אויסטײַטשן? מער וועט ער זיך נישט מאַכן צו לײַטיש געלעכטער און זײַן פוס וועט נישט אַריבער־טרעטן די שוועל פון דעם הויז.

מיט אַ דרייַ וואָכן שפּעטער האָט משה זיך באַקלערט, אַז ס'לוינט זיך נישט צו שפּילן אַ ברוגז מיט מרימען, און פאַרן אַרײַנגיין צו איר איז ער געווען זיכער, אַז זי אָדער אירע עלטערן וועלן אים פרעגן וואָס אַזוינס האָט געטראָפן וואָס ער האָט פאַרגעסן אַרײַנצוקומען. קיינער האָט אים גאָרנישט געפרעגט. דער יונגערמאַן איז געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט מרימען און עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז די גאַנצע צײַט זינט ער האָט זיי געטראָפן צוזאַמען מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אַמפּערן זיי זיך נאָך וועגן דעם זעלבן ענין און קענען צו קיין טאָלק נישט דערגיין.

משה האָט זיך צערעדט מיט אירע עלטערן און מרים האָט זיך ווי נישט אומגעקוקט אויף אים. ער האָט זיך לאַנג נישט געזאַמט דאָרט און ביים אַוועקגיין דערוואַרט, אַז מרים זאָל אים מאַכן אַ לײַכטן פאָרוואורף, פאַרוואָס ער גייט שוין אַוועק. זי האָט באַדיי געמיעגט פון העפלעכקייט וועגן אויסרעדן צון אים אַ פּאָר ווערטער. דאָס וועט אים קיינמאָל נישט אַרויס פון זיכרון און וועט עס איר קיינמאָל נישט מוחל זײַן.

האָט משה זיך אַ נדר געגעבן, אַז ער וועט מער די שוועל פון איר הויז נישט אַריבערטרעטן — און געהאַלטן וואָרט.

מיט אַ שטיקל צײַט שפּעטער האָט מרים זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן אין געזעלשאַפט אַן דער באַגלייטונג פון דעם יונגנמאַן. ס'איז געווען ווי אויף דער האַנט, אַז צווישן זיי איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ און אַלץ געבראַכט צו גרונט. אויף איר פּנים איז אָבער נישט געווען צו דערקענען, אַז זי האָט אָנגעוואוירן אַן אָנשפּאַר אין לעבן. אייניקע האָבן גערדרונגען פון אירע צופעליקע באַמערקונגען, אַז דער איבעררײַס מיט דעם יונגנמאַן האָט איר פאַרשאַפט אַ סך עגמת נפש און זי מאַכט נאָר דעם אָנשטעל, אַז ס'אַרט איר נישט. אַנדערע ווידער האָבן געהאַט באַווײַזן, אַז זי האָט באַשלאָסן צו צעגיין זיך מיט אים.

מיט קליינמאַנען האָט מרים זיך געטראָפן דאָ און דאָרט. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט נעבן איר, נאָר זי אָפּגעפּטרט מיט אַ געווײנלעכן „גוט מאָרגן, גוטן אָוונט" — און זי האָט אים אָפּגעענטפערט מיטן זעלביקן, ווי עס טוען צופעליקע באַקאַנטע. איינמאָל איז משה פאַרבײַגעגאַנגען אַ קרייזל, וואו מרים איז געשטאַנען, האָט זי זיך אָנגעגומען מיט קוראַזש און געווענדט זיך צו אים: „פאַרוואָס זעט מען דיך נישט, משה?" ער

האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון אירע ווערטער, זי האָט געוואָלט באַנייען איר נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט אים, און צוריקגעענטפערט: „איך בין זייער פאַרנומען". עס האָט אים אויך שפּעטער נישט באַנג געטאָן, וואָס ר'האָט איר געגעבן אַזאַ שאַרפן ענטפער. זאָל זי איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן, אַז מיט אים וואַרפט מען זיך נישט אַרום ווי מיט אַ באַל, זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ס'האָט געהאַלטן ביים שרייבן תנאים, איז איר אָנגעקומען צו זוכן דעם דאַברי־מזל ביי אַ צווייטן, איז זאָל זשע זי אים זוכן ביי אַ דריטן, ביי אַ פערטן... זאָל איר קלעגן שכל מער נישט צו זאַטשעפּען מיט אים, זי וועט גאַרנישט פּועלן און זיך נאַר מאַכן צום נאַר.

דאָס איז נישט געווען קיין ניכטערע אויסלייגונג פון פאַקטן אייגע נעבן די אַנדערע און דער פּועל־יוצא האָט געוויזן, אַז דער ענין לויגט זיך אים נישט. אַזוי איז ער זיך באַגאַנגען מיט איר, ווייל אַנדערש האָט נישט געקענט זיין. ער איז איר נישט געפעלן אין שלייער, האָט זי זיך נישט געוואָלט פאַרבינדן מיט אים אויפן גאַנצן לעבן. מע קען גאַרנישט האָבן צון איר דערפאַר. זי האָט אַ רעכט צו זוכן זיך אַן אַנדער באַשערטן. אָבער... נאָכדעם ווען ס'איז גאַרנישט געוואָרן מיט יענעם יונגנמאַן, האָט זי זיך אומגעקערט צום אַלטן „באַשערטן" — אַז ס'איז נישטאָ קיין בעסערער, איז דער ערגערער אויך גוט. דאָס וועט ביים אים נישט גיין...

מרים האָט אַפילו מיט אַ וואָרט מער זיך נישט אַרויסגעכאַפּט וואָס מ'האָט געקענט טייטשן, אַז זי איז אַלץ גרייט מיט אים איבערצובעטן זיך. דאָס איז אים זייער געפעלן און דערפאַר טאַקע האָט ער געבענקט נאָך איר. נישט איינמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז לויט איר הייך און געבוי פון קערפּער האָט ער זי דערקענט פון דערווייטנס, פלעגט ער זיך פאַר־שעמען און אומקערן זיך צוריק. ער האָט מורא געקראָגן, אַז פון זיך אַליין זאָלן זיך זיינע שפּען נישט פאַרשנעלערן און זי אָניאָגן. וועט עס הייסן, אַז ער גייט איר נאָך פּוסטריט ווי נאַר זי פאַרלאָזט דאָס הויז און איז שוין געוואָר געוואָרן ווען זי טוט עס.

האָט זיך דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל איז ביי אים קיין שום צווייפל נישט געווען, אַז ס'איז נאָר אַן אויסדאַכטעניש, מחמת ער איז פאַרליבט אין איר ביז איבער די אויערן. כדי צו וויסן וואו ער איז אויף דער וועלט און אפשר זען וואָס מע קען טאָן דערצו, איז אים איינגעפאַלן צו מאַכן ברייטע און שנעלע שפּען און עס וועט זיך געוויס אַרויסווייזן, אַז ס'איז נישט „זי". ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן און עס האָט זיך אויס־געלאָזט, אַז זיין השערה איז אַ ריכטיקע. עס איז געווען אַ מיידל וואָס איז גאָרנישט ענלעך צו מרימען. עס איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן און ער האָט גענומען איינזען, אַז וואָלט ער די אויסדאַכטעניש נישט אַרויסגעשלאָגן זיך פון קאָפּ, וואָלט געקענט טרעפן אָט וואָס: — וואָלט ער על פי צופאַל זיך אָנגעשלאָגן אין איר אויף אַן אָפּגעזונדערט אָרט,

וואָלט די אַלטע ליבע זיך באַגייט צווישן זיי און וואָלט מיט איר אויף שנעל חתונה געהאַט. האָט די אויסדאַכטעניש געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז, ווען צו דעם נישט קומען, איי, ער וועט בענקען נאָך איר, איז וואָס? וואָסער בחור בענקט נישט נאָך אַ מיידל, וואָס האָט צוריקגעוויזן זיין ליבע? מע בענקט אַ שטיקל צייט און ס'גייט איבער.

איידער נאָך די וואונד פון דער פאַרליבעניש אין מרימען האָט ביי משהן זיך פאַרהיילט האָט זי חתונה געהאַט. ס'האָט משהן זייער געאַרט, וואָס מ'האָט אים נישט פאַרבעטן צו דער חתונה. כאָטש ער וואָלט בשום אופן נישט געווען געגאַנגען, האָט זי אים באַדאַרפט פאַרבעטן פון העפלעכקייט וועגן האָט זי עס באַדאַרפט טאָן.

עטלעכע טעג זענען פאַריבער און דער כעס איז משהן אָפּגעגאַנגען, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז מרים האָט מסתמא זיך געריכט, אַז ער וועט נישט קומען צו דער חתונה, האָט זי אים נישט פאַרבעטן. און ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט מרימען וועט ער איר אָפּגעבן אַ ברייטן מזל־טוב. דאָס איז פאַרגעקומען גאָר אינגיכן. ער האָט איר שטאַרק געדריקט די האַנט און אָפּגעגעבן אַ האַרציקן מזל־טוב. איר האַנטדריק איז אויך געווען אַ פריינטלעכער און זי האָט נאָך צוגעגעבן: „דאָס נעמלעכע איך־גיכן ביי דיר צו זען".

— „וואָס זשע, מרים, דו פאַרגינסט מיר נישט איך זאָל זיך אַרומ־דרייען אַ פּאָר יאָר ווי אַ פרייער פויגל?" — איז משהן נישט געווען צום האַרצן די ווינטשעוואַניע.

— „נישט דאָס האָב איך געמיינט, משה, און איך וועל זיין מיט דיר אָפּענהאַרציק". — האָט מרים געקוקט אים אין די אויגן — „עקסטערנישע עקזאַמענעס שלעפּן אַמאָל אַזוי אַריין, אַז איידער מען קוקט זיך אַרום איז מען שוין אַ בחור אין די יאָרן".

— „וואָס זשע, פאַרגינסט מיר נישט די עקזאַמענעס?" — האָט משה האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט זי געפרעגט.

— „ווי איך זע, משה, האָסטו מיך שלעכט פאַרשטאַנען" — האָט אויף מרימס פּנים זיך באַוויזן אַן אומצופרידענע מינע. — „איך ווינטש דיר מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דו זאָלסט אויסהאַלטן די עקזאַמענעס. איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט ווערן אַן אַלטער בחור. ווינטש איך דיר שלעכטס?"

— „איך גלויב דיר, מרים, און איך דאַנק דיר פאַר אַזעלכע אָפענע רייד". — וואָס נאָך האָט ער איר געקענט זאָגן? ענטפערן איר אַז ער וועט זי פאָלגן וואָלט געווען לעקעשעוואַטע. אין איר שווייגן האָט ער זיך אָנ־געשטויסן, אַז זי האָט אים פאַרשטאַנען.

פיר וואָכן נאָך דער חתונה ווען מרים און איר מאַן האָבן שוין אַריינ־געבראַכט אַ שטיקל טאָלק אין דער דירה, וואוהין זיי האָבן זיך אַריינ־

געקליבן, האָט זי פאַרבעטן צו זיך די פריינט און באַקאַנטע, וואָס זענען נישט איינגעלאַדן געווען צו דער חתונה און צווישן זיי איז אויך געווען משה קליינמאַן. נאָכן אויבנדערמאָנטן געשפּרעך מיט איר האָט משה זיך נישט געקווענקלט אַהין צוגיין. דערצו נאָך איז צוגעקומען אַ וויכטיקער פאַל. אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה נאָכן אַריינקריגן די איינלאַדונג האָט משה שוין געוואוסט וואָסערע פריינט זיינע זענען נישט אויסגעלאָזן געוואָרן צו דער פאַרבעטונג. ער האָט געמוזט איינזען, אַז מרים האָט געהאַט צוויי ברירות — אַלעמען פון זיין גרופּע איינלאַדן צו דער חתונה אָדער זיי פאַרבעטן צו זיך נאָך דער חתונה און פאַרברענגען אַן אָוונט מיט לאַנג־יאָריקע פריינט. ביי דער געלעגנהייט וועט איר מאַן זיך נאָענט באַקענען מיטן קרייז פריינט, מיט וועלכן זי רעכנט איינצושטעלן אַ צוגעבונדנקייט. ווי זשע קומט עס וואָס זי האָט נישט אויסגעקליבן ווי אַלע מיידלעך די ערשטע ברירה?

משהן האָט זיך נישט געקענט פּאַטופּיען אין קאָפּ, אַז צווישן דער מרים מיט וועמען ער פלעגט זיך טרעפן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד און דער מרים, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים באַלד נאָך איר חתונה, זאָל קענטיק זיין אַזאַ אונטערשייד. ווי איז עס מעגלעך, אַז אין אַזאַ קורצער צייט זאָל פאָרקומען אין אַ מענטשן אַזאַ איבערבייט? עס דוכט זיך אים אויס, אַז ס'איז גאָרנישט די מרים וואָס ער האָט פריער געקענט. נישט אַנדערש אַז ווען אַ מענטש איז אָפּגעשיידט פון דיר אַ שטיקל צייט, דערזעסטו אים אין אַן אַנדער ליכט און אפשר גאָר נעמט זיך עס דערפון וואָס זי האָט אין אַ קורצער צייט געהאַט צופיל איבערלעבונגען. מיט אים, משהן, איז זי אַרומגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, האָט זיך איר געגומען אויסוויזן, אַז ס'וועט זיך אויסלאָזן מיט גאָרנישט. אָבער אפשר גאָר האָט זי געוואָרפן אַן אומחן אויף אים און געגומען זוכן אַן אַנדערן, געפונען, געליובעט זיך מיט אים און מיטאַמאָל איז געוואָרן אויס, האָט זי געזוכט אַ געלעגנהייט זיך איבער־צובעטן מיט משהן און ער האָט זי אָפּגעשטופּט.

דאָס אַלץ פירט אַרויף אַ מענטשן אויפן וועג פון טראַכטעניש און איבערטראַכטעניש. אויב דאָס מזל וועט איר צושפּילן און עס וועט זיך אונטערדרוקן אַ דריטער, טאָר מען שוין זיין נישט איבערקלייבעריש און טראַכטענישן דאַרפן אַריבערגיין אין מעשים. מחמת די צייט שטייט נישט און מע ווערט עלטער. און אַז דער דריטער האָט מיט מזל איינגעוויליקט צו ברעכן טעלער און גיין צו דער חופּה, טרעפט אַמאָל אַז מע קוקט זיך אַרום און מע דערזעט זיך זיצן ביי אַ צעבראָכענער קאָריטע, וואָס דאַרף אָבער אויסזען גאַנץ... פאַר לייטן.

אַ מענטש דרייט זיך אַמאָל אַריין אין אַ קייט איבערלעבענישן פון וועלכע מע קומט נישט אַרויס דער זעלבער. איז אַ וואונדער וואָס פון איר איז געוואָרן אַן אַנדער מרים?

משה האָט געטראָפן ביי מרימען אין הויז אַ גרויסן עולם, נישט רעכענענדיק זייַנע באַקאַנטע און פריינט. ווי עס ווייזט אויס האָט מען געשטעלט אַ שטילע חופה און קיין סך מענטשן האָט מען נישט איינגעלאַדן און ער, משה, האָט נישט געקענט זיין צווישן די געציילטע, וואָס זענען פאַרבעטן געוואָרן צו דער חופה־צערעמאָניע.

מרים האָט משהן פאָרגעשטעלט פאַר איר מאַן, וואָס האָט אים גוט אַרומגעקוקט. משה האָט דערפון געדרונגען, אַז זי האָט אים מסתמא דער־ציילט וועגן זייַנע פאַרהעלטענישן מיט איר, אַנדערש וואָלט ער אים נישט אָפּגעמאָסטן פונעם קאָפּ ביז אין די פיס. פרויען דערציילן נישט באַלד זייערע מענער, האָט משה געכאַפּט זיך אַז ר׳האָט געמאַכט אַ טעות, וועגן די אַמאָליקע געליבטע. דאָס קומט פאָר העט־העט שפּעטער ווען מאַן און ווייב האָבן זיך אייַנגעלעבט. גיכער פון אַלעמען האָט מרים אים איבער־געגעבן אַ סך פּרטים פון אירע פריינט און באַקאַנטע און נאָר צום גוטן, האָט דערפאַר איר מאַן אַ פּאָר מינוט אים באַטראַכט. און ער, משה, וועט טאָן דאָס אייגענע. האָט ער פאַרפירט מיט מרימס מאַן אַ קורצן געשפּרעך ווי עס פירט זיך צווישן געסט. ווי מע קען אָפּשאַצן אַ מענטשן נאָך אַ קורצער באַקאַנטשאַפט, איז משהן דורכגעלאָפן אין קאָפּ, איז ער נישט קיין שאָלטיק, און באַגייט זיך מיט איר ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. זי האָט געטראָפן, ווייזט אויס, אין פינטל. זאָל איר וואויל באַקומען, זי האָט עס די ווערט.

10

אין אָסיען פון יאָר 1916 האָט קליינמאַן איינגעשטודירט מיט די יידישע בחורים און מיידלעך פון זיין שטעטל די לימודים פון דריטן און פערטן קלאַס גימנאַזיע. אייניקע תלמידים האָבן געדעכנט אין אַ יאָר אַרום אַוועקצופאָרן אין אַ גרויסער שטאָט כדי אַריינצוטרעטן אין אַ רוסישער רעגירונגס־גימנאַזיע אָדער אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע וואָס איז אָנער־קענט פון דער רעגירונג. אַנדערע תלמידים ווידער וועמענס עלטערן האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייטן אויסצוהאַלטן זייערע קינדער אין אַ גימנאַזיע האָבן געהאָפט צו האַלטן עקזאַמענס ווי עקסטערנער און אויך קריגן דיפּלאָמעס.

די באַגרעניצונגען קעגן יידן, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, זענען פּאַר־לויפיק נאָך נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן, זענען אָבער נישט דורכגעפירט געוואָרן מיט דער פולער קראַפט ווי פאַר דער מלחמה. די רוסישע חילות האָבן געליטן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער און אין לאַנד האָט מען דער־וואַרט אַז די רעגירונג, ווי נאָך דער מלחמה אין 1905, וועט אויסברייטערן די רעכט פון אירע בירגער און די כמעט־רעכטלאָזע יידן זענען געווען זיכער אַז אויך זיי וועלן נישט אויסגעשלאָסן ווערן פון די רעפאָרמען.

אין דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער רוסישער אימפּעריע האָבן זיך די בירגער דערפילט חשובער און פרייער ווי פאַר דער מלחמה. אויך די יידן אין די קליינע שטעטלעך, באַזונדערס די יוגנט, האָבן אָפּגעטרייסלט די מורא און דערשלאָגנקייט וואָס איז געווען ניכר אויף זייערע געמיטער. ווי אין אַ שווערן ווינטער וואַרט מען אומגעדולדיק אויפן אָנקום פון פרילינג און מען ריכט זיך אַז ער וועט ניט פאַרשפּעטיקן צו באַווייזן זיך, אַזוי האָט מען דעמאָלט אין רוסלאַנד די אויגן זיך אויסגעקוקט אויפן ליכטיקן באַגינען.

ווי נאָך אַ גאַסרעגן באַווייזן זיך אַרום די וועלדער און וועלדלעך אַלערליי שוואָמען אַזוי האָבן נאָך יעדער מפּלה פון די רוסישע חילות געמערט זיך באַראַטונגען, פאַרזאַמלונגען פון אַלערליי פּאַרטייען וואו מ'האָט אָן אַן אויפהער דיסקוטירט אויף וועלכע רעכטלעכע יסודות אַוועקשטעלן די נייע באמת דעמאָקראַטישע רוסלאַנד. די יידישע קרייזלעך און פּאַרטייען האָבן נישט אויסגעלאָזט פון אויג אַז דאָס יידישע לעבן דאַרף ווערן איינ־געשטעלט אויף אַזאַ אופן אַז עס זאָל זיך אַנטפלעקן אין פולער קראַפט די קולטורעל־היסטאָרישע אייגנאַרטיקייט פונעם יידישן פאָלק. דאָס אייגענע האָבן געשטרעבט דורכצופירן אַלע מינאָריטעטן־פעלקער פון דער רוסישער אימפּעריע.

דער פּרימאָרגן פֿון באַפֿרייאונג האָט ענדלעך געגומען אויפֿגיין. עס האָבן זיך דערטראָגן ידיעות אַז אַ פֿאָלק האָט זיך צעבונטעװעט און מ׳האָט עס אָװעקגעשיקט הינטערן פֿראָנט. אַן אַנדער פֿאָלק האָט דאָס אייגענע געטאָן און איז גרייט געװען מיט געװער אין די הענט קעגנשטעלן זיך יעדן באַפֿעל צו פֿאַרלאָזן די קאַזאַרמע. אַ דריט פֿאָלק האָט גענומען מאַר־שירן אויף פּעטראָגראַד — די רעװאָלוציע האָט אויסגעבראָכן און מ׳האָט אַראָפּגעזעצט דעם צאַר. אַ פֿרייד האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד און אין יעדער שטאָט און שטעטל האָט מען געפֿײַערט די װיכטיקע גע־שעעניש — רוסלאַנד איז געװאָרן אויס מאָנאַרכיע.

משה פּלעגט אָפֿט צופֿאָרן אין דער אויעזדנע שטאָט, זיך דאָרט געזאַמט אַ פּאָר טעג און אָנגעקניפּט באַקאַנטשאַפֿט. ער איז נאַטירלעך צוגעפֿאָרן אַהין צוליב דער פֿײַערונג פֿון דער רעװאָלוציע.

דער טאָג איז געװען אַ כמאַרנער און מ׳האָט זיך געריכט אויף אַ רעגן. מע קען קיינמאָל אָבער נישט װיסן װאָס פֿאַר אַ דרויסן עס װעט זײַן מיט צװיי־דריי טעג שפּעטער, האָט מען די פֿײַערונג פֿון דער רעװאָלוציע נישט אָפּגעלייגט. מען האָט נאָר געזען אַז זי זאָל פֿאָרקומען װאָס פֿריער, אפשר װעט זיך אײַנגעבן צו פֿאַרענדיקן די פֿײַערונג איידער ס׳װעט אָנהייבן צו רעגענען.

די פֿײַערונג איז פֿאָרגעקומען אויף דער הויפּטגאַס. די באַלקאָנען פֿון די גרויסע הײַזער זענען געװען באַזעצט מיט מענטשן. אויף די טראָטואַרן האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרויסער עולם און יעדער איינער האָט זיך געשטופּט צו דער ערשטער ריי כדי מיט די אייגענע אויגן אַרומנעמען דעם גאַנצן פּאַראַד, אין דער ברייט און אין דער לענג. אויף אַלע דעכער האָבן גע־פֿלאַטערט רויטע פֿאָנען.

אַ פֿרייד איז געװען צעשפּרייט איבער די פּנימער פֿונעם גוואַלדאָװנעם עולם װאָס האָט די אויגן נישט אַראָפּגענומען פֿון די רויטע פֿאָנען. ס׳האָט זיך געקענט דאַכטן אַז צום בעסטן פּאָרן זיך — רויטע פֿאָנען און פֿריי־דיקע אויגן.

יעדער אַרבעטער־פֿאַראיין מיטן פֿאָרזיצער בראש װאָס האָט געטראָגן אַ רויטע פֿאָן האָט געמאַרשירט באַזונדער און זיך אָפּגעשטעלט לעם דער מאַסיװער געבײַדע פֿונעם רעװאָלוציאָנערן קאָמיטעט (רעװקאָם) װאו אויף אַ גרויסן באַלקאָן זענען געװען אויסגעזעצט די פֿירער פֿונעם רעװקאָם. דער פֿאָרזיצער פֿונעם פֿאַראיין האָט אויסגעשריגן: לעבן זאָל די רעװאָ־לוציע! לעבן זאָל די פֿרײַהייט! די פֿירער האָבן זיך אויפֿגעשטעלט און פֿון אַלע זײַטן האָט געהילכט: לעבן זאָל די רעװאָלוציע! לעבן זאָל די פֿרײַהייט!

די הילכן האָבן געלאָזט װיסן דער גאַנצער װעלט אַז די פֿאַרשקלאַפֿונג פֿונעם רוסישן פֿאָלק איז אויף אַלע אייביקייטן פֿאַרשװאונדן.

נאָך די אַרבעטער־פּאַראייִנען האָט געגומען מאַרשירן אַ פּאָלק סאָלדאַטן צעטיילט אין ראָטעס. נאָך דעם ווי אַ האַלבער פּאָלק איז פאַרבייגעגאַנגען די רעווקאָם־געביידע האָט געגומען שפּאַנען אַ קאַפּעליע קלעזמער וואָס האָט געהאַלטן אין איין שפּילן.

קעגנאיבער דעם באַלקאָן האָט די קאַפּעליע זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהערט צו שפּילן. גראָד דעמאָלט איז פונעם רעגנדל וואָס האָט גע־מראקעט די גאַנצע צייט, געוואָרן אַ רעגן ווען־מענס טראָפּן זענען געווען דריבנע און אָפטע, אַן איינגעגעסענער רעגן.

איידער נאָך דער עולם האָט אויפגעגעבן דאָס חידושן זיך פאַרוואָס די קלעזמער זענען אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך אויפגעהויבן אַ מיטגליד פונעם רעווקאָם און אָנגעהויבן צו רעדן. מ'האָט נישט געקענט הערן יעדעס וואָרט פונעם רעדנער, ווי נאָר אָבער ס'האָט זיך דערטראָגן דאָס וואָרט „רעוואָלוציע" האָבן אַלע צעעפנט די מיילער און געשריגן „הורא"! האָט זיך דערהערט דאָס וואָרט „ניקאָלאַי", האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס מיינט מען דעם צאַר ניקאָלאַי, האָט מען גענומען טופּן מיט די פיס און שרייען: בו־ו־ו!

עס האָבן גערעדט עטלעכע מיטגלידער פון רעווקאָם און דער בעסטער פון זיין איז געווען סאָקאָלאָוו. זיין קול איז געווען שטאַרק און הויך, די אויסשפּראַך — קלאָר, האָט מען געשענקט אויפמערקזאַמקייט צו זיין רעדע. און ווען ער האָט זיך געוויצלט: „וואָלט נישט געגאַנגען קיין רעגן וואָלטן מיר אַלע (מיט דער האַנט האָט ער אָנגעוויזן אויפן רעווקאָם) זיך אַראָפּ־געכאַפּט צו אייך און צוזאַמען געכאַפּט אַ טענצל לכבוד דער רעוואָלוציע", האָט דער עולם זיך צעלאַכט און גענומען טאַנצן.

דער רעגן האָט געליאַפּעט, דער עולם האָט געטאַנצט און אָפּגעשפּריצט איינער דעם אַנדערן. דאָס אַלעם איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ טייל פון דער פייערונג און ס'האָט זיך גענומען אײַנגיכן דוכטן אַז וואָס מער מען איז אָפּגעשפּריצט אַלץ גרעסער איז דער יום־טוב פון דער רעוואָלוציע.

קוקנדיק ווי דער עולם טאַנצט אונטערן שלאַקסרעגן האָבן די פירער פון רעווקאָם זיך אַרומגענומען און געקושט איינע די אַנדערע. די קלעזמער האָבן נישט געוואָלט אָפּשטיין און גענומען שפּילן אויף זייערע מעשענע אינסטרומענטן. אַלץ אַרום איז געווען אין באַוועגונג. טראָפּנס רעגן זענען געפאַלן אויף דער ערד, מענטלעכע פיס האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט אין דער בלאָטע, די קולות פון די מעשענע אינסטרומענטן האָבן זיך גע־שפּרייט אין דער לענג, ברייט און הייך, די מיטגלידער פון רעווקאָם האָבן גערעדט צווישן זיך, געמאַכט מיט די הענט און געשמייכלט. מען האָט גע־פייערט דעם יום־טוב פון דער רעוואָלוציע.

ווען דער עולם איז געוואָרן מיד פון דאָס טאַנצן — שלאַבעריק, האָט דער פאָרזיצער פונעם רעווקאָם געלאָזט וויסן אַז צום באַדויערן איז ער געצוואונגען אָפּצושטעלן די פייערונג אונטערן גאָס־רעגן, האָט גע'עצהט

צונויפקומען זיך אין קליינע גרופּקעס בײַ אַ חבר אין הויז און בײַ אַ גלעזל משקה פּראַווען דעם יום־טוב פון דער רעוואָלוציע.

אויפן וועג אַהיים איז קליינמאַנען נישט אַרויס פון קאָפּ אַז סאָקאָלאָוו איז געווען דער הויפּטרעדנער בײַ דער פײַערונג. סאָקאָלאָוו, אַ הויכער שײנער בחור און מיט אַ קאָפּ לאַנגע האָר, פלעגט באַזוכן יעדע שטאָטישע באַראַטונג און פאַרזאַמלונג, בעתן רעדן האָט ער ליב געהאַט צו באַנוצן זיך מיט שײנע געפליגלטע פראַזן הינטער וועלכע ס'איז קיין טיפקייט ניט געווען. זײַנע באַקאַנטע האָבן אים גערופן „דער פראַזן־שיסער“ — און ער איז עס געווען דער הויפּט־רעדנער! נעמט זיך ס'ניט דערפון, וואָס ר'האָט שאַרפע עלנבויגנס און קען זיך צושטופּן צום אויבנאָן, צי ס'איז איינער פון יענע צופאַלן וואָס טרעפן זיך אין לעבן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָן, אָדער מעגלעך גאָר אַז אין אַ רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד רוקט יעדע באַוועגונג אַרויס צום פאָדערגרונט אַ גוטן מאַסנרעדנער, אָבער די תוכיקע פּראָגראַם ווערט צונויפגעשטעלט פון די פירער וואָס זענען תמיד אין הינטערגרונט, ווער ווייסט?

עס זענען פאַריבער נישט מער ווי אַ פּאָר חדשים נאָך דער פעווראַל־רעוואָלוציע און די טיילן פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע, וואָס האָבן מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק נישט געהערט צו גרויסרוסלאַנד, האָבן זיך געוואָלט אָפּרײַסן פון איר און שאַפן באַזונדערע מלוכות. עס האָט זיך קוים אײַנגעגעבן, למשל, אָפּצורעדן דערפון די קאָזאַקן, זיי האָבן אָבער אינגאַנצן זיך נישט אונטערגעגעבן. אין זייער געגנט האָבן די קאָזאַקן אײַנגעשטעלט אַזאַ סדר לעבן, צו וועלכן זיי זענען געווען געניגט לויט זייער אַמאָליקן נישט־געצוימטן שטייגער אין די ברייטע סטעפּעס פון דרום־רוסלאַנד. אין די קליינע און גרעסערע קאָזאַקישע דערפער, אויך אין די שטעט איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען גאַנץ אַנדערש ווי אין די איבעריקע טיילן פון רוסלאַנד און קיינער האָט זיך נישט אַרײַנגעמישט אין זייערע אײַנפירונגען.

— „מע וואָלט געדאַרפט אָנלערנען די קאָזאַקן“ — האָט קליינמאַן זיך געהיצט, — „און זאָלן זיי זיך נישט רעכענען פאַר גרויסע יחסנים ווי אַמאָל. יענע צײַטן וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן“.

האָבן אַ פּאָר הונדערט קאָזאַקן אין ניקאָלאַיעס צײַטן זיך אַרײַנגעריסן אין אַ שטאָט אַרײַן, איז אַ שרעק באַפאַלן די באַפעלקערונג, ייִדישע און קריסטלעכע. באַזונדערס האָט געציטערט די שטודירנדיקע יוגנט, גימנאַזיסטן און סטודענטן. זיי פלעגן סעקרעטנע זיך טרעפן מיט אַרבעטער־קרײַזלעך און שאַפן אַ פאַראיין אָדער צוגרייטן אַ שטרייק. אויף קליינע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען פלעגן סטודענטן אַרויסטרעטן קעגן די פאַראַנדקעס פון צאַרישן רעזשים און דאָס האָט שוין געשמעקט מיט קראַמאָלע. די צאַרישע שפּיצלעך האָבן געוואוסט ווער די קראַמאָלניקעס זענען און

וואו זיי באַהאַלטן זיך אויס. מיט דער הילף פון די קאָזאַקן האָט די אָרטיקע מאַכט זיך צעפירט די הענט און געמאַכט אַרעסטן אויף רעכטס און אויף לינקס. דאָס וועט שוין מער נישט פאָרקומען.

די צרה איז, האָט מען געברייעט אין די גרויסע שטעט, וואָס ס'איז נישטאָ קיין אייניקייט אין דער צייטווייליקער רעגירונג, איין פאַרטיי ציט אַהער און די אַנדערע — אַהין. באַזונדערס עקשענען זיך אַלעמאָל איין די רעכטע פאַרטייען, זיי ווילן געבן דעם פאָלק אַ קאַפּעטשקע פרייהייט, אויפן שפּיץ מעסער נאָר, און די לינקע פאַרטייען ווילן געבן דעם פאָלק וואָס מער פרייהייט. און אַז ס'איז נישטאָ קיין אחדות קומט קיין גוטס נישט אַרויס.

פאַר די צאַרישע גענעראַלן איז נישט פאַרהוילן געווען, אַז די צייט־ווייליקע רעגירונג האַלט זיך אויף הינערשע פיסלעך, האָבן זיי געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן דער רעוואָלוציע און געוואָלט צוריק איינפירן דעם צאַריזם. עס איז נאָך אַ גליק וואָס די רעגירונג איז געוואויר געוואָרן דערפון באַצייטנס און געמאַכט אַ סוף צו דער פאַרשווערונג.

איז געוואָרן שטיל אין גרויסרוסלאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַ בורעניגע אין אוקראַאינע. איין פאָלק האָט זיך געבונטעוועט, שפּעטער אַ ביסל — דאָס צווייטע. חבר סאָקאָלאָוו, דער פאָליטישער קאָמיסאַר איבער גאַנץ אוקראַאינע, איז נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. פּייל אויסן בויגן האָט ער זיך געטראָגן פון איין פאָלק צום צווייטן, האָט גערעדט צו די אוקראַאינער זעלנער וועגן זייער טרויעריקער דאָליע ביי ניקאָלאַי דעם צווייטן און געשילדערט פאַר זיי דאָס נייע רוסלאַנד, וואָס וועט אויפגעבויט ווערן אויף ברידערלעכע יסודות, אויב מ'וועט נישט פאַרטאַכלעווען די געווינסן פון דער רעוואָלוציע מיט די אייגענע הענט. מיט זיינע פלאַמיקע רעדעס האָט זיך סאָקאָלאָוון איינגעגעבן איינצושטילן די בונטאַרישע פאָלקן און זיי האָבן אויסגעפירט אַלע באַפעלן פון דער צענטראַלער מאַכט.

איין פאָלק אָבער האָט זיך שטאַרק צעבונטעוועט און ס'האָט אויסגעזען, אַז נאָר מיט מיליטערישן כוח וועט געלינגען איינצושטעלן אָרדענונג און פאַר דעם האָט מען זיך געשראָקן. מע האָט געצווייפלט צי איין אוקראַאיניש פאָלק וועט באַנוצן געווער קעגן אַ צווייטן. האָט מען באין ברירה געמוזט אָנקומען צום אַלטן מיטל — שיקן אַהין חבר סאָקאָלאָוו. כאָטש זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער האָבן נישט געלייגט קיין גרויס געוויכט אויף זיין שליחות, האָט ער פונדעסטוועגן גלייך געלאָזט זיך אין וועג אַריין. קומענדיק אַהין און זעענדיק פאַר זיך אַ צעבונטעוועטן המון האָט סאָקאָלאָוו באַנומען, אַז מיט אַ רעוואָלוציאָנערער רעדע וועט ער אויף אים נישט ווירקן. האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז די פאָרשטייער פון פאָלק זאָלן אויסלייגן זייערע טענות און פאַר אים וועט קלאָר ווערן פאַרוואָס זיי זענען אומצופרידן מיט דער צענטראַלער רעוואָלוציאָנערער מאַכט.

אַ פאָרשטייער פון פאָלק האָט גענומען טענהן, אַז די צענטראַלע מאַכט האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף פאַלשע וועגן, וואָס קענען פירן צו דער רוּאינע פון דער רעוואָלוציע און דאָס אוקראַיִניש פאָלק וועט נאָך מער פאַרשקלאַפט ווערן ווי ביים צאַר ניקאָלאַי.

סאָקאָלאָווס ענטפער איז געווען אַ געלאַסענער. ער האָט מיט אייניקע טענות מסכים געווען און צוגעזאָגט, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועלן זיי בטל ווערן. ער האָט אויך נישט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די אַנדערע טענות, האָט אָבער געבראַכט זאַכלעכע באַווייזן אַז זיי קענען נישט איינגעפירט ווערן ביזקל וואַנעט די רעוואָלוציע וועט זיך נישט באַפעסטיקן אין גאַנץ רוסלאַנד.

דער פאָלק איז געווען גרייט אָנצונעמען סאָקאָלאָווס פשרות, איז אָבער איין פאָלקאָווע פאָרשטייער אַרויסגעשפרונגען אויף דער בינע און אויף אַ הויך קול געוואָרנט, אַז אַלע טעותן מזזן באַלד באַריכט ווערן, אַניט וועט דאָס אוקראַיִניש פאָלק זיי קיינמאָל נישט מוחל זיין אַזאַ פחדנות. איידער נאָך דער פאָרשטייער האָט פאַרענדיקט זיין היציקע רעדע, איז שוין אַן אַנדערער געשטאַנען אויף דער בינע און געדונערט אַז אויב אַלע פאָדערונגען וועלן נישט באַכגעגעבן ווערן, וועט דאָס זיין אַ פאַרראַט קעגן דעם אוקראַיִנישן פאָלק. עס האָבן זיך דערהערט קולות: „פאַרראַט! פאַרראַט!”, האָט חבר סאָקאָלאָוו אויפגעהויבן די הענט און געבעטן מע זאָל אים אויסהערן, האָבן קולות געדונערט: „אַרויס פון דאַנען! אַרויס! מיט אונזערע באַיאָנעטן וועלן מיר אַלץ קריגן!”

ווי אין אַ פענדל, וואָס שטייט אויף אַ טריבישקע, אונטער וועלכן עס ברענט אַ פייער, זידט דאָס וואַסער שטאַרק און שטאַרקער און עס „סטראַשעט” אַרויסצושפּריגען פון פענדל, אַזוי האָבן דראָענדיקע קולות זיך געטראָגן פון אַלע זייטן און צומאָל זיך צונויפגעגאָסן אין איין מעכטיקן קול, וואָס האָט גערופן צו געוואַלט. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שאָס פון אַ פיסטויל — און חבר סאָקאָלאָוו איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. עס איז געוואָרן אַ צעטומלעניש. איינער האָט געשפּאַנט אַהין און דער אַנדערער — אַהער, אַ דריטער האָט עפּעס געפרעגט און אַ פערטער — געענטפערט, אַ פינפטער האָט געשריען און אַ זעקסטער — נאָכגעשריען. דאָס צעטומלעניש האָט גענומען פאַרשווינדן ווען דער קאָמאַנדיר פון פאָלק האָט באַפעלעריש אַ געשריי געטאָן: „לאָזט דעם פאַרוואונדעטן ליגן אויף דער ערד און ברענגט גיך דעם פאָלקאָווע דאָקטער!” דער זעלבער וואָס האָט געשאָסן אויף סאָקאָלאָוון און נישט אָפּגעטראָטן פון אים, האָט זיך אויך אָפּגערוקט אין אַ זייט, אַריינגעלייגט דעם רעוואָלווער אין לעדערנעם פיסטאָלעט-בייטל און נישט אַראָפּגענומען די האַנט פון אים.

ווי נאָר צו דער גרויסער שטאָט איז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה אַז חבר סאָקאָלאָוו איז דערשאָסן געוואָרן, האָט דער רעווקאָם באַפוילן מען

זאָל זיין קערפּער און דעם שולדיקן אינעם מאָרד צושטעלן אין דער און דער שטאָט. אין עטלעכע טעג אַרום איז אַהין אָנגעקומען די טרונע מיט סאָקאָלאָווס קערפּער אין דער באַגלייטונג פון צוויי זעלנער. זיי האָבן אויך מיטגעבראַכט אַ בריוו, אין וועלכן דער פּאָלקאָווניק האָט באַדויערט, וואָס דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל איז אומגעקומען אַ געטרייער דינער פון דער רעוואָלוציע און ווי נאָר מען וועט געפינען דעם שולדיקן אין דעם גרויזאַמען פאַרברעכן, וועט ער געשטעלט ווערן צו אַ משפט.

נישט נאָר די אָנגעזעענע פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אינעם אַרומיקן קאַנט האָבן נישט פאַרפעלט צו קומען צו דער לוויה, עס זענען אויך אַראָפּגעקומען צוויי פירער פון דער צענטראַלער מאַכט אין דער קרויַנשטאָט.

אַן אומגעקומענעם אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע גיט מען אָפּ מער כבוד ווי אַ לעבעדיקן רעוואָלוציאָנער. האָט נאָך די קרוינשטאָט אַראָפּגעשיקט צוויי ספּעציעלע שליחים צו דער לוויה, איז דאָס נישט דער בעסטער באַווייז אַז סאָקאָלאָוו איז געווען אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער? איז צו דער לוויה געקומען קינד און קייט און ביי יעדן איינעם איז געווען אַ געפיל אַז ער באַגלייט אויפן עולם האמת זייער אַ חשובן מענטשן. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענליך, אַז יעדער איינער האָט זיך נאָגעפרעגט וואו עס געפינען זיך די פירער וואָס זענען אַראָפּגעקומען פון דער קרוינ־שטאָט. זיי מוזן דאָך האָבן גרויס קענטשאַפט אין פילע לימודים און אויך אַ סך חכמה. ס'איז נישט קיין קלייניקייט צו ווערן פירער און געבן באַפעלן צו זייערע חברים איבערן גאַנצן לאַנד.

די לוויה האָט זיך געצויגן איבער דער הויפּטגאַס און זיך אָפּגעשטעלט ביים הויז פונעם רעווקאָם, וואו די צוויי פירער פון דער קרוינשטאָט האָבן גערעדט וועגן די וויכטיקע שליחותן וואָס חבר סאָקאָלאָוו האָט דורכגעפירט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיי האָבן אויך געוואָרנט אַז דער מאָרד איבער סאָקאָלאָוון באַווייזט אויף וואָסערע געמיינע און ברוטאַלע וועגן די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט זיך אַוועקגעלאָזט און מע דאַרף זי אויס־ראָטן מיטן וואָרצל — און דאָס וועט געטאָן ווערן טאַקע באַלד.

אין טיפער שטילקייט האָט דער עולם זיך צוגעהערט צו די רעדנער און געשלונגען יעדעס וואָרט זייערס — מיט אַזאַ געפיל פון גרויס אחריות האָבן זיי גערעדט וועגן דער צוקונפט פון רוסלאַנד. אויך משה קליינמאַן איז גערירט געוואָרן פון זייערע רייד. אויב די רעוואָלוציע וועט דורכפאַלן, איז ביי משהן קיין שום ספק נישט געווען, וועט די קאָנטער־רעוואָלוציע פירן דאָס לאַנד מיט אַזעלכע אכזריותדיקע מיטלען, אַז דער צאַרישער רעזשים וועט אויסקוקן ווי אַ גן־עדן. עס איז אויך געוואָרן זעלבסטפאַרשטענדליך פאַר קליינמאַנען, אַז דאָ גייט נישט אין חבר סאָלאָקאָוו, נאָר עס שטייט אין קאָן די גאַנצע באַוועגונג אַרויפצופירן דאָס לאַנד אויף אַזעלכע וועגן,

און אויסווײלן אַזאַ רעגירונג וואָס זאָל לינדערן די נויטן פונעם גאַנצן פאָלק — פויערים, אַרבעטער און סתם־בירגער. אין קלײנמאַנס טראַכטענישן איז סאָקאָלאָוו נישט אָפּגערוקט געווען אין אַ זייט. איז ער דאָך געווען אַ רינג אין אַ קייט פון גרויסע געשעענישן, וואָס וועלן געוויס ברענגען גײַסטיקע ענדערונגען פאַרן גאַנצן לאַנד.

II

נאָכן אויסבראָך פון דער פעוורואַל רעוואָלוציע האָט רוסלאַנד זיך אָפּגעטרייסלט פון דער שלעפעריקער מנוחה און אין יעדער שטאָט, גרויסער און קליינער, האָבן מיטאַמאָל ווי פון אונטער דער ערד זיך אַרויסגעיאָוועט ציטונגען און זשורנאַלן, פאַרטייען און פאַרטייעלעך, קאָנסערוואַטיווע, ליבעראַלע און עקסטרעם־לינקע. די רעוואָלוציע האָט אויפגעמינטערט דאָס פאַרגליווערטע רוסלאַנד און איבער דער גרויסער אימפעריע, אַפילו אין פאַרוואָרפנסטע דערפלעך, זענען פאַרגעקומען פאַרזאַמלונגען וואו מע האָט זיך היציק געאַמפּערט וויאַזוי צו פאַרטיילן די פּריצישע ערד צווישן די פּויערים און וואָס פאַר׳אַ דעה די אַרבעטער זאָלן האָבן אין די פאַבריקן וואָס האָבן פריער געהערט צו די פאַבריקאַנטן אָדער צו דער צאַרישער מלוכה. דאָס לאַנד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ פאַמעלעכער פאַרשלעפערישער טעטיקייט און אויפגעברויזט ווי אַ קעסל וואַסער אונטער אַ גרויס פייער.

די קאָכיקע געמיטער פונעם רוסישן פאָלק האָבן זיך צוביסלעך איינגעשטילט ווען עס זענען פאַרגעקומען די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. יעדע פאַרטיי האָט צעשיקט איבערן לאַנד די געניטסטע רעדנער צו באַווייזן דעם עולם שוואַרץ אויף ווייס אַז נאָר זי פאַרמאָגט די בעסטע מיטלען און די פעיקסטע מענטשן צו פאַרבעסערן די מערכה פונעם רוסישן פויער און אַרבעטער. דורך דעם איז פונעם ווילער אַראָפּגעפאַלן דער עול פון זאָרג פאַר דער נייער רוסלאַנד. די מיטגלידער פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועלן זיכער אָפּשאַפן די האַרצע געזעצן פונעם צאַר און איינשטעלן אַזאַ סדר אַז יעדער איינער זאָל האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, עסן צו זאַט, און דערציען די קינדער וועט די מלוכה אויף די אייגענע קאָסטן.

משה קליינמאַן האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון די געשעענישן אין לאַנד, האָט אויך געהאָפט אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט אויסאַרבעטן כּללים וויאַזוי אָוועקצושטעלן דאָס אויפגעברויזט רוסלאַנד אויף געזונטע און שטאַרקע יסודות. די פילשפּראַכיקע באַפעלקערונג פון דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע זאָל שניידן די פרוכטן פונעם געראָטענעם שניט און אויספורעמען די גייסטיקע שאַפונגען אויף אירע אייגענע שפּראַכן.

פאַר איין שוואַרץ כּמאַרעלע אויפן רעוואָלוציאָנערן האָריזאָנט האָט זיך קליינמאַן געשראָקן. די צייטווייליקע רעגירונג האָט נישט געוואָלט פאַרראַטן אירע פאַרבינדעטע, פראַנקרייך און ענגלאַנד. האָט איינגעפירט

אַ שטרענגע דיסציפּלין אין דער צעשלאָגענער רוסישער אַרמיי און אַטאַקירט די עסטרײַכישע חיילות. מיט דער הילף פון דײַטשע אָפּטײלונגען האָט די שוואַכע עסטרײַכישע אַרמיי צוריקגעשטויסן די רוסישע פאָלקן.

אין יענער צײַט זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. די סאָלדאַטן, ווי קיינמאָל נישט ביז אַהער אין רוסלאַנד, האָבן געהאַט שטימרעכט. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז געווען קעגן דער מלחמה מיט דײַטשלאַנד און דערמיט אויסגענומען בײַ די מידע אַרמיי־אָפּטײלונגען. פאַר די באָלשעוויקעס איז נישט געווען פאַרהוילן אַז אין הינטערלאַנד וועלן זיי נישט קריגן קיין גרויסע באַכפאָלגערשאַפט און דערפאַר געהאַמערט מיט זייער קעגן־מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע אין די אַרמיי־אָפּטײלונגען וואָס זענען געשטאַנען הינטערן פראָנט און זיי אַריבער־געוואונען אויף זייער זײַט. פאַר דעם כמאַרעלע האָט זיך קליינמאַן געשראָקן. אויב די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי וועט זיך קענען אָנלענען אפילו נאָר אויף עטלעכע פאָלקן, וועט זי פאַרכאַפּן די מאַכט, ד. ה. די מלוכה — און אויס מיט דער פרײַהייט פון וואָרט, פרעסע און פאַרזאַמלונגען.

עס האָט זיך קליינמאַנען נישט געקענט אויסמאָלן אַז די צײַטווײַליקע רעגירונג איז בלינד און זעט נישט די קומענדיקע גרויסע געפאַר. איז פאַר וואָס זשע בעמט זי נישט אָן די געהעריקע שריט קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי וועמענס ציל ס'איז צו צעברעכן אַלע פּאַרטייען, נאָר איין פּאַרטיי, די באָלשעוויסטישע, זאָל הערשן איבער רוסלאַנד? און די געפאַר קען מען אויסמײַדן זייער פּשוט, דעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי זעצט מען אַרײַן אין תּפיסה — און פאַרטיק! טאָמער זשע וועט זיך באַווײַזן אַ נײַער צענטראַל קאָמיטעט וואָס וועט אַרײַננעמען אין די הענט די לייצעס פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, זעצט מען אים אויך אַרײַן אין טורמע — און די פּאַרטיי וועט זיך צעפאַלן ווי אַ צעיושעטער המון אָן אַ רעדלפירער.

— „איי, וועט איר דאָך געוויס טענהן, — האָט משה זיך געוווּנדערט צו זײַנע נאָענטע פרײַנט. — אַז דאָס איז קעגן פרײַהייט פון וואָרט? — וועל איך אײַך פרעגן — ווי מעג מען דערלאָזן אַז אַ פּאַרטיי זאָל זיך באַנוצן מיט דער פרײַהייט פון וואָרט ווען ס'איז באַוואוסט אַז קומט די דאָזיקע פּאַרטיי צו דער מאַכט וועט זי אויסראָטן מיטן וואָרצל נישט נאָר די פרײַהייט פון וואָרט, נאָר אויך די פּאַרטייען און זייערע פירער. איך האָף נאָך אַלץ אַז די רעגירונג וועט זיך סוף־כּל־סוף באַזינען און אָננעמען דראַסטישע מיטלען קעגן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי וואָס וויל אומברענגען די קיום דער־וואָרבענע פרײַהייט.

קליינמאַנס האָפענונגען אַז די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וועט זיך שנעל אײַניקן אויף דער צעטיילונג פון דער ערד צווישן די פּויערים, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די פּויערים ראַבעווע דאָס אָנגעראַבעוועטע! —

און צעטריבן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג. די פּויערים האָבן זיך גלײך אָנגעכאַפּט אָן דעם אױפֿרוף, פֿאַרטריבן די גוטבאַזיצער פֿון זײערע גיטער און יעדעס דאָרף האָט פֿאַרטײלט צװישן זיך די פֿאַרכאַפּטע ערד.

די אָנהענגער פֿון דער פֿריערדיקער רעגירונג װאָס האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל אָנזעץ אױף דער פּראָװינץ האָט געװאָרנט די פּױערים אַז װי נאָר די באָלשעװיקעס װעלן באַהערשן גאַנץ רוסלאַנד װעלן זײ צוריקנעמען די ערד בײ די פּױערים און אײנפֿירן אַ קאָלעקטיװע באַלעבאַטישקײט װאָס איז די פּױערים נישט געװען ביחא. די רײד פֿון די װאָרענענס זענען די פּױערים דורך אײן אױער אַרײן און דורכן אַנדערן אַרױס, װײל זײ האָבן געהאַלטן פֿונעם כּלל — װאָס מע פֿאַרכאַפּט דאָס האָט מען. אױך די אַרבעטער װאָס האָבן נישט געטרױט די באָלשעװיקעס האָבן, צוליב געװיסע הבטחות, נישט געשטעלט זײ קײן שום װידערשטאַנד — און אין משך פֿון אַ קורצער צײט האָבן די באָלשעװיקעס געהערשעװעט איבער גאַנץ אײראָפּעיִש רוסלאַנד.

קלײנמאַן איז אַרײנגעפֿאַלן אין אַ יאוש — זײ װעלן דאָך מאַכן פֿון רוסלאַנד אײן גרױסע קאַזאַרמע און מע האָט עס לײכט געקענט פֿאַרמײדן.

די באָלשעװיקעס האָבן אױף אַ װײלע נישט געשטערט אַנדערע פֿאַרטײען צו פֿאַררופֿן באַראַטונגען און קלײנע פֿאַרזאַמלונגען, זײער צאָל אָבער האָט זיך געקײקלט באַרג אַראָפּ און די פֿירער זענען אַריבערגעגאַנגען צו די באָלשעװיקעס.

קלײנמאַן איז געװען אױסער זיך — ערשט נעכטן האָבן די אַריבערלױפֿער געשיט פּעך און שװעבל אױף דער באָלשעװיסטישער פּאַרטײ און איבערנאַכט האָבן זײ געקראָגן פֿאַרשטאָכענע אױגן, רעדן און שרײבן װי אַלטע פֿאַרהאַרטעװעטע באָלשעװיקעס.

קלײנמאַן האָט בשום אופֿן נישט געקענט באַנעמען װיאַזױ פֿירער פֿון אַ פּאַרטײ קענען אײנס און צװײ זיך אָנשליסן אין דער קעגנערישער פּאַרטײ און גאַליק אױסלאַכן די חברים װאָס זענען געבליבן געטרײ זײערע אַלטע אני־מאמינס.

קלײנמאַן האָט אױסגעגאָסן זײן ביטער האַרץ פֿאַר זײנעם אַ פֿרײנט װאָס איז צוזאַמען מיט אים פֿאַרבליבן אײנעם אײנזאַמען װינקל פֿונעם ערשט נישט לאַנג צובליטן ייִדישן פּאַרטײ־לעבן: „אַזעלכע פֿירער שפּײען דאָך זיך אַלײן אין פּנים אַרײן און זײ דאַרף מען װי קרעציקע פֿאַרטרײבן פֿונעם ייִדישן קיבוץ.

— „פֿאַר אַזעלכע רײד קען מען דיך און מיך אַרײנזעצן אין דער באָלשעװיסטישער טורמע און מיר װעלן פֿאַרפֿײניקט װערן פֿון אונזערע נעכטיקע חברים". — האָט פֿון זײן פֿרײנטס מױל זיך אַרױסגעריסן אַ יאושדיקער זיפֿץ.

פֿאַר משהן האָט זיך צעעפֿנט דער צוגעזאָגטער „גן־עדן", און ווער האָט אָנגעפֿירט מיט אים אין דער שטאָט וואו קליינמאַן האָט געוואוינט? דער סטודענט גרינוואַלד, דעם רייכן יידישן פֿאָסעסאָרס זונדל וואָס איז געוואָרן דער קאָמיסאַר און סטראַשידלע פֿון דער גאַנצער שטאָטישער באַפֿעלקערונג, יידישער און גוישער.

12

אויפן וועג פון קיעוו קיין מאָסקווע האָט קליינמאַן זיך באַקענט מיט אַ בחור, אַ רוס. זיי זענען געזעסן איינער נעבן אַנדערן אין וואַגאָן און די יאַזדע האָט געדויערט העכער דריי מעת־לעת, מחמת דער צוג איז גראָד אויף אַ קליינער סטאַנציע אָפּט געבליבן שטעקן אויף עטלעכע שעה. (פאַר דער רעוואָלוציע פלעגן די פּאַסאַזשיר־צוגן נאָר פאַרביילויפן די קליינע סטאַנציעס און קיינער האָט אַפילו נישט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער צו זען וואָסער סטאַנציע מ׳איז דורכגעפאָרן). די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער וואָקזאַל־געביידע צו קריגן קיפּיאַטאָק און עסנוואַרג, וואָס פעלט אויס אין אַ רייזע ווען מע קען קיינמאָל נישט דערגיין אין וואָסער טאָג מע וועט אָנקומען צום באַשטימטן פונקט. דער רוסישער בחור וואָלאָדיע און משה האָבן ביידע צוזאַמען נישט פאַרלאָזט זייערע פּלעצער, איינער איז תמיד געבליבן אין וואַגאָן צו זען, אַז דעם שכנס אָרט זאָל נישט פאַרנומען ווערן פון די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן מיט גוואַלד זיך אַריינגעשטופּט אין די וואַגאָנען. דער צווייטער האָט שוין נאָטירלעך איינגעקויפט אַלערליי זאַכן פאַר ביידע. דעמאָלט איז אוממעגלעך געווען צו קריגן אַלצדינג וואָס יעדער איינער האָט פאַרלאַנגט, האָט מען איינגעקויפט וואָס ס׳איז מעגלעך געווען צו דערווישן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען ווערט מען היימיש און אַמאָל פאַרקניפּט זיך אַ פריינטשאַפט.

דאָס איז פאָרגעקומען צווישן וואָלאָדיען און משהן אויפן דריטן טאָג נאָך זייער אופזעצן זיך אויף דער באַן. עס איז במילא געשען דאָס צווייטע — ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען אין דער קרויטשטאָט און אַראָפּגעשטיגן פון דער באַן, אָנגעטאָנענע ביידע אין אַ זומער־און ווינטער־מאַנטל און טראָגנדיק צו צוויי שווערע רענצלעך אין די הענט, האָט משה ווי אַ פרעמדער אין דער גרויסער שטאָט אַרויפגעבראַכט אויף די ליפּן: „וואוהין זשע וועלן מיר צופאָרן, וואָלאָדיע?“

— „וואָס הייסט וואוהין?“ — האָט זיך וואָלאָדיע געוואונדערט. — „צו אונז אין שטוב אַריין“.

נאָך קאַרגע פיר טעג שלעפּן זיך מיט דער באַן, וואו מען האָט זיך אַפילו איינמאָל ווי געהעריק נישט אויסגעשלאָפן, איז קיין חידוש ניט וואָס קליינמאַנען איז אַרויס פון קאָפּ, אַז נאָך אין ערשטן טאָג פון זייער באַקאַנטשאַפט האָט אים וואָלאָדיע געלאָזט וויסן, אַז זיי וועלן פאַרפאָרן צו אים אין הויז אַריין. וואָלאָדיע האָט די ווערטער אַרויסגערעדט כלאחר יד און זיי האָבן זיך נישט איינגעקריצט ביי משהן אין זכרון, אַניט וואָלט ער וואָלאָדיען

נישט געשטעלט אַזאַ פּראַגע. קריגנדיק אַזאַ גוטברודערישן ענטפער פון וואָלאָדיען, — האָבן קניטשן זיך באַוויזן אויף משהס שטערן — האָט נישט קיין זינען צו שטעלן זיך קעגן און באַשטיין, אַז ער וועט צופאָרן אין אַ האָטעל. ער וועט איינשטיין ביי וואָלאָדיען אַ צוויי טעג און דערנאָך וועט אים שוין קלאָר ווערן וואָס צו טאָן. נאָך די קניטשן אויף קליינמאַנס שטערן האָט וואָלאָדיע זיך אַנגעשטויסן, אַז ער קווענקלט זיך און דערפאַר געפונען פאַר נויטיק ממשיך צו זיין: „דאָס הויז איז פריער געווען אונזערס, איצט געהערט עס צו דער רעגירונג. ווי כ׳האָב דיר שוין געזאָגט איז מיין טאַטע אַ גלח, טשעפּעט מען אונז נישט און מיר צאָלן זייער ווינציק דירה־געלט״.

וואָלאָדיע איז אַ וואוילער בחור און שפּילט זיך נישט אין באַהעלטענישן, איז קליינמאַנען געקומען אויפן געדאַנק, וועט ער מיט אים אויך רעדן פון האַרץ צו האַרץ.

— „ווי איך שטעל זיך פאָר, וואָלאָדיע, וועל איך זיך זאַמען ביי דיר אַ פּאָר טעג און דו וועסט מיך באַקענען מיט דער שטאָט. דערנאָך וועלן מיר אַרויסגיין און זוכן אַ דירה פונמיינעטוועגן״.

— „וואָס פאַר אַ פּאָר טעג?״ — האָט וואָלאָדיע אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, — „מיר האָבן אַ גרויסע דירה און ס׳איז דאָ פּלאַץ נאָך פאַר עטלעכע מענטשן. וועסט קענען זיין ביי אונז ווי לאַנג דו וועסט זיך זאַמען אין דער קרוינשטאָט. מיין טאַטע וועט זיך מחיה זיין מיט דיר, וועט האָבן מיט וועמען צו שמועסן״.

קליינמאַן האָט נישט באַנומען וואָס וואָלאָדיע האָט געמיינט מיט די ווערטער — „ער וועט האָבן מיט וועמען צו שמועסן״ — חקירהן וועגן דעם האָט ער קיין חשק נישט געהאַט און פרעגן וואָלאָדיען, וואָס ער מיינט דערמיט האָט ער נישט געוואָלט. וואָס־וואָס, קיין שלעכטס שטעקט נישט אין דעם, האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז ס׳לוינט זיך נישט איבער־צוטראַכטן, מיטן צופאָרן אַהין וועט ער גאָרנישט דערלייגן. פאַרקערט, ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אַ גלחישער פאַמיליע, מסתמא מיט נאָך גלחים, וועט זיך אַריינדרייען אין אַ וועלט, וואָס איז אים אינגאַנצן פרעמד און וואָס ס׳וועט זיין ווייטער זאָל זיך גאָט זאָרגן.

ווען משה און וואָלאָדיע האָבן זיך אַריינגעיאָוועט אין זיין היים, איז זיי אַקעגן געקומען זיין פאָטער. — „איר האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער ריכטיקער צייט״ — האָט דער גלח צעשפּרייט די הענט. — „דער טיש איז שוין געגרייט, וועט איר שוין עסן מיטאָג מיט אונז״.

— „דאָס איז מאָיסיי שיעוויטש, פּאַ״, — האָט וואָלאָדיע פאָרגעשטעלט קליינמאַנען פאַר זיין טאַטן. — „מיר זענען טאַקע זייער הונגעריק און זוי נאָר מיר׳ן זיך אַרומוואַשן, וועלן מיר אַריינקומען אין עסצימער״.

אַרום טיש זענען געזעסן די גלחטע, זייער זון וואָס האָ טגעשטודירט

אין גלחישן סעמינאַר און וואָלאָדיעס שוועסטער מיט איר מאַן. וואָלאָדיע האָט פאַרגעשטעלט קליינמאַנען פאַר זיינע אייגענע. מ'האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר די צוויי צוגעקומענע און דער גלח האָט זיך אָנגערופן: „איר קענט, מאַיסיי שיעוויטש, גיין צום טיש אין היטל ווי עס טוען די פרומע יידן נאָך אייער זאָקאָן".

— „מאַיסיי שיעוויטש איז נישט קיין פאַנאַטישער ייד ווי איך בין נישט קיין פאַנאַטישער קריסט". — האָט וואָלאָדיע ווי געעצהט קליינמאַנען, אַז ער זאָל עסן ווי אַלעמאָל, אָנעם היטל.

די גלחטע האָט אַ קרומען בליק געגעבן אויף איר יונגערן זון — אומעטום און צו יעדער צייט לאָזט ער נישט דורך די מינדסטע געלעגנהייט באַקאַנט צו מאַכן אַז ער איז נישט קיין פאַנאַטישער קריסט.

דאָס האָט אויך פאַרדראָסן וואָלאָדיעס עלטערן ברודער — וואו מע דאַרף און וואו מע דאַרף נישט מוז ער, וואָלאָדיע, דערקלערן בקול רם, אַז ער איז אַן אַפּיקורוס. ער קען נאָך פאַרשטיין, אַז וואָלאָדיע זאָל זיך אַריינ־לאָזן אין אַ שמועס מיט זיינע פריינט, יידישע און אַמאָל אויך נישט־יידישע, וועגן קריסטנטום און מאַכן עס צו גאָרנישט, אַרויסווייזנדיק פאַרשטענדליך אַן עם־הארצישע באַנעמונג פון דער קריסטלעכער לערע. אַזוינס איז מעג־לעך, ס'איז היינט אַריין אין דער מאָדע און ער וויל זיין אַ היינטוועלטיקער. אָבער פאַר אַ פרעמדן מענטשן אין די אויגן אַרויסקומען מיט אַזאַ שטעלונג צו די עלטערנס רעליגיע, בפרט נאָך ווען דער פאָטער איז אַ גלח, — דאָס האָט ער שוין נישט דערוואַרט.

דער גלח דווקא האָט וואָלאָדיעס ווערטער וועגן זיין באַציאונג צו דער אָנגענומענער קריסטלעכער רעליגיע זיך נישט גענומען צום האַרצן, מעג אַפילו אַ ייד זיין דערביי. עס האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז אַ לעסטערער האָט געשטרעבט אויסצוואָרצלען ביים מענטשן דעם גלויבן אין גאָט און עס האָט זיך נישט איינגעגעבן. עס האָט זיך צומאָל אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט וועלן די אַפּיקורסים דערגרייכן זייער ציל — און שפּעטער צו האָט די רעליגיע זיך צוריק באַפעסטיקט. אויך איצט וועט דאָס אייגענע געשען. די אומאויפהערלעכע פּראָפּאַגאַנדע קעגן קריסטנטום וועט נישט פאַר'סמען די מוחות פונעם רוסישן מענטשן, די פויערים און אַרבעטער וועלן אינגיכן אָנפילן די קלויסטערס און פאַלן אויף די קני פאַר גאָטס מוטער. טאָמער וועט אָפּפאַלן אַ ביסל גלויביקע פון צווישן די היצקעפּיקע, איז אויך נישט געפערליך. דער גרויסער עולם וועט זיך האַלטן שטאָל און אייזן ביים גלויבן פון זייערע עלטערן. איז צו וואָס זשע זיך אויפרעגן איבער אַ נאַריש־קייט? וואָלאָדיע אַליין וועט אָנהייבן צו גיין אין קלויסטער אַריין ווי נאָר ער וועט אַריינשפּאַנען אין די טיפע זעכציקער, און אפשר נאָך פריער.

קליינמאַן האָט אַ וויילינקע זיך געקווענקלט, די געוואוינהייטן פון דער אַלטער היים האָבן אָנגעוואוירן די שליטה איבער אים, איז אָבער באַלד

געקומען צו זיך און געטאָן וואָס ער האָט, זינט ער געדענקט זיך, געטאָן — געגאַנגען זיך וואַשן די הענט פאַרן עסן קלערנדיק דערבײַ ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק — וואַשן זיך די הענט פאַרן גיין צום טיש איז איינע פון די שענסטע מידות, מעג עס אַפילו זײַן פאַרשלײַערט מיט אַ רעליגיעזן ריטואַל. ווי קען מען זיך גאָר צוריקן צו ברויט מיט שמוציקע הענט?

ביים פאַרטיילן די מאָגערע געריכטן צו די אייגענע און געסט האָט די גלחטע געפונען פאַר נויטיק אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן: „מע דאַרף נאָך דאַנקען גאָט וואָס סע גיט זיך אַמאָל איין צו קריגן פון צײַט צו צײַט אַ שטיקל פלייש. עס טרעפט אַז אין משך פון דרײַ־פיר טעג זעט מען נישט קיין פּיצל פלייש פאַר די אויגן, און מען מוז זיך באַנוגענען מיט הירזשענער קאַשע, קאַרטאָפּליעס און קרויט... צום גליק האָט מען נעכטן אויסגעטיילט קליינע פּאַרציעס פלייש...”

— „יאָ מע דאַרף דאַנקען גאָט פאַרן אויפשטיין און פאַרן גיין שלאָפן — האָט וואָלאָדיעס עלטערער ברודער מער נישט געקענט שווײַגן. — „לויט ווי מען האָט אויפגעהערט זיך צוהערן צו גאָטס וואָרט, וואָלט באַדאַרפט קומען אַ מבול אויף דער וועלט און אַלץ פאַרשווענקען”.

— „און פאַר דער רעוואָלוציע ווען די פויערים האָבן אין די זונטאָגס נישט פאַרפעלט צו גיין אין קלויסטער אַריין” — האָט וואָלאָדיעס שוואָגער גענומען דאָס וואָרט. — „האָבן זיי געגעסן צו זאַט? איצט האָבן די פויערים געקראָגן צו שטיקלעך ערד און זענען ווינציקסטענס פאַרזאָרגט מיט — ברויט מיט קאַשע”.

די גלעקער אין שכנישן מאָנאַסטיר פונעם געהיילקטן וואַסילי האָבן זיך צעקלונגען.

— „צו וואָס קלינגען אַזוי אָפט די גלעקער פונעם שכנישן מאָנאַס־טיר?” — האָט וואָלאָדיע נישט פאַרפעלט צו לאָזן הערן פון זיך.

— „דו ווייסט עס גלײַך מיט מיר” — האָט וואָלאָדיעס עלטערער ברודער אים געענטפערט. — „די מאָנאַכן דערמאָנען דעם זינדיקן מענטשן, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן תשובה צו טאָן”.

— „בײַ אונז, יידן, שטייט אויף דער שמש גאַנץ פרי אין די קליינע שטעטלעך, באַזונדערס אין געוויסע חדשים, גייט אַרום איבער די גאַסן, קלאַפּט אָן אין די פאַרמאַכטע לאָדנס און שרייט אויס: „שטייט אויף לעבודת הבורא”! — האָט קליינמאַן געלאָזט וויסן דעם עולם, אַז די פרומע יידן שטייען ניט אָפּ פון די פרומע קריסטן.

— „אין מיטלאַלטער זענען די קריסטן געווען זייער פרום”, — האָט וואָלאָדיע אַרײַנגעוואָרפן אַ שטיינדל אין שטילן וואַסער, וואָס האָט לייכט אָפּגעהילכט אין קליינעם אַרום. — „און זיי האָט זיך געלעבט ערגער ווי היינט”.

— פרומקייט איז נישט קיין פּאַרטל צו פרנסה” — האָט וואָלאָדיעס

ברודער אָפּגעשלאָגן זיין באַהויפּטונג. — „דער מענטש דאַרף גלויבן און דינען גאָט יעדן טאָג און נישט דערוואַרטן קיין שום שכר. פאַרן לעבן אַליין, דעם בעסטן געשאַנק, וואָס גאָט האָט אונז געגעבן, דאַרף מען אים דאַנקען און לויבן".

— „נישט אין פרומקייט גייט עס" — האָט וואָלאָדיע געקוקט זיין ברודער אין די אויגן. — „וואָלטן די פירער פון די פאַרטייען, וואָס שטייען איצט ביים רודער פון דער מלוכה, פאַרטיילט די רייכטימער פון די גבירים אויף אַן אָנשטענדיקן אופן, וואָלט געסטייעט פאַר אַלעמען".

— „איר דערוואַרט צופיל" — האָט קליינמאַן אַראָפּגעלאָזט די אויגן. פון אים האָט אַרויסגערעדט, להיפּוך זיין געוויינלעכער האָפערדיקייט, די אָנגעזאַמלטע לעבנס־חכמה פון זיינע טאַטע־מאַמע. — „מיר, יידן, האָבן שוין איבערגעלעבט קאַלטס און וואַרעמס און וויסן, אַז אַפילו די אויסדערוויילטע צווישן אונז זענען נישט מער ווי מענטשן, מאַכן טעותן און אַמאָל גרויסע. אַזוי איז געווען און כ'האָב מורא אַז אַזוי וועט עס זיין".

דער קליינער עולם האָט באַנומען די יידישע לעבנס־חכמה און אַנטשוויגן געוואָרן.

13

אויף אַלע גרעסערע און קלענערע רעפּראָדוקציעס פון באַוואוסטע בילדער וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון אָנגעזעענע רוסישע מאָליערס, איז פון אונטן געווען אָנגעצייכנט — טרעטיאַקאָווס בילדער־גאַלעריע. דערפון האָט מען געקענט דרינגען אַז זי איז באַוואוסט איבערן גאַנץ לאַנד. עס איז אויך געווען באַקאַנט אַז זי געפינט זיך אין דער קרוינשטאָט. איז קליינמאַנען געלעגן אין קאָפּ אַז ווי נאָר עס וועט אים אויסקומען צו זיין דאָרט אַ פּאָר טעג, וועט ער אומבאַדינגט באַזוכן די בילדער־גאַלעריע.

און אַזוי איז געשען. אין די ערשטע דריי מעת־לעת פון זיין וואוינען אין מאָסקווע, איז ער אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און אוועקגעלאָזט זיך צו דער בילדער־גאַלעריע. ער איז געוואויר געוואָרן, אַז צו קומען אַהין וועט געדויערן אַנדערהאַלבן שעה און אַמאָל גאַנצע צוויי. וועט ער ביז פאַרנאַכט האָבן גענוג צייט איבערצוקוקן אַלע בילדער.

אַריינקומענדיק אַהין איז משה געוואָרן פאַרגאַפט: וואָס פאַר אַ שפע פון בילדער אין איין צימער, אי דאָס פון איין מאָליער! פונעם ביכעלע וואָס ער האָט אַריינגעקראָגן ביים אַריינגאַנג און עס געבלעטערט אַ פּאָר מינוט, האָט זיך געשטאַרקט ביי אים די השערה, אַז בילדער פון אַ סך מאָליערס געפינען זיך דאָ און עס קען אויך געמאָלט זיין, אַז בילדער פון איין מאָליער פאַרנעמען מער ווי איין צימער. פון פאַרגאַפונג איז ער געבליבן שטיין ווי ער וואָלט געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערן ניסיון און געדאַרפט שנעל באַשליסן ווי לאַנג צו זאַמען זיך ביי אַ בילד, אַניט וועט ער אַלץ פאַרלירן. אַ יאָגעניש איז אָנגעלאָפן אויף אים ווי דאָס וואָלט געווען דער באַין־ברירההדיקער אויסוועג. ער וועט מער ווי עטלעכע מינוט זיך נישט אָפּשטעלן ביי אַ בילד און וועט אַזוי־אַ גיין פון איין צימער אין צווייטן. פון זיך אַליין וועט שוין באַשטימט ווערן מיט וויפל צימערן ער וועט זיך אָפּפאָרן אין איין טאָג.

אַהיים קומענדיק האָט קליינמאַן באַלד זיך געלייגט שלאָפן, כדי צו־מאָרגנס אויפשטיין גאַנצפרי און האָבן דעם גאַנצן טאָג פאַר דער בילדער־גאַלעריע. ער האָט אין זיבעזן געהאַט פאַרטיק צו ווערן דערמיט איידער עס וועט זיך אָנרוקן דער טערמין צו שטעלן זיך אַרבעטן.

אויפן צווייטן טאָג האָט משה באַלד איינגעזען, אַז דאָס וועט זיך אים נישט איינגעבן, איז דערפאַר גלייכער נישט צו איילן זיך ביים באַטראַכטן די בילדער, דורכדעם וועט ער מער הנאה האָבן און אויך זיי גיך נישט פאַרגעסן.

עס וועט נישט זיין אויסערן וועג איבערצוחזרן, אַז קליינמאַן איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל פונעם תחום המושב און נישט געטאָרט וואוינען אין דער קרוינשטאָט און אין אַנדערע גרויסע שטעט, וואו ס׳איז געווען אַ געלעגנהייט צו געניסן פון קולטורעלע דערגרייכונגען אויף אַלערליי געביטן — טעאַטער, מוזיק, מאָלעריי א. א. וו. אין תחום המושב איז מען געווען געצוואונגען צו באַנוגענען זיך נאָר מיט די אָפּשניצלעך פון קולטור. אַמאָל אין אַ יובל האָט זיך אַ דריקלאַסיקע טרופּע אַראָפּגעכאַפּט אין דער אויעזדנער שטאָט אַריין און געגעבן אייניקע רוסישע פאָר־שטעלונגען. נאָר אַ מועט פון דער קליינשטעטלדיקער יוגנט איז געווען ביי די פאָרשטעלונגען און דערנאָך געפּרובירט שפּילן יידיש טעאַטער אין אַ פּירהויז פון אַן אכסניה.

האָט אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע, האָבן אַלע טיר און טויערן זיך געעפענט פאַר דער יידישער יוגנט פונעם געוועזענעם תחום המושב. אַ סך יוגנטלעכע האָבן זיך טאַקע אָוועקגעלאָזט אין די גרויסע שטעט, ס׳רוב האָט עס נישט געקענט באַוויזן איבער אַלערליי סיבות — פינאַנציעלע, משפּחהדיקע, חתן־כלה׳דיקע. מערסטנס זענען די סיבות געווען פינאַנציעלע, צו לעבן אין אַ גרויסער שטאָט און באַזוכן אַ גימנאַזיע האָט געקאָסט אַ סך געלט און גאָר ווינציק יידישע באַלעבאָטים האָבן געקענט נעמען אויף זיך אַזאַ יאָך. און בחורים וואָס האָבן געקענט שטיין אויף די אייגענע פיס איז מען אימשטאַנד געווען אויף די פינגער איבערצוציילן.

אין די ערשטע עטלעכע טעג איז קליינמאַן שטאַרק פאַרטאָן געווען אין דער נייער אַרבעט און נאָר געפילט, אַז אַ היפּש ביסל מענטשן זענען אויסגעזעצט אַרום די מאַסיווע ברייטע טישן, האָט אָבער קיינעמס פּנים נישט געזען. שפּעטער צו ווען די אַרבעט איז שוין נישט געפאַלן אויף אים שווער, איז זיין בלינדקייט צום מענטשישן אַרום ביסלעכוויז פאַרשוואונדן, האָט ער גענומען זען די נאָענטע און וייטלעכע שכנים, מיט אייניקע באַ־קענט זיך און דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער, האָט אָנגעהויבן זיך פילן ווי אַ גליד פון דער אַרומיקער געמיינדע, באַנומען זיך צו אַלעמען ווי צו ברידער און שוועסטער פון איין הויזגעזינד און אַפילו אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ היימישן געשפּרעך.

חוץ די צוויי גרויסע רוסישע צייטונגען האָט קליינמאַן אויך געלייענט די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן וואָס זענען דערשינען אין דער קרוינ־שטאָט און אין די פאַרשיידענע ראַיאָנען פון דער פּראָווינץ. דערפון האָט זיך ביי אים געשאַפן אַ בילד פונעם יידישן לעבן איבער גאַנץ רוסלאַנד וואָס ער האָט נישט דערוואָרבן אין זיין שטעטל אָדער אויעזדנער שטאָט. ער האָט נישט פאַרפעלט צו באַזוכן די פאַרזאַמלונגען פון די יידישע נישט־קאָמוניסטישע פאַרטייען וואָס זענען מיט יעדער וואָך און חודש קלענער און נאָך קלענער געוואָרן ביז זיי זענען אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

קלײנמאַן האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ נאָטיץ אַז אין דעם זאַל װעט הײנט אָװנט פּאָרקומען אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דער ײדישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ און איז אַהין צוגעגאַנגען. עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַז ס׳איז געװען אַ כמאַרנער דרױסן און ס׳האָט געקאַפּעט אַ דריבנע רעגנדל. האָט אים נישט געחידושט װאָס דער זאַל איז געװען לײדיקלעך דער גרױס־שטאָטישער מענטש האָט, װײזט אױס, נישט ליב אַװעקצוגײן פֿון הױז װען אין דרױסן גײט אַ רעגן. ער האָט אָבער אױף די שפּעטערדיקע באַזוכן װען ס׳איז געװען שײן אין דרױסן, אױך נית אָנגעטראָפֿן קײן גרױסן עולם. האָט עס אים שטאַרק געװאָונדערט: — סטײטש, עס טרעטן אַרױס אױף דער פֿאַרזאַמלונג די פּני פֿון דער פּאַרטײ מיט זײער אינטערעסאַנטע רעדעס און עס קומען נישט קײן סך מענטשן. נישט אַנדערש, אַז אין דער גרױסער שטאָט קװאַפּעט זיך נישט דער ײדישער עולם אױף אַזעלכע זאַכן. װאָס איז די סיבה דערפֿון? ...

קלײנמאַן האָט אָנגעקניפּט אין דער קרױנשטאָט אַ גרױסע באַקאַנט־שאַפֿט און איז געװען אַן אָנגעלײגטער גאַסט אין אײניקע הײזער. פֿון די פֿאַרשײדענע שמועסן מיט באַקאַנטע האָט ער אַרױסגעדרונגען, אַז אין דער שטאָט װױנען אַ סך ײדן, אָנגעלאָפֿענע פֿון דער נאָענטער און װײטער פּראָװינץ. דאָס ײדישע געזעלשאַפֿטלעכע לעבן אָבער איז נישט פֿאַרהױלן געװען פֿון קלײנמאַנען, איז געװען מער אָנגעזען אױף דער פּראָװינץ װי אין דער קרױנשטאָט. די סיבה דערפֿון איז פֿאַר משהן געװען קלאָר. דער קרױנשטאָטישער ײד באַנעמט זײנע און פֿאָלקספּראָבלעמען זאַכלעכער און עס װערן תיכף ומיד אָנגענומען פּראַקטישע באַשלוסן.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט קלײנמאַן געגומען אײנזען, אַז אין די קלײנע שטעטלעך האָט די ײדישע יוגנט, פֿאַר דער רעװאָלוציע נישט געהאַט קײן שום באַשעפֿטיקונג און געלעבט אױפֿן טאַטנס פֿאַרדינסטן. איבערצובױען דאָס ײדישע לעבן אױף אַנדערע יסודות האָט די יוגנט נישט געהאַט די מעגלעכקײט, האָט איר ענערגיע זיך צעשפּרודעלט אין די האָפֿענונגען אױף דער פֿאַרנעפּלטער צוקונפֿט און זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין פּאַרטײען, װאָס האָבן אָנגעװיזן אױף װאָס פֿאַר אַן אופֿן מע דאַרף אײנשטעלן אַ נײ ײדיש לעבן.

אין שטעטל זענען געװען דרײ פּאַרטײען — די ציוניסטישע און צװײ אַרבעטער־פּאַרטײען, כאָטש אַרבעטער זענען אין שטעטל נישט געװען בנמצא. די ציוניסטישע פּאַרטײ איז געװען די גרעסטע און איר פּראָגראַם איז געװען די קלאָרסטע. אין גלות װעט דאָס ײדישע פֿאָלק נישט לעבן, נאָר װיאַנען, איז די אײנציקע האָפֿענונג — באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל װי חלוצים און צוגרײטן אַ באָדן פֿאַר אַ גרױסער אױסװאַנדערונג אין אײגענעם לאַנד, װוּ סװעט מוזן קומען.

בײ אײן אַרבעטער־פּאַרטײ איז ציוניזם געװען טריף. צוזאַמען מיט

אַלע אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען דאַרף מען בויען רוסלאַנד אויף פּראָלע־טאַרישע יסודות, וואו יעדעס פאָלק וועט זיך אויסלעבן אויף איר אייגענער קולטור. די צווייטע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט נישט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט פּאַלעסטינע, האָט אָבער נישט געלייגט דערויף דעם הויפּטגעוויכט, נאָר געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ לאַנד צו וועלכן ס'האָט געטליעט אַ בענקשאַפט ביי אייניקע יידן — אַמאָל און אַמאָל איז דאָרט געווען אַ יידישע מדינה. וואָלט דערימעך קיינעם נישט געשאַט, ווען עס בויעט זיך דאָרט אויך, ביי גינסטיקע באַדינגונגען, אַ קליינער יידישער ישוב. דאָס יידישע פאָלק איז אַלעמאָל געווען צעשפּרייט איבער אַ סך מדינות. דער רוב יידישער בנין און מנין וועט און דאַרף בלייבן אין לאַנד, וואו אונזערע טאַטעס און זיידעס זענען געבוירן געוואָרן און זיך צונויפגעלעבט מיט די אַרומיקע פעלקער. פאַרשטייט זיך אַז די צאַרישע צייטן זענען פאַריבער און עס וועלן נישט געמינערט ווערן די רעכט פונעם יידישן פאָלק איינצושטעלן זיין אייגענאַרטיק לעבן ווי די איבעריקע פעלקער פונעם גרויסן לאַנד.

אינעם פיל־פעלקערלעכן און פיל־פּאַרטייאישן שטראָם וואָס האָט פאַר־פלייצט דאָס דעמאָלטיקע רוסלאַנד איז געווען נאַטירלעך, אַז אין דער יידישער געמיינדע זאָל זיך אַרויסרוקן איין בחור, וואָס האָט באַנומען גרינטלעכער ווי עמיצער אַנדערש די צילן פונעם יידישן פאָלק בכלל און פון זיין פּאַרטיי בפרט. ווי אַ פירער פון דער פּאַרטיי איז אָנגענומען געוואָרן דער יונגערמאַן, וואָס האָט ברייטלעך אַרומגערעדט די פּראָגראַם פון זיין פּאַרטיי און געמאַכט צו אַש און בלאָטע די פּראָגראַמען פון די אַנדערע פּאַרטייען. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענלדיך, אַז דער יעניקער איז אויך אויסדערוויילט געוואָרן ווי אַ דעלעגאַט צום פּאַרטיי־צואַמענפאָר, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין דער גרויסער שטאָט. אויפן צחאַמענפאָר איז די עובדא פונעם דעלעגאַטס באַשטאַנען פון הויבן די האַנט אויף אַ רעזאָלוציע, וואָס די פני פון דער פּאַרטיי האָבן געשטעלט צון אַן אָפּ־שטימונג, צוריקקומענדיק אין זיין שטעטל אַריין, איז געווינלעך דער דעלעגאַט אין אַ באַשטימטן אָוונט אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַריכט וועגן צוזאַמענפאָר. ער האָט באַריכות אַרומגערעדט די רעזאָלוציעס וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר מיט אַזאַ קענטשאַפט און פּינקט־לעכקייט, ווי ער וואָלט זיך באַטייליקט אינעם אויסאַרבעטן פון די רעזאָ־לוציעס.

אויפן אָוונט זענען געווען קינד און קייט און נאָך דער לאַנגער רעדע האָט דער דעלעגאַט געקראָגן אַזעלכע אַפּלאָדיסמענטן ווי קיינער נישט פון די גלאַווע פירער, וואָס האָבן געהאַלטן די וויכטיקע ריידעס אויפן צוזאַמענ־פאָר. אַ באַריכט וועגן דעם אָוונט איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט, צום סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. האָט די פּאַרטיי־צייטונג אין עטלעכע שורות איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פונעם דעלעגאַטס רעדע,

איז מען אין שטעטל געווען אומצופרידן, וואָס זייער דעלעגאַט איז באַוואָלט געוואָרן.

קליינמאַן האָט גענומען אַן אָנטייל אינעם שטעטלעשן ייִדישן אויפבּרויז אין די ערשטע עטלעכע חדשים פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער איז גלייך ביים אָנהייב מיטגעריסן געוואָרן פונעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם, נישט געצווייפלט, אַז גאָר אינגיכן וועט זיך איינפעסטיקן אַ נײַ פריי לעבן פאַר רוסלאַנד בכלל און פאַר ייִדן בפרט. שפּעטער צו האָט ער איבער־געלעבט גרויסע אַנטוישונגען און צוזאַמען אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה. ער איז געווען זיכער, אַז מ׳האָט גרינג געקענט פאַרמיידן די ביטערע צייט...

14

עטלעכע און צוואַנציק יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז פון דער גובערנסקער שטאָט אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַריין וואו די קליינמאַנס האָבן געלעבט, אַ בחור ראַטענבערג. ער איז געווען אַ וויטער קרוב פון די קליינמאַנס און איז ביי זיי איינגעשטאַנען. ראַטענבערג איז געווען אַ נכתב פונעם שטעטל, איז ער געקומען אַהין זיך שטעלן צום פּריזיוו פונוואַנען מען האָט אים אָפּגעשיקט אין דער אויעזדנער שטאָט אונטערצוזוכן די אויגן און נאָך דער פעסטשטעלונג פון זייער קורצזיכטיקייט אים באַפרייט פון מיליטער־דינסט.

ראַטענבערג האָט זיך דערנאָך געזאַמט אין שטעטל גוטע עטלעכע וואָכן, זיך אָפּט געטראָפן מיט שיע קליינמאַנס שוועסטער שפּרינצע און זיך פאַרליבט אין איר. כאָטש ראַטענבערג האָט שטאַרק אויסגענומען אין שטעטל און נישט איין געראָטן מיידל איז גרייט געווען חתונה צו האָבן מיט אַ בחור פון אַ רייכן שניטקרעמער אין אַ גרויסער שטאָט, האָט שיע קליינמאַן פונדעסטוועגן געזאָגט שפּרינצען: — פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס". און ראַטענבערגן האָט ער געראָטן צו שרייבן זיינע עלטערן אַז זיי זאָלן קומען אָנקוקן די „כלה".

ראַטענבערג איז אויף דער הייסער מינוט רויט געוואָרן פאַר כעס. וואָס זשע, איז אים דורכגעלאָפן אין מוח, ער איז אַ הפקר־יונג, וועט שרייבן תנאים מיט אַ מיידל, אַהיים פאָרן, פאַרפאַלן ווערן ווי אין וואַסער אַריין און זי לאָזן הענגען אין דער לופטן? שפּעטער אַ ביסל האָט ער איינגעזען אַז דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט וואָס ר'האָט גאָרנישט געענטפערט שיען. ער וואָלט מסתמא זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, שיע וואָלט אים נישט אָפּגעשוויגן און ווער ווייסט וואָס דערפון וואָלט אַרויסגעקומען.

אין תוך, האָט ראַטענבערג ווייטער געצויגן דעם פאָדים, איז דאָך שיע גערעכט. שיין וואָלט ער אויסגעזען פאַר אייגענע און פרעמדע, ווען ער קומט אַהיים מיט אַ בשורה אַז ער איז אַ חתן געוואָרן. די עלטערן וואָלטן אים נישט געמאַכט צו בלאָטע, וואָלטן אָבער געקוקט אויף אים ווי אויף אַ שאַלטיקל, און וועגן שפּרינצען וועלן זיי געוויס קלערן — זי קער זיין פון ריכטיקע יפהפיות! ס'איז אַראָפּגעקומען אַ בחור אין שטעטל אַריין צו שטעלן זיך צום פּריזיוו האָט זי אים אַריינגענומען אין די הענט אַריין ווי מיט קלעשטשעס און איז געוואָרן איר חתן.

אין אַ בריוו צו יינע טאַטע־מאַמע האָט ראַטענבערג געלויבט שפּרינצען אין טאָג אַריין און זיי געבעטן אַראָפּצוכאַפּן זיך אין שטעטל אַריין אויף

עטלעכע טעג און מיט די אייגענע אויגן זען וואָס פאַר אַ מיידל דאָס איז און צי זי שטייט זיי אָן פאַר אַ שנור.

דערהאַלטנדיק אַזאַ בריוו פון זייער זון האָבן די ראָטענבערגס נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און גלייך זיך אַוועקגעלאָזט אין שטעטל אַריין. ווען דאָס מיידל נישט נושא חן זיין אין זייערע אויגן, וועלן זיי שוין פועלן ביים זון אָפּצולייגן די תנאים אויף אַ שטיקל צייט, אים מיטנעמען אַהיים וואו ער וועט זיך אויסטשוכען פונעם ליבע־טשאַד און זי וועט אים אַרויס פון קאָפּ. אויב זשע אַ העלפט פון די מעלות וואָס ער האָט אויסגערעכנט אינעם בריוו זענען נישט ווייט פונעם אמת, איז פאַרוואָס טאַקע נישט אַריינקריגן אַ פיינע שנור?

שפּרינצע איז וואויל געפעלן די ראָטענבערגס, האָט מען געבראָכן טעלער און אין עטלעכע חדשים אַרום — געפראַוועט אַ חתונה. דאָס פאָרפאָלק האָט געהאַט צוויי קינדער, אַ יינגל און אַ מיידל, און געלעבט גליקלעך. אין דער צייט פון די בהלות אין אוקראַינע, נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָבן די היידאַמאַקעס אומגעבראַכט דאָס פאָרפאָלק ראָטענבערג מיט זייער טאָכטער און דער לעבן־געבליבענער זון האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער רויטער אַרמיי.

האָט זיך אין יענער צייט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז אַ פאָלק היידאַמאַקעס וועט פאַרבייגיין דאָס שטעטל איז מען נישט אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק, נאָר ג׳הרג׳עטע יידן האָט מען געפונען אויף די וועגן וואָס האָבן געפירט אין שטעטל אַריין. איבער אַלע יידישע שטעטלעך פון אוקראַינע האָט געלויערט דאָס פורעניות און ביינאַכט האָט מען זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ מורא אַז עס זאָלן זיך חלילה נישט אַריינכאַפּן אַהין מאָרגן גאַנץ פרי עטלעכע היידאַמאַקעס פון אַ פאַרבייגייענדיק פאָלק.

די בעלי־בתים פון שטעטל וואו די קליינמאַנס האָבן געלעבט האָבן צוגעשיקט דעם קאָמיסאַר פון דער מיליציע טייערע מתנות, דערנאָך געזען זיך מיט אים און געבעטן אויסווירקן אין דער אויעזדנער שטאָט אַז די אוקראַינישע היילות וואָס דאַרפן מאַרשירן אין דער געגנט זאָלן זיך האַלטן וואָס ווייטער פון שטעטל. דער קאָמיסאַר האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון דער בקשה און צוגעזאָגט צו טאָן וואָס איז נאָר מעגלעך, אַבי צו ראַטעווען דאָס שטעטל. עטלעכע מאָל איז עס אים געלונגען, אָבער איינמאָל האָבן אַ צוואַנציק אוקראַינער זיך אָפּגעריסן פונעם פאָלק און פאַרטאָג זיך אַריינגעכאַפּט אין שטעטל אַ „הוליע” טאָן. זיי האָבן זיך דאָרט לאַנג נישט געזאַמט, און אין אַ היינטערגעסל זענען געבליבן ליגן עטלעכע גע׳הרג׳עטע יידן.

דער קאָמיסאַר האָט געזאָגט די אָנגעזעענע בעלי־בתים: „גלויבט מיר אַז איך האָב צער פונעם אומגליק וואָס איז געקומען אויף די יידן” — כ׳האָב אַפילו נישט פאַרדעכטיקט אַז אַזוינס קען געשען. איך גיב אייך דאָס וואָרט אַז איך וועל האַלטן אַ וואַך אויג אויפן שטעטל.

די מערסטע יידן האָבן פון דעם קאָמיסאַרס ווערטער געדרונגען אַז ער וועט באמת פאַרהיטן דאָס שטעטל פון אַ פּאָגראָם, אַניט וואָלט ער נישט גערופן צו זיך די אָנגעזעענע באַלעבאַטים. זיי האָבן נישט אָפּגעמאַכט מיט דער האַנט וואָס ער איז גישט געווען קיין אוהב ישראל, האָבן אָבער נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג אַז ער איז געווען אַן אָפיציר אין דער צאַרישער אַרמיי און געלעבט אַ סך יאָרן אין פּעטערבורג וואו מ׳האָט קיינמאָל נישט פּאָגראָמירט די יידישע באַפעלקערונג. אַנדערע יידן ווידער האָבן נישט פאַרזען אַז ער האָט נישט געגוג מאַכט און תקיפות קעגנשטעלן זיך אַ פּאָגראָם־כוואַליע.

שיע קליינמאַן האָט אויפן אייגענעם שטייגער אויסגעדריקט זיינע ספקות אין קאָמיסאַרס כוח צו פאַרהיטן דאָס שטעטל פון אַ פּאָגראָם: „מען קען אַפילו מיט אַ נייעם פּאַראָסאָל זיך נישט אַרויסלאָזן אין דרויסן ווען ס׳גייט אַ זליוועו״. דערפאַר האָט ער געקלערט אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען אַרויסרייסן זיך פון אוקראַינע. קלערן איז גרינג, אָבער טאָן איז זייער שווער. ווי קען מען פאַרלאָזן דאָס שטעטל וואו ער, זיין טאַטע און זיידע זענען געבוירן געוואָרן. דערצו איז פּרנסה דאָ איבערן קאָפּ און אַ שטוב האָט ער אַן אייגענע און איינלעבן זיך אין אַ פרעמד לאַנד ווען מען איז שוין נישט קיין יונגערמאַנטשעק, איז נישט ווי אַ בייגל אויפצועסן. אַזוי גרינג דערשלאָגט מען זיך צו אַ נייער פּרנסה? מען שמועסט אַז אַן אַריבער־געקומענער קיין אַמעריקע מוז זיך שטעלן אַרבעטן. אַז עס גייען אַוועק עטלעכע יאָר און מע שפּאָרט אָפּ, מיט גאָטס הילף, עטלעכע טאָלער, קען מען זיך דערשלאָגן צון אַ גרינגערער פּרנסה. אָבער צום אַלעם ערשטן מוז מען זיך נעמען צון אַ מלאכה. דאָס קען באַוויזן נאָר אַ יונגער בחור, דאָרטן קומט פאַר מסתמא דאָס אייגענע וואָס דאָ. מע טרעט אַריין פאַר שפּאָט־ביליק אַלס אַ לערניונג אויף עטלעכע יאָר. ערשט דערנאָך ווערט מען אַ שטיקל בעל־מלאכה און מע פאַרדינט אויף פּרנסה. דאָס איז גערעדט געוואָרן אַז מע איז שוין דאָרטן. צו דערשלאָגן זיך אַהין דאַרף מען פאַר־קויפן די שטוב מיט דער סחורה. וואָס פאַר אַ משוגענער וועט קויפן זיין שטוב? און פּטור ווערן פון דער סחורה אי דען גרינג? מען דאַרף זי אַוועקגעבן בזיל־הזול, כאָטש צו קריגן נייע סחורה קומט אָן מיט קריעת ים־סוף. און פאַרקויפן די סחורה טאָר מען נישט אַנדערש ווי נאָר פאַר גילדענע פינפערלעך, מיט פּאַפּיר־געלט קען מען קיין סך נישט אויפטאָן אויף יענער זייט גרענעץ, אַזאַ קליינעם ווערט האָט עס. ס׳איז אַ פאַר־שלעפּטע קרענק!

דערווייל איז צו די קליינמאַנס דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה אַז שפּרינצע און די משפּחה ראָטענבערג זענען אומגעקומען אין דער שחיטה וואָס אַן אוקראַאינער פּאָלק האָט געמאַכט אין אַ פאַרטאָג אין דער גובערנ־סקער שטאָט. אַזאַ טויט פון זיין שוועסטער האָט שיע נישט געקענט איבער־

טראָגן. אין קליינעם שטעטל האָט מען פאַר געלט זיך אויסגעקויפט פון אַ פּאָגראָם, האָט מען דאָך אַוודאי עס געקענט טאָן אין דער גרויסער שטאָט וואו עס פעלן נישט קיין יידן וואָס זענען קרוב למלכות. נישט אַנדערש, אַז גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די אוקראַינער יידן און ס'איז נישטאָ קיין באַהעלטעניש. און אפשר גאָר איז עס אַ סימן פונעם רבש"ע אַז די יידן זאָלן אויסוואַנדערן פונעם פאַרשאָלטענעם לאַנד ווי זיי האָבן אַמאָל אויסגעוואַנדערט פון מצרים? לויטן העכערן שכל קען געמאָלט זיין אַז גאָטס ווינגער (אַצבע אלהים) דערזעט מען צומאָל אין אַ בהלה...

אין דער אַרומיקער געגנט זענען גראָד פאָרגעקומען אומרוען און הריגות. נו, איז עס נישט קיין גזירה מן השמים אַז די יידן טאָרן נישט פאַרבלייבן אין אוקראַינע? מיטן ביסל געלט וואָס ער וועט אויף גיך צונויפ־קלאַפּן וועט מען צו קיין מקום מנוחה זיך נישט צושלאָגן. וואָס זשע בלייבט צו טאָן? צום אַלעם ערשטן דאַרף מען פאַרזאָרגן משהן, אַן איינציק קינד איז בילכער פון טאַטע־מאַמע און די גילדענע פינפערלעך וואָס ליגן אין אַ באַהעלטעניש וועלן קוים קלעקן פאַר משהן צו דערשלאָגן זיך קיין אַמעריקע. ער איז נישט קיין פאַרשלאָפענער, איינס און צוויי וועט ער זיך שטעלן אַרבעטן. מיט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט און אַ ביסל וואָס ר'וועט זיך לייען ביי באַקאַנטע און היימישע וועט ער צונויפקלאַפּן אַן אַדערויף אויף צוויי שיפקאַרטן און זיי וועלן מירצעשעם זיך אַרויסלאָזן קיין אַמעריקע. און טאָמער וועט משהן נישט גיין אַזוי גלאַטיק אינעם נייעם לאַנד, וועט ער, שיע, אויספאַרקויפן פאַר שפּאָט ביליק דאָס ביסל סחורה צו די פויער־טעס, וועט אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט, שוואַרצן די גרענעץ און דאָרטן איבער־וואַרטן ביזקל עס וועט משהן געלינגען אַרויסצושיקן אַ פּאָר שיפסקאַרטן. וואָס־וואָס, אין אויסלאַנד דאַרף מען נישט מורא האָבן פאַר פּאָגראָמען, דאָס איז דער בעסטער אויסוועג. משה איז בילכער פון טאַטע־מאַמע. ער, שיע, וועט זיך דורכרעדן מיט מלכהן און זי — מיט משהן. זי קומט אויס מיטן זון בעסער פון אים.

מלכה האָט אויסגעליגט מיט אַלע פּיטשעווקעס דעם פּלאַן פאַר משהן און לויטן אויסדרוק פון זיין פּנים האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן אַז עפּעס מאַטערט אים. נאָך דעם ווי מלכה האָט געענדיקט איז משה געבליבן אַ ווײַלע זיצן אויפן בענקל, און נישט אָנגערופן זיך מיט קיין וואָרט, דערנאָך זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּאַנען איבערן צימער. מלכה איז ניט צוגעשטאַנען צון אים, ער זאָל איר באַלד געבן אַ תשובה — אַזאַ וויכטיקן ענין כאַפּט מען נישט אָפּ מיט שיע־פּיע, מע דאַרף זיך גוט אַריינ־טראַכטן אין דעם.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז משה צוגעגאַנגען צו דער מוטער און שטיל אָבער וואָגיק זענען געווען זיינע רייד: „אַ יוכע, מאַמע, האָט זיך אָנגעצונדן אין די אוקראַינער און נישט אַזוי גיך וועט עס איבערגיין. מיר

מוזן וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען, אָבער... — האָט משה זיך פאַרהיקעט אויף אַ פּאָר רגעס ווי עס וואָלט אים שווער געווען אַרויסצוברענגען די ווערטער, — „אויף הוצאות פאַר אילע דריי האָבן מיר נישט און טאָמער טרעפט זיך חלילה אַ קליינער אומגליק אין שטעטל (געמיינט האָט ער אַ „קליינער פּאָגראָם”) וואוהין וועט איר זיך אַהינטאָן ווען איך וועל דאָ נישט זיין? — איז משה געבליבן שטיין מיט צענומענע הענט. — „וואָס זשע פאַר אַן עצה קען מען זיך געבן? — האָט מלכה אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט.

משה האָט אַ צווייי מאָל אַ שפּאַן געטאָן פון איין עק צימער צום צווייטן און ווידער זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער מוטער וואָס איז געזעסן אויף דער סאָפע: — ס'איז דאָ נאָר איין מיטל, מאַמע, — האָט משה אַ לייכטן הוסט געטאָן. — „קלאַפּט צונויף עטלעכע גילדענע פינפערלעך און מאַכט אַ ויברח קיין אַמעריקע. מיט דער שטוב און ביסל סחורה וועל איך זיך שוין אַן עצה געבן און ווי נאָר איך וועל צונויפשלאָגן אויף הוצאות קיין אַמעריקע וועל איך דאָ נישט בלייבן קיין איבעריקן טאָג.

— „איך ווייס דיר נישט וואָס צו זאָגן, משה. — האָט מלכה צונויפגעקוועטשט די ברעמען און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט אַז דאָס גאַנצע פּנים איז איין גרויסער קנייטש. — „אַ קראַנקן וואו מע זאָל נישט אַנידערלייגן איז אים נישט גוט, אָבער ערגעץ וואו מוז מען אים אַנידערלייגן. אַרויספאָרן פון דאַנען מוז מען וואָס גיכער. און ווער פריער, ווער שפּעטער, וועמיר שוין קומען צון אַ טאָלק.

טאַטע־מאַמע און זון האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך אַז קיינער, טאַקע קיינער, זאָל נישט וויסן אַז זיי קלייבן זיך צו פאַרלאָזן אוקראַינע, אַניט וועלן די פּויערטעס געוואויר ווערן דערפון, וועט מען זיי דאַרפן פאַרקויפן די סחורה בחצי־חינם און ס'וועט נישט קלעקן אויף די הוצאות קיין אַמעריקע. ס'האָט טאַקע נישט געדויערט מער ווי עטלעכע וואָכן, און שיע און מלכה האָבן שטילערהייט געשוואַרצט די גרענעץ און מיט דער הילף פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי זיך דערשלאָגן צו די ברעגן פון אַמעריקע.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט דאָס שטעטל געהאַט אַן איבערשרעק. אַ קליינע פּעטלורישע אָפּטיילונג האָט אין אַן אויפדערנאַכט אַריינגעמאַרשירט אין אַ דאָרף, נישט ווייט פון שטעטל. צוויי פּעטלוראָווצעס האָבן פאַרטאָג זיך אַריינגעכאַפּט אין שטעטל און אָפּגעשטעלט אַ פּאָר יידן וואָס האָבן זיך געפּעדערט צום ערשטן מנין אין דער זינקעווער קלויז און אויסגעליידיקט ביי זיי די קעשענעס. דערנאָך זענען די פּעטלוראָווצעס אַריין אין אַ הויז, ביי איין יידן צוגענומען אַ זייגערל און ביי אַן אַנדערן — אַ גילדן פינפערל. אין אַן אַנדער הויז האָבן די היידאַמאַקעס זיך אָנגעפרעסן און

אָנגעזשליאָקעט און פֿאַרן אָוועקגײן אַראָפּגעריסן בײַ דער באַלעבאָסטע די אוירינגלעך.

אין שטעטל האָט אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. מ׳האָט מורא געהאַט ס׳זאָל זיך חלילה נישט פֿאַרענדיקן מיט עטלעכע יידישע הרוגים. אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס, אַ כּל־וולך מיטן מיליציע־קאָמיסאַר, איז גלײַך אַוועק צו אים און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אַז ער זאָל וואָס גיכער צוימען די צעיושעטע פּעטלוראָווצעס.

עטלעכע בחורים וואָס האָבן נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די הבטחות פֿונעם קאָמיסאַר האָבן געטשאַטעוועט אויף די צווײ צעווילדעוועטע הײדאַ־מאַקעס, זײ באַפֿאַלן פֿון הינטן, אַנידערגעוואָרפֿן אויף דער ערד, צוגענומען די ביקסן, גוט אָנגעשלאָגן און אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט אַז זײ זאָלן די מינוט פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, אַניט וועט מען זײ אויסשטעכן די אויגן. די פּעטלוראָווצעס האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און שנעל זיך אָפּגעטראָגן.

אַ שטעטלעשער ייד האָט געשריבן צו זײַן געשוועסטערקינד וואָס האָט שוין עטלעכע יאָר געלעבט אין אַמעריקע וועגן דער בהלה וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אין שטעטל. ווען נישט די עטלעכע בחורים וואָס האָבן זיך נישט פֿאַרלאָזט אויפֿן קאָמיסאַר, נאָר אַליין גענומען דעם אָקס פֿאַר די הערנער און אַרויסגעשמיסן די פּעטלוראָווצעס, וואָלטן מסתּמא עטלעכע יידן אומ־געקומען. הײַנט שטעל זיך פֿאַר, האָט דער ייד געלאָזט וויסן זײַן געשוויס־טערקינד, ווען עס שטעלן זיך אַרײַן נישט צווײ, נאָר צוואַנציק פּעטלו־ראָווצעס, וואָלט פֿונעם שטעטל קיין שריד ופּליט נישט געבליבן. דערימעך בעט ער אים אַרויסצושיקן אַ פּאָר שיפֿסקאַרטן אײדער עס ווערט צו שפּעט.

אַלע לאַנדסלײַט זענען געוואָויר געוואָרן פֿון דעם איבערשרעק אין שטעטל און מלכּה האָט געזאָגט אי רמאַן: „זעסטו שוין אַז משה האָט גוט געטאָן וואָס ר׳האָט אונדז אַריבערגעפּעקלט אַהער, ער אַלײן וועט שוין זײַן שטעטל באַשטײן.

— „און איך זאָג דיר, מלכּה, אַז אין אוקראַינע האָט אויסגעבראָכן אַ וואַלד־שׂרפֿה, און אַ וואַלד־שׂרפֿה איז זײער שווער אָפּצולעשן. מיט צווײ הײדאַמאַקעס קען זיך נאָך משה, אײנאײנעם מיט נאָך אַ פּאָר בחורים, ווי עס איז זיך אַן עצה געבן. אָבער מיט דרײַסיק פּעטלוראָווצעס וואָס זענען אַפֿילו נאָר באַוואָפֿנט מיט ביקסלעך פֿון כמעלניצקעס צײַטן, קען מען זיך נישט שלאָגן מיט די הוילע הענט.

— „וואָס זשע קען מען טאָן דערצו? — האָט מלכּה געקוקט אויף איר מאַן מיט פֿאַרשטאַרטע אויגן,

— „ווײסט נישט וואָס יידן טוען אין אַ עת צרה? מען ראַטעוועט זיך. — האָט שיע אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. — „איך וועט משהן שוין הײַנט שרײַבן אַז ער זאָל אויף שנעל אויספֿאַרקויפֿן דאָס ביסל סחורה, איבער־לאָזן די שטוב אויף הפקר, גנבענען די גרענעץ און אונדז לאָזן וויסן אין

וואָסער שטאָט ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין אויסלאַנד ווערט מען נישט פאַרפאַלן, ר'וועט באַלד אויספילן די נויטיקע פּאַפּירן און מירן נישט פאַר־זאַמען אים אַרויסשיקן אַ שיפסקאַרטע.

— „ביזט גערעכט, שיע, — האָט מלכה אים צוגעגעבן קוראַזש. — „מען דאַרף משהן וואָס שנעלער אַרויסראַטעווען פונעם גיהנום.

משה האָט זיך צוגעהערט צו זיין טאַטנס עצה, איינס־און־צוויי פּטור געוואָרן פונעם ביסל סחורה און געשוואַרצט ד יגרענעץ.

שיע קליינמאַן האָט מיט דער הילף פון אַ פּאָר לאַנדסלייט צונויפ־געקלאַפּט די נויטיקע עטלעכע טאָלער און אַרויסגעשיקט זיין זון אַ שפּיס־קאַרטע.

(ענדע ערשטע טייל)

צווייטער טייל

I

אין אַ קאַיוטע פון אַ גרויסער פּאַסאַזשיר־שיף וואָס האָט זיך געטראָגן איבער די וואַסערן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן האַלטנדיק דעם קורס צו די ברעגן פון ניו־יאָרק, זענען געווען פיר בחורים. משה קליינמאַן איז געווען דער ייִנגסטער, זיין שלאָף־און רו־פּלאַץ איז געווען אויפן אויבערשטן בעטל. דאָס בעטל אונטער אים האָט געהערט צו יאָסל הובערמאַן. די צוויי בעטלעך אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט האָבן געהערט צו איציק שטערן און מאָטל זייגערמאַן. די פיר בחורים זיינען געקומען פון די צוויי שכנישע גובערניעס, פּאָדאָליער און וואָלינער, און האָבן זיך באַקענט נאָך אין וואַרשע נעבן דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט קריגנדיק די וויזעס קיין אַמעריקע. זייערע וויזעס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דעם זעלבן טאָג, האָבן די בחורים זיך משתדל געווען ביי דער שיפסקאָמפּאַניע אַז זיי זאָלן פאָרן אויף דער זעלבער שיף — און געפועלט. דורך אַ קליינעם צופאַל האָבן די בחורים וואָס האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע געגנטן, זיך באַקענט און ביסלעכווייז געוואָרן פריינט.

די בחורים האָבן ווינציק וואָס געזאָמט זיך אין דער קאַיוטע, נאָר איבער־געלעגן אויפן אויבערשטן דעק פון דער שיף און אין די ערשטע צוויי טעג האָבן זיי געבלאָנדזשעט שפּאַנענדיק איבער די געדרייטע טרעפּ צום דריטן קלאַס און דאָרטן האָבן זיי גענומען קוקן מיט פרעגנדיקע אויגן נישט וויסנ־דיק וואוהין צו ריכטן זייערע טריט כדי אָנצוקומען אין זייער קאַיוטע. די אַרומיקע פּאַסאַזשירן, כמעט אַלע שטעטלשע יידן, האָבן זיי קיין עצה נישט געקאָנט געבן. האָבן די בחורים אָנגעטראָפן אַ שיפסאָנגעשטעלטן, האָט ער זיי אָנגעוויזן, מער מיטן וויזפינגער ווי מיט ווערטער ווייל זיי האָבן קיין ענגליש נישט פאַרשטאַנען, וויאַזוי צו געפינען זייער קאַיוטע. עס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ טאָג־צוויי און די בחורים האָבן אָנגעשפּאַרט איינס־און־צוויי אין יעדן ווינקעלע פון דער שיף.

די בחורים זענען קיינמאָל נישט געפאָרן אויף אַ גרויסער שיף, האָבן זיי געהאַלטן אין איין שפּאַנען פון איין עק שיף צום אַנדערן .זיי זענען קיינ־מאָל נישט געווען אויפן ים און נישט געקענט זיך זאַט אָנקוקן אין אים. פאַר זייערע אויגן האָט זיך ווייט־ווייט געשפּרייט דער גרויסער, מעכטיקער ים און ס׳האָט אויסגעזען אַז ער האָט נישט קיין סוף און די וואַסערן רוען קיינמאָל נישט. ווען דער ים איז אַפילו שטיל, לויפן די כוואַליעס איינע איבער די אַנדערע. זיי גייען אַרויף און פאַלן אַראָפּ, הייבן זיך ווידער אויף און נידערן ווייטער אַראָפּ. אַזוי גייט אָן דאָס הייבן זיך און פאַלן פון די כוואַליעס טאָג און נאַכט .

צעשטורעמט זיך דער ים, וואַרפן זיך די כוואַליעס איינע אויף די אַנדערע מיט אַזאַ קראַפט ווי זיי וואָלטן גרייט געווען דורס צו זיין איינע די אַנדערע. זייער כוח שעפּט זיך אויס נאָר אויף אַ קליינער ווייל׳ע. זיי נעמען זיך ווידער־אַמאָל אָן מיט כוח און וואַרפן זיך איינע אויף די אַנדערע מיט אַ גוואַלדיקן אימפּעט און ציען זיך ווידער צוריק. אַזוי גייט עס אָן אַ שטיקל צייט ביז דער ים ווערט שטיל. דער אומרו אָבער טוט זיך אין תוך קיינמאָל נישט אָפּ אַפילו פונעם שטילן ים.

די בחורים האָבן אויף אַלץ געקוקט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און געגאַפט. זיי זענען געשטאַנען נעבן פראָנט פון דער שיף און זיך צוגעקוקט ווי די וואַסערן זענען אָפּגעטראָטן מיט אַ געבייזער אין בײדע זייטן ווען די שיף האָט זיך אַריינגעשניטן אין זיי און ווייטער געטראָגן זיך אויפן אָנגעמערקטן וועג. זיי האָבן אויך צוגעזען ווי די כוואַליעס וואַרפן זיך מיט אַ צעשפּריצטן שוים אויפן ברייטן הינטערשטן טייל פון דער שיף. אויפן אויבערשטן דעק פון שיף האָבן די בחורים נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם טורעמל וואו עס איז געזעסן דער קאַפּיטאַן, געהאַלטן די האַנט אויפן רעדל און געקוקט פאָרויס.

— „זע נאָר, — האָט קליינמאַן זיך געוואונדערט צו הובערמאַנען, — ווי ער זיצט זיך גאווהדיק אויף זיין קרוינשטיל און פייפט אויפן ים.

— „יע, — האָט הובערמאַן באַקרעפטיקט קליינמאַנס שטוינונג, — דער מענטש קיניגט אַפילו איבער די ימען.

אין מיטן פון אויבערשטן דעק האָט ווי אַ גראָבער קיילעכדיקער בויך אַרויסגעשטעקט אַ גרויסער צילינדער וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען. איבער אים האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט צוויי מאַסיווע קופּער־נע שטאַנגען וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט ווי מיט עטוואָס אויסגעבויגענע פינגער. אויפן גרויסן צילינדער זענען געווען צוויי לעכער פון אַזאַ גרייס אַז די פינגער פון די שטאַנגען זאָלן זיך גרינג אַריינפּאַסן אין זיי. האָט זיך אַרויסגערוקט דער טייל צילינדער מיט די צוויי לעכער, האָבן די צוויי קופּערנע שטאַנגען גענומען זיך אַראָפּלאָזן, דערגרייכט די צוויי לעכער פונעם צילינדער, אין זיי אַריינגעשטאָכן זיך מיט די פינגער אין דער באַ־שטימטער צייט, כהרף עין זיי אַרויסגעכאַפּט און גענומען זיך אויפהויבן ביז אַ געוויסער הייך כדי ווידעראַמאָל אַראָפּצולאָזן זיך און אַריינשטעכן די פינגער אין די לעכער. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אָן אַן אויפהער.

דאָס אָנאויפהערנדיקע אָנקלאַפּן זיך פון די שטאַנגען אין די לעכער פונעם צילינדער האָט צוגעצויגן די בליקן פון די בחורים מיט אַזאַ קראַפט אַז זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אינעם געלויף פון די שטאַנגען מיטן צילינדער און נישט געקענט זיך אַרויסרייסן פון דאָרטן. שטערן האָט זיך באַקלאָגט אַז דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט און עס שווינדעלט אים פאַר די אויגן.

— „מיר פֿאַרדרייט זיך שוין אויף דער קאָפּ, — האָט הובערמאַן זיך אָנגערופֿן. — איז לאָמיר זשע באַצייטנס זיך אָפּטראָגן פֿון דאַנען.

— „מיר דוכט זיך, — האָט זייגערמאַן צוגעגעבן, — אַז דער גלאָק האָט שוין געקלונגען און גערופֿן צום איבערבײַסן.

אין עסצימער האָט הובערמאַן זיך געחידושט: ס'איז פּלאַי־פּלאָים — ס'איז אַזוי געמאַכט אַז די שטאַנגען זאָלן זיך קיינמאָל נישט פֿאַרטשעפּען אין די לעכער פֿונעם צילינדער.

— „פֿאַרטראַכט איר זיך נישט — האָט קליינמאַן אויסגעשטרעקט די אויגן אויף זיינע פֿריינט — „צוליב וואָס מ'האָט די מאַכבריקע אויסגעטרויעט? מ'האָט זי דאָך נישט אַוועקגעשטעלט פֿון שיינקייט וועגן.

— „מיר האָבן געגלאָצט מיט די אויגן, — האָט הובערמאַן מסכים געווען מיט קליינמאַנען. — און נישט אַ קלער געטאָן, מאַי קאָ משמע לן. אפשר ווייסטו, משה, צו וואָס מע דאַרף די מאַכבריקע?

— „ווייסן ווייס איך נישט, — האָט קליינמאַן פֿאַרקנייטש דעם שטערן. — אָבער איך בין זיך משער אַז ס'האָט אַ שייכות צום מאָטאָר פֿון דער שיף.

— „עס לייגט זיך אויפֿן שכל, — האָט הובערמאַן איינגעשטימט מיט קליינמאַנען.

אַ נייע וועלט האָט זיך צעעפֿענט פֿאַר די בחורים און וויפֿל זייערע אויגן און מוח האָבן זיך נישט אָנגעשטרענגט צו זען און באַנעמען אַלץ אויף וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן, האָט אַ נייגעריקייט געשימערט אין זייערע אויגן ווי זיי וואָלטן אין זייער געמיט גרייט געווען צו נייע איבערראַשונגען.

אויפֿן דריטן טאָג האָבן הובערמאַן און זייגערמאַן געקראָגן די ים־קראַנקייט. באַזונדערס שווער איז זי געפֿאַלן אויף זייגערמאַנען. עס האָט אים געמלאָיעט אויפֿן האַרצן און בשום אופֿן נישט געקענט אָפּברעכן. דערצו האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ שטאַרקער קאָפּווייטיק אַז ווי נאָר ער האָט זיך אונטערגעהויבן איז ער צוריק אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן קישן. אַ פּאָר טעג זענען קליינמאַן און שטערן ניט אָפּגעטראָטן פֿון זייערע קראַנקע פֿריינד. צונעמען ווי מיט דער האַנט די קראַנקייט האָבן קליינמאַן און שטערן נישט געקענט, אָבער מיט דער אויפֿמערקזאַמקייט אַליין האָבן זיי געלינדערט די פֿריינדס ווייטאָקן און חוץ דעם האָט צווישן אַלע פֿיר גענומען אויפֿגיין אַ נאָענטע פֿריינטשאַפֿט.

אויפֿן דריטן טאָג פֿון דער ים־קראַנקייט איז די חולאים געוואָרן בעסער, האָט מען זיך דערציילט מעשיות, געשפּאַסט און געוויצלט. זייגערמאַן האָט געהאַט אַ טבע אונטערצושטרייכן אַז וויפֿל זיין זיכרון דינט אים איז ער קיינמאָל נישט קראַנק געווען, האָט מען אים דערפֿאַר נישט געשאַנעוועט.

— „מיט דיין אייזערנער גבורה, זייגערמאַן, — האָט קליינמאַן מיט אַ כלומרשט־ערנסטער מינע אַרויסגערעדט די ווערטער, — האָסטו נישט געקענט זען אַז די ים־קראַנקייט זאָל אויף דיר קיין שליטה נישט האָבן?

— „ביסט גערעכט, קליינמאַן, — האָט זייגערמאַן אָנגעהאַלטן דעם כלומרשט ערנסטן מאַניר. — דאָס מאָל האָב איך זיך פּאַשפּעטעט, מער וועל'יך זיך נישט לאָזן אַריינשאַרן אין זאַק אַריין.

— „רעכנסט אפשר, זייגערמאַן, צו מאַכן אַ ים־רייזע קיין אויסטראַליע?

— האָט שטערן ניט נאָכגעלאָזט.

— „וואָס גאָר קיין אויסטראַליע? — האָט זייגערמאַן אָפּגעענטפערט. — קיין דרום אַמעריקע פירן נישט קיין שיפן? אַז מען האָט אַ ביסל געלט קען מען אויספאָרן אַ וועלט.

— „אַז דו רעדסט אַזוי — אָ. — האָט אים קליינמאַן צוגעגעבן כוך. — „וועסטו אין ערגיץ נישט פאַרפאַלן ווערן.

איז קענטיק געוואָרן אַז זייגערמאַן און הובערמאַן זענען כמעט איבער־געקומען די ים־קראַנקייט, האָבן קליינמאַן און שטערן זיי אַרויפגענומען אין עסצימער. די קראַנקע האָבן זיך דערלויבט צו פאַרזוכן פון די לייכטע מאכלים.

שפּעטער מיט אַ טאָג־צוויי זענען אַלע פיר שוין געווען אויפן שיף־דעק. זיי האָבן נישט געשפּאַנט ווי פריער פון איין עק־שיף צום אַנדערן, נאָר געזעסן אויף אַ באַנק און געקוקט אויפן ים. אַ לייכטער ווינט האָט זיך געלאָזט וואוילגיין איבערן פּנים און הוילן קאָפּ, אַריינגעג'גנבט אין האַלז און אַרבל אָט פון איין בחור און אָט פון אַ צווייטן. די זון האָט ליבלעך געוואַרעמט. עס איז אויסגעקומען אַז די זון און ווינט העלפן זיך אַרויס איינס דאָס אַנדערע. ווערט צו וואַרעם, גיט אַ בלאָז אַ קיל ווינטל. ווערט צו קאַלט, גיט אַ גלעט דאָס וואַרעמקייט פון דער זון. די זון האָט אויך פון איר ליכטיקייט גע־שאָנקען יעדער כוואַליע אַ קליין דימענטל וועמענס שיין ס'האָט זיך אָפּגע־שלאָגן אויף דער טונקלקייט פונעם וואַסער. עס איז געווען אַ מחיה צו די אויגן און די בחורים האָבן נישט אַראָפּגענומען די בליקן פון די בליש־טשענדיקע כוואַליעס.

— „ס'איז טאַקע מן־השמים וואָס די זון וואַרעמט, אַניט וואָלט דער ווינט אָנגעבלאָזן אויף אונז אַ קעלט, — האָט קליינמאַן זייטיק אַ קוק גע־טאָן אויף זייגערמאַנען.

עס איז אויך מן־השמים, — האָט שטערן אונטערגעהאַלטן דעם געשפּרעך אויפן זעלבן מאַניר. — וואָס די וואַסערן פונעם ים זענען קיינמאָל נישט אַזוי שטיל ווי דאָס וואַסער אין די טייכן.

— „דאָס איז נאַטירלעך, — האָט זייגערמאַן ווי דערקלערט שטערנען.

— די טייכן געהערן צום מענטשן, אָבער נישט די ים־וואַסערן, און זיי ווילן נישט אַז די מענטשן זאָלן קומען אין זייערע דלת־אמות, דערימעך בייזערן זיך די ים־כוואַליעס, אַמאָל שטאַרקער און אַמאָל שוואַכער.

— „אויף אַלץ האָט ער אַ דערקלערונג! — האָט הובערמאַן זיך גערוויטלט ווי עס וואָלט געווען קעגן זיין טבע עמיצן אַריינצוזאָגן.

— „הובערמאַן איז נאָך נישט אַרויס פון זײַן קראַנקייט — האָט זייגער־מאַן אונטערגעשמייכלט — „און קען נישט פאַרטראָגן קיין שפּאַס.

אַלע דרײַ האָבן זיך צעלאַכט, הובערמאַן האָט נישט אויפגעהערט צו רויטלען זיך.

פאַרנאַכט ווען די זון האָט גענומען פאַרגיין איז זי געשטאַנען אַ קליינע ווײַלע צווישן הימל און ים, און ס'האָט זיך געדוכט אַז דער הימל און ים גליטשן זיך אַרונטער און נעמען אויך מיט די שטראַלנדיקע זון וואָס וועט באַלד־באַלד זײַן אין זייערע אָרעמס.

די פריינט האָבן קיינמאָל נישט געזען אַזאַ זונאונטערגאַנג, זענען זיי געווען זייער פאַרגאַפט און אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט צווישן זיך. ווען דאָס לעצטע שטיקל זון איז פאַרשוואונדן, איז דער מערב־פּאַס הימל גע־וואָרן רויטלעך און דער איבעריקער הימל איז פון רגע צו רגע געוואָרן טונ־קעלער און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן שטערן. זיי האָבן זיך אַרויסגע־שיט אויפן הימל זייער שנעל, האָט זיך די בחורים אויסגעדאַכט, וואָרעם אויף דער יבשה האָבן זיי נישט צוגעזען אַזאַ שנעלן איבערגאַנג פון טאָג צו נאַכט, און אַ שטיל־פאַרוויגנדיקער געמיט האָט זיי אַרומגענומען.

אײנעם טאָג ווען די שיף האָט געהאַלטן אין דערנענטערן זיך צו די ברעגן פון אַמעריקע האָבן די פריינט זיך דערפרייט וואָס ענדלעך וועלן זיי אײַנגיכן באַטרעטן דאָס נײַע לאַנד. זיי זענען געשטאַנען אויף דער אויבער־שטער פאָדערשטער שיף־דעק און די אויגן נישט אָוועקגעריסן פונעם פּאַס אויפן האָריזאָנט וואָס האָט געזאָלט זײַן דאָס געגאַרטע לאַנד און נישט אויס־געזען ווי קיין ים אָדער יבשה. וואָס ווינציקער די שיף האָט אָפּגעווייכט פון איר אָנגעמערקטן ציל, אַלץ העלער איז געוואָרן דער פּאַס בײַם האָריזאָנט און דאָך נישט ענלעך געווען צו אַ ישוב. עס האָט זיך פאַרטאַיעט בײַ די פיר פריינט אַ חשד אַז אפשר איז דאָס נײַע לאַנד אינגאַנצן אַנדערש פון די אַלע לענדער אין וועלכע זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג קיין אַמעריקע. וואָס קירצער עס איז געוואָרן די ים־שטרעקע צום דערוואַרטן לאַנד, אַלץ ווינציקער האָבן געבלישטשעט זײַנע ברעגן ווי די נאָענטקייט וואָלט אָפּגע־דעקט פון זיי דעם וואָאַל וואָס ווערט אויסגעוועבט אין דיסטאַנץ און ביסלעכ־ווײַז האָט זיך גענומען ווייזן זייער נאַטירלעך געשטאַלט. דאָך האָט זיך נישט געשפּרייט אַזאַ פּאַנאָראַמע וואָס וואָלט זיי דערמאָנט די גרויסע שטעט פון איראָפּע. אָט האָט זיך גענומען דאַכטן אַז די שיף טראָגט זיך צו אַן אָרט וואָס האַלט זיך אין איין אָפּרוקן פון איר. פאַר די בחורים איז געווען אַ גע־היימעניש אַז אַ שיף פאַרקערעוועט זיך אַמאָל אין אַ זײַט צוליב געוויסע סיבות.

ענדלעך האָט די שיף גענומען אָניאָגן דאָס אַנטלאָפענע שטיק יבשה און עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסשטאַרטשען הויפנס הרודעס וואָס זענען מיט יעדער מינוט געוואָרן גרעסער און בולטער. מיט אָנגעשטרענגטע בליקן האָט

מען געקענט אָפּזונדערן קלענערע בנינים פון גרעסערע וואָס זענען געווען אָנגעוואָרפן איינע אויף די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע. די שיף האָט זיך געיאָגט מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט און די בנינים וואָס האָבן פריער אויסגעזען פלאַך האָבן ווי פון אַ באַהעלטעניש אַפּירגענומען זייערע דעכער וואָס זענען ביסלעכווייז געוואָרן הויך און שפּיציק. די שיף האָט זיך גע־יאָגט און אויך די יבשה האָט אַרויסגערוקט אַ שערענגע מויערן וואָס האָבן מיט זייערע שפּיצן געוואָלט אַריבערשטייגן איינע די אַנדערע. פון דער העלער הויט האָט זיך אונטערגערוקט אַ בנין וואָס איז געווען העכער פון די פריערדיקע און מיט זיין שפּיץ כמעט אָנגעשפּאַרט ביים הימל. אַרום העכסטן בנין האָבן אויס דרך ארץ זיך אַרומגעשטעלט העכערע און קלענערע בנינים. ביי דעם איז עס נישט געבליבן. פון אונטער דער ערד איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן אַ מאַסיווער מויער וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל און געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די איבעריקע בנינים. פון דער זייט אָבער האָט זיך אויסגעשיילט אַ מויער וועמענס קופּאָל האָט געבלישטשעט אונטער דער זון און מיט זיין ליכטיקייט פאַרטונקלט אַלע איבעריקע בנינים. פונדער־ווייטנס גאָר האָט זיך גענומען יאָגן צו דער שיף אַ מויער און ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אַז ער האָט געשטעלט אין הינטערגרונט אַלע מויערן. פאַר זייערע אויגן האָט זיך געשפּרייט אַ גרויסע ריי בנינים וואָס האָבן זיך געטורעמט איינע איבער די אַנדערע, אָן אַ שום פּלאַן און אָן אַ שום סדר ווי אַ געהיימער כוח וואָלט זיי אַרויסגעשלידערט פון אונטער דער ערד. איבער זיי אַלעמען האָט געשיינט די זון און ווי געשפּיגלט זיך אין זייערע גלאַנציקע קופּאָלן.

אויפן טרערן־אינזל וואו די פיר פריינט זענען אַראָפּגעשטיגן פון דער שיף איז געווען אַזאַ געדראַנג אַז די זיכערקייט וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין זיי איז מיטאַמאָל אויסגערונען. זייערע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט אין אַלע זייטן ווי געזוכט דעם ריכטיקן וועג וואָס זאָל זיי דערפירן צום פעסטן באָדן פון דעם נייעם לאַנד. זיי האָבן דערוואַרט צו טרעפן זיך מיט זייערע אייגענע וואָס וועלן ווערן די וועגווייזער און זיך נישט באַגעגנט אַפילו מיט זייערע בליקן. זיי האָבן געשאַרט מיט די אויגן אין אַלע זייטן אפשר וועט געלינגען עמיצן צו דערזען אָדער עמיצער וועט זיי דערבליקן. זיי האָבן זיך דערימעך מיט קיין וואָרט נישט איבערגעביטן.

קליינמאַן האָט געבראָכן די שטילקייט: — לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען.

— „ריכטיק, — האָט הובערמאַן ווי אויפגעכאַפּט זיך פון אַ הינער פּלעט און מיטאַמאָל דערזען ווי מענטשן גייען אַהין און אַהער, מישן זיך אויס מיט אייך רעדל יידן און באַלד מיט אַ צווייטן.

— עס קען דאָך טרעפן אַז איינער פון אונז וועט דאַרפן גיין אַהער און דער אַנדערער — אַהין און קיינער וועט נישט קענען דערגיין וואו דעם אַנדערנס געביין איז אַהינגעקומען.

— „סי נישט געפּערלעך, — האָט זייגערמאַן זיך אַריינגעמישט. — יעדער איינער האָט׳יך די אַדרעסן פון די אַנדערע, איז וואָס ס׳זאָל נישט טרעפן וועמיר זיך שוין אויסזוכן.

— „מ׳האָמיר אינגאַנצן פאַרגעסן, — האָט שטערן צוגעגעבן, — אַז ס׳וועט קומען צום סטים וועט אונז דער היאַ״ס אַרויסהעלפן.

— „ריכטיק, — האָט קליינמאַן אים פּאַטאַקעוועט.

— „זיי איז גרינג אַרויסצונעמען פון אַ קלעם. — האָט הובערמאַן געווענדט זיין בליק צו זייגערמאַנען. — זיי האָבן זייערע עלטערן דאָ.

— „ אויב אַזוי, — האָט קליינמאַן אַ וואונק געטאָן מיטן רעכטן אויג צו שטערנען — זענען מיר דאָך די איבערשטע פון טייסל. אויף אַזאַ גליק האָב איך זיך נישט געריכט.

— „מיר זיינען אויך נישט קיין שיפע־זיבעלעך. — האָט זייגערמאַן אומגעקערט דאָס פּנים צו הובערמאַנען. — אונזערע פעטערס וועלן אַ קוק געבן אויף די פּאָטאָגראַפיעס וואָס זיי האָבן אין קעשענע און אונז באַלד דערקענען.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

די חברה האָט זיך מער נישט געגומען צום האַרצן וואָס קיינער האָט זיך נישט געיאוועט אַראָפּצונעמען זיי פון דער שיף. נישט אַנדערש, זענען זיי געניגט געווען זיך משער צו זיין אַז אין אַ פריי לאַנד גייט צו אַלצדינג אַנדערש ווי אין רוסלאַנד. עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין אַז די עלטערן און די פעטערס וואָס קענען נישט איינע די אַנדערע, זאָלן זיך האָבן צונויפגערעדט זיי איבערצולאָזן אויף הפקר. ס׳איז נישטאָ דערימעך צו וואָס צו איילן זיך און מע דאַרף זיך נישטט שטופן, ס׳וועט מסתמא זיך אויסלאָזן צום גוטן.

עס איז נאַטירלעך געווען צו דערוואַרטן אַז די פיר פריינט זאָלן זיין צווישן די לעצטע וואָס זענען צוגעגאַנגען צון אַ טיש און אָנגעגעבן זייערע נעמען. דער ערשטער האָט צוגעשפּאַנט הובערמאַן. איין באַאַמטער האָט פאַרשריבן זיין נאָמען און דער צווייטער האָט אויסגערופן: „ווער איז געקומען אַראָפּנעמען הובערמאַנען?״ זיין פעטער האָט באַלד זיך אָנידערגעשטעלט נעבן באַאַמטן און געוויזן זיינע פּאַפּירן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער פעטער אַרומגענומען זיין פּלימעניק.

כמעט דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען מיט די איבעריקע פריינט. די בחורים האָבן זיך איבערגעוואונקען מיט אַ מינע — אַזוי פּשוט און פּראָסט האָבן זיי באַטראָטן די אַמעריקאַנער ערד.

2

אין אַ געגנט וואָס איז געווען געדיכט באַזעצט מיט יידן האָבן געוואוינט די עלטערן און פעטערס פון די פיר פריינט. עס האָט אויסגעקוקט אַז זיי זענען נישט געקומען קיין אַמעריקע, נאָר אַריינגעפאַלן אין אַ יידישער שטאָט צונויפגעשטוקעוועטער פון אַ סך יידישע שטעטלעך וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד. אויף אַ שטאָק וואו אין קאָרידאָר איז געווען פינצטער און איין טיר איז געווען אַזוי נאָענט צו דער צווייטער אַז מ׳האָט לייכט געקענט פאַרבלאָנדזשען אין אַ פרעמדער דירה, — אויף איין שטאָק זענען געווען צונופגעמישט יידן פון אַלערליי קאַנטן — אוקראַינע, פוילן און ליטע.

אין די שטיבער איז געווען פינצטעדלעך און ענג, און די באַוואוינער האָט פונדעסטוועגן נישט אָנגענומען דער חשק צו דערמאָנען זיך אין די וואוינונגען פון דער אַלטער היים וואו ס׳איז געווען ליכטיק און געדאַם, און איין ייד האָט זיך נישט אָנגעשלאָגן אינעם אַנדערנס אַקסלען.

די פיר פריינט האָבן אָפט געשפּאַנט איבער די גאַסן און געסלעך פון יענער געגנט. די אונטערשטע עטאַזשען פון ביידע זייטן גאַס זענען געווען פאַרנומען מיט קלייטן און קלייטלעך. אויפן טראָטואַר, נישט ווייט אָפּגערוקט פון די קלייטן, זענען געשטאַנען שטעלעכלעך אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעוואָרפן אָן אַ שום סדר רעשטלעך סחורה ווי אַ סימן וואָס מע קען איינקויפן אינעווייניק. לענגאויס די שמאָלע זייטיקע געסלעך זענען געווען אויסגעשטעלט שטופּוועגעלעך מיט אַלערליי צעקיינטשטע שטיקער סחורה — געוואַנט, ציץ, לייוונט און אַפילו זייד. די קונים האָבן געהאַלטן אין איין אַריבערגיין פון איין שטעלעכל צום צווייטן. הענט האָבן זיך געהויבן איינע איבער די אַנדערע, אַרונטערגעגליטשט זיך אונטער די אַנדערע, געשלעפּט שטיקלעך סחורה פון אויבן, פון דער מיט און פון אונטן. עס איז געווען אַ משונהדיקע געפלעכטעריי פון יונגע און אַלטע, דינע און גראָבע, מענערישע און פרויאישע הענט, און איבער דעם הענטגעפלעכטעריי וועמענס פאָרמע ס׳האָט זיך געהאַלטן אין איין ענדערן, האָט זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעהויבן אַ האַנט מיט אַן אַראָפּהענגעדיקן שטיקל סחורה ווי אַ פאָן פון ניצחון.

האָט אַ קונה באַקוקט, באַטאַפּט, באַטראַכט דאָס שטיקל סחורה פון אַלע זייטן און געווען צופרידן דערמיט, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע דינגעניש .דער פאַרקויפער האָט געבעטן גאָר אַ הויכע פרייז און דער קונה האָט אים געגעבן דעם געהעריקן ענטפער — אָנגעבאָטן וואָס

ווינציקער. האָט דער קרעמער אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן פון זיין פּרייז, האָט דער קונה גענומען העכערן דעם אָנבאָט און ס'איז פּאַמעלעכל געקומען דערצו אַז דער קונה האָט אַ קלער געטאָן אַריבערצוגיין צו אַן אַנדער שטעלעכל, ער האָט זיך צופיל געאיילט מיט זיינע העכערונגען און מ'קען די סחורה קריגן פאַר אַ סך ביליקער.

דער טומל אין די שמאָלע געסלעך פון די פּאַרקויפער און קויפער האָט זיך אָנגעשלאָגן אין דעם ליאַרעם וואָס האָט אַראָפּגעהילכט פון די העכערע עטאַזשן. די פרויען האָבן אַרויסגעשטעקט די צעשויבערטע קעפּ, מיט האַלב־נאַקעטע הענט זיך אָנגעלעגט אויף די ביישטירלען פון די צעעפנטע פענצטער און מיט באַנומענע קולות זיך געקריגט מיט די שכנות פון די העכערע אָדער נידעריקע גאָרנס. אַמאָל גאָר האָבן צוויי שכנות זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן וועגן די יונגע מיידעלך וואָס ווערן פאַרפאַלן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין אָדער וועגן די ייִנגלעך וואָס קומען אַהיים מיט צעביילטע שטערנס. עס האָט אויך נישט געפעלט קיין רכילות וועגן אַ יונגן פּאָרפאָלק וואָס האָט מיר־נישט דיר־נישט זיך אַרויסגעקליבן פון דאַנען און ווי מען שמועסט האַלט עס ביי אַ גט צווישן זיי.

באַזונדערס געפּלעפט געוואָרן זענען די בחורים ווען זיי איז אויסגעקומען אַ פּאָר מאָל צו זיין נעבן די מענערישע קליידער־געשעפטן. אין פראָנט פון יעדער געשעפט איז געשטאַנען אַ מאַן און אויסגעשריגן אַז נאָר אין דער קראָם ווערן די מלבושים געמאַכט פון קראַנטנער סחורה און פאַרקויפט בחצי חינם. אַ פּאָר אָנגעשטעלטע פון דער זעלבער קראָם האָבן אייניקע פאַר־בייגייער ממש מיט געוואַלד אַריינגעשלעפּט אינעווייניק און נישט איינמאָל איז זיי געלונגען אויף אַזאַ אופן צו פאַרקויפן אַן אַנצוג.

די פיר פריינט האָבן אין דער אַלטער היים אויף אַזאַ דערשיינונג זיך נישט אָנגעשלאָגן, זענען זיי געשטאַנען ווי געליימטע, געקוקט מיט אויפגע־ריסענע אויגן און געשטוינט.

צוויי־דריי מאָל אַ וואָך האָבן די פיר פריינט זיך געטראָפן נאָך דער וועטשערע נעבן דער שטאָטישער געגנט־ביבליאָטעק. זיי האָבן אויסגעמיטן די טומלדיקע העל־באַלויכטענע גאַסן וואָס וואָלט זיי געשטערט אַראָפּצו־רעדן זיך פון האַרצן. האָט איינער אויסגעלייגט זיינע קריוודעס קעגן דער „גאָלדענער מדינה" האָבן אים די איבעריקע נישט איבערגעשלאָגן ווי עס וואָלט זיי גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן וואָס דעם אַנדערן פריינט גייט אויך מיט דער פוטער אַראָפּ.

— „אין דער אַלטער היים, — האָט קליינמאַן מיט אַן אומעטיק קול אַרויסגערעדט די ווערטער: — האָבן מיר געהאַט אַ שניטקראָם און פּרנסה איז געווען איבערן קאָפּ. אין אונזער שטוב איז געווען געראַם און ליכטיק. אין די ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן זענען זיך צוזאַמענגעקומען שכנים, קרובים און פריינט. ס'איז געזעסן אַרום טיש, פּאַסמאַקעוועט זיך מיט אַ

צעשניטענעם געמאַרינירטן הערינג און געבראָטענע קאַרטאָפּליעס, און גע־שמועסט וועגן פּאָליטיקע. דאָ וואוינען מיר אויפן דריטן שטאָק אין דריי פינצטערע לעכער וואוהין די זון קוקט קיינמאָל נישט אַריין. קעגנאיבער אונזערע דריי פענצטער שטייט אַ בלינדע וואַנט און עס שלאָגט פון דאָרט אַן אומעט.

אויפן אונטערשטן שטאָק, — האָט קליינמאַן נאָך אַ קליינער הפסקה ווייטער אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ. — „האָט דער טאַטע געדונגען אַ קלייטל און אַריינגענומען אַ ביסל שניט־סחורה. די קונים באַשטייען ס׳רוב פון פּוילישע און אוקראַאינישע גויעס וואָס וואוינען אין דערבייאיקער געגנט. מע קען אַמאָל אָפּזיצן שעהן לאַנג און נישט זען קיין קונה פאַר די אויגן, און קוים וואָס מע פאַרדינט אויפן פּיסנעם שטיקל ברויט. איז דאָס אַ לעבן?

— „מיר לעבן אויך נישט אין קיין פּאַלאַץ. — האָט שטערן אַ זיפץ געטאָן. — אין דער היים איז דער טאַטע געווען אַ מעקלער פון תבואות, וועלדער און סעדער. ר׳איז געווען אַן אַריינגייער אין גרויסע פּריצישע הויפן, נאַראַיעט די פּריצים תבואה־סוחרים, וואַלד־סוחרים און אַרענדאַרן אויף די סעדער און מילן. ער איז תמיד געווען אונטערוועגנס, פון איין פור אַראָפּ און אויף דער אַנדערער אַרויף, און שטענדיק האָט זיך דאָס היטל אויף אים געדרייט. אָבער פּרנסה האָבן מיר געהאָט איבערגענוג. דאָ, האָט זיך שערן פאַרהיקעט, לערנט ער מיט קינדער אַ פּרשה חומש און אַז גאָט העלפט, קנעלט ער איין מיט אַ בחורל אַ בר־מצוה דרשה און די פּאַסיקע הפטורה. ער קריגט אויך אַריין אַ זייטיק פאַרדינסטל — פּירט צונויף אַ ניי פּאָרפאָלק מיט אַ קרעמער וואָס גיט מעבל אויף אויסצאָלן. דאָס טרעפט אָבער אַמאָל אין אַ יובל.

— „און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלצגרוב, — האָט הובערמאַן געציילט די ווערטער — „און ס׳איז מיר גוט ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן. מיין פעטער האָט אַ צעלניק־קראָם און זשויבט אויף וואָס די וועלט שטייט. איך עס מכל טוב און האָב אַ גוט געלעגער, בין ווי אַן אײדעם אויף קעסט ביי אַ רייכן שווער. דאַר איך זיך דעם קאָפּ צו וואָס צו נעמען זיך ווען כ׳וועל אַראָפּגיין פון די קעסט. נו, זאָגט אַליין, לעב איך נישט ווי גאָט אין אָדעס?

— „דיין פעטער, הובערמאַן, איז געקנאָטן פון זעמלמעל, — האָט זיי־געראַמן אויפגעהויבן דעם קאָפּ. און מיין פעטער — פון ראָזשעווע מעל. ער בויט אויף עטלעכע הייזקעס אין עק שטאָט, פאַרדינגט זיי און זוכט קונים. פאַרקויפט ער די הייזקעס, שטעלט ער זיך בויען נייע. ווי עס וויזט אויס, טויג ער זיך אויס צו צום עסק. מיט מיר באַגייט ער זיך גוט, האָט אָבער שוין אַ פּאָר מאָל מיר געגעבן אָנצוהערן אַז איך זאָל זיך זוכן אַ באַשעפטיקונג. איינמאָל האָט ער כלאחר יד אַ זאָג געטאָן: „צו וואָס זשע, מאָטל, רעכנסטו זיך צו נעמען? צום צווייטן מאָל ביי אַ מאָלצייט האָט ער זיך אָנגערופן גלאַט אין דער וועלט אַריין, דער קוק זיינער איז מיר אָבער נישט געפעלן געווען —

„אין אַמעריקע האָט מען נישט ליב קיין ליידיקגייערס.״ פאַרשטייט איר דאָך אַז דאָס עסן איז מיר נישט באַקומען. ניכיי וואָלט ער מיר גע׳עצהט וואוהין צו גיין און וואָס צו זוכן, איך וויס דאָך נישט מיט וואָס מען עסט עס.

אַזוי־אָ האָבן אויף די אויפדערנאַכטיקע שפּאַצירן די חברים באַקלאָגט זיך אויף זייער דאַליע אינעם נייעם לאַנד. יעדער איינער האָט זיך אַראָפּ־געריידט פון האַרצן פאַר די איבעריקע דריי, און יעדערער האָט געמאַכט דעם ערשטן שריט אויף זיין לעבנסוועג אין אַמעריקע נישט באַראַטנדיק זיך מיט די נאָענטע פריינט און ביי יעדן איינעם איז עס פאַרגעקומען אויף אַן אַנדער אופן.

קליינמאַנס מוטער האָט איינמאָל אַ מאָך געטאָן צו אים: „אין דער אַלטער היים האָט מען אַן רוסיש אויך געמאַכט אַ לעבן. אין אַמעריטשקע גנב אָבער מוז מען קענען ענגליש אויב מע וויל צו עפּעס זיך דערשלאָגן. אַפילו דיין טאַטע און איך באַלאַבעטשען אַ ביסל ענגליש.״ — מלכה איז אַנט־שוויגן געוואָרן, האָט גערעכנט אַז משה וועט פרעגן וואָס זי האָט געמיינט מיט אירע רייד און ער ווידער האָט זיי נישט צוגעגעבן קיין שום באַדייטונג — די מאַמע וויל אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר אים, וועט ער איר שטערן? פון זיין שווייגן האָט מלכה געדרונגען אַז ער האָט נישט באַנומען וואוהין זי צילעוועט, האָט זי ווייטער גערעדט: „הער, משה, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן. קענסט אונז אַרויסהעלפן דורכן טאָג אין קלייטל און אויפדערנאַכט וועסטו גיין אין אַ שול וואו מען לערנט ענגליש מיט די נאָר וואָס אַריבערגעקומענע. און אַז דו וועסט זיך צולערנען אַ ביסל ענגליש וועסטו וויסן צו וואָס דו קענסט זיך דערשלאָגן.

— „איך וויל קיינעם נישט פאַלן צו לאַסט. — האָט משהס קול אַזש געציטערט פון אויפרעגונג — „איך וועל זיך שטעלן אַרבעטן ביי וואָס ס׳איז נישט איז און אין אַ יאָר אַרום וועל איך מסתמא שוין וויסן צו וואָס צו נעמען זיך.

— „קינד מיינס, — האָט מלכה ווייך אַרויסגערעדט די ווערטער. — „צום אַלעם ערשטן לערן זיך אויס ענגליש, דערנאָך וועסטו אַ טראַכט טאָן צו וואָס צו נעמען זיך. דאָס איז דער בעסטער און גרינגסטער וועג.

—„ איך בין מסכים מיט דיר, מאַמע. ביי‏טאָג וועל איך אַרבעטן ערגעץ וואו און אויפדערנאַכט וועל איך גיין אין אַן ענגלישער שול — האָט משה געמיינט אַז זי וועט גאַרנישט האָבן וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם.

— „ווייסטו דען, משה — האָט אַ לענגליכער טיפער קאָרב כמעט ווי פאַרטיילט איר שטערן אויף צוויי חלקים — „אַז נאָך אַ טאָג אַרבעט אין אַמעריקע איז מען זייער מיד און דאָס לערנען גייט נישט אין קאָפּ אַריין? אויפדערנאַכט דאַרפסטו געמיטלעך זיך צוהערן צו די אוראַקן אין שול און ביי‏טאָג זיצנדיק אין קלייטל וועסטו זיי גוט איינחזרן. דאָס קומט נישט בלויז

פון מיין ווייבערישן קאָפּ, דיין טאַטע מיינט אויך אַזוי, פאָלג זשע דאָס מאָל די טאַטע־מאַמע און דו וועסט קיין חרטה נישט האָבן.

— „מירן זען. — איז משה געריירט געוואָרן פון אירע האַרציקע רייד און געפונען פאַר נויטיק איר צו זאָגן אַז ער וועט זיך איבערקלערן. און ווען שפּעטער מיט עטלעכע שעה זענען דער מאַמעס רייד אים געקומען אויפן געדאַנק האָט ער זיך אַריינגעטראַכט אין זיי און אויף זיין אופן באַנומען אַז זי האָט רעכט. ער וועט זיכער פאַרגרעסערן די הכנסה, וועט אויך האָבן צייט זיך אָפּצוגעבן מיט די ענגלישע לימודים, וואָס איז זייער וויכטיק.

— „דו ווייסט אפשר נישט, יאָסל, — האָט אברהם, הבערמאַנס פעטער, זיך אָנגערופן ביי דער וועטשערע — „אַז מיט דיין טאַטן בין איך געווען אַ שמעלקע שבשמעלקע נישט ווי מיט גלאַט אַ ברודער. ער, אַ יודע ספר, איז געווען דאָס שיינדלינג אין דער משפחה און אָן זיין הסכמה האָט קיינער זיך נישט אַ ריר געטאָן פון אָרט.

יאָסל האָט געקוקט אויף זיין פעטער מיט אויפגעריסענע אויגן ווי וואָלט אין זינען געהאַט אַרויסצודרינגען וואוהין ער האָט געצילט מיט זיינע שבחים.

— „ווען כ׳האָב געקראָגן די שלעכטע בשורה, האָט אברהם אַרומגענומען דאָס גלאָז טיי און געקוקט פאַר זיך. — „האָב איך זיך קיין אָרט נישט געקענט געפונען. אַזאַ גרויסע אבידה... און איך בין אים שולדיק געבליבן אַ חוב, אַ גרויסן חוב. — האָט אברהם אָנגעשטעלט די אויגן אויף יאָסלען. — „ווען די געשעפטן מיינע זענען געגאַנגען באַרג אַראָפּ און כ׳האָב נישט געוואוסט וואוהין אַהינצוטאָן זיך האָט ער, ער מיר גע׳עצהט אַנטלויפן קיין אַמעריקע. דיין טאַטע האָט ליב געהאַט אַריינצוברענגען אַ פסוק — משנה מקום, משנה מזל — און ווי אַלעמאָל איז זיין הבטחה מקוים געוואָרן. פרנסה איז דאָ ברייוח, וויל איך משלם זיין דעם חוב דיר, זיין זון. אין מיין צעלניק קראָם וועסטו כאַפּן דעם סטרי וויאַזוי צו באַגיין זיך מיט אַמעריקאַנער קונים, גויים און יידן. וועסטו בלייבן ביי מיר אין געשעפט, איז מה טוב. וועט זיך דיר דאַכטן אַז ס׳גלייכער צו אַרבעטן ביי אַ פרעמדן, וועל איך דיר העלפן צו קריגן אַ גוטע שטעלע. אַוודאי וואָלט איך געוואָלט אַז מיין ברודערס זון זאָל שטיין ביי מיר אין געשעפט, אָבער דו דאַרפסט טאָן לויט דיין חות דעת.

—„אַ גרויסן דאַנק אייך, פעטער, — און מער קיין ווערטער זענען יאָסלען נישט געקומען אויפן געדאַנק אַזוי אומדערוואַרט זענען געווען דעם פעטערס רייד, אין זייער תוך און נשמהדיקייט.

— „נעם זיך צייט, יאָסל, — האָט אברהם אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין פּלייצע. — די וועלט וועט נישט אונטערגיין אויב דו וועסט מיר געבן אַ תשובה אין אַ פּאָר טעג אַרום אָדער שפּעטער מיט אַ וואָך, דערווייל ווע׳מיר טועם זיין אַ ביסל איינגעמאַכטס און פאַרטרינקען מיט אַ גלעזל טיי.

מאָטל זייגערמאַן איז געזעסן ביים טיש און אַריינגעקוקט אין אַ ציי־

טונג. זיין פעטער ברוך האָט אָן אָן אויפהער געשפּאַנט פון איין עק צימער צום אַנדערן. נאָך זיין געקנייטשטן שטערן איז געווען קענטיק אַז ר׳ איז שטאַרק פאַרמוח׳ט. מאָטל האָט אַלע ווײַלע געוואָרפן אַן אויג אויפן פעטער — פון וואָס איז ער אַזוי פאַרדאגהט? ווייזט אויס אַז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט זיינע הייזקעס און קען זיך נישט אַרויסדרייען. אַזוי איז שוין דאָס לעבן — אָט איז מען אויפן פערד און מע מיינט אַז ׳מהאָט אָנגעכאַפּט גאָט ביי די פּאָלעס, און באַלד איז מען גאָר אונטערן פערד און ס׳דאַכט זיך אַז די וועלט איז אונטערגעגאַנגען.

מיטאַמאָל האָט ברוך זייגערמאַן זיך אָפּגעשטעלט נעבן טיש וואו מאָטל איז געזעסן און זיך אָנגערופן: „גאָר אינגיכן, מאָטל, שטעל איך זיך בויען עטלעכע הייזקעס. אַרומקלערנדיק דעם פּלאַן פון דער אַרבעט האָב איך זיך דערמאָנט אַז פאַרן אַרויספאָרן קיין אַמעריקע האָסטו אַ יאָר צייט געאַרבעט ביי סטאָליערײַ" — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ פּאָר רגעס ווי וואָלט אַ טראַכט געטאָן וואָס ווייטער צו זאָגן: „דו טוסט דאָך סיי ווי גאָרנישט, נוץ זשע אויס די געלעגנהייט און שטעל זיך אַרבעטן ביי די עטלעכע הייזקעס, מיט דער צייט וועסטו ווערן אַ פאַלנע סטאָליער און גוט פאַרדינען. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן די סטאָליערס זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט, זיי זשע גרייט.

ברוך זייגערמאַן האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער פון זיין פּלי־מעניק און ווייטער גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער.

מאָטל האָט נישט געקענט איינליגן אויפן געלעגער און געהאַלטן אין איין איבערדרייען זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. „ווי אויף צו להכעיס, איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין, סקריפּעט שטאַרק דאָס בעטל און ער קען נישט צומאַכן מיט קיין אויג."

מאָטל האָט אין רוסלאַנד זיך געלערנט סטאָליערײַ כדי אַוועקצופאָרן קיין פּאַלעסטינע און העלפן בויען דאָס לאַנד פון די אבות. האָט אים דער פעטער פון אַמעריקע געשריבן: „כאַפּ זיך אַריבער קיין אַמעריקע און איך וועל דיר העלפן צו שטעלן זיך אויף די פיס, איסט אָפּשפּאָרן אַ פּאָר טאָלער, איסטו טראַכטן פון פּאַלעסטינע." און ער האָט זיין פעטער געפאָלגט.

איז וואָס זשע קען ער איצט טאָן? פון זיין פעטערס צוזאָגן צו שטעלן אים אויף די פיס, האָט זיך אויסגעלאָזט אַז ער וויל אים, מאָטלען, אַוועקשטעלן ביי זיינע הייזקעס צו אַרבעטן אינאיינעם מיט די סטאָליאַרעס. ער איז צוגע־שטופּט צו דער וואַנט און האָט אַפילו נישט קיין ברירה אַרויסצוקלייבן זיך פונעם פעטערס דירה, ווייל ער האָט נישט קיין פּעני ביי דער נשמה, אין צוויי טעג אַרום וועט ער מוזן אויסקלייבן איינס פון די ביידע — אַריינוואַרפן זיך אין וואַסער אַריין אָדער אָנבייגן דעם קאָפּ און טאָן וואָס דער פעטער הייסט. איז פאַרוואָס טאַקע האָט ער זיך צוגעהערט צום פעטערס זיסע רייד און נישט אויסגעוואָנדערט קיין פּאַלעסטינע?

אין די אויפדערנאַכטן האָט שטערן צומאָל זיך צוגעזעצט אויף די

טרעפ פונעם אַפּאַרטמענטהויז וואו זיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ קליינע דירה. אַהינצו איז אויך פון צייט צו צייט אַרויסגעקומען אַ יונג מיידל וואָס האָט געוואוינט בשכנות מיט שטערענען. ווי עס טרעפט אין אַזעלכע פאַלן האָט מען זיך צערעדט. שטערן האָט נישט פאַרזאַמט איר צו זאָגן אַז ער איז נישט לאַנג צוריק אַריבערגעקומען צו זיינע עלטערן אין אַמעריקע.

— „אין אַן אַפּאַרטמענטהויז האַלטן זיך נישט קיין סודות. — האָט דאָס מיידל זיך צעשמייכלט — יעדער איינער ווייסט וואָסביים שכן אין טעפּל קאָכט זיך און אין אַ האַלבער שעה אַרום ווייסן שוין דערפון אַפילו די שכנים פונעם אַנדערן אַפּאַרטמענטהויז. — זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און דער שמייכל איז פאַרשוואונדן פון איר פּנים. האָט אים אָבער באַלד אַ פרעג געטאָן: וואָס רעכנט איר צו טאָן?

— „איך זאָל אַזוי וויסן פון אַ בייזער וועטשערע. — האָט שטערן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— „איך וואָלט אייך געראָטן איר זאָלט צום אַלעם ערשטן באַזוכן אַן ענגלישע נאַכטשול. — האָט דאָס מיידל זיך אויסגעקערעוועט צו שטערענען ווי זי וואָלט אים דערמיט צו וויסן געגעבן אַז דאָס איז אַן ערנסטער ענין און נישט גלאַט קיין געשפרעך. — „אַז איר וועט זיך אויסלערנען אַ ביסל ענגליש און אויך פאַר איין וועג זיך באַקענען אַ ביסל מיט די פאַראַנדעקס אין אַמעריקע, וועט פאַר אייך גרינגער זיין צו זוכן אַ באַשעפטיקונג.

— „איך גלויב אַז איר האָט רעכט. — האָט שטערן אַ קלער געטאָן אַז זי רעדט נישט פון וועג.

— „אויב איר האָט גאָרנישט דאַקעגן, — האָט דאָס מיידל זיך אַנגענומען מיט קוראַזש. — „וועל איך פאַר אייך אויסזוכן אַזאַ ענגלישע נאַכטשול וואו איר וועט אין אַ קורצער צייט זיך באַקענען מיט דער ענגלישער שפּראַך.

— איך וועל זיך דורכרעדן מיט מיינע עלטערן. — האָט שטערן זיך געחידושט וואָס אַ ווילד־פרעמדער מענטש נעמט זיך אונטער אַזויפיל צו בלאַפּאַטשען פאַר אים.

— „נאַטירלעך. — האָט זי מיט אים מסכים געווען. — „כאָטש אין אַמעריקע גייט די יוגנט אויף איר אייגענעם וועג.” — עס האָט איר באַנג געטאָן וואָס זי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַזאַ באַמערקונג. ער קען עס אויסטייטשן אַז נאָך איר מיינונג דאַרף ער זיך נישט באַראָטן מיט די עלטערן.

— „איך בין נאָך נישט קיין אַמעריקאַנער. — האָט שטערן אויף זיין שטייגער איר געלאָזט וויסן אַז ר'איז קעגן אַזאַ שטעלונג פון דער אַמעריקאַנער יוגנט.

צומאָרגנס האָט שטערן איבערגעגעבן זיינע עלטערן וואָס דאָס מיידל האָט אים גע'עצהט צו טאָן.

אסתר האָט נישט פאַרזאַמט זיך אָנצורופן: „איך קען דאָס מיידל, זי איז אַ

טייער קינד, אַרבעט אין אַ שאַפּ און פאַרדינט זייער גוט. זי איז נישט קיין שאַלטיקל און קען זיך דערשלאָגן אַפּילו צום קיסר.

— „צו דעם מיידלס עצה דאַרף מען זיך צוהערן, — האָט מרדכי צוגעגעבן. — „זי האָט וויזט אויס, אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און וועט פאַר דיר אויסזוכן אַ גוטע ענגלישע נאַכטשול. און דו זאָרג זיך נישט וועגן אַרבעט, ס׳וועט קלעקן אויף פּרנסה פאַר אילע דריי. איך רעכן גאָר איינגיכן אַוועקצואוואַרפן דאָס מלמדות און זיך פאַרנעמען נאָר מיט מעקלעריי. דער רבש״ע האָט מיך נישט פאַרלאָזט אין דער אַלטער היים און וועט אויך נישט אָפּטאָן זיין גנאָד פון מיר אין דער נייער היים. ווען דו וועסט ווערן אַ ידען אין ענגליש און די פּרנסה וועט זיך פאַרמערן, וועסטו מיר באַהילפיק זיין צו פירן די חשבונות.

3

צווישן די פיר חברים האָט זיך זייגערמאַן געפילט ווי אַ שטיפברודער. ווי אַ מוטער דערלאַנגט מיט אַ שמייכל אירע אייגענע זין פון די בעסטע מאכלים, און דעם שטיפזון — דאָס איבערבלייבעכץ און מיט אַ כמורנעם בליק פאַר אַ צולאָג. — אַזוי איז אַמעריקע זיך באַגאַנגען מיט די פיר חברים. דאָס מזל האָט צוגעשפילט די דריי חברים. משהן און איציקן האָבן זייערע עלטערן געגעבן אַ געלעגנהייט צו לערנען זיך ענגליש. אויב אַפילו זיי וועלן זיין געצוואונגען אין אַ יאָר־צוויי אַרום צו שטעלן זיך אַרבעטן ביי וואָס ס׳איז נישט איז, וועלן זיי אָבער האָבן זיך אויסגעלערנט צו שרייבן און ריידן ענגליש און דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. געלט איז קיילעכיק — אָט איז עס דאָ און אָט קייקלט זיך עס אַוועק אָבער בילדונג בלייבט. ווער שמועסט נאָך אַז מ׳עפנט אַ געשעפט, קומט עס אַוודאי צוניץ. הובערמאַן האָט אויך אַ ביסל מזל. זיין פעטער האָט אים אַריינגענומען אין דער צעלניק־קראָם און זיך באַגאַנגען מיט אים ווי מיט אַן אייגענעם זון. האָט זיין פלימעניק צוגעטיילט אַ שיין צימער און די מומע זעט שוין אַז ס׳זאָל אים גאָרנישט פעלן. אים, זייגערמאַנען, האָט דער פעטער געמאַכט פאַר אַ בעל־מלאכה און געשטעלט אַרבעטן ביי סטאָליערײַ.

זייגערמאַן האָט אין לעמבערג זיך געלערנט סטאָליערײַ. זיין טרוים איז געווען — מיט אַ שטיקל פאַך אין דער האַנט וועט ער אין פּאַלעסטינע העלפן בויען דאָס יידישע לאַנד פון דער צוקונפט. וועגן דעם פּלאַן האָט ער געלאָזט וויסן זיין פעטער אין אַמעריקע וואָס האָט געהאַלטן אין איין צו־רעדן אים אין זיינע בריוו ער זאָל פריער קומען קיין אַמעריקע וואו אַלץ וועט געטאָן ווערן אַז פון זיין פלימעניק זאָל ווערן אַ לייט.

אין דער סטאָליארניע זענען געווען מער ווי אַ צענדליק בחורים וואָס האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע. מ׳האָט זיך באַקאַנט, געשפּרייזט איבער לעמבערג, געשמועסט פון אַלערליי זאַכן און אויך גענאַרגט זיך וואָס דאָס אָפּפאָרן פון לעמבערג ציט זיך ווי פון פּעך. אַלע ווילע רוקט זיך אונטער אַ שפּאָגל נייע שוועריקייט און מע לייגט אָפּ דאָס אַוועקפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן.

פון די אַלע שמועסן, דאגות און אָפּלייגענישן האָט זייגערמאַן זיך אַריינ־גענומען אין קאָפּ אַריין אַז דאָס לעבן אין דעם „צוגעזאָגטן לאַנד״ וועט זיך אויך ציען ווי פון פּעך. עס וועט אָנקומען מיט גרינע ווערים איידער מע וועט זיך דערשלאָגן צון אַ טאַלק. דערפון האָט ער געדרונגען אַז ס׳וואָלט גאָרנישט געשאַט צו האָבן אַ פּאָר טאָלער אין קעשענע. ס׳איז במילא אים געקומען

אויפֿן געדאַנק אַז ס׳וואָלט זיך געלוינט צו פֿאָרן קיין אַמעריקע אויף אַ שטיקל צײַט, אָפּשפּאָרן אַ פּאָר טאָלער און דערנאָך אַוועקלאָזן זיך קיין פּאַלעסטינע. ס׳איז אַן אויסגעצייכנטער פּלאַן.

זייגערמאַן האָט אין דעם נוסח אָנגעשריבן אַ בריוול צו זײַן פֿעטער אין אַמעריקע.

אין די ערשטע צוויי וואָכן נאָכן אַרײַנקומען אינעם נײַעם לאַנד האָט זייגערמאַן נישט געצווייפֿלט אַז ער האָט זיך נישט אָפּגענאַרט אין חשבון. ווען מאָטל איז אויפֿגעשטאַנען און אָפּגעגעסן דעם ערשטן פֿרישטיק אין נײַעם לאַנד האָט דער פֿעטער ברוך אים געזאָגט: „זיץ נישט אין שטוב, מאָטל. באַקוק די גאַסן, און באַקען זיך מיט די מענטשן. זאָרג זיך נישט, וועסט נישט פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן, וועסט פֿרעגן עמיצן אויף יידיש וועט מען דיר שוין זאָגן וויאַזוי אַהיים צו גיין, פֿאַרשרײַב נאָר דעם אַדרעס.

אויף די אַרומיקע גאַסן איז געווען אויף אַזויפֿיל אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים, אַז דער נײַגער צום דרויסן האָט זיך מיט יעדן טאָג צעוואַקסן. עס האָט זיך אים געגומען אויסדאַכטן אַז יעדעס מאָל זעט ער די גאַסן ,הייזער און מענטשן אַנדערש ווי פֿריער. ס׳איז דעריבער נישט געווען פֿאַר אים קיין איבעריקע טירחה ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל צו שפּאַנען איבער דער געגנט. אויך אין חסידים־שטיבל וואוהין דער פֿעטער האָט אים שבת מיט־גענומען דאַוונען איז נישט געווען ווי אין דער אַלטער היים. דוכט זיך, די זעלבע יידן, די זעלבע תּפֿילות און דער זעלבער נוסח פֿון דאַוונען, מ׳איז אָבער נישט ווי אין דער קלויז פֿון זײַן שטעטל.

איינפֿן געלעגער האָט „עמיצער" אַ פֿרעג געטאָן מאָטלען: צוליב וואָסערע צוועקן האָט דער פֿעטער דיר געהייסן אַרומשלייַען זיך איבער די גאַסן ווי אַ פּוסטעפּאַסניק? וואָס פֿאַר אַ נוצן קען עס דיר ברענגען? האָט מאָטל „אים" געענטפֿערט: צום אַלעם ערשטן איז נויטיג געווען אַז איך זאָל כאַפּן דעם „דוך" פֿון אַמעריקע. דאָס שלייַען זיך איבער די גאַסן וועט נישט גע־דויערן לאַנג. דער פֿעטער וועט מיר אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג וויאַזוי אין אַ קורצער צײַט זאָל פֿון מיר ווערן אַ שטיקל לייט. צוליב דעם איז ער דאָך, מאָטל, געקומען קיין אַמעריקע.

זייגערמאַן האָט אויף גיך אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן פֿרישטיק און איז אַרויס אין גאַס. דאָס מאָל האָט ער נישט געקוקט אויף די גאַסן, הייזער און מענטשן, נאָר דאָס פֿאַרכמורעטע פּנים פֿון דער מומען האָט געשוועבט פֿאַר זײַנע אויגן. וואָס אייגנטלעך איז דאָ פֿאָרגעקומען? האָט אים געגבערט אין מוח. ער האָט זי מיט גאָרנישט ניט געקענט דערצערענען, האָט דאָך צו איר נישט אַרויסגערעדט קיין צוויי ווערטער. נישט אַנדערש אַז זי האָט געהאַט אַ שאַרפֿן איבעררייד מיטן פֿעטער פֿאַרוואָס ער, מאָטל, זיצט זיי אויפֿן קאַרק און זי דאַרף אים אין זינען האָבן מיטן אָנבייסן און איבערבײַטן. איז עס זײַן שולד וואָס דער פֿעטער האָט אים נישט געגעבן אָנצוהערן אַז ס׳איז שוין

צייט אויפצוהערן צו שפּאַנען איבער די גאַסן און נעמען זיך צו אַ מלאכה? דער פעטער האָט מסתמא איר אָפּגעגעבן דאָס קוויטל און זי איז דערימעך אויף אים, מאָטלען, אין כעס. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער זאָגן דעם פעטער אַז ס'איז שוין צייט צו טראַכטן וועגן אַ תכלית, אָבער דערווייל וועט ער נישט גיין שפּילן קיין ברוגז מיט דער מומען. ער וועט זיך אַריינ־שטעלן אין שטוב צום איבערבייסן ווי נעכטן אייערנעכטן . נאָך אַלעמען איז ער נישט געקומען צו דער מומען, נאָר צום פעטער, וואָס האָט איינ־געלייגט וועלטן אַז ער זאָל שטאָט קיין פּאַלעסטינע, פאָרן קיין אַמעריקע וואו עס וועט ווערן פון אים, מאָטלען, אינגיכן ווערן אַ לייט.

זייגערמאַן איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין מיט: „עס איז זייער אַ שיינער טאָג, מומע. וואָס גייט איר נישט אַרויס אויף דער גאַס? ס'איז אַ מחיה אין דרויסן." מאָטל האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט אין אַ גוטן געמיט, זאָל זי נישט מיינען, אַז ער טראָגט אויף איר אַ האַרץ פאַרן כמורן זיך אויף אים אינדערפרי.

— „אַמאָל איז אַ שיינער טאָג אויך נישט צום האַרצן. — האָט זי אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַריינגעשאַרט זיך אין קיך, אַריינגעבראַכט דעם איבערבייסן און צוריקגעגאַנגען אין קיך אַריין.

נאָכן אָפּעסן דעם מאָלצייט האָט זייגערמאַן אַריינגעטראָגן דאָס אומרייני געפעס אין קיך און געזאָגט איר: „אַ דאַנק, מומע. זי האָט גאָר נישט געענט־פערט.

אין דרויסן האָט זייגערמאַן גענומען טראַכטן וויאַזוי אַרויסצודרייען זיך פון דער פאַרפּלאָנטערניש און נישט געקענט געפינען קיין אויסוועג. וואָלט ער פאַרמאָגט כאָטשבי דרייסיק טאָלער וואָלט ער זיך אַרויסגעצויגן פונעם פעטערס הויז, געדונגען זיך אַ קליין צימערל און געזוכט אַרבעט ביי וואָס ס'זאָל נישט זיין — ער וואָלט זיך סוף כל סוף דערשלאָגן צו עפּעס, מעג די אַרבעט זיין ווי שווער. אָן עטלעכע טאָלער אין קעשענע איז אַפילו נאַריש צו טראַכטן וועגן אַרויסקלייבן זיך. וואָס זשע בלייבט צו טאָן? וועט זיך אומ־קערן „אַהיים" שפּעטער ווי געוויינלעך, וועט ער זיכער טרעפן דעם פעטער אין שטוב. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער לאָזן וויסן דעם פעטער אַז ס'איז אים שוין דערעסן צו זיין אַ פּוסטעפּאַסניק און וויל עפּעס טאָן. היינט אויפדערנאַכט וועט ער עס אים זאָגן!

ווען זייגערמאַן האָט זיך אַריינגעשטעלט אין הויז איז שוין דער פעטער געזעסן ביים טיש. איידער נאָך מאָטל האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן בענקל, האָט דער פעטער זיך אָנגערופן: — „בלאַנקע נאָך אַרום, מאָטל, איבער די גאַסן און איך וועל אַ קלער טאָן וואָס פאַר אַ באַשעפטיקונג מע קען געפינען פאַר דיר. זאָרג זיך נישט, וועסט לאַנג נישט אַרומגיין לײדיק און דו, שפּרינצע, זאָלסט מיר מאָרגן אינדערפרי צוגיין צום דאָקטער אויב ס'וועט דיר נישט ווערן בעסער. נישקשה, מאָטל איז נישט קיין יינגעלע און

ער מעג שוין וויסן אַז טייל פּרוּוען האָבן שטאַרקע ווייטאָגן פון דער וויבערישער קראַנקייט און זענען ווי אויפן עולם התהו. אָבער דערווייל אימער גרייטן צום טיש און אונטערלייגן זיך דאָס האַרץ.

ברוך האָט אין איין אָטעם גערעדט צו מאָטלען, צום ווייב און צו ביידע מיטאַמאָל. שפּרינצע האָט שלאָבעריק זיך אויפגעהויבן פון בענקל און אַ שמייכל האָט חשק געהאַט אויסצושפּרייטן זיך איבער אירע בלאַסע ליפּן, נאָר נישט געוועט אימשטאַנד עס צו טאָן: . ס'וועט מיר נאָך סטייען כוח אַרייַנ־צוברענגען דאָס עסן פון דער קיך און איך וועל זיך באַגנוגען מיט אַ גלאָז טיי. — און זי האָט די בליקן געווענדט צו איר מאַן. — „איך האָף אַז ביז מאָרגן וועט „עס” איבערגיין.

זייגערמאַנס פּנים איז געוואָרן גאָלע שטוינונג וואָס איז פּאַמעלעכעל אַריבערגעגאַנגען אין געמיטליכקייט אויף אַזעלכע רייד פונעם פּעטער האָט ער זיך נישט געריכט און אין געציילטע מינוטן האָבן פון מאָטלען זיך אָפּגע־טאָן אַלע זאָרגן, מאַטערנישן און איבערטראַכטענישן. ער דאַרף מער נישט מורא האָבן פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, פריער אָדער שפּעטער וועט דער פּעטער אים באַזאָרגן מיט אַ באַשעפטיקונג און די מומע האָט נישט איבערגערעדט מיטן פּעטער פאַרוואָס ער, מאָטל, גייט אַרום ליידיק. די מומע האָט שטאַרק געליטן פון דער וויבערישער קראַנקייט, האָט זי דערלאַנגט דאָס עסן מיט אַ פאַרכמורעט פּנים. פון היינט אָן און ווייטער וועט ער איבער יעדער קלייניקייט מער זיך נישט אַריינלאָזן אין אַלערליי איבערטראַכטונגען.

שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן האָט ברוך איינמאָל אַ זאָג געטאָן צום פּלימעניק: „כ'האָב זיך געסטאַרעט צו געפינען פאַר דיר אַ געלערנטער בחור, אַ פאַסיקע שטעלע, אָבער ס'איז נישט געגאַנגען. דערווייל, גלויב איך, מעגסטו זיך שטעלן אַרבעטן ביי סטאָליערײַ. נאָר אין גיכן וועל איך זיך נעמען בויען נייע הייזקעס, וועל איך דיך צושטעלן ווי אַ געהילף צון אַ גוטן סטאָליער, וועסט שנעל כאַפּן דעם סטרי און גוט פאַרדינען.

— „אַז מ'קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער. — האָט זייגערמאַן שטיל אַרויסגערעדט.

— „זאָרג זיך נישט. — האָט ברוך דערפילט אין זייגערמאַנס ענטפער אַז ער האָט זיך אונטערגעגעבן ווייל האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט.

— „כ'בין זיכער אַז דו וועסט ביי סטאָליערײַ נישט פאַרבלייבן.

— „פון אייער מויל אין גאָטס אויערן. — האָט אויף זייגערמאַנס פּנים זיך באַוויזן אַ פריילעכע מינע. עס איז פאַרגעקומען ווי זייגערמאַן האָט גע־רעכנט ווען ער האָט איינגעוויליקט, אויף זיין פּעטערס עצה, צו קומען קיין אַמעריקע. ער וועט זיך גוט אויסלערנען סטאָליערײַ, אָפּשפּאָרן עטלעכע הונדערט טאָלער און אָוועקלאָזן זיך קיין פּאַלעסטינע. דערווייל אָבער האָט זיינע חברים אָפּגעגליקט און פון אים איז געוואָרן אַ בעל מלאכה. דאָס האָט אָוועקגערוקט זיין אויסגעאַרבעטן פּלאַן אויף העט שפּעטער און ס'האָט

אים געריזעט וואָס פון זיינע חברים וועט באַלד ווערן שטיקלעך לייט, און פון אים — אַ פּשוטער סטאָליער. באַזונדערס האָט אים געאַרט וואָס זיי וועלן געוויס אָפּלאַכן פון אים דערוויסנדיק זיך פון זיין מערכה.

ווי יעדער אָנהייבער האָט זייגערמאַן מיט אייפער זיך גענומען צו דער סטאָליארסקער אַרבעט און זיין קורצער האַלץ איז געוואָרן דיקער און ברייטער. אין אַלע זיינע באַוועגונגען און טראַכטענישן איז געווען פאַר־שטעקט אַ נייגער — ער מוז שנעל כאַפּן דעם סטרי, ווערן אַ פאַלנע סטאָליער און גוט פאַרדינען, דאָס איבעריקע וועט שוין במילא קומען...

עס זענען פאַריבער נישט מער ווי צוויי־דריי חדשים און זיין התמדה איז נישט געגאַנגען אין ביוועץ. דער פעטער האָט אים געגעבן אַ הוספה און דאָס מיינט אַ סך... אַן אייגענער פעטער אַפילו וואַרפט זיך ניט גלאַט אין דער וועלט אַריין מיט הוספות. אויך דער סטאָליער צו וועלכן זייגערמאַן איז צוגעשטעלט געווען ווי אַ געהילף האָט געוואָרפן נאָר פון צייט צו צייט אַ בליק אויף זיין אָפּגעטאָנענער אַרבעט און געמאַכט אַ באַמערקונג ווען ניט ווען. איז דאָס נישט דער בעסטער באַוויז אַז ער, מאָטל, איז אויפן וועג צו ווערן אַ פאַלנע סטאָליער?

נאָך פאַר דער הוספה האָט זייגערמאַן אַ קלער געטאָן אַז מע דאַרף געבן דער מומען אַ פּאָר טאָלער פאַרן כארטש און אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָס צימער איז טאַקע אַ קליינס און די מאָלצייטן זענען פּשוטע, וואָס זשע, ער איז אַן איידעם אויף קעסט? דערלאַנגענדיק דער מומען די פּאָר טאָלער האָט זייגערמאַן איר געזאָגט — „אַז איך וועל מער פאַרדינען וועט איר קריגן אַ הוספה.

— „אַ דאַנק, מאָטל. איז דער מומען געפעלן געווען זיינע ווערטער. — וועסט מירצעשעם ווערן אַ לייט.

— „אַ גרויסן דאַנק קומט גאָר אייך און דעם פעטער וואָס איך פיל זיך דאָ ווי אין דער היים. — האָט זייגערמאַן געפונען פאַר נויטיק איר צו זאָגן.

— „וואָס זשע דען האָבן מיר געזאָלט טאָן מיט אַן אייגענעם? ווייזן אים די טיר, צי וואָס? — האָט זי זיך געוואונדערט.

ווען זייגערמאַן האָט שוין גוט פאַרדינט האָט ברוך אים געע'עצהט — „דו ווייסט, מאָטל, וואָס איך וועל דיר זאָגן? מירן מאַכן פון דיין קליינעם צימער אונזער שלאָפצימער און דיר אָפּטרעטן דאָס גרעסערע צימער, מיט צוויי פענצטער צו דער גאַס. דאָרטן וועסטו האָבן מער רחבות און דער מומען וועסטו געבן אַ שטיקל הוספה. וויבער זענען אַלעמאָל וויבער. — האָט ברוך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— „כ'וועל עס טאָן. — האָט מאָטל אַרויסגערעדט די ווערטער מיט דרך ארץ פאַרן פעטער.

דעם פעטערס רייד וועגן אַ גרעסערן צימער זענען זייגערמאַנען נישט

אַרויס פון קאָפּ. עס איז אים באַשײמפּערלעך קלאָר געוואָרן אַז דער פּעטער האָט אים תּמיד אין זינען און מאָטל האָט ביסלעכווײַז גענומען זיך באַגײן מיט אים ווי אַ דערוואַקסענער זון — מיט זײַן פּאָטער אין וועמענס געשעפט ער איז געוואָרן אַ שטיקל שותּף. ער האָט אָנגעוויזן זײַן פּעטער אַז די אַרבעט וואָלט בעסער געווען דורכצופירן אויף אַן אַנדער אופן. האָט דער פּעטער מיט אים נישט מסכּים געווען, האָט ער אויסגעפּאָלגט זײַנע פריערדיקע אינ־סטרוקציעס. אַן אַנדערש מאָל האָט זייגערמאַן אויסגעלייגט אַ פּלאַן וויאַזוי אויסצובויען די הייזער. לויט דעם פּלאַן וואָלט עס געקאָסט ביליקער און די הייזער וואָלטן שענער אויסגעזען. דער פּעטער האָט אָנגעטייעט פּונעם פּלימעניק און אַ גלעט געטאָן דאָס אונטערגעשוירן בערדל — דער יונג פאַר־שטייט אַ געשעפט און גאַנץ מעגלעך אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט ער ווערן אַ בויער פון הייזער.

אויך מיט זײַנע חברים האָט זייגערמאַן באַנומען זיך אַנדערש ווי פריער. ער איז מער נישט געווען געפאַלן ביי זיך וואָס אים איז נישט געלונגען צו לערנען זיך ענגליש אין אַ נאַכטשול און חלומען פון אַן אוניוועריזיטעט אײדער זיי וועלן זיך צון עפּעס דערשלאָגן, האָט זייגערמאַן נישט געצווייפלט, וועלן זיי זיך געבנוג אָנבידעווען. קיין דאָקטוירים וועט פון זיי נישט ווערן, דערויף דאַרף מען האָבן אַ סך געלט. אין אַן אַנדער אינטעליגענטער פּראָ־פעסיע פאַרדינט מען קוים אויף חיונה, לוינט זיך צו פּטרן דערויף אַזויפיל יאָרן? ער אַליין ווידער וועט נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. וואָס־וואָס, קיין אַרבעטער וועט ער נישט פאַרבלייבן. ער וועט ווערן אַ באַלעבאָס ביי סטאָ־ליערײַ צי ביי עפּעס אַנדערש. דערווייל וועט ער נישט פאַרנאַכלעסיקן אַ וויכטיקן ענין, וועט זיך פאַרשרייבן אויף צוויי אָוונטן אַ וואָך אין אַן ענגלישער נאַכטשול. עס איז נויטיק אויסצולערנען זיך ענגליש כּדי צו קענען אָנשרייבן אַ לייטיש בריוול וואָס איז זייער וויכטיק אין געשעפט־פירונגען. אַפילו איבערלייענען אַן ענגליש ביכל אַמאָל אין אַ יובל קומט אויך צוניץ. מע וועט נישט קוקן אויף אים ווי אויף אַ „גרינעם". ער וועט געווים זײַן אַזוי גע־בילדעט ווי הובערמאַן וואָס לערנט זיך ענגליש ביי אַ פּריוואַטן לערער צוויי מאָל אַ וואָך. איין וואָך — אינדערפרי און די צווייטע וואָך אויפדערנאַכט, ווײַל זײַנע אַרבעטסשעהן בייטן זיך אַ וואָך איבער אַ וואָך. מען האָט אים אויך איבערגעגעבן אַז הובערמאַן פּלאַנעוועט בסוד סודות צו פאַרשרייבן זיך אויף געשעפטסקורסן אין אַ פּריוואַטן לערנאַנשטאַלט. ער וויל זיך באַקענען מיט די היגע געשעפטספירונגען. ווי עס קוקט אויס רעכנט ער נישט צו פאַר־בלייבן אַן אָנגעשטעלטער אין זײַן פּעטערס געשעפט. ער האַלט עס דערפאַר „קען זײַן, בסוד, דער פּעטער זאָל זיך דערפון נישט דערוויסן און אים נישט געבן דעם וועג. ווען עס קומט צו געשעפט שפּילט קיין קרובהשאַפט קיין ראָליע נישט. זײַענדיק באַקאַנט מיט זײַן פּעטערס אַלע קונים, קען הובער־מאַן עפענען אַ קראָם פּונקט קעגנאיבער זײַן פּעטערס, אָדער אין בעסטן

פאַל מיט אַ פּאָר קוואַרטאַלן ווייטער. ער וועט דאָך נישט גיין עפּענען אַ געשעפט אין אַ געגנט וואו אַזעלכע קראָמען זענען נישט בנמצא און נישט זען קיין קונה פאַר די אויגן. געוואויר ווערנדיק אַז הובערמאַן באַזוכט געשעפטסקורסן וואָלט זיין פעטער נישט באַגאַנגען קיין עוולה ווען ער שיקט אים אַוועק. ער, מאָטל, אויף זיין פּלאַץ וואָלט אויך אַזוי געטאָן. ווער וויל עס אַריינשטעקן דעם קאָפּ צום לייב אין מויל אַריין? אין דעם פאַל מיינט עס ווער וויל עס צוגרייטן אַ קאָנקורענט צו זיין אייגן געשעפט? הובערמאַן איז אויפן ריכטיקן וועג — אַזעלכע פּאָרטלען דאַרף מען האַלטן בסוד.

4

חייקע העלפאַנד, ס'מיידל וואָס האָט צוגערעדט שטערנען צו דער־ווערבן וואָס גיכער די גרונטאָווגע כללים פון דער ענגלישער שפּראַך, איז נישט געבליבן ביים הוילן רעדן. זי האָט נישט גערוט ביז וואַנעט זי האָט נישט אויסגעפונען אין וועלכער ענגלישער נאַכטשול די ערשט אַריבערגע־קומענע קיין אַמעריקע לערנען זיך אויס אין משך פון אַ צוויי יאָר צו באַ־נוצן זיך מער־ווייניקער מיט דער ענגלישער שפּראַך. זי האָט שטערנען נישט גלאַט איבערגעגעבן די געקראָגענע ידיעות, נאָר איינגעטענהט מיט אים: „אַ ריכטיק הויז גיט זיך איין אויפצובויען נאָר דעמאָלט ווען מע לייגט אַוועק אַ שטאַרקן פונדאַמענט. וועט איר זיך אויסלערנען צו רעדן און שרייבן אַ ביסל־קשהדיקן ענגליש, וועלן זיך פאַר אייך עפענען אַלע טיר און טויערן אין דער פרייער אַמעריקע.

— „איר קענט דאָס לאַנד בעסער פון מיר מיס העלפאַנד, — האָט שטערנס גאָרגל־קנאָפּ זיך געצויגן אַרויף און אַראָפּ. — „און איר רעדט נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין. אָבער צו קלעטערן אויף אַ הויכן באַרג איז אפשר נישט פאַר מיינע כוחות. איר פאַרשטייט וואָס איך מיין?

— „איך פאַרשטיי אייך אויסגעצייכנט, שטערן, — האָט חייקע אַ לייכטן שאָקל געטאָן מיט קאָפּ, דער וועג אַראָפּצו איז זייער גרינג. מען קען איינס־און־צוויי ווערן אַן אָפּעראַטאָר אין אַ שאָפּ און אָפּוויקעווען דאָרט דאָס גאַנצע לעבן. דער וועג אַרויפצו איז גאָר נישט גרינג און מע דאַרף צולייגן אַ פלייצע, איבעריגנס, איר זענט דאָך נישט מיינער אַ ברודער אָדער קרוב, טוט זשע ווי איר פאַרשטייט...

— „מיינט נישט, מיס העלפאַנד, אַז איך שאַץ נישט אָפּ אייער... — האָט שטערן נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט — „אייער וואונטש איך זאָל זיך דערשלאָגן צו עפּעס וויכטיקעס אין לעבן, מע דאַרף אָבער וויסן וואו דער חמור שטייט... וואָס מע קען דערגרייכן און וואָס נישט... איך דאַנק אייך זייער פאַרן וועלן מיר אַרויסהעלפן... איך וועל זיך איבערלייגן און אויך זיך דורכריידן מיט די עלטערן...

— „אַן איבערגעגעבענער זון רעדט זיך תמיד דורך מיט זיינע עלטערן ווען ער גרייט זיך צו מאַכן אַ וויכטיקן שריט אין לעבן. — האָט חייקע נישט פאַרפעלט אים אונטערצוגעבן כוח.

ביי אסתרן האָט אַ פּיערל זיך געצונדן אין די אויגן בעת זי האָט זיך איינגעהערט אין די רייד וואָס חייקע האָט אַוועקגעלייגט פון איר זונס טובה

וועגן. זי האָט כמעט אויסגעשריען: „פאַר אַזעלכע עצות קומט זי אָפּצוגילטן. נאָר אַ מלאך האָט אַריינגעלייגט אין איר מויל אַזעלכע רייד...

מרדכי שטערן האָט אַנגעטייעט פון חייקעס עצות: — „הערסטו, מיין ווייב, אַנצוטרעפן אַזאַ מיידל איז אַ מזל ברכה. ווי איך בין זיך משער איז זי גאָרנישט קיין נאַר. זי וועט אים אַרויפפירן אויפן ריכטיקן וועג, — און ער ניוטיקט זיך אין איר ווייל איז בטבע אַ שעמעוודיקער. מיט אירע עצות וועט ער זיך דערשלאָגן צו עפּעס רעכטס, ר׳האָט אַ גוט קעפל און שוין דינסטיק האָט ער אין דער אַלטער היים געקענט דעם בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק.

אויפן צווייטן אויפדערנאַכט האָבן חייקע און שטערן אָוועקגעשפּאַנט צו דער ענגלישער נאַכטשול.

— „איך מיין, שטערן, — האָט חייקע אויפן וועג אַהין זיך אָנגערופן. — „אַז איר מעגט זיך פאַרשרייבן אויף פינף אויפדערנאַכטן.

— „איך גלויב, מיס העלפאַנד, אַז דערווייל איז גלייכער צו פאַרשרייבן זיך נאָר אויף דריי, מיטאַמאָל איינצובייסן אַ פרעמדע שפּראַך איז נישט פון די גרינגע זאַכן.

— „איר זענט אפשר גערעכט, אָבער . . . — האָט חייקע פאַרהאַלטן די ווייטערדיקע ווערטער אויף עטלעכע רגעס. — „איך קען אַ ביסל ענגליש וועל איך אייך אַרויסהעלפן די ערשטע צייט אויב איר האָט גאָר נישט קעגן דעם.

— „אדרבה, מיס העלפאַנד, איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אייער טובה.

— „איר ווייסט, שטערן, וואָס איך וועל אייך זאָגן? לאָכט נישט פון מיר... כ׳וועל זיך אויך פאַרשרייבן אויף אַ פּאָר אויפדערנאַכטן.

— „צו וואָס דאַרפט איר עס האָבן, מיס העלפאַנד? איר׳ט מיר זאָגן אַז איר קענט נישט קיין ענגלישן?

— „ווען מיינע ענגלישע קענטענישן זאָלן אַריין אין אַ קאַץ, וועט זי אַלץ בלייבן נישט מער ווי אַ קאַץ. איך וועל אייך זאָגן פאַרוואָס אַזאַ נאַרישקייט איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין. דורך אייך וועל איך אויך עפּעס נאָשן פון דער ענגלישער שפּראַך, און גייענדיק צוזאַמען אין דער נאַכטשול וועלן מיר רעדן נאָר ענגליש, וועט עס אייך אַ ביסל צוניץ קומען. איר זעט, איין האַנט וואַשט די צווייטע.

אַהיימגייענדיק נאָך דער ענגלישער לעקציע איז שטערן געווען ווי צעמישט און נישט געקענט זיך אויסמאָלן וויאַזוי ער וועט מאָרגן באַנעמען וואָס דער לערער וועט אים פרעגן און וועט נאַטירלעך נישט וויסן וואָס מישטיינס געזאָגט אים צו ענטפערן. חייקע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער ווייסט נישט וואו ער איז אויף דער וועלט, האָט זי איינגע׳חזרט מיט אים די ענגלישע ווערטער וואָס דער לערער האָט אים פאַרגעבן. זי האָט אויך

אַנגעזאָגט שטערנען אַרײַנשרײַבן די ווערטער אין אַ העפט דרײַ מאָל. דאָס איז אָנגעגאַנגען אַ פינף־זעקס וואָכן, ערשט דעמאָלט האָט חייקע אָנגעהויבן צו רעדן צו אים אויף ענגליש.

אײַנזעענדיק אַז שטערנען געלינגט אַרויסצורעדן און אָנשרײַבן גרינגע ענגלישע ווערטער האָט חייקע אים געזאָגט: „איר וואָלט עטלעכע מאָל אַ טאָג געמעגט זיך צוהערן צו דער ענגלישער ראַדיאָ. די שווערע ווערטער וועל איך אײַך פאַרטײַטשן אויף ייִדיש. אַזוי אַרום וועט אײַער אויער זיך צוגעוווינען צום גערעדטן ענגליש.

— „ס'אַ געדאַנק, עס וואָלט מיר צוניץ געקומען. — האָט שטערן צוגעגעבן.

— „אַזוי ווי בײַ אײַך איז נישטאָ קיין ראַדיאָ, מעגט איר אַרײַנגיין צו מיר אין שטוב אַרײַן. איך און אַ מיידל פון מײַן שאָפּ האָבן מיר זיך גע־דונגען אַ קליינע דירה פון צוויי צימערן מיט אַ קיך. — באַמערקנדיק נאָך זײַן מינע אַז ער קווענקלט זיך האָט חייקע צוגעגעבן: „האָט נישט קיין מורא, איך וועל אײַך נישט אָפּבײַסן" — און אַ שמייכל געטאָן.

ס'איז שטערנען געווען פּדיקרע אויף דעם אײַנצוגיין, האָט אָבער אַ קלער געטאָן אַז אַליין טוט זי פון זײַנעטוועגן, דאַרף מען זיך נישט שרעקן וואָס מענטשן וועלן זאָגן . . .

עס האָט געדויערט אַ פּאָר חדשים איידער שטערן האָט אויפגעכאַפּט וואָס מען זאָגט אויף דער ראַדיאָ און מיט פרייד האָט ער זיך שוין אַרײַנגעשטעלט אין דער באַשטימטער צײַט אין חייקעס שטוב.

אַהיימגייענדיק אײנמאָל פון דער נאַכטשול האָט חייקע זיך אָנגערופן: „איך בין הײַנט גוט אויפגעלייגט, גלוסט זיך מיר נישט צו גיין שלאָפן, לאָמיר זשע אַרײַנגיין אין דער־אַ קינאָ.

איידער נאָך שטערן האָט זיך אויסגעקליבן אײַנצושטימען מיט איר האָט זי אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און צוגעגעבן: „איך ווייס אַז איר האָט קיין געלט נית און עס שטייט אײַך נישט אָן איך זאָל פאַר אײַך באַ־צאָלן. זאָג איך אײַך צו, ווען איר וועט צו ביסלעך פאַרדינען וועט איר מיר טראַקטירן.

זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט אַזוי פּשוט און האַרציק אַז שטערן האָט איר שטיל געזאָגט (שוין אויף דו:) דו ביסט אַזוי גוט צו מיר אַז איך קען דיר נישט אָפּזאָגן.

זי האָט פעסט אַרומגענומען זײַן אָרעם מיט אַ באַמערקונג: „וואָס מאַכסטו אַ וועזן פון אַזאַ קלייניקייט?

אין חייקעס שאָפּ האָט דער אַרבעטס־סעזאָן געדויערט ווײַציקער ווי אין פריערדיקע פאַר יאָר און צו קריגן אַ באַשעפטיקונג אין די שעפּער וואו מען איז נאָך נישט פאַרטיק געווען מיט אַלע באַשטעלונגען איז איר נישט

געלונגען. איז חייקע צוגעפאָרן צו אַ חברטע פון אַ דערבייאיק שטעטל וואו זי האָט זיך געזאָמט צוויי וואָכן.

אַ בענקשאַפט האָט שטערנען אַרומגענומען. בייטאָג האָט ער געהאַט אַ געפיל אַז אונטער דער האַנט האָט אים נישט געסטאַיעט אַ וויכטיקע זאַך און וועלכער ער קען זיך נישט באַגיין: ביינאַכט האָט ער זיך אַ פּאָר מאָל אויפגעכאַפּט און פאַר אים האָט געשוועבט חייקעס געשווינטער דריי מיטן קאָפּ. איז דער שלאָף צוריקגעקומען האָט ער געמאַכט מיט די הענט ווי ער וואָלט זיך געמיט אָן עפּעס אָנצוהאַלטן זיך.

נאָך חייקעס צוריקקערן זיך פונעם באַזוך צו איר חברטע האָט שטערן זי געטראָפן ווי געווײנלעך אויף די טרעפּ פונעם אַפּאַרטמענטהויז. זי אָנ־גענומען ביי דער האַנט און פעסט געהאַלטן ווי ער וואָלט אָפּגעזוכט אַ פאַר־לוירענעם אוצר און מע דאַרף אים היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זיי זענען געזעסן צוגעטוליעטעטע איינער צום אַנדערן און געשוויגן.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט שטערן איבערגעריסן דאָס שווייגעניש: „ווי־אַזוי האָסטו פאַרבראַכט דאָרטן?

— „ס'איז מיין חברטע אומעטיק אין קליינעם שטעטל. — האָט חייקע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צון אים, — האָט זי מיך שוין אַ פּאָר מאָל געבעטן איך זאָל זיך אַריבערכאַפּן צון איר אויף אַ שטיקל צייט, האָב איך איר נישט געקענט אָפּזאָגן.

— „זי קען זיך דאָך אַריבערקלייבן אַהער? זי וועט דאָ נישט פאַרפאַלן ווערן. — האָט שטערן ווי געפונען אַ מיטל צו איר חברטעס אומעטיקייט.

— „עס קומט נישט אָן גרינג צו פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. — האָט אין חייקעס קול זיך געהערט אַ נאָכקלאַנג פון איינזאַמ־קייט. פון אירע עלטערן וואָס זענען געבליבן אין אוקראַינע האָט חייקע נישט געקראָגן קיין שום ידיעה זינט היטלער איז באַפאַלן רוסלאַנד. — „דערצו נאָך וואָלט זי זיך באַדאַרפט שטעלן אַרבעטן אין אַ שאַפּ און וואוינען אין אַ פינצטער צימערל אויפן דריטן־פערטן שטאָק.

— „יאָ, — האָט שטערן ווי חרטה געהאַט אויף די פריערדיקע רייד. — „ס'איז גרינג צו געבן אַן עצה, אָבער ס'איז זייער שווער אַרויסרייסן זיך פון אַ וואַרעמער היים.

שטערנען האָט זיך איינגעקריצט אין זיכרון אַז חייקע האָט אים נישט גע־ענטפערט אויף זיין פראַגע: „וויאַזוי האָסטו פאַרבראַכט ביי דיין חברטע?

— נאָר אים געלאָזט וויסן אַז ז'איז צוגעפאָרן אַהין נישט פון פאַרגעניגן וועגן. זי האָט אין זינען געהאַט צו פאַרגרינגערן דעם אומעט פון איר חברטע און דאָס האָט זי געמוזט טאָן.

שטערן איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו חייקען און צומאָל איז זי אַריינ־געקומען צו אים. עס איז אויך נישט פאַריבער קיין וואָך אַז זיי זאָלן צוזאַמען נישט באַזוכן קיין קינאָ. עס האָט שטערנען נישט געאַרט וואָס שכנים וועלן

זאָגן, אָבער פּאָר זײַנע פרײַנט האָט ער אַפילו מיט קײן וואָרט זיך נישט אַרויסגעכאַפּט און אַוודאי זיך נישט געוויזן מיט איר אין זײַער געזעלשאַפט. כאָטש ס׳איז בײַ אים געווען ווי אויף דער האַנט אַז קײנער פון זײ וואָלט זיך נישט געוואָרפן מיט איר, האָט ער נישט געצווייפלט אַז זײגערמאַן וואָלט זיך געוועקטלט אויף זײַן חשבון — אַ שכניש מײדל האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אים און לאָזט אים נישט אַרויס פון די הענט.

שטערנעגן איז נישט געקומען אין קאָפּ אַרײַן אַז ווענט האָבן אויערן און זײַנע חברים ווײסן שוין אַז ער טרעפט זיך אָפט מיט אַ מײדל. זײגערמאַן האָט זיך טאַקע געוועקטלט — „מען האָט מיר איבערגעגעבן בסוד סודות אַז בײַ איציקן מיט זײַן מײדל האָט מען שוין געבראָכן טעלער. הובערמאַן האָט אַפילו חשק געהאַט כלאחר יד אַ פרעג צו טאָן שטערנעגן — צי האָט ער זיך נאָך נישט פאַרליבט אין אַ מײדל און זען וואָס ער וועט זאָגן דערויף. קלײנמאַן און הובערמאַן האָבן אים אָפּגערעדט דערפון: „אַז ער, איציק, האָט אַפילו קײן פּיפּס נישט געטאָן וועגן דעם דאַרפן מיר זיך מאַכן טאַמעוואַטע און ווײסן נישט מהאי דקמא רביצן.

מרדכי, שטערנס פאָטער, האָט זיך דערשלאָגן צו וואָס ער האָט געשטרעבט — איז געוואָרן אַ פאַלנע מעקלער און פון צײַט צו צײַט אויך אָפּגעזעצט סחורה אויף אויסצאָלן. איציק איז אים באַהילפיק געווען און געהאַט ס׳געפיל אַז ער איז אַ שטיקל שותף צום פאָטערס געשעפטן.

נישט אײן קניה איז צו שטאַנד געקומען צוליב שטערנס אַרײַנמישן זיך. און זינט ס׳האָט געטראָפן אַז דער פאָטער האָט זיך נישט צוגעהערט צו איציקס עצה און דערלײגט עטלעכע טאַלער, האָבן פאָטער און זון זיך דורכגערעדט וועגן יעדער קניה און געקומען צו אַן פאַרשטענדיקונג.

ווי אין אַ טײַך פליסן רואיק די וואַסערן, אַזוי זענען פאַרגאַנגען צוויי־דרײַ יאָר זינט איציק איז געוואָרן אַן אַרײַנגעייער צו חייקען. זי האָט נישט גערעדט מיט אים וועגן אַ תכלית, האָט געאַרבעט און געזען אַרײַנצולײגן עטלעכע טאַלער אין באַנק אַרײַן. איציק האָט זיך גוט געלערנט אין אַן ענגלישער נאַכטשול און לסוף אויסגעהאַלטן, ווי אַן עקסטערן די עקזאַמענס פון אַ מיטלשול. חייקע האָט נישט פאַרזאַמט צו רעדן מיט שטערנען וועגן אַרײַנטרעטן אין אַ קאַלעדזש: אויף וואָס רעכנסטו צו לערנען זיך, איציק?

— „איך רעכן, חייקע, אַרײַנצוטרעטן אויפן היסטאָרישן פאַקולטעט.

— „איך מײן אויך אַזוי, איציק.

— „פון וואַנען ווײסטו דאָס? מיר האָבן קײנמאָל נישט גערעדט וועגן דעם.

— „איך שטויס זיך אָן און אַז דו וועסט נישט לאַכן פון מיר וועל איך דיר זאָגן פאַרוואָס.

— „אַז ס׳וועט זיך לײגן אויפן שכל, חייקע, וועל איך נישט לאַכן פון דיר.

— כ׳האָב ריך, שטערן, אַ פּאָר מאָל געהערט רעדן אין דער נאַכטשול,

דו רעדסט קלאָר און זאַכלעך און נאָך מיין ווייבערישן שכל איז דאָס אויס־געצייכנט פאַר אַ לערער פון געשיכטע.

— „עס קומט דיר אַ קניפּ אין בעקל. — האָט שטערן אַ שמייכל געטאָן.

— „איוב אַ לערער פון געשיכטע רעדט קלאָר און זאַכלעך העלפט עס אים אַ סך אַרויס. האָסט געטראָפן, אָבער נאָר אויף אַ העלפט.

— „פון וואָס זשע באַשטייט די צווייטע העלפט?

— „די צווייטע העלפט באַשטייט פון דעם וואָס כ׳האָב ליב געשיכטע. אין געשיכטע ביכער פיל איך זיך ווי אַ פיש אין וואַסער, און דאָס איז, גלויב איך, זייער וויכטיק.

— „לערנען געשיכטע, שטערן, האָט אָבער אַ חיסרון, עס פאָדערט זיך דערצו אַ גוטער ענגלישער אַקצענט, כאָטש נישט אזאַ פּערפעקטער ווי לערנען די ענגלישע שפּראַך.

— „מען זאָגט מיר אַז כ׳האָב אַ גוטן ענגלישן אַקצענט. צי ס׳איז אמת צי נישט, ווייס איך ניט. פונדעסטוועגן ווי׳לעך זיך נעמען צו געשיכטע וויל כ׳האָב עס ליב.

— „כ׳בין איינשטימיק מיט דיר, שטערן. נעם זיך צו די לימודים וואָס זענען דיר צום האַרצן. און אויב דו וועסט זיך אָנשלאָגן אויף שוועריקייטן, וועסטו זיי, מיט גאָטס הילף, בייקומען.

— „אָבער . . . — האָט שטערן זיך פאַרהיקעט.

— „וואָס פלוצים האָסטו זיך פאַרהיקעט? — האָט חייקע זיך גע־חידושט

— „איך וועל דיר זאָגן, חייקע. — האָט שטערן זי אַרומגענומען. — „איידער כ׳וועל קומען צון אַ טאָלק מיט מיינע לימודים וועלן דאָך יאָרן פאַר־גיין — פאַרשטייסט? . . .

— „איך פאַרשטיי, איציק. דערצו, גלויב איך, קען מען זיך אַן עצה געבן . . . — און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— „רעד ווייטער — האָט שטערן זי צוגעטוליעט צו זיך — „דו ווייסט דאָך אַז צו דיינע עצות הער איך זיך צו.

— „מיר קענען שטעלן אַ שטילע חופה, וועט עס נישט אויפרייסן די אויגן. — האָט חייקע לויט זיין קול איינגעזען אַז זי מעג מיט אים רעדן קלאָרע דיבורים — „מירן זיך אַריינקלייבן אין אַ קליינער דירה, איכ׳ל נישט אויפהערן צו אַרבעטן און דו וועסט אָנגיין מיט דיינע לימודים.

— „עס וועט זיין שווער פאַר דיר. — האָט ער איר געגעבן אַ קוש אין קאָפּ. — „אַרבעטן און פירן אַ הויז איז נישט קיין גרינגע זאַך און דו וועסט פאַלן פון די כוחות. וואָס פאַר אַן עצה קענסטו דערצו צוקלערן?

— „אַן עצה איז פאַראַן, ס׳איז אָבער נישט געוועגדט אין מיר אַליין. — האָט חייקע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— „נאָך וואָס שפּילסטו זיך מיט מיר אין באַהעלטעניש? רעד אָפן.

— „מיר קענען קריגן אַ דירה מיט דײַנע עלטערן צוזאַמען, איציק, און די הויז אַרבעט וועט נישט פאַלן אײַנגאַנצן אויף מיר.

— „ס'אַ געדאַנק. איכ'ל זיך דורכרעדן מיט דער מאַמען. כ'גלויב אַז זי וועט אײַנגיין אויף דעם.

— „איך ווייס נישט וואָס ווייטער צו טאָן מאַמע. — האָט שטערן געצילעוועט בהדרגה'דיק צוקומען צום ענין און דערימעך געווען אָפּגעהיט אין ווערטער.

— „איך פאַרשטיי דיך נישט, איציק. — האָט אסתר מיט שטוינונג גע־קוקט אויף איר זון. — „רעכנסטו דען נישט אָנצוגיין מיט דײַנע לימודים? אַזויווי ס'איז געווען ביז איצט, וועט אויך זײַן ווײַטער. דער טאַטע און איך וועלן טאָן אַלצדינג אַבי דו זאָלסט זיך דערשלאָגן צו אַ ריכטיקן מצב. וואָס זשע ווייסט עס נישט?

— „איך ווייס עס זייער גוט, מאַמע, אָבער וואָס'עט זײַן מיט חייקען? — האָט שטערן איבערגעאײַלט אַרויסגעכאַפּט זיך.

אסתר האָט הינטער די אויערן פאַרשאַרט די האָר וואָס האָבן זיך אַפּיר־געריקט פון אונטערן טשיפּיק ווי איר טבע איז געווען בעת זי האָט זיך פאַרקלערט וואָס צו ענטפערן: „וואָס אַ שטייגער וואָלסטו געוואונטשן זאָל זײַן מיט חייקען?

— „דו ווייסט דאָך מײַן געטריישאַפט צו חייקען. — האָט שטערן זיך אַ ביסל געראויטלט. — האַלטן זי אויפן שטריקל ביז וואַנעט איך וועל פאַר־ענדיקן מײַנע לימודים, האָט קיין זינען נישט. אָפּטרייסלען זיך פון איר וויל איך נישט, וויאַזוי זשע קען קומען די קאַץ איבערן וואַסער?

— „מיר האָבן דאָך נאָך איין קינד — האָט אסתר אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. — „אימער האָבן צוויי. זי איז אַ וואויל מיידל און איכ'ל זען באַגיין מיט איר ווי מיט אַ טאָכטער. איך גלויב אַז דער טאַטע וועט אויך אײַנגיין אויף דעם.

— „זי איז אַפּילו גרייט צו גיין אַרבעטן ביז איכ'ל פאַרענדיקן קאָלעדזש. — האָט שטערענען הנאה געטאָן וואָס זײַן מוטער האָט זיך נישט געוועקלט מיט איר הסכמה.

— „זאָל זי גיין אַרבעטן די ערשטע פּאָר יאָר נאָך דער חתונה. אסתרן איז דורכגעלאָפן אין מוח: חייקע קען צולייגן אַ פּלייצע, מיט אַזאַ ווײַבל וועט איר זון נישט פאַרפאַלן ווערן. — „דערנאָך וועלן מיר זען.

— „איין זאַך נאָך ערגערט מיך אַ ביסל. — האָט שטערן אַפּילו דעם ענין פון דער דירה נישט געוואָלט אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל. — „די דירה אונדזערע, האָב איך מורא, וועט זײַן קליין פאַר פיר מענטשן.

— „דאָס איז שוין אַ קלייניקייט, סײַ ווי האָב איך גערעכנט נאָכצוזוכן אַ גרעסערע דירה. — האָט אסתר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — מסתמא וועלן אָנלויפן אַנדערע קלייניקייטן, מיר שוין אויסקומען.

שטערן האָט געקראָגן אַזאַ ליבשאַפט צו זיין מוטער ווי קיינמאָל נישט ביז אַהער. ער האָט עס איר געוואָלט זאָגן, נאָר ווערטער זענען נישט געקומען אויף דער צונג. האָט ער זיך ראַפּטאָם אויפגעשטעלט, זי עטוואָס אונטער־געהויבן און צוגעטוליעט צו זיך, און פון זיין האַלז האָט זיך אַרויסגעריסן: „מאַמע טייערע"...

שטערן פלעגט דערציילן די חברים וועגן זיינע באַקאַנטע אין דער ענגלישער נאַכטשול און וועגן פּאָטערס אַלערליי קונים. ער האָט זיי באַלד געלאָזט וויסן ווי נאָר מען האָט אים אַריינגענומען אין אוניווערזיטעט, אַז ער וועט זיך ספּעציאַליזירן אין געשיכטע, אָבער וועגן זיינע פאַרהעלטענישן מיט חייקען האָט ער פאַרשוויגן. וואָלט שטערן זיך געטראָפן מיט אַלערליי מיידלעך, וואָלטן זיינע פריינט זיך נישט גע'חידושט פאַרוואָס ער טיילט זיך מיט זיי נישט דערמיט. שטערן איז בטבע אַ צוריקגעצויגענער, וועט ער נישט מאַכן קיין ווערן פון צופּעליקע באַגעגענישן און אַוודאי נישט רעדן וועגן זיי. עס איז אָבער פאַר זיי נישט געווען קיין סוד, אַז ער זעט זיך מיט חייקען זייער אָפט, איז פאַרוואָס זשע כאַפּט ער זיך נישט אַרויס אַפילו מיט קיין איינציק וואָרט וועגן דעם?

הובערמאַנס חות דעת איז געווען: „מסתמא וועלן זיינע עלטערן אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדער געגנט און וועט נאַ־טירלעך מער זיך נישט טרעפן מיט חייקען, וויל ער נישט רעדן וועגן אַ זאַך פון וועלכן ס'וועט אינגיכן גאָרנישט ווערן.

— „עס קען גאָר זיין, — האָט זייגערמאַן נישט מסכים געווען מיט הובערמאַנען, — אַז איציק ווייסט נישט וואו ער איז אויף דער וועלט — צי ר'האָט זי ליב, צי נישט, לאָזט ער עס הענגען אין דער לופטן און וויל נישט רעדן דערפון.

— „און איך רעכן אַז אין דעם שטעקט שטערנס שטאָלצקייט — האָט קליינמאַן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט די מיינונגען פון ביידע חברים. — „זיינע עלטערן ווילן ער זאָל פאַרענדיקן די לימודים אין אוניווערזיטעט. ער ווידער איז נישט זיכער צי זי וועט וואַרטן אויף אים ביז ער וועט זיך דער־שלאָגן צו אַן אינטעליגענטער פּראָפעסיע. חייקע, קוקט אויס, איז נישט אַבי ווער, האָט ער מורא אַז זי זאָל נישט קריגן אַן אַנדער באַשערטן, האַלט ער עס בסוד כדי נישט אויסזען אין אונזערע אויגן ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא.

— „איך גלויב, משה, אַז דו האָסט געטראָפן אין פּינטל — האָט הובער־מאַן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— „איך בין נישט זיכער אין דעם. — האָט זייגערמאַן פאַרקוועטשט דאָס רעכטע אויג. — „שטערן איז נישט קיין איבערגעשפּיצטער.

שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט זענען די חברים פאַרבעטן געוואָרן צו דער חתונה פון שטערנען מיט חייקען. זיינע פריינט האָבן געגאַפט און אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן מיט אַ מינע — וואָס אייגנטלעך דאַרטן איז

פֿאַרגעקומען ווייסן מיר קיינס נישט און פֿאַרוואָס שטערן האָט עס געהאַלטן בסוד סודות, בלײַבט אַלץ אַ רעטעניש.

מ׳האָט געפּראַוועט אַ שטילע חתונה בײַ די שטערנס אין הויז. די חברים האָבן די אויגן נישט אַראָפּגענומען פֿון חייקען. באַזונדערס האָט זייגערמאַן געפּאַרשט יעדע מינע אירע. זי איז גאָר נישט קיין נאַר, איז אים דורכגעלאָפֿן אין מוח, און שטערן וועט מיט איר אין ערגעץ נישט פֿאַרשעמט ווערן. משה האָט זיך צוגעקוקט וויאַזוי חייקע באַנעמט זיך מיט איציקן, מיט אירע שווער־און־שוויגער, און די געסט. ס׳איז פֿאַר אים קלאָר געוואָרן אַז זי וועט פֿירן די גרענדע, אָבער נישט האָפּערדיק, נאָר ווי אַ קלוגע פֿאַרוואַלטערין וואָס פֿירט מכלומרשט די געשעפֿטן לויט די אָנווייזונגען פֿון איר באַלעבאָס. איציק ווידער וועט צו איר גאָרנישט דערלייגן. זײַנע האָפֿענונגען וועלן נישט פּלאַצן ווי זייפֿנבלאָזן, נאָר וועלן אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופֿן מקוים ווערן, אַזוי קוקט עס אויס. הובערמאַן האָט אַלץ מער געשטוינט וואָס לענגער ער האָט געקוקט אויף חייקען. פֿאַרוואָס איציק האָט דעם גאַנצן ענין געהאַלטן בסוד. נישט אַנדערש אַז שטערן האָט געציטערט אַז מען זאָל זי בײַ אים נישט אויסכאַפּן, און אפֿשר גאָר האָט ער מורא געהאַט פֿאַר אַ גוט אויג, האָט אַ שפּאַס זיך געשנירלט אויף זײַנע ליפּן.

— „ווייזט אויס, משה, אַז דו האָסט געטראָפֿן, — האָט זייגערמאַן צו־געגעבן אַז ר׳האָט געהאַט אַ טעות אין איציקס ווייבל. — „חייקע איז נישט אויף אַרויסצוואַרפֿן.

— „ס׳איז נישט געווען קיין טרעפֿעניש מיטן פֿינגער אין הימל אַרײַן — האָט הובערמאַן ווי אָנגענומען זיך פֿאַר קליינמאַנען — „משה האָט פּשוט אַרײַנגעטראַכט זיך אין דעם אַלעמען אַ סך בעסער ווי מיר בײדע.

— „אויב אַזוי, יאָסל, — האָט זייגערמאַן זיך געוויצלט, — „וועלן מיר בעטן משהן ער זאָל גוט באַטראַכטן אונזערע כלות ווען מירן שטייען אין שידוכים.

מיט אַ צען טעג שפּעטער זענען די חברים אײַנגעלאַדן געוואָרן צו די שטערנס אויף אַ שבת־צו־נאַכט. לויטן אַדרעס איז געווען קלאָר אַז דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק האָט זיך אַרײַנגעקליבן אין אַן אייגענער דירה. זייענדיק אָבער בײַ די שטערנס נישט מער ווי עטלעכע מינוט האָבן די חברים זיך אָנגעשטויסן אַז איציקס עלטערן און דאָס פּאָרפֿאָלק האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אין איין דירה. דאָס איז קענטיק געווען לויט ווי מרדכי האָט עפּעס געזוכט אין איין טישקעסטל, אין אַ צווייטן און אין אַ דריטן. ער האָט, ווייזט אויס, זיך נאָך נישט פֿונאַנדערגעקליבן וואו מ׳האָט אַוועקגעלייגט די אויסגעפּאַ־קעוועטע זאַכן. אויף די פּנימער פֿון די חברים האָט זיך באַוויזן מינע פֿון איבעראַשונג. זיי האָבן זיך נישט געריכט אַז פֿון צוויי פֿאַמיליעס זאָל ווערן איינע.

— „מיר האָבן געמיינט אַז איר זענט אָפּגעפֿאָרן אויפֿן האָניקחודש, —

האָט זייגערמאַן ווי געחידושט זיך — צום סוף גאָר פאַרבראַנגט איר דעם האַניקחודש אין אייער נייער דירה.

— „דעם ריכטיקן האָניקחודש וועלן מיר האָבן טאַקע דאָ־אָ ווען איציק וועט אָנהייבן צו גיין אין קאָלעדזש. — האָט חייקע דערקלערט זייגערמאַנען.

— „וויפל זשע וועמיר דאַרפן וואַרטן? — האָט הובערמאַן אַ פרעג געטאָן.

— „מירצעשעם, ביסקל אַסיען. — האָט אסתר צוגעגעבן צו חייקעס ווערטער.

— „וועט איר עס מאַכן אַזוי פּלוצים ווי די חתונה? — האָט קליינמאַן געלאָזט דערמיט וויסן אַז מע דאַרף נישט מאַכן פון יעדער זאַך קיין סוד.

— „מירן עס מאַכן אַזוי פּלוצים. — האָט חייקע זיך געוויצלט. — ווי פּלוצים ס'וועלן זיך אָנהייבן די לימודים אין קאָלעדזש.

איציק האָט אונטערגעשמייכלט — משה האָט טאַקע געטראָפן אין פּינטל מיט זיין פראַגע, חייקע האָט אים אָבער זייער קלוג אָפּגעענטפערט. זיי האָבן מסתמא איינגעזען, באַזונדערס משה, אַז חייקע קען זיי געבן פעפער צו שמעקן. זיי האָבן געוויס געהערט אַז די מאַמע רופט זי „קינד מיינס״ אָדער „חייקע״, און חייקע רופט זי נישט „שוויגער״, נאָר — „מאַמע״. זיי וועלן האָבן אָפּשיי פאַר חייקען.

ווען די חברים האָבן זיך געגרייט אַהיים צו גיין האָט חייקע זיך אָנגערופן: „קומט צו גיין, איר וועט אַלעמאָל זיין אָנגעלייגטע געסט.

חייקע האָט מיט איר האַלטונג און רייד אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביי שטערנס חברים אַז דער געווינלעכער רואיקער הובערמאַן האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און איידער נאָך די אונטערשטע טיר פונעם אַפּאַרטמענט־הויז האָט זיך הינטער זיי פאַרמאַכט, האָט ער אויסגעשאָסן: „איציק איז אַריינגעקומען קיין אַמעריקע מיטן רעכטן פוס.

זייגערמאַן האָט צוגעגעבן: „עס גייט אים דורך טיר און דורך טויער.

קליינמאַן ווידער האָט זיך אויסגעדריקט זאַכלעכער: „חייקע וועט נישט לאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין ביז וואַנעט איציק וועט זיך צו עפּעס ריכטיקס נישט דערשלאָגן.

הובערמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זייגערמאַנען און אַ מאַך געטאָן מיטן פינגער: „דער נישט־איבערגעשפּיצטער איציק האָט עס געמאַכט קיילעכיק און שפּיציק.

— „איך וועל עס שוין מער נישט זאָגן. — האָט זייגערמאַן ווי צוריק־געצויגן זיין באַמערקונג וועגן שטערנען.

— „שטיל וואַסער גראָבט טיף. — האָט הובערמאַן דערקלערט זייגער־מאַנען פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין שטערנען. — „ווער זשע רעכנסטו וועט פירן די גרענדע — איציק צי חייקע?

— „איך גלויב אַז איציק. — האָט זייגערמאַן זיך אומגעקערט מיטן

פּנים צו הובערמאַנען מיט אַ מיין — מער וועל איך זיך שוין נישט אָפּנאַרן אין שטערענען.

— „ביזט אַ פלינקער, מאָטל, — האָט אים הובערמאַן געוואָרנט מיטן פינגער. — „און מאַכסט איינס און צוויי חייקען אַוועק מיט דער האַנט. חייקען צו צעבייסן דאַרף נעמען אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך.

— „איבערטרײַבסט אַ ביסל, יאָסל, — האָט קליינמאַן אים אָפּגעקילט. — „עס דאַרף נישט נעמען קיין יאָר מיט אַ מיטוואָך צו דערקענען חייקען.

— „זאָל זיין אַ יאָר אָן אַ מיטוואָך. — האָט הובערמאַן געשפּאַסט. — „איכן גיין מיט דיר זיך שפּאַרן איבער אַזאַ קליינקייט.

— „איכן זיך מיט דיר אויך נישט שפּאַרן. — איז קליינמאַן געווען באַקאַנט וויאַזוי הובערמאַן, דורך אַ געלונגן ווערטל, קומט אַרויס פון אויבן.

5

זינט מאָטל זייגערמאַן האָט זיך אָנגעשטויסן, נאָך זיין פּעטערס מינע, אַז ער פאַררעכנט אים פאַר אַ גוטן בעל־מלאכה, האָט ער זיך דערפילט זייער היימיש אין פּעטערס שטוב. וואָלט ער זיך נישט געווענדט צו זיי מיט „פּעטער־מומע״, וואָלטן זייטיקע מענטשן אים אָנגענומען פאַר זייער זון.

מאָטל האָט גיך איינגעזען אַז אין אַמעריקע קען מען גאָרנישט אויפטאָן מיט אויסגעכאָליעטע הענט, איז ברוכן געקומען אויפן געדאַנק, ס׳איז נישט רוסלאַנד וואו אין אַ באַלעבאַטיש הויז האָט מען געקוקט אויף אַן אַרבעטער פון אויבן אַראָפּ. דאָ דאַרף מען פאַרקאַטשען די אַרבל און נעמען זיך צון אַ מלאכה. אויב איינעם גליקט אָפּ ווערט ער אַ באַלעבאָס. ווי עס קוקט אויס וועט פון מאָטלען ווערן אַ לייט. מע דאַרף אים ביסלעכווייז אַריינציען אין די געשעפטס־אויסרעכענונגען און פרעגן ביי אים כלומר׳שט אַן עצה. אַזוי־אָ נאָר וועט ער כאַפּן דעם סטרי.

ביי דער וועטשערע האָט ברוך אויסגעלייגט פאַר מאָטלען זיינע דאגות און פּלענער: „אויף די פאַר הייזער ביים בערגל יאַוועץ זיך נישט קיין קונים און אויף דער הייזקע וואָס איז אויף דער צווייטער זייט האָט זיך אָפּגעזוכט אַ גוטער קונה און גאָר אינגיכן וועל איך עס פאַרקויפן מיט אַ גוטן ריווח. און אויף דער־אָ ליידיקער גאַס קלייב איך זיך אויפצושטעלן אַ פּאָר גרויסע הייזער. דער אונטערשטער גאָרן וועט באַשטיין פון קראָמען און דער אויבערשטער שטאָק — פון וואוינונגען. ווי איך בין זיך משער וועט די געגנט זיך צעוואַקסן. וואָס זאָגסטו אויף דעם, מאָטל?

— „איך בין גאָר אַ קליינער ידען אין די זאַכן, פּעטער — האָט מאָטל זיך געוואונדערט וואָס זיין פּעטער האָט זיך גאָר פּלוצים גע׳עצהט מיט אים — „און איר זענט אויסגעקאָכט אין די געשעפטן. פאַרלאָזט זשע זיך בעסער אויפן אייגענעם שכל און איר וועט זיכער מצליח זיין. און איך — האָט זיך מאָטל פאַרהיקעט — וועל אייך באַהילפיק זיין מיט וואָס נאָר איכ׳ל קענען.

ברוכס פּנים האָט זיך צעשיינט — דער קאָפּ האָט זיך אים, מאָטלען, נישט פאַרדרייט און מע קען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

מאָטל איז פון פריידיקער אויפרעגונג די נאַכט כמעט נישט געשלאָפן. ווער האָט זיך געקענט ריכטן אַז דער פּעטער וועט זיך ווענדן צו אים מיט אַזעלכע רייד? ער האָט דאָך גערעדט צון אים, מאָטלען, ווי צון אַ גלייכן. וואָס פּלוצים איז אים איינגעפאַלן עס צו טאָן? זאָל עס מיינען אַז ער האָט נישט אָפּגעמאַכט ביי זיך צי ס׳לוינט זיך צו בויען די גרויסע הייזער, צי

נישט און ער וויל וויסן זיין מיינונג? עס איז נישט מעגלעך. אַפילו דעמאָלט ווען דער פעטער האָט נישט געטראָפן מיט זיינע אויסרעכענונגען איז ער אויך נישט אַרויס אָן אַ פאַרדינסטל. ער איז אַן אויסגעררייכערטע ליולקע און אין אַלע זיינע עסקים איז ער מרוויח. וואוהין זשע טאַקע האָט ער געצילט מיט זיינע רייד? שלעכטס טאָן אים, מאָטלען, האָט ער לחלוטין נישט אין זינען געהאַט. פאַרקערט, ער מיינט תמיד עפּעס טאָן פון זיינעטוועגן. נישט אַנדערש אַז ער האָט אים געוואָלט אויספּרובירן און זען וואָס ער וועט ענטפערן און פון די ענטפערס וועט דעם פעטער שוין קלאָר ווערן צי מע קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. ער, מאָטל, האָט אים אַנדערש נישט געקענט ענטפערן ווי נאָר אַז ער איז נישט קיין גרויסער ידען אין בויען הייזער. וואָלט אים אויסגעקומען עס צו טאָן, וואָלט ער זיך צוגעהערט צום פעטערס עצה. און וואָלט דער פעטער באַוויליקט אים אַריינצונעמען ווי אַ שטיקל שותף צו אַ פּאָר הייזער, וואָלט ער אָן שום וואַקלעניש עס אָנגענומען און פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויפן פעטערס מבינות. הלוואי וואָלט עס געשען!

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט ברוך זייגערמאַן מיטגענומען זיין פּלימעניק אין דער געגנט וואו ער האָט געפּלאַנעוועט אויפצושטעלן עטלעכע הייזער. אַרומשפּאַנענדיק איבער די שכנישע גאַסן און באַטראַכטנדיק מיט אַ גענײט אויג די נאָר־וואָס אויסגעבויעטע הייזער ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער זיך אָנגערופן: „פון מיינע צוויי איידעמס איז איינער אַ צאָנדאָקטאָר און דער צווייטער — אַן אויגנדאָקטאָר, וואָלט איך געוואָלט אַז דו, מיין עלטערן ברודערס זון, זאָלסט גיין אין מיינע וועגן. אויב דו ווילסט קענסטו ווערן אַ שותף צו די הייזער און איך בין זיכער אַז ביי דעם געשעפט וועט מען אָפּלעקן אַ ביינדל. איך ווייס אַז דו געטרויעסט מיר, — האָט ברוך אַביסל נאָכגעטראַכט, — פונדעסטוועגן וועלן אילע פּרטים פאַרשריבן און גע׳חתמעט ווערן ביי אַן אַדוואָקאַט. איך בין דיך חס וחלילה נישט חושד אַז דו פאַרלאָזט זיך נישט אויף מיין וואָרט, — האָט ברוך אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט באַמערקענדיק אַז מאָטל איז גרייט אים עפּעס צו זאָגן — „אָבער אַ ייד אין מיינע יאָרן, פאַרשטייסט?.. ווי אַ זאַך מאַכט זיך, באַשטיי איך אַז אַלץ זאָל פאַרזיגלט ווערן מיט טריוואקס כדי מיינע יורשים, טאַקע דיינע אייגענע קוזינס, זאָלן דיך נישט שלעפּן אין געריכט. פאַרשטייסטו שוין?

— „וואָס איז מיט אייך, פעטער? וואָס פּלוצים זענען אייך געקומען אין קאָפּ אַריין אַזעלכע געדאַנקען? — איז מאָטל בלאַס געוואָרן און געקוקט אויף זיין פעטער מיט פאַרזאָרגטע אויגן.

— „ס׳איז מיר גאָרנישט. — האָט ברוך אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מאָטלס אַקסל — „אַ נאָענטער פריינט מיינער, אין מיינע יאָרן, האָט זיך פּלוצים אַראָפּגערוקט פון בענקל און איז שוין מער נישט אויפגעשטאַנען, איז מיר אומעטיק אויפן האַרצן. איז לאָמיר זשע צוגיין אין אַ רעסטאָראַן, מאַכן אַ שנעפּסל און פאַרבייסן מיט אַ הינערן לעבערל.

כאַטש מאָטל איז געווען אַ קלענערער שותף צו אַ ריי צווישטאָקיקע הייזער וועלכע מ׳האָט זיך געשטעלט בויען, האָט ער פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן ווי אַ סטאָליער ביי די הייזער און געקראָגן זיין וועכנטלעכן געהאַלט. ביי׳ע צינגער האָבן אַפילו גע׳לשון־הרע׳וועט אַז דער פעטער האָט אים אומיסטן אַריינגענומען פאַר אַ שטיקל שותף כדי די הייזער זאָלן אַרויסקומען שענער און בעסער, אָבער מאַלע וואָס מענטשן ריידן.

פאַרשטייט זיך אַז אין בויען די הייזער וואָס זענען אויך אַ ביסל זיינע האָט מאָטל צוגעלייגט מער קאָפּ און פון צייט צו צייט איז אים איינגעפאַלן אַז אַן ענדערונג דאָ און דאָרט אינעם אויסלייגן פון די צימערן וועט געפעלן די פרויען־קויפערינס. האָט עס אָבער נישט דורכגעפירט אָן עצהגען זיך מיטן פעטער. ער האָט מסכים געווען מיט מאָטלען און דערביי צו געגעבן: „ווי איך זע, מאָטל, ביסטו אַ סטאַטעק, קליינע ענדערונגען אָבער קענסטו מאַכן אָן מיין וויסן. מ׳קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן.

די הייזער זענען טאַקע אַרויסגעקומען שענער ווי די פריערדיקע און ס׳איז געווען קענטיק אַז אין דעם שטעקט אַ פאַכמענעריש אויג. דאָס איז נישט פאַרהוילן געווען פון ברוך זייגערמאַן און ער האָט יעדן צווייטן זונטיק געבעטן מאָטלען דורכריידן זיך מיט די מענטשן וואָס ווילן אָנקוקן די הייזער און דער עיקרשט אַ טאָפּ טאָן דעם דופק צי זיי זענען טאַקע קונים צי גלאַט ליידיקגייערס פון דער שכנישאַפט וואָס האָבן געכאַפּט אַ שפּאַציר און אין איין וועג ווילן זיי אַ קוק טאָן וויאַזוי די נייע הייזער זענען אויפגעבויט.

אויף איינער פון אַזעלכע טרעפענישן מיט מעגלעכע קונים האָט מאָטל זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מוטער מיט אַ טאָכטער. די מוטער האָט געזוכט חסרונות אין די הייזער און די טאָכטער האָט מערסטנס געשוויגן. איר שווייגנדיק פּנים האָט ווי געזאָגט — מיין מאַמעס אופן ווי צו קויפן אַ הויז געפעלט מיר נישט, אָבער אַזאַ איז זי שוין. אין דער טאָכטערס אויסזעצונגען קעגן אַ צימער אָדער קיך האָט זיך געפילט אַז זי רעדט נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר מאַכט מיושבדיקע באַמערקונגען. מאָטלס ענטפערס פאַרוואָס מען האָט געמוזט אַזוי אויסלייגן די צימערן און נישט אַנדערש האָט זי אויפגענומען מיט אַ מינע — ווי אַ פאַרקויפער מוזטו אַזוי רעדן; אָבער מיר וועסטו נישט פאַררעדן די ציין...

מאָטל האָט געקוקט אויף איר מיט נייגעריקע אויגן קלערנדיק דערביי — אייניקע אירע באַמערקונגען האָבן אַ האַפט און מיט גלאַטינקע קונציקע תירוצים וועט מען זי נישט איבעררעדן.

ווען די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן זיך געקליבן אַהיים צו גיין האָט מאָטל זיך אָנגעבאָטן זיי אונטערצופירן אין זיין אָטאָמאָביל. אויפן וועג האָט די מוטער נישט אויפגעהערט אויסצורעכענען די חסרונות פון דעם און יענעם הויז, דערוואַרט אַז מאָטל וועט איר נישט שולדיק בלייבן קיין ענטפער און ער האָט גאָר מיט קיין וואָרט איר נישט דערווידערט.

— „אַז איך טרײַב די מאַשין האָב איך אין זינען נאָר איין זאַך — אויסהיטן זיך פֿון אַן אַקצידענט. איבעריגנס — האָט מאָטל אויסגעדרייט זיך צו די פֿרויען. — „דאָ פֿאַרקויף איך נישט קיין הײַזער.

מאָטלס ענטפֿער האָט צופֿרידן געשטעלט די צוויי פֿרויען. ווען זיי האָבן אָנגעקוקט די הײַזער האָט מר. זייגערמאַן אינזינען געהאַט געשעפֿט. איצט אָבער פֿירט ער זיי אונטער ווי אַ באַקאַנטער, כאָטש די באַקאַנטשאַפֿט איז אָנגעקניפּט געוואָרן דורך דעם וואָס זיי ווילן קויפֿן אַ הויז.

די טאָכטער האָט זיך איבערגעקוקט מיט דער מוטער און די מוטער האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס זי האָט צו טאָן. האָט מאָטל אָפּגעשטעלט דעם אָטאָמאָביל נעבן זייער הויז האָט די מוטער זיך אָנגערופֿן: „ס׳קומט׳עך אײַך אַ דאַנק, מר. זייגערמאַן, פֿאַרן צופֿירן אונז, קומט זשע אַרויף אין הויז אַרײַן אויב איר זענט נישט שטאַרק פֿאַרנומען.

— „איך בין נישט שטאַרק פֿאַרנומען. — איז אין די רייד מאָטל בלאָס געוואָרן און מיט אונטערגעהאַקטע פֿיס נאָכגעשלעפּט זיך בײדע פֿרויען. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זײַן וואָס ער האָט נאָכגעבאָמקעט ווי אַ פּאַפּוגײַ דער מוטערס ווערטער — „איך בין נישט שטאַרק פֿאַרנומען. אַז מען פֿאַרבעט אים אין הויז אַרײַן דאַרף ער דאַנקען און נישט באַגיין זיך ווי אַן אָפּגעריסענער נאַר. זיי וועלן דאָך לאַכן אין די הויפּנס פֿון אים. ער וועט דאַרפֿן גומל בענטשן אויב וועט אָפּשניידן טרוקן פֿון דער צעטומלעניש.

ווי נאָר זיי האָבן איבערגעטראָטן די שוועל פֿונעם הויז האָט די מוטער זיך געווענדט צו דער טאָכטער: „איטקע לעבן, מאַך אַ גלאָז טיי און שטעל אַרויף צובײַסעכץ אויפֿן טיש. און איר, מר. זייגערמאַן, מאַכט זיך היימיש. פֿון אַן הײַזער־פֿאַרקויפֿער זענט איר געוואָרן אונזערס אַ באַקאַנטער, זענט איר אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

פֿון דער מוטערס רייד איז מאָטלען לײַכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן און דאָס צעטראָגעניש האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אים. מעגלעך, איז אים געקומען אין קאָפּ אַרײַן, אַז אין זייערע אויערן האָט זײַן ענטפֿער נישט געקלונגען אַזוי אומגעלומפּערט ווי ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט און זיי האָבן אויפֿגענומען די ווערטער פּשוט און פּראָסט — ער איז גראָד נישט פֿאַרנומען וועט ער אַרויפֿגיין אין הויז אַרײַן. אַ סימן, מען נעמט אים אויף ווי אַן אָנגעלייגטן גאַסט.

מאָטל האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער סאָפֿע. ער וועט וואָס ווינציקער ריידן, דערפֿון וועט אים געוויס קיין שלעכטס נישט אַרויסקומען — ריידן איז זילבער, אָבער שווײַגן איז נאָך אַלץ גאָלד. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ס׳איז אַ באַלעבאַטיש הויז און ס׳איז קלאָר אַז זיי זענען נישט קיין אָרעמע מענטשן. קענען דערײַבער זיך פֿאַרגינען צו האָבן אַן אייגן הויז.

מיט יעדער מינוט האָבן זיך זײַנע אויגן ברייטער צעעפֿנט און ער האָט אַלץ מער געזען און באַנומען. דאָס מעבל איז נישט אָפּגענוצט און אויך

נישט פון ביליקן סאָרט, דערצו איז עס אויסגעשטעלט מיט אַ פיינעם געשמאַק. חוץ דעם איז יעדער שטיקל מעבל אין זיין לענג, ברייט און קאָליר צוגעפּאַסט צום צימער. דערפאַר וואַרפט זיך גאָרנישט אין די אויגן ווען מע קומט אַריין אַהין. אַלץ איז אויסגעשטאַט מיט עכטער געניטקייט.

ווען די גלעזער טיי מיטן צובייסעכץ זענען שוין געשטאַנען אויפן טיש אַרום וועלכן עס זענען געזעסן די מוטער מיט דער טאָכטער און זייגערמאַן, איז פון אַ זייטיקן צימער אַרויסגעקומען אַ יונגע פרוי אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגעמאַן. די מוטער האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר מאָטלען — סילוויע און דייוו. פונעם קורצן געשפּרעך צווישן זיי האָט מאָטל זיך אָנגעשטויסן אַז סילוויע, איטקעס יינגערע שוועסטער, האָט ערשט נישט לאַנג חתונה געהאַט מיט דייוון.

מאָטלען זענען געקומען אויפן געדאַנק איטקעס אויסזעצונגען קעגן אויסלייג פון די צימערן און האָט דערפון געדרונגען אַז דאָס נייע הויז דאַרף האָבן נאָר צוויי שלאָפצימערן. דער פאָטער פון די קינדער איז זיך צעגאַנגען מיט דער ווייב אָדער געשטאָרבן.

דער געשפּרעך איז צוגעגאַנגען אין ענגליש און אין יידיש. די קורצע באַמערקונגען פונעם יונגן עולם זענען געמאַכט געוואָרן אין יידיש און די לענגערע שמועסן זענען פאָרגעקומען אין ענגליש. מאָטל האָט זיך אויך געהאַלטן ביי דעם כלל, נאָר אויף אַ פאַרקערטן אופן. די קורצע באַמערקונגען זענען געווען אין ענגליש און די לענגערע — אין יידיש. עס איז אים גרינגער געווען צו פירן אַ געשפּרעך אין יידיש.

נאָך זיין דערפאַרונג האָט מאָטל דערוואַרט אַז מע זאָל אים פרעגן ווי לאַנג ער איז שוין אין אַמעריקע און צו וואָסער מלאכה זיך גענומען ווי נאָר ער איז געקומען אַהער. אַ האַלבע שעה איז פאַריבער און די דערוואַרטע פראַגן זענען נישט געקומען, האָט מאָטלען הנאה געטאָן וואָס ר'האָט זיך געטראָפן מיט פיינע מענטשן.

אויפן וועג אַהיים איז מאָטלען געקומען אין קאָפּ אַריין אַז סילוויע, די יינגערע און שענערע פון איטקען, האָט באַטירלעך זיך גיך צוגעקליבן אַ מאַן. איטקע, זעט אויס, איז קליגער פון דער שוועסטער און דערפאַר פירט זי דאָס הויז. אַפילו דייוו, סילוויעס מאַן, שטעלט זיך נישט קעגן איטקען. ס'קען זיין אַז דאָס נעמט זיך דערפון וואָס ער איז צוגעשטאַנען צו דער ווייבס פאַמיליעס, דערצו נאָך איז ער אַ נייער גליד פונעם הויזגעזינד. און וואָס ניי איז געטריי. ס'איז אויך מעגלעך אַז ווען ס'איז דאָ אַ גאַסט אין הויז האַלט מען זיך סטאַטעטשנע. למען האמת אָבער, וואַרפט זיך אין די אויגן אַז זיי זענען פיינע מענטשן.

מאָטל האָט אויך איינזינען געהאַט אַז באַזונדיק דאָס הויז אין צוויי וואָכן אַרום (מ'האָט אים פאַרבעטן צו קומען) וועט ער נישט פאַרגעסן אָנצו-

טאָן דעם נײַעם גאַרניטור און למען השם זען אַז די הענט זאָלן נישט זײַן שטאַרק פאַרמאַזאָליעט. זײ טאָרן נישט פאַרדעכטיקן אַפילו אַז ער פאַרנעמט זיך מיט סטאָליערײ, כאָטשי ר׳איז אַ שותף צו די הײזער. דער אַפּטײקער װעט אים שוין געבן אַזאַ זאַלב װאָס מאַכט װײכער און גלאַטער די הױט פון די הענט.

זײענדיק אַ פּאָר מאָל צו גאַסט בײַ דער פאַמיליע און פילנדיק זיך דאָרט כמעט װי אַן אײגענער, האָט מאָטל פאַרבעטן איטקען צו גײן מיט אים אין אַ קינאָ. זי האָט אײַנגעװיליקט, פון דעמאָלט אָן פלעגן זײ זיך טרעפן יעדע װאָך און פאַרברענגען צוזאַמען. װאָס אָפטער ער האָט זיך געזען מיט איר אַלץ װינציקער האָט זיך אים געליגט אויפן שכל אַז אַזאַ געראָטן מײדל האָט מען נישט אויסגעכאַפּט אײנס און צװײ. זי איז קלוג, האָט געענדיקט אַ מיטלשול און פליט נישט אין די הימלען. אַ מײדל מיט אַלע מעלות — צו גאָט און צו לײַט. פאַרװאָס זשע טאַקע האָט די ייִנגערע שװעסטער חתונה געהאַט און זי — נישט? נישט אַנדערש, האָט מאָטל געקלערט, אַז זי איז געװען צו איבערקלײַבעריש און צו תקיפדיק בײַ זיך, האָבן אַ סך געראָטענע בחורים געװײכט פון איר און מיט אַבי־װעמען װעט זי זיך נישט גײן פּאָר־בינדן אויפן גאַנצן לעבן. ער, מאָטל, װאָלט זיך נישט געקװענקלט אַפילו קײן אײן רגע צו שטעלן מיט איר אַ חופּה.

מיט אַלע אירע איבערים האָט איטקע געשפּירט אַז זי האָט קײן אַנדער ברירה נישט װי נאָר חתונה צו האָבן מיט זײגערמאַכער — און דאָך האָט זי זיך געװערט. אײן שטעכלקע האָט זי נישט געקענט אַרומגײן און נישט קריגן אַ שטאָך אין האַרצן — מיט װעמען גײט זי דאָ צום טיש? ר׳איז דאָך נישט מער װי אַ סטאָליער. איז אויף די טענות פון דער מאַמען: ״ביזט נישט גענוג פרײַנדלעך צו זײגערמאַכער, פאַרפּירסט נישט מיט אים קײן װיכטיקע געשפּרעכן, — האָט איטקע גאָרנישט געענטפערט. האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן: „פאַר אַן עלטער מײדל איז שװערער חתונה צו האָבן װי פאַר אַן אלמנה אָדער גרושה״, — האָט איטקע אויפגעהויבן זיך פון דער קאַנאַפּע און אַרויסגעשפּאַנט אין דרויסן.

איטקע האָט האַסטיק אָפּגעשפּאַנט עטלעכע קװאַרטאַלן און פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט. אין איר האָבן גענומען אויפגײן קלערענישן װאָס קומען נאָך אַ לאַנגן און קילן ישוב הדעת. דער מוטערס רײד האָבן זי װי אויפגעװעקט פון אַ טיפן שלאָף און זי האָט ביסלעכװײז זיך אַרומגעזען װאו זי איז אויף דער װעלט. סילװיע װעט דאָך מסתמא אין גיכן האָבן אַ פּאָר קינדער, װעט זיך געװיס אַרײַנקלײַבן אין אַן אײגענער דירה. זי, איטקע, װעט בלײַבן מיט דער מאַמען און דערנאָך... װעט זי זײַן אײנע אַלײן אויף גאָטס װעלט. אויך דער שפּיגל האָט איר געזאָגט דעם אמת: זי איז שוין נישט קײן יונג מײדל און די בחורים װעלן נישט אָפּשלאָגן די שװעל צו טרעפן זיך מיט איר. אויב זי װעט נישט פאַרשלײערט װערן גאָר אײַנגיכן — װעט זי פאַרבלײַבן

אַ פּאַרזעסן מיידל און קיינער וועט זיך נישט אומקוקן אויף איר. עס וועט זיך קוואַפּן אויף איר נאָר אַן אלמן מיט צוויי־דריי קליינע קינדער. דערווייל האַלט עס נאָך נישט דערביי, אָט קען זי נאָך געפעלן זייגערמאַכנען וואָס וואָלט זיכער געקענט חתונה האָבן מיט אַ ייִנגערער פון איר. אַיי, ער איז אַ גראָבער פליגל און האָט, פון סטאָליערײַ, מאָזאָליעס אויף די הענט (ער מיינט אַז איך ווייס נישט וואָס זיין מלאכה איז), איז אפשר וועט זיך איר איינגעבן צו מאַכן פון אים אַ שטיקל לייט. און טאָמער נישט, וועט זי דעמאָלט זען וואָס מ׳קען טאָן. זי וועט פונדעסטוועגן נישט ווערן מיט אים קוצעניו־מוצעניו. זי וועט זיין פריינטלעך צו אים, וועט אים האַלטן אָבער אַ ביסל פונדערווייטנס. דאָס איז דער בעסטער וועג צו האַלטן אים אין די הענט.

איטקע האָט זיך נישט טועה געווען אין מאָטלען — ער איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין איר. זי האָט זיך אָבער נישט אָנגעשטויסן אַז ער האָט שטאַרק געצווייפלט צי זי וועט וועליק זיין חתונה צו האָבן מיט אים.

איטקע האָט נישט געוואוסט אַז מאָטל איז שוין געווען פאַרליבט אין צוויי מיידלעך און ביידע האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון אים. צו איינער האָט זיך אומגעקערט איר געליבטער און זי האָט מיט אים חתונה געהאַט. אין דער צווייטער האָט זיך פאַרליבט אַ שיינער בחור און נאָך זייער חתונה זענען זיי גלייך אָפּגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. עס האָט זיך מאָטלען געגומען אויסדאַכטן, אַז ער נעמט נישט אויס ביי פרויען.

ס׳האָט מאָטלען זיך נישט געקענט פאָטויפן אין קאָפּ אַז אַזאַ קלוג און וואוילקענעוודיק מיידל זאָל איינגיין צו פאַרבינדן זיך אויפן גאַנצן לעבן מיט אַ סטאָליער. ס׳איז נישט מער ווי אַן איינרעדעניש, איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז איטקען קען מען אָפּנאַרן און זי זעט נישט נאָך זיינע הענט אַז ער פאַרנעמט זיך מיט סטאָליערײַ. שפּעטער וועט זי זיך אויך דערוויסן אַז מיט די אָפּגעשפּאָרטע פּאָר טאָלער איז ער נאָר אַ שטיקל שותף צו די הייזער וואָס דער פעטער האָט אויסגעבויט. ער האָט זי דאָך אָבער פאָרט ליב. ער וואָלט געוועזן דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער גאָרער וועלט ווען ער קען זיך מיט איר באַווייזן פאַר זיינע פריינט ווי חתן־כלה. זי קען פאַרשטעקן אין אַרבל אַלע זיינע חברימס ווייבלעך צוזאַמענגענומען. זיי קומען אַפילו נישט צו אירע פיאַטעס. זי רעדט אַ פערפעקטן ענגליש און גאָר נישט קיין שלעכטן יידיש. הייַנט איר האַלטן זיך אין אַ געזעלשאַפט! זי קען פאַרפירן אַ געשפּרעך מיט די גרעסטע מענטשן אין דער וועלט.

אַזוי אויסמאָלנדיק זיך איטקען האָט ער שנעל אָפּגעמאַכט ביי זיך צו לאָזן איר וויסן ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַז ער האָט זי ליב נישט אויף קאַטאָוועס און רעכנט חתונה צו האָבן מיט איר. וועט זי אים אָפּזאָגן וועט ער מער זיך נישט טרעפן מיט איר, וועט אַזוי גיך זי טאַקע נישט פאַרגעסן, אָבער ווייט פון די אויגן ווייט פון האַרצן. וועט זי זיך קווענקלען אָדער אים ענטפערן אויף אַזאַ אופן אַז מע קען עס טייטשן אויף יאָ און אויף ניין, וועט

ער שוין וויסן אַז ער איז מיט איר אויף אַ לאַד. אַזאַ מיידל ווי זי מעג זיך אַ ביסל זשעמאַניען, מיידלעך ווי איטקע וואַלגערן זיך נישט אויף דער גאַס.

מאָטל האָט זיך געמאַכט האַרץ און אַוועקגעלאָזט זיך צו דער באַגעגעניש מיט איטקען. הײַנט איז זײַן יום הדין און ער וועט באַשײַנפּערלעך וויסן וואו ער האַלט מיט איר. ער וועט זי טאַקע באַלד פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר. זי האָט זאַרעס אָנגענומען זײַן פאָרשלאַג און אַ שמייכל געטאָן. איז מאָטלען דורכגעלאָפן אין מוח, אַז זי איז געוויס אין אַ גוטן געמיט, איז אפשר איצט די בעסטע צײַט אַ רעד צו טאָן וועגן דעם. ער האָט שוין אַפילו גענומען קלערן וויאַזוי אָנצוהייבן, האָט אים ווי עמיצער אַרײַנגעזאָגט אין אויער: האָסטו אַמאָל געהערט אַז שפּאַצירנדיק איבער אַ טומלדיקער גאַס זאָל מען רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן? ריכטיק ווי גאָלד, האָט מאָטל ווי פּאַטאַקעוועט, מע דאַרף עס אָפּלייגן אויף שפּעטער.

פאַרבײַגייענדיק אַ סאָדע־קרעמל האָט איטקע זיך אָנגערופן: „דאָ סערווירט מען גוטן אײַזקרעם.

מאָטל האָט נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט צו ווײַזן איר אַז ר׳איז גרייט נאָכצוגעבן יעדן פאַרלאַנג אירן און באַלד אַ זאָג געטאָן: „קענען מיר דאָך אַרײַנגיין אַהין".

אין צימער וואוהין מ׳האָט זיי אַרײַנגעפירט זענען געזעסן עטלעכע פּאָרלעך און געמיטלעך געשמועסט. מאָטלען איז אַפילו אין קאָפּ אַרײַן נישט געקומען צו פאַרפירן דאָ מיט איטקען אַן אינטימען געשפּרעך.

פאַרזוכנדיק דעם אײַזקרעם האָט מאָטל געפונען פאַר נויטיק אונטערצושטרײַכן אַז דער אײַזקרעם איז אויסגעצייכנט און אויסגעדריקט האָט ער זיך אויף אַזאַ אופן אַ ס״האָט אַנדערש נישט געקענט זײַן און איטקעס מיינונג קען מען נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט.

זאַמענדיק זיך דאָרט אַ האַלבע שעה האָט מאָטל אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגערל ווי שפּעט עס איז.

— „איר זענט, ווײַזט אויס, זייער מיר און איר וואָלט זיך באַדאַרפט גוט אויסרוען. — האָט איטקע זיך געווענדט צו זייגערמאַנען.

— „מירן טאַקע לאַנג דאָ נישט זיצן. האָט מאָטל אײַנגעזען אַז זי איז אַ מיושבדיקער מענטש און ווייסט אַז ער איז מיד נאָך אַ טאָג־אַרבעט.

ווען זיי האָבן שפּעטער אַ ווײַלע זיך אויפגעהויבן האָט איטקע אים געזאָגט: — „גייט גלײַך אַהיים און פירט מיך נישט אונטער, איר קוקט אויס זייער מיד.

— „עס וועט גאָרנישט אָפּפאַלן פון מיר ווען איך וויל זיך אַ ביסל דורכגיין. — האָט זייגערמאַן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט זײַן מידקייט.

— „פאָלגט מיך, זייגערמאַן, און פירט מיך נישט אונטער, — איז איטקע באַשטאַנען אויף אירן. — איר דאַרפט אויפלייגן וועג. האָט נישט קיין מורא, קיינער וועט מיך נישט אויסכאַפּן. אַן אַנדערש מאָל ט׳איר מיך אונטער־

פירן צוויי מאָל, — האָט איטקע אַרויסגערעדט די לעצטע ווערטער מיט אַ געלעכטער.

די ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַזוי היימישלעך, אַז מאָטל האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט און זיי זענען באַזונדער געגאַנגען אַהיים.

מאָטל איז איינגעשלאָפן ווי אונטערן קלאַנג פון איטקעס ווערטער: „אַן אַנדערש מאָל וועט איר מיך אונטערפירן צוויי מאָל" — און אַ געפיל האָט ער געהאַט, אַז ס'גייט אויף אַ לאַד.

6

משה קליינמאַן איז אָפּגעוועזן אין אַמעריקע נישט מער ווי עטלעכע וואָכן און ס׳איז אים אויסגעקומען צו זען זאַכן אויף וועלכע ער האָט זיך נישט אָנגעשטויסן אין דער אַלטער היים, נישט אינעם קליינעם שטעטל און נישט אין דער גרויסער שטאָט. גאַנץ פּרי האָבן שערענגעס מענטשן געריכט זייערע טריט צו די טראַמווייען, עלעווייטאָרס און אינטערערדישע באַנען. איניקע האָבן זיך געאײַלט אָנצוקומען אין צייט צו דער אַרבעט אין די שעפּער, אַנדערע — צו די געשעפטן און אָפּיסעס. וועגענער אָנגעלאָדענע מיט האָלצוואַרג, אײַזנוואַרג אָדער מיט אַנדערע סחורות האָבן זיך געהאַלטן אין איין יאָגן. די יונגען האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן יעדן ווינקל־גאַס אָדער אין מיטן גאַס און אַראָפּגעוואָרפן פּעק און פּעקלעך פאַר די קראָמען וואָס זענען שוין געווען אָפן אָדער וועלן זיך איצגיכן עפענען. אין מזרח זייט פון שטאָט וואו די יידן האָבן געוואוינט און געהאַנדלט, האָט מען פון אַנדערע וועגענער אַראָפּגעוואָרפן פּעקלעך יידישע צייטונגען, נעבן די שטעלעכלעך. עס איז קוים געלונגען אויפצובינדן די פּעקלעך און די פאַרבייגייער האָבן געשטרעקט די הענט נאָך אַ צייטונג און געגאַנגען ווייטער. פאַר משהן איז דאָס געווען אַ דערשייַנונג פון וועלכער ער האָט נישט געקענט אוועקנעמען די אויגן. אַזוינס האָט ער אין ערגעץ ניט געזען. אין זיין קליין שטעטל זענען אָנגעקומען אַ צוואַנציק יידישע צייטונגען וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און געלייענט געוואָרן פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער. אין דער גרויסער שטאָט וואו עס האָבן געוואוינט אַ סך יידן, זענען ווינציק יידישע צייטונגען פאַרקויפט געוואָרן. געחלומט האָט מען אַז מיט דער צייט וועט דאָס רוב יידן לייענען יידישע צייטונגען. אָבער דאָ, אין דעם נייעם לאַנד, חלומט מען נישט נאָר מען טוט, פינף יידישע צייטונגען גייען אַרויס און מען צעכאַפּט זיי ווי מצה וואַסער. היינט זענען פאַראַן יידישע בוכגעשעפטן אָנגעפּיקעוועטע מיט ביכער וואָס ליגן ניט גלאַט אויף די פּאָליצעס, נאָר ווערן פאַרקויפט. אויך אין די שטאָט־ביבליאָטעקן זענען פאַראַן גאַנצע אָפּטיילונגען פון יידישע ביכער. חוץ דעם גייען אַרויס יידישע זשורנאַלן, קליינע און גרויסע. נו, איז אַמעריקע נישט דאָס צוגעזאָגטע לאַנד פאַר אַלע יידן פון דער גאָרער וועלט? ס׳איז ניט קיין חידוש וואָס פון האַרבסט ביז פרילינג קומען דאָ פאַר שבת־צו־נאַכט אַלערליי בעלער. יידן אַריבערגעקומענע פון דעם שטעטל אָדער פון דער גרויסער שטאָט האָבן געשאַפן אַ לאַנדסמאַנשאַפט וואָס כמעט איטלעכס יאָר מאַכט זי אַ באַל וואו מען טאַנצט און מען הוליעט ביז אין ווייסן טאָג אַריין.

משה מיט זיינע חברים זענען אין די שבת־צו־נאַכטן געווען פאַרנומען מיט די בעלער. מען איז געגאַנגען פון איין באַל צום צווייטן, געזוכט אַ מעגלעכקייט אַריינצוכאַפּן זיך אַהין, אויסמישן זיך מיטן עולם און כאַפּן אַ טענצל, אויך אַ נאַש טאָן פון די אַלערליי קיכלעך, לעקעכער און שטרודלען וואָס די באַלעבאָסטעס האָבן אָנגעבראַכט, אַ לעק טאָן פון די אַלערליי ווײַנען, סליוואָטשניקעס און בראָנפן וואָס די לאַנדסלייט האָבן מיטגעבראַכט. דאָס אַלץ איז געווען אָנגעשטעלט אויף אַ זייטיקן טיש, העט ווייט פונעם אַריינגאַנג אין זאַל אַריין. ווען דער עולם האָט זיך גוט אָנגעטאַנצט, האָט קינד און קייט זיך אַוועקגעלאָזט צום טיש און פּאַסמאַקעוועט זיך מיט די צובייסעכצן און געטראַנקען.

ניט צו אַלע גרויסע בעלער האָט מען זיך געקענט אַריינרייסן. ביי די טירן זענען געשטאַנען היכע געזונטע יונגאַטשעס וואָס האָבן זיך געקענט מיט די לאַנדסלייט און זייערע קינדער. די יונגע שומרים זענען געווען זייער שטרענג און פרעמדע ניט אַרויפגעלאָזט אויף דער שוועל. באַזונדערס שטרענג זענען זיי געווען צום יונגוואַרג וואָס האָט גראָד חשק געהאַט אַריינצוכאַפּן זיך אויף אָט די בעלער וואו אויף די טישן איז געווען אויסגעשטעלט מכל טוב. ווי עס טרעפט, האָבן די עקשנים זייערס אויסגעפירט. די יינגלעך וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט, נישט אָפּגעטראָטן פונעם זאַל וואו עס זענען פאַר־געקומען די גרויסע בעלער און נישט אַוועקגעגאַנגען מיט ליידיקן, וואָרעם צוויי־דריי אַזעלכער ביינאַכט זענען אַ סך לאַנדסלייט אַהיים געגאַנגען און אויך דער איבעריקער עולם איז געוואָרן מיד פון האָפּקען און טרינקען. נאָשערייען און אָנגעהויבענע פלעשלעך פון אַלערליי געטראַנקען זענען גע־בליבן שטיין אויף די טישן און די יונגע שומרים האָבן ניט געסטייעט. אויף האָט די יונגע חברה געטשאַטעוועט, איינציקוויז אַריינגעשפּאַרט זיך אין זאַל, הנאה געהאַט פון די איבערגעבליבענע געבעקסן און געטראַנקען, אויך זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַ טענצל און אַ געזאַנג, און פריילעך געמאַכט דעם פאַרשלאָפענעם עולם.

די צייט שטייט נישט און פון די יינגלעך איז געוואָרן דערוואַקסענע בחורים וואָס זענען, נאָכן פאַרענדיקן די ענגלישע מיטלשול, אַריינגעטראָטן אין די אוניווערזיטעטן אָדער געגומען לערנען זיך אַ פאַך. מיט איין וואָרט, געקלערט וועגן אַ תכלית. דאָס יידישע לעבן וואָס האָט, ביים איינגלידערן זיך אין נייעם לאַנד, ווי אַ שטורעמדיקער ים געשטרעבט איינצושלינגען אַלץ און אַלעמען אויף דער יבשה, איז מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער אַריינ־געגאַנגען אין זיינע ברעגן. די פריערדיקע שטורעמדיקע יידישע פּאַרטייען האָבן זיך נישט אויפגעלייזט, אָבער אַ רעדנער האָט זיך ניט אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פּעסל און געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה וועגן די צילן פון זיין פּאַרטיי וואָס וועט ברענגען די ישועה אויף דער וועלט. עס וועלן ניט זיין קיין אָרימע און קיין רייכע און פאַר יעדן איינעם וועט זיין צוגעגרייט פון אַלץ אין וואָס

אַ מענטש ניטיקט זיך. אַנשטאָט דעם זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען פון אַ פּאָר טוזנט מענטשן אין אַ גרויסן זאַל. אויף דער בינע, נישט ווייט פון דער פאָדערשטער וואַנט, זענען געשטאַנען צוויי גרויסע בענק אויף וועלכע עס זענען געזעסן אָנגעזעענע יידישע פירער. ביז וואַנען די פאַרזאַמלונג האָט זיך נישט געעפנט, איז אין זאַל געווען טומלדיק, נייע מענטשן האָבן ניט אויפגעהערט אַריינצוקומען, מערסטע האָבן פאַרנומען די איבערגעבליבענע ערטער ביי די עקן פון דער שטולן שערענגע. פאַר איינציקע אָבער האָבן זייערע פריינד געהאַלטן גרייט פּלעצער אין דער מיטן, האָבן די שפּעט געקומענע געדאַרפט זיך שטופּן דורך די ענגע דורכגאַנגען. מערסטנס האָט זיך דער טומל גענומען דערפון וואָס שכנים האָבן זיך געאַמפּערט וועגן די מענטשן וואָס זענען געזעסן אויף דער בינע ווען ס׳איז אַלץ שווערער געווען צו דערקענען וואָס נעענטער זייערע בענקלעך זענען געשטאַנען צו דער פאָדערשטער וואַנט. דער גרויסער זאַל איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. מ׳איז אַפילו געשטאַנען ביי די ווענט. דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק, גענומען מורמלען, אונטערהוסטן, דאָס מורמלעריי איז ביסלעכוויז אַריבערגעגאַנגען אין רייד און אייניקע האָבן אויסגעשריען: שוין צייט אָנצוהייבן! ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן? צווישן עולם איז געוואָרן אַ גערודער, דעמאָלט האָט פון הינטער דער בינע זיך אַריינגעשטעלט אַ יונגערמאַן, האָט צוגעשפּאַנט צום באַלעמער, אויפגעהויבן די האַנט און דערקלערט אַז די רעדנער וועלן אָנקומען אין אַ פּאָר מינוט אַרום. די עטלעכע ווערטער האָבן איינגעשטילט דעם עולם.

ווען די רעדנער זענען פון ביידע זייטן אין דער זעלבער צייט אַרויפגעטראָטן אויף דער בינע, האָבן אויסגעבראָכן הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן וועלכע ס׳איז שווער געווען איינצושטילן, אַזוי באַליבט זענען די רעדנער געווען ביים עולם. דער פאָרזיצער האָט אין זיין אַריינפיר זיך אָפּגעשטעלט אויף די פאַרשיידענע שיטות אין יידישן לעבן פאַר וועלכע די רעדנער שטעלן זיך איין און דאָך שטרעבן זיי צום זעלבן ציל — צו פאַרפעסטיקן דעם קיום פונעם יידישן פאָלק וואָס איז צעשפּרייט צווישן אַלערליי פעלקער און מדינות. ער האָט אויך געבעטן דעם עולם נישט צו אַפּלאָדירן אין מיטן די רעדעס. דער עולם אָהט מיט גרויס דרך ארץ זיך צוגעהערט צום פאָרזיצער.

ביידע רעדנער האָבן געשטרעבט צום זעלבן ציל, אָבער געגאַנגען אַהין מיט פאַרשיידענע וועגן. עס איז ווי געווען אַ שמועס צווישן צוויי דאָקטוירים וואָס האָבן גשטעלט דעם זעלביקן דיאַגנאָז, זענען זיך אָבער פאַנאַנדערגעגאַנגען אין די הייל־מיטלען וואָס וועלן זיכער ברענגען דעם קראַנקן אַ רפואה שלמה.

עס איז צווישן עולם אייגענליך ניט געווען קיין צוויי צדדים וואָס זאָלן זיך איינשטעלן פאַר דעם ערשטן אָדער צווייטן רעדנער. ביים גרעסטן טייל צוהערער איז געוואַקסן אַ געפיל אַז די פאָרגעשלאָגענע מיטלען פון ביידע

רעדנער וועלן דערפירן צום זעלבן ציל. נאָר יחידים האָבן זיך געשטעלט אויף איין צד אָדער אַ צווייטן, געאַמפּערט זיך און גענומען באַוויזן איינער דעם אַנדערן ווער עס איז גערעכט.

די ערנסטקייט האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פונעם עולם וואָס האָט זיך שפּעטער צעשפּרייט איבער די אַרומיקע רעסטאָראַנען און קאַפעטעריעס. זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו שמועסן וועגן דעם ענין וואָס איז אַרומגערעדט געווען פון די צוויי אָנגעזעענע פירער און עס איז געווען קענטיק אויף זייערע פּנימער אַז אַ גרויסער עול איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף זיי און ס׳איז שווער צו זאָגן צי זיי וועלן אים קענען אויסטראָגן אויף זייערע שוואַכע פּלייצעס.

7

עס קומט אָפּט פֿאָר אַז גערעכטיקייט ברענגט נישט קיין גליק. ווען חנה איז געוואָרן אַ דערוואַקסן מיידל איז זי געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך פֿריינט און באַקאַנטע, יונגע, שיינע, געבילדעטע בחורים און מיידלעך. מיט אייניקע פֿון זיי האָט זי פֿאַרקניפּט אַ נאָענטע פֿריינשאַפֿט. מיט די איבעריקע וואָס זענען, אין אירע אויגן, נישט געווען גענוג קלוג, שיין אָדער געבילדעט, האָט זי זיך געהאַלטן פֿונדערווייטנס. חנה און אירע נאָענטע חברטעס האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך צו וועלכער טעאַטער־פֿאָרשטעלונג צו גיין, אויף וועלכער שיף־עקסקורסיע אַרויסצופֿאָרן, וואו און ווען צו מאַכן אַ הוליאַנקע און וועלכע בחורים צו פֿאַרבעטן. דאָס וואָס חנהס נאָענטער קרייז האָט פֿאַרגעלייגט צו טאָן איז אָנגענומען געוואָרן פֿון זייערע פֿריינט און באַקאַנטע אויף אַזאַ אופֿן, אַז אַנדערש האָט עס גאָרנישט געקענט געמאָלט זיין. חנה האָט נישט באַנומען אַן ענין טיפֿער ווי אירע חברטעס, זי האָט אים אָבער ברייטער און בעסער אַרומגערעדט. דערצו נאָך האָט פֿון איר געשפּרודלט מיט אַזעלכע אומגעריכטע איינפֿאַלן, אַז די חברטעס האָבן אָנ־געקוואָלן ווי זיי וואָלטן אַליין זיך דערטראַכט דערצו. עס האָט זיך דערפֿאַר אַזוי איינגעשטעלט, אַז חנהס וואָרט איז געווען זייער אַלעמענס וואָרט און אויף וועמען זי האָט געוואָרפֿן אַן אומחן, איז עס געוואָרן אַלעמענס אומחן.

חנה האָט דעריבער געגומען קוקן אויף אירע נאָענטע חברטעס פֿון אויבן אַראָפּ. זיי זענען טאַקע נישט אויף אַרויסצוװאַרפֿן, זי וועט זיך דאָך נישט חברן מיט אַבי־וועמען, אָבער ווי קומען זיי צו איר? אויך צו די בחורים, מיט וועלכע די מיידלעך פֿלעגן זיך טרעפֿן, האָט חנה זיך אויך אַזוי פֿאַר־האַלטן — זיי צייכענען זיך נישט אויס מיט גאָרנישט און האָבן נישט די ווערט איר אויפֿמערקזאַמקייט. איין בחור, באַריס, וואָס האָט זיך ווי פֿון דער העלער הויט אַריינגעדרייט אין איר קרייז און געפֿילט זיך ווי אַ פֿרעמדער, גראָד אויף אים האָט זי געוואָרפֿן אַן אויג. באַריס איז געווען אַ שווייגער, האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג וועגן אַן ענין, האָט זיך געפֿילט אַז ער האָט עס גוט דורכגעטראַכט. און אַז ער האָט אונטערגעשמייכלט, ווען דער עולם האָט זיך געאַמפּערט איבער קלייניקייטן, האָט מען פֿון זיין פּנים לייכט געקענט אַרויסדרינגען אַז מענטשן מאַכן אָפּטמאָל אַ וועזן פֿון נישטיקע זאַכן. זיין שווייגן, באַדאַכט וואָרט האָבן געפֿונען חן אין אירע אויגן און וואָס אָפּטער זי האָט זיך באַגעגנט מיט אים אַלץ מער איז ער איר געפֿעלן. זי האָט עס אַרויסגעוויזן אויף אַן איינגעהאַלטענעם אופֿן. וואָס זשע, זי וועט זיך צעיאָכ־מערן ווי אַ ליאַדע מיידל, ער און אַלע זאָלן זען, אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו אים? אַזעלכע זאַכן וועט זי קיינמאָל נישט טאָן!

דער שוויגנדיקער באָריס האָט נישט פאַרפעלט צו דערזען אַז פון צייט צו צייט וואַרפט זי אירע בליקן אויף אים און כאַפט זיי באַלד צוריק. ער האָט פאַרשטאַנען זייער מיין, און זיי האָבן לאַנג געשמועסט אין אַן אָרט וואָס איז געווען אַ צוואַנציק שפאַן ווייטער פון דער איבעריקער געזעלשאַפט. שפעטער צו זענען זיי בײדע געגאַנגען אין טעאַטער אַריין, אין אַ סינעמאַ.

חנה האָט דערפילט אַז ער איז אויף אַן אמת פאַרליבט אין איר, האָט זי אַ קלער געטאָן: עס איז געזינטער פאַר אַ פּרוי, ווען דעם געליבטן קומט נישט אָן גרינג זי צו קריגן. האָט חנה גענומען אים מאַכן שווער צו טרעפן זיך מיט אים — דעם טאָג איז זי פאַרנומען, דאָס פאַרוויילונגס־פּלאַץ געפעלט איר נישט; אַהינצו קען זי נישט גיין ווייל פון דאָרטן וועט איר אויסקומען אומצוקערן זיך שפעט אַהיים. האָט דאָס זיך איבערגעחזרט מערעלע מאָל, האָט באָריס גענומען איבערטראַכטן — איצט קען איך זיך לייכט באַפרייען פון איר, כ'בין נישטאָ און רוף מיך קנאַק־ניסל. אָבער נאָך דער חתונה וועל איך עס נישט קענען טאָן. ווי עס קוקט אויס איז זי אַ שווערע מענטש, און אויב אַפילו זי איז נאָר זייער אַ קאַפּריזנע, וועל איך אויך האָבן פון איר צו זינגען און צו זאָגן.

באָריס האָט גערעכנט חתונה צו האָבן מיט חנהן, זי איז אָבער נישט זיין גלייכן און ער טאָר מער נישט באַגעגענען זיך מיט איר, וועט פונדעסט־וועגן נישט דורכפירן עס מיטאַמאָל, נאָר בהדרגהדיק. האָט באָריס געוואָלט זיך זען מיט חנהן אין אַ באַשטימטן טאָג און זי האָט אים געלאָזט וויסן אַז ז'איז שטאַרק פאַרנומען, האָט אים אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ, — „עס קומט זי אַזוי אָנצולערנען אַז זאָל האָבן צו געדענקען, און זיך געגעבן דאָס וואָרט מער זיך נישט טרעפן מיט איר. ער האָט טאַקע די ערשטע צייט געבענקט נאָך חנהן, האָט אָבער נישט געמאַכט דעם מינדסטן פאַרזוך צו זען זיך מיט איר.

ווען עס זענען פאַריבער צען־צוועלף טעג און באָריס האָט זיך נישט געגעבן די מי צו טרעפן זיך מיט איר, איז חנה געוואָרן פאַראומערט. געוויינ־לעך האָט געדויערט ניט מער ווי פינף טעג איידער ער האָט ווידער פּרובירט צו באַגעגענען זיך מיט איר. ער איז אַ וואוילער בחור און זי האָט איבער־געצויגן דאָס שטריקל. זי האָט, ווייזט אויס, שלעכט אויסגערעכנט און באַ־דאַרפט זיך באַגיין מיט אים גאַנץ אַנדערש. באָריס איז נישט פון די בחורים וואָס פאַלן אויף די קני פאַר אַ פּרוי, מעג זי זיין די שענסטע און די בעסטע. וועט ער זוכן אַ געלעגנהייט איבערצובעטן זיך מיט איר, וועט זי מער נישט שפּילן מיט אים קיין ברוגז. דאָס וועט איינגיכן געשען, ער איז פאַרליבט אין איר און וועט זיכער צוריקקומען.

איז פאַריבער אַ שטיקל צייט און באָריס האָט אַפילו נישט באַוויזן צו קומען אין איר קרייז, האָט חנה נאָך אַלץ געהאָפט אַז ער וועט נישט אויס־האַלטן און אַ בלאַסער אין איר זיך אָנשטויסן אין רעסטאָראַן, וואָס זי באַזוכט

יעדן נאָכמיטאָג, צווישן אײנס און צװײ אַ זײגער (ער האָט נישט אײנמאָל זיך געטראָפן מיט איר דאָרט). װען דאָס איז נישט געשען איז חנה געװאָרן אין כעס — ער בריקעט זיך, זאָל אים װאױל באַקומען! ס'װעט זיך אינגיכן יאָװען אַן אַנדערער אױף זײן אָרט.

באָריס איז חנהן געװען אײנגעבאַקן אין האַרצן, האָט נאַטירלעך אַן אַנדערער נישט געקענט פאַרנעמען זײן אָרט — און מיט גלאַט אַ װאױלן בחור איז זי נישט גרײט געװען חתונה צו האָבן.

עס איז פאַרגאַנגען אַ יאָר, צװײ, דרײ. אירע חברטעס זענען פאַרקנסט געװאָרן, חתונה געהאַט אָדער געגרײט זיך צו דער חתונה. אױף אירער אַ חברטעס חתונה האָט חנה זיך באַקענט מיט אַ פאַרמעגלעכן געשעפטסמאַן װאָס איז פון איר נישט אָפּגעטראָטן דעם גאַנצן אָװנט. חנה האָט זיך מער נישט געקװענקלט און אָנגענומען זײן פאַרבעטונג צו טרעפן זיך מיט אים. זײ האָבן געגעסן װעטשערע צוזאַמען, באַזוכט אַפילו אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג. עס איז פון חנהן נישט געװען פאַרהוילן אַז אין טעאַטער אַרײן איז ער געגאַנגען נישט גערן. זי האָט עס אױסגעטײטשט װי אַ גלײכגילטיקײט צו אַזעלכע זאַכן. ס'איז געװען צו דערקענען אַז ער האָט זיך געלאַנגװײליקט בײ דער פאַרשטעלונג. זי האָט אױך נישט פאַרזען אַז ער לאָזט איבער װײניק טרינק־געלט, און די מתנות, װאָס ער ברענגט איר בײ אַ געלעגנהײט, זענען נישט קײן טײערע. ער טוט גאָרנישט מיט אַ ברײטער האַנט. עס איז פאַר איר אױסגעװאַקסן אַ מיושבדיקער מענטש װאָס איז עלטער פון איר מיט אַ יאָר צען־צװעלף. האָט נישט קײן חשק צו פירן אַן אײנזאַם לעבן און װיל זיך אױך אָנגרײטן אַ היים אױף די עלטערע יאָרן.

כאָטש זי האָט אַלץ געזען מיט קלאָרע אױגן און זיך נישט גענאַרט אַז זײנע געװאױנהײטן און אױפפירונגען זענען היפּוכדיקע פון אירע, — דאָך האָט זי גערעכנט, אַז נאָך דער חתונה װעט ער זיך צוהערן צו איר און אַלץ טאָן מיט אַ ברײטער האַנט. אַנדערש קען מען נישט הנאה האָבן פונעם לעבן.

עס האָבן זיך אױך געשטופּט און געקומען צום פאָדערגרונט אַנדערע טראַכטענישן. אַ מענטש אין די יאָרן בײט זיך נישט אַזױ גיך און אַמאָל אינגאַנצן נישט. װעט דער גורל פאַלן אױף איר, דער ייִנגערער, צו ענדערן אירע געװאױנהײטן און אױפפירונגען, אַניט װעט אױסקומען אַז אונטער אײן דאַך װאױנען צװײ מענטשן װאָס פירן צװײ פאַרשײדענע לעבנס. װאָס זשע פאַר אַ זינען װעט האָבן זײער צוזאַמענלעבן? װי זשע קען זי גאָר קלערן פון חתונה האָבן מיט אים? זי טאָר נישט און װעט עס בשום אופן נישט טאָן!

חנה האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און דערזען די קלײנע קנײטשן אַרום די אױגן, מױל און האַלז, איז איר קאַלאַמוטנע געװאָרן אױפן האַרצן. זי װערט שױן אָפּגעבליאַקעװעט און גאָר אינגיכן װעט זי װערן אַן אַלט פאַרזעסן מײדל, אױף װעמען קײנער װעט זיך נישט אומקוקן.

חנה איז פונדעסטוועגן נישט גרייט געווען אינגאנצן אונטערצוגעבן זיך און האט נישט פארנאכלעסיקט א וויכטיקן ענין. ר׳וועט מסתם נאך דער חתונה באשטיין זי זאל אים ארויסהעלפן אין געשעפט, וועלן זיי א גאנצן טאג זיין פארנומען אין קראם און אויפדערנאכט אהיים פארן, אפעסן וועטשערע, אויפראמען דאס הויז און זיך לייגן שלאפן כדי אויפצושטיין מארגן פארפרי און צופארן עפענען די קלייט. אויף דעם וועט זי נישט איינגיין. זי וועט קלאר און דייטלעך אים זאגן, אז איר פוס וועט נישט אריבערטרעטן די שוועל פונעם געשעפט. צו איר געהערט נאר דאס הויז. אויפדערנאכט וועט ער אריינקומען אין א ליכטיקער אויפגעראמטער שטוב, וואו דער טיש איז שוין געגרייט. ער וועט זיין פארנומען מיטן געשעפט און זי — מיטן הויז. וועט ער איינגיין אויף דעם, איז גוט, אויב נישט — וועט זי זיך מער נישט טרעפן מיט אים. אזא מציאה וועט זי אלעמאל געפינען.

איינמאל האט בידעלמאן איר געלאזט וויסן אז נאכן צומאכן דאס געשעפט, פארט ער נישט גלייך אהיים. וואס וועט ער טאן איינער אליין אין זיין קליינער דירה, קוקן אויף די פיר ווענט? ער גייט צו פאמעלעכל צו א גרויסער קאפעטעריע, טרעפט זיך אפטמאל מיט באקאנטע און זאמט זיך דארט א פאר שעה, דערנאך פארט ער אהיים און לייגט זיך שלאפן.

חנה האט נישט פארזאמט אים איבערצוגעבן, אז א רייכער סוחר האט זיך באקלאגט פאר איר אז זיין געשעפט פאלט אויף אים צו שווער און ער וואלט זיך געשעצט גליקלעך חתונה צו האבן מיט א פרוי וואס זאל אים באהילפיק זיין אין די מסחרים. חנה האט נישט געוואלט אז דער סוחר זאל האבן האפענונגען צו קריגן זי פאר א ווייב און אויפגעהערט צו באגעגענען זיך מיט אים. אויף דער אנצוהערעניש האט בידעלמאן איר געענטפערט, אז מאן און ווייב טארן נישט זיין ביידע אין געשעפט. קומענדיק אויפדערנאכט אהיים, זענען זיי מיד און גייען שלאפן. באגעגנט אבער דאס אויסגערוטע ווייב דעם מידן מאן מיט א פריילעך פנים, ווערט ער אויפגעמונטערט און קען הנאה האבן פון דעם ביסעלע פרייע צייט.

נאך דער חתונה מיט בידעלמאנען האבן זיי זיך אריינגעקליבן אין א גרויסער פיין־אויסמעבלירטער דירה. כמעט יעדע וואך איז ביי זיי געווען א פולע שטוב מיט באקאנטע. חנה האט אויפגעלעבט. ווי נאך א לאנגן ווינטער ווערט דער נאקעטער בוים באדעקט מיט גרינע בלעטער, אזוי האט זיך נאך דער חתונה אומגעקערט צו חנהן די אמאליקע שפרודלדיקייט. נישט נאר ביי זיך אין הויז, נאר אויך ביי פריינט און באקאנטע איז זי נישט איינגעזעסן אויף אן ארט, נאר געשוועבט פון איין צימער אין אנדערן, און איר ברוסטיק און לאכנדיק קול האט זיך געהערט איבער דער גאנצער שטוב.

אויך איר מאן בידעלמאן האט אפגעטרייסלט פון זיך דאס אפגעלאזנקייט וואס האט זיך אנגעקליבן אין אים, האט פארמאכט דאס געשעפט מיט א שעה פריער, נאכן אפרוען זיך א האלבע שעה זיך ארומגעוואשן, איבערגעטאן

און אַרײַנגעשטעלט זיך אין עסצימער וואו דער טיש איז שוין געווען געגרייט.

נאָך דער וועטשערע זענען זיי געווײנלעך צוגעגאַנגען צו באַקאַנטע אָדער געוואַרט אויף געסט. כאָטש חנה האָט אויפגעגעבן די שטעלע באַלד נאָך דער חתונה, איז זי פונדעסטוועגן נישט געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין הויז. נאָכמיטאָג איז זי צוגעפאָרן אין געשעפטסצענטער וואו מ׳האָט באַדאַרפט עפּעס אײַנקויפן, אָנקוקן. האָט חנה זיך שנעל אָפּפאָרעט דאָרט, האָט זי זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער קאַפעטעריע וואוהין אירע פרײַנט און באַקאַנטע פלעגן אַרײַנקומען. עס האָט זעלטן פּאַסירט אַז זי זאָל דאָרט זיך נישט טרעפן מיט עמיצן פון זיי.

די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין חנהס און יאַנקלס בידעלמאַנס לעבן זענען געווען פאַרשיידענע. חנהס גליקלעך־רעשיק יונגמיידלשער לעבן, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אין איר אַלטמיידלשער תקופה, האָט נאָך דער חתונה באַנײַעס אויפגעוואַכט. פאַר יאַנקל בידעלמאַן האָט די חתונה אויפגעעפנט אַ טיר אין אַ נײַער וועלט אַרײַן. ער האָט קיינמאָל פריער נישט באַזוכט אַזויפיל פרײַנט און באַקאַנטע, האָט זיך אײַנגעהערט אין אַזעלכע שמועסן וואָס נאָר אין קיסרס הויף פירן די מיניסטאָרן צווישן זיך. ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט בײדע הענט אויפן טיש און געשוויגן ווי אַ פאַרכישופטער. באַזונדערס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס אומעטום באַגעגנט מען חנהן מיט אַ ברייטן ברוך הבא. ער האָט זיך געשמאָלצן פאַר נחת צוזעענדיק ווי אין יעדער שטוב ווערט לעבעדיק און פריילעך, ווי נאָר זי טרעט אַריבער די שוועל. ער האָט אונטערגעשמייכלט, וואָס האָט געמיינט — נישט קיין ווײַב האָט ער געקראָגן, נאָר אַן אוצר.

צוויי יאָר נאָך דער חתונה האָט חנה פאַרשוואַנגערט. ווען זי האָט איר מאַן אָנגעזאָגט די גוטע בשורה (ער האָט זייער געוואָלט האָבן אַ קינד) האָט יאַנקלען אַרומגענומען אַזאַ פרייד, אַז האָט זי אַרומגעכאַפּט, אונטערגעהויבן און געקושט אין די אויגן, ליפּן און באַקן.

— „לאָז מיך אָפּ, יאַנקל, — האָט חנה געמאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצודרייען זיך פון זײַנע הענט, — וועסט מיך נאָך צעקוועטשן".

— „ביזט גערעכט, חנה, ביזט גערעכט, — איז יאַנקל בלאַס געוואָרן, — נישט געדאַרפט עס טאָן. ס׳האָט דיר ווי געטאָן, מײַן טײַערע?"

— „וואָס דען, ס׳איז מיר צוגעקומען דערפון אַ שטיק געזונט?" — האָט חנה אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און צוגעזעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע.

— „רו זשע זיך טאַקע אויס, — איז יאַנקל נאָך בלאַסער געוואָרן און אים איז דורכגעלאָפן אין קאָפּ — נאָר אַ צוציק קען זײַן אַזוי לײַכטזיניק — „איך וועל עס מער נישט טאָן" — און האָט איר געגלעט די הענט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען זיי צוגעגאַנגען צו אַן אָנגעזעענעם פרויען־דאָקטאָר. חנה האָט געוואוסט אַז די אָנגענומענע סימנים פון פאַר־

שוואַנגערשאַפט זענען אַמאָל סימפּטאָמען פון אַן אַנדער קערפּערלעכן צו־שטאַנד, איז דעריבער נויטיק צו אונטערזוכן זיך ביי אַ דאָקטער. יאַנקל ווידער האָט אינזיגען געהאַט צו פרעגן ביים דאָקטער צי האָט ער נישט באַשעדיקט איר געזונט.ביידע זענען געווען קאָנטענט פון דער אונטער־זוכונג — זי האָט פאַרשוואַנגערט און איז אין אַ גוטן צושטאַנד.

חנה איז געווען אונטערן אויפזיכט פון דעם דאָקטער און יעדן חודש איז זי געקומען צו אים אויף אַ באַזוך. אַלץ איז צוגעגאַנגען ווי געהעריק. דאָס פּאָרל האָט זיך שוין אַפילו געשפּאַרט צי עס וועט זיין אַ יינגל צי אַ מיידל. יאַנקל האָט זייער געוואָלט האָבן אַ יינגל און אים אַ נאָמען געבן נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. חנה ווידער האָט געלעכצט נאָך אַ מיידל, כדי זי זאָל טראָגן דעם נאָמען פון איר מוטער, וואָס איז נישט לאַנג צוריק פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט.

איינמאָל האָט יאַנקל געהאַט אַ סך קונים דורכן טאָג און פאַרנאַכט־צו דערפילט זיך מיד, האָט פאַרפרי צוגעמאַכט דאָס געשעפט, אַריינגעשטעלט זיך אין הויז און חנהן געטראָפן אַן אויסגעצויגענע אויף דער קאַנאַפּע. — „וואָס איז מיט דיר, חנה? איז עפּעס געשען, צי וואָס?" — האָט עס יאַנקלען געוואונדערט.

— „ס'איז מיר גאָרנישט, יאַנקל, — האָט חנה שלאַבעריק אַרויסגערעדט די ווערטער. — איך בין אַ ביסל מיד, האָב איך זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ האַלבער שעה".

— „ביי איינקע פרויען, דוכט זיך מיר, גייט צו דאָס טראָגן מיטן ערשטן קינד שווערלעך. וואָלט נישט גלייכער געווען צו עצהן זיך מיטן דאָקטער?" — האָט יאַנקל ווי געבעטן זיך זי זאָל געבן איר הסכמה דערצו.

— „איך האָב גאָרנישט דאַקעגן, מיין טייערער, — איז חנה געווען אויפגעלייגט וואָס ער האָט עס נישט געוואָלט טאָן אָן איר צושטימונג.

דעם זעלבן אָוונט האָט דער דאָקטער אונטערזוכט חנהן און געשטעלט איר אַ סך פראַגעס, אויף וועלכע זי האָט געגעבן זאַכלעכע ענטפערס.

— „געוויינלעך בין איך אין אַזעלכע פאַלן געניגט צו זיין אויף דער זייט פון די פרויען, — האָט דער דאָקטער אונטערגעשמייכלט, — „אָבער דאָס מאָל שטים איך איין מיטן מאַן. דאָס טראָגעוודיקייט קומט אייך אָן אַ ביסל שווערלעך, וואָס טרעפט נישט זעלטן מיטן ערשטן קינד".

— „בין איך חלילה נישט אין אַ געפערלעכן צושטאַנד? — האָט חנה געקוקט אויפן דאָקטער מיט צעשראָקענע אויגן.

— „וואָלט אייער צושטאַנד געווען אַן ערנסטער, — האָט דער דאָקטער אַנגענומען חנהן ביי דער האַנט, — „וואָלט איך אייך געהייסן זיך אַריינלייגן אין בעט אַריין. וואָס זשע, איך וועל גיין איינשטעלן דאָס לעבן פון אַ מוטער, וואָס איז אין די פריע מאָנאַטן? איר קענט אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר נאָר אין אַ שיינעם טאָג, איר מעגט אויך טאָן אייער הויזאַרבעט. פאַרשטייט זיך,

מיט אַ מאָס. פֿון צײַט צו צײַט שפּאַרט זיך צו אויף דער קאַנאַפּע, נישט אויף צו לאַנג. עס איז מיט אײַך גאָרנישט, איר זענט נאָר אַ ביסל אָפּגעשוואַכט".

יאַנקל האָט אַרויסבאַגלייט דעם דאָקטער אין דרויסן און אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן: „האַלט עס טאַקע מיט איר אַזוי שמאָל?"

— חס וחלילה, מר. בידעלמאַן, — האָט דער דאָקטער אים פֿאַרזיכערט — „ביי אַ טייל פֿרויען גייט צו שווערלעך דאָס טראָגן מיטן ערשטן קינד. רופֿט מיך אָפּ פֿון צײַט צו צײַט".

— „איך וועל עס געוויס טאָן, דאָקטער — איז יאַנקל געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון דאָקטאָרס ענטפֿער.

חנה האָט נישט געצווייפֿלט אַז יאַנקל וועט זיך דורכרעדן מיטן דאָקטער וועגן איר געזונט און געוויס וועט ער נישט רעדן צום מאַן אַזוי צירלעך־מאַנירלעך, ווי צון איר. זי איז אויך נישט געווען זיכער, צי יאַנקל וועט איר איבערגעבן אַלץ וואָס דער דאָקטער האָט אים געזאָגט. אַפֿילו דער ערגסטער מאַן טוט עס נישט, בפֿרט יאַנקל וועט איר אוודאי נישט וועלן ווי טאָן. אָבער עס קען זײַן אַז זי וועט דערגיין פֿון אים מער ווי פֿונעם דאָקטער.

איז ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט פֿונעם באַגלייטן דעם דאָקטער, האָט חנה אים געפֿרעגט: „זאָג מיר דעם אמת, מײַן טײַערער, וואָס האָט דער דאָקטער דיר געזאָגט וועגן מײַן געזונט־צושטאַנד?"

— „דאָס אייגענע וואָס דיר, — האָט יאַנקל זיך צוגעזעצט לעבן חנהן.

— „זאָגסט מיר נישט דעם אמת, יאַנקל, — האָט חנה אים געקוקט אין די אויגן — „דו ווילסט מיר נישט פֿאַרשאַפֿן קיין צער".

— „דער דאָקטער האָט מיך געבעטן אים אָפּצורופֿן פֿון צײַט צו צײַט".

— „האָט ער יאָ עפּעס געזאָגט, — האָט חנה נישט אַראָפּגענומען די אויגן פֿונעם מאַן.

— „ווען אַ פֿרוי פֿאַרשוואַנגערט איז, דוכט זיך מיר, זעלבסטפֿאַרשטענדליך, אַז דער דאָקטער זאָל וועלן וויסן וויאַזוי זי פֿילט זיך, — האָט יאַנקל אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

כאָטש יאַנקלס לעצטע ווערטער האָבן געקלונגען זייער אויפֿריכטיק, דאָך האָט חנה פֿאַרדעכטיקט אַז ער האָט עפּעס נישט דערזאָגט. וועט עס געוויס טאָן אַ ביסל שפּעטער. און טאָמער נישט, מאַכט אויך נישט אויס; אין אַזאַ פֿאַל איז יעדער מאַן זייער נײַגעריק און געשפּאַנט.

8

זיצנדיק מיט איטקען אין אַ פּאַרקל האָט מאָטל זיך אָנגערופן: — „די לעצטע צייט איז מיר אומעטיק, פריער האָט עס מיט מיר נישט געטראָפן.

— „וואָס פּלוצים איז אייך באַפאַלן אַן אומעט? — האָט איטקע זיך געוואונדערט.

— „עס ווערט מיר אומעטיק, ווען איך קום אַהיים צו די הוילע פיר ווענט — האָט מאָטל זיך אויסגעדרייט צון איר מיטן פּנים.

— „צו וואָס זשע האָט איר זיך אַרויסגעקליבן פון דער מומען? — האָט איטקע זיך אָנגעשטויסן וואוהין ער צילט, האָט אים פונדעסטוועגן אַזוי געענטפערט ווי זי וואָלט גאָרנישט פאַרדעכטיקט.

— „פריער האָב איך נישט געוואָלט זיין אונטער דער מומעס פאַרטוך, — האָט מאָטל אויסגעגלייכט די פּלייצע — און איצט וויל איך נישט זיין אַליין. איר פאַרשטייט?

— „אַז מען וויל נישט זיין אַליין גיט מען זיך אַן עצה, — האָט איטקע ווי צוגעגעבן אים קוראַזש, אַז ער זאָל אַרויסקומען מיט לשון.

— „צו דער עצה דאַרף דאָך דער צווייטער צד אויך צושטימען, — האָט מאָטל איר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

איטקע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. זי האָט אים נישט געקענט זאָגן, אַז זי נעמט אָן זיין פאַרשלאָג, זיינע ווערטער זענען אַ ביסל פאַרשלייערט און זי האָט נישט געטאָרט אַרויסקומען מיט אַן אָפענעם ענטפער. ער וואָלט עס אויסגעטייטשט, אַז זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין מינדסט וואָרט און איז גרייט צו שטעלן מיט אים אַ חופּה. ענטפערן ווידער מיט אַ באַהאַלטענעם מיין האָט זי נישט געפונען די פּאַסיקע ווערטער, איז זי געזעסן מיט אַ פאַרטראַכט פּנים און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

מאָטל האָט געקלערט, אַז זי וויל אים נישט מצער זיין מיט איר אָפּזאָג, שוויגט זי דעריבער. ס'איז אָבער אויך מעגלעך, האָט מאָטל נישט אַראָפּ־גענומען די אויגן פון איר אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַז ער האָט גערעדט צו איר אויף אַ פאַרשטעלטן אופן, שטייט איר נישט אָן אַרויסצוקומען מיט אַן אָפּע־נעם — יאָ, איז זי דערפאַר אין אַ פאַרלעגנהייט. ער וועט פּרובירן ווי וויט מעגלעך איר אַרויסהעלפן אין דעם פּלאָנטער.

— „מיר דוכט זיך אַז איך פאַרשטיי אייך, — האָט מאָטל געקוקט אויף איר ווי געוואָלט דערגיין נאָך איר פּנים ווי אַזוי זי וועט אויפנעמען זיינע רייד. — „אויף דער הייסער מינוט איז אַמאָל שווער צו געבן אַן ענט־פער. קלערט זיך גוט איבער און מירן רעדן דערפון אַן אַנדערש מאָל.

— „איר זענט זייער אויפּריכטיק, זייגערמאַן, — האָט איטקע אויפגעהויבן דעם קאָפּ, — אויף דער הייסער מינוט... זי האָט זיך פאַרהיקעט און מער נישט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט.

מאָטל האָט געדרונגען פון אירע רייד און באַנעמונג, אַז זי וועט אים נישט אָפּשטויסן. אין אַזאַ פאַל איז די טבע פון אַ מיידל אָפּצולייגן אויף מאָרגן. דערצו איז עס פאָרגעקומען אַזוי פּלוצים, אַז זי האָט זיך פאַרלוירן און נישט געקענט געבן קיין ענטפער. איר אַרונטערגעלאָזטער קאָפּ האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז זי האָט זיך נישט געקענט אַרויספּלאָנטערן פון דער פאַרדרייעניש. — „אימער אפשר צוגיין צו אַ פּלאַץ וואו מען קען קריגן אַ קאַלטן טרונק״ — האָט מאָטל איינגעזען, אַז זי וועט זיך פילן בעסער, ווען זיי וועלן זיין צווישן מענטשן. ער וועט אויך נישט רעדן וועגן „דעם״ ווען ער וועט זי אונטערפירן אַהיים.

מאָטל האָט זיך געטראָפן מיט איטקען אין אַ וואָך אַרום ביי איר אין הויז וואו עס זענען געווען נאָך עטלעכע געסט. ער האָט אַלע ווילע געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף איר וואָס איז געווען מער אויפגעלייגט ווי אַלעמאָל און ווען זי האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ פּאָר ווערטער, זענען אירע אויגן נישט געווען אַראָפּגעלאָזט. איז דאָס נישט דער בעסטער סימן, אַז זי וועט סוף כל סוף איינוויליקן צו ווערן זיין באַשערטע? ער וועט נישט פאַרלאָזן דאָס הויז ביז אַלע געסט וועלן זיך נישט צעגיין, איז מאָטל געפאַלן אויף אַ פּאָרטל. דעמאָלט וועט זי האָבן אַ געלעגנהייט אים אַרויסבאַגלייטן און פאַרהאַלטן זיך אַ ביסל אין דרויסן. מעגלעך, אַז וועט זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט און אַלץ וועט ווערן קלאָר . . .

עס איז צו דעם נישט געקומען. איטקע האָט אים אַפילו נישט צוגעפירט צו דער טיר, דערמיט אפשר געגעבן אָנצוהערן, אַז פון זיין חלום האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פון דעם גאַנצן פּלאָנ־טער האָט ער נישט געקאָנט דערגיין.

נישט ווייט פון זיין וואוינונג האָט מאָטל אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל און איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפעטעריע, וואו עס איז געווען ליכטיק, פריילעך און ס׳האָט געזאָטן מיט מענטשן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל און מיט די צעעפּענטע אויגן געשלונגען די שמייכלדיקע פּנימער אַרום זיך. ער האָט געקייט דעם גוט־אויסגעבאַקענעם קוכן, פאַר־טרונקען מיט געשמאַקער קאַווע און ווי אויסגעטענהט זיך מיט איטקע זאָל זייך, אַז זי זאָל זיך אַזוי ענדערן אין אַזאַ קורצער צייט. עס טרעפט אַז אַ מיידל האָט חרטה אויפן שידוך, עס איז דאָך קיין רייד פון אַ שידוך נישט געווען. גיכער לייגט זיך אויפן שכל, אַז זי האָט געטראַכט: אײדער צו געבן אים באַלד איר הסכמה איז גלייכער צו האַלטן אים אַ ביסל אויפן שטריקל. אַ מאָן מעג אַ קאַפּעטשקע צוואָרטן איידער ער דערהערט די גוטע בשורה פון זיין מיידל. דערפאַר איז זי געווען אויפגעלייגט וואָס האָט געמיינט: דו, מאָטל, וועסט טאַקע אַריבערגיין די בריק בשלום, אָבער עס וועט דיר וואויל

באַקומען, אויב ס׳וועט צוגיין אַ ביסעלע שווערלעך. און וואָלט ער נישט אַריינגעגאַנגען אין דער קאַפעטעריע, נאָר צוגעפאָרן אַהיים און אַריינגע־פאַלן אין בעט אַריין, וואָלטן שוואַרצע מחשבות מסתמא אים גענאָגט אַ גאַנצע נאַכט און וואָלט שוין געמיינט, אַז די שיף איז אים אונטערגעגאַנגען.

מאָטל האָט אַרומגעקוקט די קאַפעטעריע וואָס איז פול געווען מיט מענטשן, זייער רעש און געלעכטער — און איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער וועט זיך נישט יאָגן נאָך איר. ער וועט אָפּוואַרטן אַ פּאָר וואָכן, מיט פּרויען טאָר מען זיך נישט איילן און ביי אַ געלעגנהייט וועט ער אַ טאַפּ טאָן דעם דופק. וועט עס גיין גלאַטיק איז פיין און וואויל. טאָמער זשע וועט זי פּלאָנטערן מיט דער צונג וועט ער מאַכן אַ שפּאַס דערפון און אויס מיט איטקען. ער וועט זיך נישט מאַכן צו לייטיש געלעכטער, דאָס קיינמאָל נישט!

אין אַ שבת־צו־נאַכטס, מיט דריי וואָכן שפּעטער, האָט מאָטל זיך אַריינגע־שטעלט צו איטקען אין הויז. מען איז געזעסן אַרום טיש און געטרונקען טיי. זופּט מיט דער געשמאַקער קאַווע און ס׳איז אים גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט מסתמא איבערגעטריבן אין זיינע ביטערע איבערלעבענישן איבער איטקען. איז מאָטלען געקומען אין קאָפּ אַריין. עס קאָן דאָך נישט חוץ דער מוטער, איטקעס שוועסטער מיטן מאַן, זענען געווען נאָך אַ פּאָר מענטשן.

— „זיצט מר. זייגערמאַן״, — האָט די מוטער פאַרבעטן מאָטלען צום טיש.

— „איר וועט אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי?״ — האָט איטקע זיך גע־ווענדט צו אים.

— „אַז איר וועט מיר אָנגיסן אַ גלאָז טיי וועל איך זיך געוויס נישט אָפּזאָגן, — איז מאָטל געווען זייער אויפגעלייגט, פון איר פריינדלעכער ווענדונג צון אים האָט געקוועלט אַ האָפנונג. מע טאָר פונדעסטוועגן זיך נישט זאַמען לאַנג העכסטנס וועט ער זיך פאַרהאַלטן נישט מער ווי אַ שעה. אַ מיידל טאָר מען נישט ווייזן, אַז עס גייט דיר אויס דאָס חיות נאָך איר. וואָס ווינציקער ער וועט צושטיין צו איר אַלץ זיכערער וועט זי זיין זיינע. מע דאַרף אויך אויסמיידן צו קוקן אויף איר צו אָפט. זאָל עס נישט הייסן, אַז ער האָט זיך איינגעגעסן אין איר ווי אַ פיאַווקע.

איטקע איז געזעסן אַקעגן אים און אַלע ווילע האָבן זיך זייערע אויגן באַגעגנט. סילוויעס מאַן האָט מאָטלען דערלאַנגט אַ סיגאַרעט און אויך צוגערוקט דעם טעלער מיט אַלערליי אויבסן. איטקע האָט נישט פאַרזאַמט אים אָנצוגיסן נאָך אַ גלאָז טיי און די מוטער האָט זיך אָנגערופן פון אַלע צובייסעכצן, מר. זייגערמאַן.

מאָט להאָט זיך געפילט זייער היימיש, דאָך צו דער שעה זיך אויפגע־

הויבן און זיך געווענדט צו אַלעמען: „עס טוט מיר באמת לייד וואָס איך מוז אייך פאַרלאָזן. איך דאַרף זיך טרעפן מיט אַ פּאָר מענטשן".

איטקע האָט אים אַרויסבאַגלייט. אין קאָרידאָר האָט מאָטל זי אָנגענומען ביי דער האַנט און שטיל אַרויסגערעדט: „לאָמיר זיך דורכגיין אַ ביסל, איטקע".

— „נישט היינט, זייגערמאַן, אויפדערנאַכט זענען געווען ביי אונז אַ סך געסט, בין איך אַ ביסל מיד. אַן אַנדערש מאָל."

מאָטל איז געוואָרן אויפגערעגט. ער האָט דאָך אָפּגעמאַכט ביי זיך, ניט צושטיין צו איר און לאָזן עס הענגען אין דער לופטן. וועט זי זיך נישט איבערנעמען און זוכן אַ געלעגנהייט אַ שמועס צו טאָן מיט אים. האָט ער גראָט זיך נישט איינגעהאַלטן און זי פאַרבעטן אויף אַ שפּאַציר. זי האָט געוויס פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט און זיך אַרויסגעדרייט מיט אַ תּירוץ, אַז זי איז מיד. ער האָט זיך באַנאַרישט און געקראָגן די ריכטיקע גאַב. ווי אַזוי זשע און ווען קען מען עס מאַכן, אַז ער זאָל זיך דורכרעדן מיט איר אויג אויף אויג. עס קען זיך דאָך ציען און ציען... ניין, עס טאָר אַזוי נישט אָנגיין! ער האָט אָנגעהויבן און וועט ענדיקן. זאָל זיין וואָס ס'וועט זיין — אַהין אָדער אַהער . . .

— „ווען זשע דען וועלן מיר זיך זען, איטקע? — האָט מאָטל אַ דריק געטאָן איר האַנט.

— „קומט צו אינמיטן דער וואָך, זייגערמאַן" — האָט זי אים געענטפערט.

— ווען הייסט ביי אייך אינמיטן דער וואָך? — האָט מאָטל נישט נאָכגעלאָזט, היינט מוז ער וויסן וואו ער האַלט מיט איר.

— „מיטוואָך אַרום אַכט אַ זייגער אויפדערנאַכט, זייגערמאַן, נישט פריער".

— „פיין, זייער פיין," — האָט מאָטל שאַרף אַרויסגערעדט די ווערטער.

— „אַ גוטע נאַכט", — האָט איטקע אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער.

— „אַ גוטע נאַכט, איטקע, אַ גוטע נאַכט" — האָט מאָטל זי אָנגענומען ביי די הענט.

ווען איטקע האָט זיך אומגעקערט נאָכן אַרויסבאַגלייטן זייגערמאַנען האָט איר מוטער, מרס. גרינבערג, אַ זאָג געטאָן: „זייגערמאַן איז, ווייזט אויס, אַ וואוילער יונגערמאַן" — און האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויף איר איידעם דייוו — און געוואַרט ער זאָל עפּעס צוגעבן. מיט זיין וואָרט, וואָס איז געווען געוואויגן און געמאָסטן, האָט מען זיך אין הויז גערעכנט, אוכעט איטקע. ער האָט טאַקע נישט פאַרפעלט זיך אָנצורופן: „ער (זייגערמאַן) מאַכט אַ גוטן איינדרוק".

איטקע האָט מיט אַ שטרענגן בליק אים אָפּגעמאָסטן, האָט געמיינט: וואָס — וואָס, נאָר דו, דייוו, האָסט געמעגט פאַרשטיין, אַז ווען פרעמדע מענטשן זיצן ביים טיש, דאַרף מען נישט מאַכן קיין באַמערקונג וועגן זייגער־מאַנען.

רייוו האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס זי איז אויסן געווען מיט איר קוק. ער אַליין האָט אויך דערפילט, אַז די באַמערקונג איז געמאַכט געוואָרן נישט אין דער ריכטיקער צייט און גליך אָנגעקניפּט דעם פּאָדעם פונעם פריערדיקן געשפּרעך.

איטקע האָט נאָר מיט אַ שפּיץ פון אַן אויער זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן וואָס זענען געפירט געוואָרן ביים טיש. זי האָט פונדעסטוועגן פון צייט צו צייט זיך אַריינגעמישט מיט אַ וואָרט אָדער צוויי, עס זאָל נישט הייסן, אַז זי באַטייליקט זיך נישט אין די שמועסן. אין דער אמתן האָבן אַלערליי טראַכטענישן איר נישט געגעבן קיין רו . . . דאָס אומפּאַרמיידלעכע וועט זי נישט אויסמיידן, זי וועט סוף כל סוף מוזן איינגיין אויף אַ שידוך מיט זייגערמאַנען און דאָס ווערן זיך קעגן דעם ווערט מיט יעדן טאָג שוואַכער. זי האָט זיך נישט געגנאַרט — זי פירט זיך אויף ווי אַ פייגלינג, וואָס איז קעגן איר טבע. וואָלט זי צוריק מיט אַ פּאָר יאָר זיך באַזעצט אין אַן אַנדער שטאָט, ווייט פון אייגענע און היימישע, וואָלט זי זיך נישט אומגעקוקט אויף אַזאַ יונגערמאַן ווי זייגערמאַן . . . פיינערע און געבילדעטערע בחורים ווי ער וואָלטן זיך געשאַרט צו איר און זי וואָלט שוין מסתמא געווען חתונה געהאַט מיט איר גלייכן. דאָ נעמען אַלע אָן, אַז זי איז אַן עלטער מיידל, און איר יינגערע שוועסטער איז איינגעגאַנגען חתונה צו האָבן פריער פון איר, איטקען, אַבי נישט צו פאַרזיצן.

עס איז געווען אָפּגעמאַכט אַז די מוטער וועט זיין אַ שטיקל צייט ביי איין טאָכטער און אַ שטיקל צייט — ביי דער צווייטער, און די גרעסטע צאָל מענער ווילן נישט וואוינען צוזאַמען מיט דער שוויגער. איר שוואָגער דייוו איז אַזוי שטאַרק פאַרליבט געווען אין סילוויען, אַז מ׳האָט אים נישט געאַרט צו וואוינען אין איין הויז מיט דער שוועגערין און שוויגער. דאָס איז אַ ביסל אַנדערש ווי צו האָבן די שוויגער אַליין אין הויז. טאַקע וועגן דעם וועט זי אַ שמועס טאָן מיט זייגערמאַנען. וועט ער נישט איינגיין, אַז די מוטער זאָל שטיין, אימער זאָגן, אַ האַלב יאָר מיט סילוויען און אַ האַלב יאָר — מיט איר, וועט זי אים לאָזן וויסן אַז אין שטאָט זענען פאַראַן אַ סך שענערע מיידלעך פון איר, וואָרעם ווי קען די מוטער בלייבן נאָר ביי דער יינגערער שוועסטער? ס׳איז דאָך אַן אומזין! אַריינגעבן די מוטער אין אַ מושב זקנים אָדער דינגען פאַר איר אַ באַזונדער צימער, איז פשוט אַ פאַרברעכן. אָן די קינדער וועט זי אויסגיין ווי אַ ליכט. און ווי קען מען זיך אַזוי באַגיין מיט אַ מאַמען, וואָס האָט איר לעבן אַוועקגעגעבן פאַר די קינדער?

ווען זייער פאָטער איז פּלוצים געשטאָרבן איז די מוטער געבליבן מיט צוויי קינדער אויף די הענט. איטקע איז אַלט געווען זיבן יאָר און סילוויע — דריי. פיר וואָכן נאָכן פאָטערס טויט איז די מוטער געגאַנגען אַרבעטן און איטקע האָט אַכטונג געגעבן אויף סילוויען. איטקע האָט ביסלעכווייז זיך אויסגעלערנט צו פירן דאָס הויזבאַלעבאַטישקייט.

9

דער דאָקטאָר האָט שוין גאָרנישט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט חנה׳ס מיד ווערן אין די פריע חדשים פון איר שוואַנגערשאַפט. דאָס איז נאַטירלעך נאָר אין די הויכע מאָנאַטן. זאָגן עס איר האָט ער אָבער נישט געפונען פאַר נויטיק. זי וועט זיך עס שטאַרק נעמען צום האַרצן און ערגערנישן וועלן איר קיין גוטס נישט טאָן. ער האָט אויך נישט דערוועגט זיך צו עפענען די קאָרטן פאַר איר מאַן, וואָס די דאָקטוירים טוען געוויינלעך. חנה וועט דערקענען נאָכן אויסדריק פון זיין פּנים, אַז ער באַהאַלט עפּעס פון איר. זי איז אים אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן, אַז ער וועט נישט האָבן קיין כּוח אַ קניפּ צו טאָן זיך אין דער באַק אַבי די פּאַרב זאָל שטיין. דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן צו טאָן איז צו פאַרלאָזן זיך אויף יאַנקלען. ער וועט זי סיי ווי היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. וועט פּאַרקומען אין איר אַן ענדערונג צום ערגערן, וועט ער עס באַלד דערשפּירן און אים צו וויסן געבן.

חנה האָט איינגעשטעלט איר טאָג־טעגלעך לעבן נאָך די אָנווייזונגען פונעם דאָקטאָר. אין אַ שיינעם טאָג האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ קורצן שפּאַציר, דערנאָך זיך צוגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע אויף אַ האַלבער שעה, צוגעראַמט די צימערן און געפּאַרקעט זיך ביים געקעכץ, וואָס זי האָט צוגעגרייט פאַר זיך און איר מאַן. אַלע פּאָר שעה האָט יאַנקל זיך אַריינגעשטעלט אין הויז. זי האָט אַזוי אויסגערעכנט, אַז ער זאָל זי נישט טרעפן אַן אויסגעשטרעקטע אויף דער סאָפע. זי האָט נישט גערן געהאַט ווען מ׳האָט געקוקט אויף איר ווי אויף אַ הילפלאָזן מענטשן. יאַנקל ווידער האָט אַלעמאָל ביים אַריבערטרעטן די שוועל זי געוואָרנט, אַז פון צופיל זיין אויף די פיס וועט זי זיך אויסמאַטערן און קיין פאַרגעניגן דערפון נישט האָבן. חנה האָט געווייניטלעך געשוויגן.

איינמאָל איז יאַנקל צוגעשטאַנען צו איר אַז זי זאָל וואָס מער ליגן אויף דער סאָפע, פון צופיל אַרומדרייען זיך איבער די צימערן וועט זי זיך אַרויסשלאָגן פון די כּוחות. חנה האָט זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן און אים געענטפערט: „רעכנסטו טאַקע, מיין ליבער מאַן, אַז אַ שטיג פון עטלעכע צימערן איז צו גרויס פאַר מיר? דו האָסט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, ווייזט אויס, מיך אַריינצולייגן אין אַ סדום־בעטל און איך זאָל זיך נישט קענען אַ ריר טאָן, נישט רעכטס און נישט לינקס. מיינסט עס טאַקע אויף אַן אמת?״

— „איך רעד צו דיר שׂכל־השרדיקע רייד און זי ענטפערט מיר מיט

קלוגע ווערטלעך. לאָז איבער די ווערטלעך אויף אַן אַנדערש מאָל און איצט האָב אין זינען איין זאַך — דאַרפסט וואָס מער רוען . . .״

— „דאָס מאָל, יאַנקל, וועל איך דיך פאָלגן און אויך רעדן שכל־הישרדיקע רייד. קום בעסער אַריין אין עסצימער, וועסטו זיך אונטערלייגן דאָס האַרץ און איך וועל אויך עפּעס איבערכאַפּן״.

— „מיט איין תנאי, חנה, נאָכן איבערבייסן וועל איך איבערוואַשן דאָס געפּעס און דו וועסט זיך צושפּאַרן אויף דער קאַנאַפּע״.

חנה האָט געקלערט — ער איז אַזוי איבערגעגעבן דעם קליינעם עופעלע, וואָס ליגט אין איר אינגעווייד, אַז וואָלט זי אַרומגעטראָגן אויף די הענט.

חנה האָט שוין געזען, אַז אַריינקומענדיק אין הויז אַריין זאָל ער זי טרעפן אַן אויסגעצויגענע אויף דער קושעטקע.

יאַנקל פלעגט גאַרנישט זאָגן נאָר שמייכלען וואָס האָט געמיינט — עס גייט אויף אַ לאַד. היינטער חנהס צוגעשלאָסענע ליפּן איז אויך געווען פאַר־שטעקט אַ שמייכל זאָל עס הייסן, אַז זי ליגט תמיד אויף דער קאַנאַפּע און זאָל ער זיך מישן. ווי קען ער נישט באַנעמען, איז איר נישט אַרויס פון קאָפּ, אַז מע קען אַראָפּ פון זינען ליגנדיק אַ גאַנצן טאָג אוף דער סאָפע? אַז מען דרייט זיך אַרום איבער די צימערן, מ׳עפנט אויף איין פענצטער, ס׳צווייטע, און מע קוקט אַרויס אין דרויסן אָדער מע כאַפּט אַ שמועס מיט אַ שכנה, סטייעט נישט דער טאָג. באַגרייפט ער נישט אַז אַנדערש קאָן עס נישט זיין?

אין אַ פאַרנאַכט האָט חנה געקראָגן שטאַרקע ווייטאָגן אין בויך. יאַנקל האָט באַלד גערופן דעם האָקטער. ער האָט זי אונטערזוכט און געהייסן איר ליגן אין בעט. יאַנקלען האָט דער דאָקטער אָנגעזאָגט ווי אַזוי אַנצוגיין מיט איר און אין פאַל פון אַ נויט — אים אָפּרופן. סיי ווי וועט ער, דער דאָקטער, זי מאָרגן באַזוכן. די ווייטאָקן האָבן נאָכגעלאָזט, יאַנקל און חנה האָבן זיך דערפרייט. צומאָרגנס האָט דער דאָקטאָר זי אונטערזוכט און נאָך מער ווי אַלעמאָל אויסגעפרעגט. אירע ענטפערס האָבן אים צופרידן געשטעלט און ער האָט איר געזאָגט: „אַלץ גייט צו אויפן בעסטן אופן, ס׳איז פונדעסטוועגן גלייכער אַז איר זאָלט ליגן אין בעט אַ פּאָר טעג. דערנאָך וועט איר מעגן דריי מאָל אַ טאָג אַראָפּגיין פון בעט אויף אַ קליינער ווײַלע״.

ס׳איז אַריבער אַ וואָך און חנה האָט זיך דערפילט קרעפטיק. האָט זי ווידער איינגעטיילט דעם טאָג אויף רו, הויזאַרבעט, שפּאַציר און נאָכאַמאָל רו. פון אַלעמען צו ביסלעך. זי האָט געפירט אַזאַ לעבן צוויי־דריי וואָכן און נישט געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגן זיך. האָט זי זיך באַקלערט, אַז אייביק דאַרף מען נישט לעבן לויט אַן אויסגעווירעטער טאַבעלע — דאָ ליגסטו, אַהין גייסטו און דאָרטן שטייסטו. און זי האָט ווינציקער גערוט ווי געשפּאַצירט אָדער פאַרנומען זיך מיט הויז אַרבעט. זי האָט אָבער אויסגע־מאַרקירט, אַז יאַנקל זאָל זי טרעפן אַ ליגנדיקע אויף דער קאַנאַפּע.

האָט געטראָפן אַז פאַר יאַנקלס אָנקומען האָט חנה זיך אַרײַנגע־שלעפּט אין הויז אַרײַן אַ שטאַרק מידע, אַ דערשלאָגענע זיך אַרײַנגעוואָרפן אין בעט אַרײַן און גלײַך דערפילט, אַז עפּעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין איר אינגעווייד. זי האָט נישט געהאַט קיין כּוח אַ ריר צו טאָן זיך און געקראָגן אַ געפיל אַז זי איז ווי אָפּגענומען געוואָרן. עס איז זי באַפאַלן אַזאַ שרעק ווי זי וואָלט געזונקען אין אַ טיפן אָפּגרונט.

יאַנקל האָט זיך געפעדערט אַהיים צו קומען, גערעכנט אַליין צוגרייטן אַ מאָלצייט —פאַר איר און פאַר זיך — און גאָר געטראָפן חנהן אין בעט מיט אַזאַ פאַרגליווערט פּנים, אַז ער האָט אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער און שאַרף אַ זאָג געטאָן צו דער שכנה זי זאָל די מינוט זיך אַרײַנכאַפּן צו זײַן קראַנק ווײַב און אַליין האָט ער טעלעפאָנירט צום דאָקטאָר, אַז ער זאָל וואָס גיכער קומען און ראַטעווען חנהן.

אַ קוק טוענדיק אויף חנהס בלאַס פּנים און אויסגעלאָשענע אויגן, האָט דער דאָקטאָר געהייסן אויפזידן צוויי גרויסע טעפּ וואַסער. אײדער דאָס איז פאַרטיק געוואָרן האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער דער קראַנקער און געשטעלט עטלעכע פראַגן. אירע ענטפערס זענען געווען אַזעלכע שטילע, אַז ער האָט זיי קוים דערהערט, דאָך באַנומען זײַער מיין. ער האָט צוגעשפּאַנט צום טעלעפאָן און אָפּגערופן אַ קראַנקן־שוועסטער און זי געבעטן אַז זאָל נישט פאַרפעלן באַלד צו קומען. דאָס וואָס ער האָט פאַרדעכטיקט איז געשען: חנה האָט מפּיל געווען. ער האָט עטלעכע מאָל זיך געוואַשן די הענט מיט וואַרעם וואַסער, דערנאָך געהייסן אָפּגיסן זײַנע הענט מיט זײַער וואַרעם וואַסער און מיט דער הילף פון דער קראַנקן־שוועסטער גענומען זיך פאַרן אַרום דער קראַנקער. ער האָט אָנגענומען אַלע מיטלען אַז דאָס מפּיל זײַן זאָל זיך נישט אָפּרופן אויף חנהס געזונט. ער האָט זיך געזאַמט דאָרט העכער אַ שעה און פאַרן אַוועקגיין געגעבן דער קראַנקן־שוועסטער דעטאַלע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי אַרומצוגיין אַרום דער קראַנקער. ער האָט אויך פאַר איר פאַרצייכנט עטלעכע טעלעפאָנס, וואו אים צו דערווישן אין פאַל די קראַנקע וועט קריגן שטאַרקע ווייטאָקן.

חנה איז געלעגן צו בעט אַ וואָך צייט. נאָך אַ גרינטלעכער אונטער־זוכונג האָט דער דאָקטאָר איר געזאָגט אַז זי מעג אַ פּאָר מאָל אַ טאָג אַראָפּגיין פון בעט אויף עטלעכע מינוט און איר פאַרזאָגט אַז זי זאָל נישט איבערכאַפּן די מאָס.

חנה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט זיך געפילט שולדיק. אין טאָג פון אומגליק איז זי צופיל אַרומגעגאַנגען און דורך דעם, קען זײַן, איז עס געשען. זי האָט זיך געשעמט און אויך זיך געשראָקן צו קוקן דעם דאָקטאָר אין די אויגן. פון זײַנע וואָרענונגען האָט זי אַרויסגעהערט אַ פאָרוואורף — די האָסט מסתּמא מיט די אייגענע הענט דערפירט צו דעם אַלעמען. אויב ער וועט ווען עס איז אַרויפּברענגען דעם חשד אויף זײַנע ליפּן, פאַר איר אָדער יאַנקלען,

וועט זי עס אים קיינמאָל נישט מוחל זיין. ער וועט עס נישט טאָן, דאָקטוירים ווייסן צו האַלטן ס׳מויל, און זי וועט פון היינט אָן זיך גוט צוהערן צו זיינע אָנווייזונגען און זיי פּינקטלעך אויספירן. ער איז אַן אָנגעזעענער דאָקטאָר און האָט אַ סך פּראַקטיק, ווייסט וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט.

חנה האָט מער אָפּגעהיט דעם דאָקטערס פאַרבאָטן ווי די דערלויבענישן און גיך צוריקגעקראָגן דאָס געזונט. נאָך דער אונטערזוכונג האָט דער דאָקטאָר איר געזאָגט: „חנה, איר זענט אַזוי שנעל געקומען צו די כוחות, אַז ס׳האָט מיך אַזש איבערראַשט. אַזוי זאָלט איר מיר תמיד אָפּטאָן אויף טערקיש" — און האָט זיך צעשמייכלט.

— „אין דעם פּרט, דאָקטאָר, וועל איך אייך תמיד פאָלגן, — האָט חנה צוריקגעשמייכלט.

— „איצט דאַרף איך שוין פאַר אייך נישט באַהאַלטן, — האָט יאַנקל מער זיך נישט געקענט איינהאַלטן, — אַז איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן פאַר איר געזונט. איז גלויבט דער אויבערשטער, וואָס ס׳האָט זיך אויסגע־לאָזט צום גוטן".

— „וואָס זשע דען האָסטו געמיינט, אַז ס׳וועט זיך אויסלאָזן צום שלעכטן? — האָט חנה ווי געחידושט זיך.

— „מיט אַ קלוג ווערטל קומט זי ביי מיר תמיד אַרויס פון אויבן" — האָט יאַנקל זיך געווענדט צום דאָקטאָר, — „אָבערביים רבש"ע נעמט מען נישט אויס מיט קלוגע רייד. זיי העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס".

— „אין אַ געוויסן זינען איז יאַנקל גערעכט, — האָט דער דאָקטאָר זיך אַריינגעמישט, — אַז מען גיט אַכטונג אויף זיך העלפט גאָט אויך צו . . ."

— „אַז איך בין אַרויס מיט גאַנצע ביינער פון אַ געפערלעכער קראַנק־קייט, טאָר איך שוין נישט מאַכן קיין שפּאַס? פון שפּאַסן קומט דאָך צו אַ שטיק געזונט", — אין חנהס גרויסע שוואַרצע אויגן איז געווען פאַרשטעקט אַן אָפּלאַכערישער קוק וואָס האָט דעם דאָקטאָר און יאַנקלען ווי פּרילישעט. פאַרן דאָקטאָר און יאַנקלען זענען אירע ווערטער געווען אַזוי אומדערוואַרט, אַז זייערע פּנימער האָבן זיך אויסגעצויגן מיט אַ מינע: האָ׳מיר עס געדאַרפט?

דער ערשטער איז געקומען צו זיך יאַנקל, וואָס האָט אַרויסגעברומט: „כ׳האָב דאָך אייך געזאָגט אַז זי קומט תמיד אַרויס פון אויבן . . ."

דער דאָקטאָר האָט געפונען פאַר נויטיק עפּעס צו זאָגן: „זאָל זי שפּאַסן אַבי זיין געזונט. איצט אי׳מער צוגיין צו אַן אַנדער קראַנקן און אים אויך געזונט מאַכן".

חנה איז געווען איבערגליקלעך — זי איז געזונט און שטאַרק גלייך ווי גאָרנישט איז געשען. זי איז נישט איינגעזעסן אויף אַן אָרט, האָט געראַמט די צימערן, אויסגעוואַשן אַלערליי שטובזאַכן, אויפגעהאָנגען פירהענגלעך אויף

די פענצטער און צוגעגרייט איבערבייסן און וועטשערע פאַר יאַנקלען און זיך. אויפדערנאַכט זענען זיי געגאַנגען צו גאַסט צו קרובים און פריינט.

„עס האָט מיר שוין דערעסן צו זיצן אַ גאַנצן טאָג איינע אַליין אין הויז, — האָט זי נאָך דער וועטשערע זיך געווענדט צו איר מאַן, — מען דאַרף זען צוריקקריגן די אָפיס־שטעלע. דאָרטן בין איך אַ נוצלעכער מענטש און דאָ — אַ הויז־פרוי. מען דאַרף זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן הויפּט־אָפיס, זיי וועלן געוויס מיך צוריקנעמען”.

— „וואָס איז די איילעניש? — האָט יאַנקל, וואָס איז געווען טיף אַריינגע־געסן אין פאָטערשטול, געקוקט אויף זיין ווייב מיט פאַרליבטע אויגן. ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער אָפּגעלייגט אויסצופירן איר פאַרלאַנגען ווייל, ווערן אירע באַגערן פאַרפולט, קומען באַלד אויף זייער אָרט אַנדערע. — „אין אַ שטיקל צייט אַרום וועסטו אפשר אַליין איינזען אַז די אָפיס־שטעלע איז נישט פאַר דיר . . . ”

— „ס'איז טאַקע נישטאָ קיין שום גרונט צו איילן זיך, ס'וועט נישט אַנטלויפן. אימער זען . . . ” חנה האָט אָפּגעקערט אירע בליקן פון יאַנקלען. זאָל ער זיך נישט אָנשטויסן, איז איר איינגעפאַלן, אַז זי האָט געכאַפּט דעם מיין פון זיינע רייד. ער איז טאַקע גערעכט אויך, האָבן זיך וויטער גע־שפּונען טראַכטענישן אין איר ,אַז מען איז איינמאָל מפּיל, איז עס נישט קיין באַוויז, אַז דאָס צווייטע מאָל וועט דאָסזעלביקע געשען. זי ווייסט פון אַ סך פאַלן, אַז נאָכן ערשטן מפּיל זיין זענען געקומען עטלעכע קינדער. עטלעכע איז טאַקע צופּיל, אָבער איין קינד אָדער צוויי וואָלטן אָנגעפילט איר לעבן מיט אַ נייעם אינהאַלט. דערביי זענען אָנגעלאָפן שפּירונגען, אַז ווען נישט דער אומגליק, וואָל זי שוין געווען אין די הויכע חדשים און מען וואָלט זיך באַצייטנס געגרייט צו דער קימפּעט.

אַ שטילער „אוי” האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַלז. אין דעם קרעכץ איז געווען אַ געמיש פון אויסגערונענער פרייד און אויפגעקומענעם פּאַראיבל. זי האָט געהאַט איין באַגער — פון איר אינגעווייד זאָל זיך מיט אַ געשריי אַרויסיאָווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש׳ל און אַ פרייד זאָל זיך צעשפּרייטן איבערן גאַנצן הויז. האָט זיך איר פאַרגלוסט צו מאַכן אַ גרויסן שפּאַציר און אַריינפאַלן אין בעט אַ שטאַרק מידע — און דאָס אומגליק איז געקומען.

ס'איז מעגליך נאָר אַן איינרעדעניש אַז זי האָט געהאַט אַ האַנט אין אומגליק. ניט ווייניק פרויען שפּאַנען אויס אַ וועלט ווען זיי שוואַנגערן. ס'איז געזונט פאַר דער מוטער און פאַרן קינד אויך, אַזוי שמועסט מען. און אַז מען קלינגט אין קלויסטער איז חגא. איי, זי האָט מפּיל געווען ווען זי איז צוריקגעקומען אַ מידע נאָך אַ גרויסן שפּאַציר, איז עס געווען אַ ריינער צופאַל. אַ סך ענלעכע צופאַלן טרעפן זיך אין לעבן.

עס איז אויך מעגליך אַז דער לאַנגער שפּאַציר האָט פאַרשנעלערט דעם

אומגליק און אַן אים וואָלט דאָס מפּיל זיין געקומען שפּעטער, נאָר מיט גרעסערע ווייען. הייסט עס אַז דער שפּאַציר איז גאָר געווען פאַר איר אַ גליק. אַ שאָד וואָס זי האָט זיך אויג אויף אויג נישט דורכגערעדט מיטן דאָקטאָר, איצט האָט שוין קיין זינען נישט עס צו טאָן. אַז זי וועט פאַרגיין אין טראָגן, וועט זי נישט פאַרפעלן צו האָבן אַ לאַנגן שמועס מיטן דאָקטאָר וועגן דעם גאַנצן ענין.

באַלד אָבער האָט זי זיך אוסגעלאַכט דערפון. טראַכטענישן פלעגן איר אָפט קומען אין קאָפּ אַריין, אַז וואָס זי האָט נישט אָפּגעטאָן, איז געווען פון איר טובה וועגן. זי האָט זיי נישט צוגעגעבן קיין שום באַדייט — זי מעג דאָך אַמאָל טראַכטן וועגן זיך, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

עס זענען פאַריבער גוטע עטלעכע חדשים און סמנים פון שוואַנגער־שאַפט האָבן זיך נישט געוויזן, האָט חנה געזאָגט צו איר מאַן: „אַז מען קוקט זיך אויס די אויגן אויף אַ געשעעניש פאַרפעלט עס צו קומען. איז דערפאַר גלייכער צו שטעלן זיך אַרבעטן. אַז ס'איז באַשערט איז באַווערט און איך וועל באַצייטנס ווערן אַ מאַמע און דו — אַ טאַטע. נישט אמת?"

— „פאַר מיר איז בעסער, אַז דו זאָלסט בלייבן אַ הויזפרוי און איך וועל קענען בייטאָג אַהיים קומען איבערבייסן, אָבער פאַר דיר איז גלייכער צו זיין פאַרנומען אין אָפיס און „דאָס־אָ" וועט דיר נישט ליגן אין קאָפּ. איז זאָל זשע מיינס איבערגיין! — האָט יאַנקל געקוקט אויף איר מיט אַ מינע: פון דיין טובה וועגן וועל איך אויף אַלץ איינגיין.

איידער חנה האָט זיך געשטעלט אַרבעטן אויפן אַלטן פּלאַץ האָט יאַנקל מיט איר אויסגענומען, — יעדן פאַרנאַכט צו דער באַשטימטער צייט וועל איך וואַרטן אויף דיר נישט ווייט פון דיין אָפיס און מיר צוגיין עסן אין אַ רעסטאָראַן.

— „וואָס־זשע, וועסט אָנהייבן צו באַגיין זיך מיט מיר ווי מיט אַ גע־ליבטער? — האָט חנה געזשמורעט מיט די אויגן.

— „וואָס־זשע, אַ ווייב קען נישט זיין אויך קיין געליבטע וואָס זאָל נישט ווערן צופיל פאַראַרעוועט, פונעם אָפיס און פון דער קיך".

— „אויב אַזוי, וועל איך תמיד מוזן זיין אויסגעפּוצט ווי אַ געליבטע, — האָט חנה געשפּאַסט.

— „און איך וועל זיין אַ גוטער קאַוואַליער, — האָט יאַנקל איר אַ קוש געגעבן אין דער האַנט.

עס זענען פאַרגאַנגען צוויי יאָר און עטלעכע חדשים האָבן אַריינגע־שפּאַנט אין דריטן יאָר, — און ביי חנהן האָבן זיך אַלץ נישט באַוויזן קיין סמנים פון טראַגעוודיקייט. חנהן האָט אונטערזוכט איין דאָקטער, אַ צווייטער, אַ דריטער —און קיינער האָט נישט געפונען אין איר קיין

שום אָרגאַנישע שטערונג צו האָבן קינדער. זי וועט אָבער גאָרנישט לאָזן וויסן דעם מאַן וועגן דעם. עס וועט זיך אים אויסדוכטן אַז אין דעם אַלעמען איז ער שולדיק — איז נישט פעאיק זי צו באַפרוכפּערן. דערימעך האָט זי מפיל געווען. איז נישט גלייכער צו פאַרשווייגן דעם פאַרפּלאָנטערטן ענין?

יאַנקל האָט זיך דערוואוסט פון אירע מעדיצינישע אונטערזוכונגען און דערוואַרט, אַז זי זאָל אים לאָזן וויסן, וואָס דער דאָקטאָר האָט אויסגעפונען. זי טיילט זיך מיט אים געוויינלעך מיטן דאָקטאָרס דיאַגנאָז, האָט ער איר שווייגן אויסגעטייטשט ווי אַ שלעכטן סימן. נאָכן דאָקטאָרס דיאַגנאָז האָט זי מער נישט געקענט טראָגעדיק ווערן, האָט זי אים נישט געוואָלט מצער זיין. יאַנקל האָט אָבער נישט געוואָלט, אַפילו אויפן מינדסטן אופן, צווייפלען אין זיינע סברות, איז ער צוגעגאַנגען צו אַן אָנגעזעענעם דאָקטאָר, וועלכער האָט אים גרינטלעך אונטערזוכט און דער דיאַגנאָז איז געווען, אַז ער קען האָבן קינדער. דאָס האָט יאַנקלען שטאַרק צערודערט. עס איז געווען באַ־שיימפּערלעך — אויב פון זיין זייט איז נישטאָ קיין שום פיזישע מניעה צו באַ־פרוכפּערן אַ פרוי, איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג אַז חנה, נאָכן מפּיל זיין מיטן ערשטן קינד, קען מער נישט טראָגעדיק ווערן. וואָס דען אַנדערש קען מען דערפון אַרויסדרינגען, אויב נישט אַז איינער פון זיי איז נישט פעאיק צו האָבן קינדער?

עטלעכע טעג איז יאַנקל אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעטראָגענער. חנה האָט עס נישט פאַרפעלט צו דערזען, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: „וואָס פּלוצים האָסטו אַרויפגעצויגן אויף זיך אַזאַ אומעט? דו ביזט נישט מיט אַלעמען, צי וואָס?"

— „ס'איז מיר גאָרנישט, חנה, — האָט יאַנקל אַוועקגעדרייט די אויגן ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַרן נישט זאָגן איר דעם אמת. ווי קען ער אַרויס־קומען מיט אַזאַ אמת? באַלד אָבער האָט אים אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ — מ'דאַרף איר זאָגן אַזוינס וואָס קען מעגליך זיין אַז ס'איז אמת. ער האָט זיך אָנגערופן: כ'האָב דיך נישט געוואָלט מצער זיין, האָב איך זיך מיט דיר נישט געטיילט מיט מיינע צרות. אין אַ געשעפטל, וואו כ'האָב גערעכנט צו פאַרדינען אַ סך געלט, גייט מיר מיט דער פּוטער אַראָפּ און כ'האָב מורא אַז איך וועל אָנווערן דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב אַהין אַריינגעבראַכט. בין איך אַ ביסל צערודערט.

—„פון דעם־אָ דאַרף מען אַריינפאַלן אין אַ מרה־שחורה? — האָט אין איר קול זיך געהערט שטוינונג. — „עס האָט שוין אַ פּאָר מאָל אַזוינס גע־טראָפן. אין איין געשעפט דערלייגסטו און אין אַנדערן פאַרדינסטו אַזויפיל אַז ס'דעקט דעם היזק מיט אַ ווערד.

— „ביזט גערעכט, מיין טייערע, — האָט ער איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. — דאָס מאָל בין איך געוואָרן צעקראָכן ווי אַ לעמעשקע און געמיינט

אַז די גאַנצע וועלט איז מיר אונטערגעגאַנגען. פון דיינע שכלדיקע רייד איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן״.

וואָס זשע דען האָט ער איר געזאָלט זאָגן? אַז ס׳גייט אים אויס דאָס חיות נאָך אַ קינד און שיטן איר זאַלץ אויף די וואונדן? זי האָט סיי ווי גרימעניש דערפון.

— „אָט אַזוי זאָלסטו מיר תמיד רעדן, יאַנקל. אַז מען מוז אַמאָל גיין אויף דער שאָטנדיקער זייט גאַס, דאַרפן די אויגן זיין געווענדט צו דער ליכטיקער זייט.

פאַר חנהן וועט ער אַפילו נישט אַרויפברענגען אויף די ליפּן אַז די און די באַקאַנטע זענען קינדערלאָז. עס קען אָבער געמאָלט זיין אַז דער יצר הרע זאָל אים אָנרייצן אַ פרעג צו טאָן חנהן וואָסער דיאַגנאָז דער דאָקטאָר האָט איר געשטעלט נאָך דער אונטערזוכונג. מער וואָלט ער נישט באַדאַרפט! צום אַלעם ערשטן וואָלט עס געהייסן, אַז זי איז געגאַנגען הינטן אַרום, האָט באַזוכט דעם דאָקטאָר אָן זיין וויסן און אויך אים נישט דערציילט, וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט. זי וועט ווערן צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און זיך אויפעסן אַ לעבעדיקע, בטבע איז זי גאָר אַן אָפענער איין און דרייסיק. צווייטנס, פון וואַנען איז ער געוואויר געוואָרן? נישט אַנדערש אַז ער גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן און זי קען זיך קיין ריר נישט טאָן, ער זאָל דערפון נישט וויסן. זי קען זיך שטעלן אַ פראַגע: ווי אַזוי דערגרייכט ער עס? איז אויך באַרעכטיקט צו קלערן, אַז עמיצער היט אירע טריט און יעדע קלייניקייט ווערט איבערגעגעבן צו אים, יאַנקלען. פון וואָסער זייט מע זאָל נישט באַקלערן דעם ענין, טויג עס נישט און ער דאַרף אָננעמען אַ פול מויל מיט וואַסער און שווייגן. אָבער טראַכטן קען זי אים נישט פאַרווערן.

זענען טראַכטענישן נישט אָפּגעטראָטן פון אים. עס האָט שוין אַ סך מאָל געטראָפן אַז אַ פּאָרפאָלק האָט אָפּגעלעבט אַ צענדליק יאָר, נישט געהאַט קיין קינדער און זענען זיך צעגאַנגען.ביידע זענען אין גיכן געשטאַנען אונטער באַזונדערע חופּות און די צוויי פּאָרפאָלקן האָבן אין אַ יאָר־צוויי אַרום געהאַט קינדער. מען זאָגט אַז מאַן און ווייב זענען אַמאָל איינער צום אַנדערן נישט צוגעפּאַסט צו האָבן קינדער. פון דעם־אָ איז יאַנקלען קאָלאָמוטנע געוואָרן אויפן האַרצן. עס קומט אויס אַז חנה און ער מוזן בלייבן קינדערלאָז. ווי קען ער אָבער גאָר טראַכטן אַפילו פון גטן זיך מיט חנהן? זי איז דאָך מיט גאָלד צוגלייך און מיט איר צו זיין אונטער איין דאַך איז פּשוט נישט אָפּצושאַצן .די מורא אָבער אַז אין זיין שטוב וועלן זיך נישט אַרומדרייען אַ פּאָר קינדערלעך, האָט אים נישט געגעבן קיין רו. איז ער נאָכאַמאָל אַוועקגעגאַנגען צו זיין דאָקטאָר און אויסגעלייגט פאַר אים אַלע זיינע טראַכטענישן און נאָגענישן. דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעלענט אויפן שטול־ווענטל, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, נאָכגעקלערט און געווענדט זיך צו אים „אייערע גריבלענישן קען מען נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. עס איז

אָבער זייער שווער צו צעפּלאָנטערן דעם פאַרוויקלטן ענין. די דאָקטוירים האָבן איר נישט געזאָגט, אַז זי קען מער נישט פאַרשוואַנגערן, איז דאָך מעגלעך אַז ס'זאָל יאָ געשען. וועגן דער פיזישער צוגעפּאַסטקייט אָדער נישט־צוגעפּאַסטקייט פון אַ פּאָרפּאָלק צו געבוירן קינדער קען מען נישט דערגיין קיין טאָלק. איז גלייכער צוזוואַרטן אַ פּאָר יאָר. עס קען טרעפן, אַז אייער שרעק איז געווען אַן אומזיסטע.״

— „פון אייער מויל אין גאָטס אויערן״ — האָט יאַנקל זיך איופגעהויבן פון בענקל און געדריקט דעם דאָקטאָר די האַנט.

10

אַכט אַ זייגער מיטוואָך אויפדערנאַכט האָט מאָטל זיך אַריינגעשטעלט אין איטקעס הויז, וואו ר׳האָט, חוץ איר, קיינעם נישט געטראָפן. ס׳איז ביי אים קיין ספק נישט געווען, אַז זי האָט עס מיט אַ כיוון געטאָן. אונטער פיר אויגן וועלן זיי קענען שמועסן פון האַרץ צו האַרץ. כאָטש פון וואָס איז דאָ לאַנג צו רעדן? אָדער זי וועט אָננעמען זיין „ליבע־דערקלערונג״, אָדער נישט. וועדליק זי האָט זיך געהאַלטן ביי דער לעצטער באַגעגעניש וועט זי אים אַוועקשיקן מיט ליידיקן. צו וואָס זשע איז נויטיק געווען צו פאַר־שלייערן עס אין אַ געהיימעניש? מסתמא איז פאַראַן אַ מיין דערביי, האָט מאָטל פאַרקנייטשט דעם שטערן. זי האָט אין זיבען אַרומצורעדן אַ וויכטיקן ענין, איז בעסער אַז קיינער זאָל זיי נישט שטערן. פון וואָס, אַ שטייגער, קען זי האָבן מיט אים צו רעדן אויג אויף אויג? האָט ער אַ צוק געגעבן מיט די אַקסלען. נישט אַנדערש, אַז ס׳איז געשען מיט איר אַזויגס אין לעבן, אַז זי וויל עס פון אים נישט פאַרהוילן. אין לעבן פון אַ מענטשן, בפרט פון אַ מיידל, קומט פאַר אַמאָל אַזעלכעס, וואָס ס׳איז זייער שווער צו טרעפן. דאַרף מען קוקן אויף איר מיט זיבן אויגן און צוהערן זיך צו אירע רייד מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. אפשר וועט ער קומען אויף אַ סליאַד...

איטקע איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע און אַן אָפן בוך איז געלעגן אויף אירע קני. מאָטל האָט מיט אָנגעשטרענגטע אויגן געקוקט אויף איר פאַר־טראַכט פּנים און גאַרניט געקענט דערגיין מיט וואָסערע שוועריקייטן זי ראַנגלט זיך. נאָך איר מינע איז קענטיק, אַז עפּעס מאַטערט זי און איידער וואָס־ווען מוז זי זיך דערפון באַפרייען. וואָס זשע קען עס זיין? האָט מאָטלען געעגבערט אין מוח.

— „זעצט זיך אַנידער אויף דער קאַנאַפּע, — האָט איטקע אָנגעוויזן מיט דער האַנט. זי האָט אַראָפּגענומען דאָס בוך פון אירע קני, אַוועקגעלייגט עס אויפן דערבייאיקן טישל און דערביי אַ זאָג געטאָן: „ס׳איז זייער הייס היינט״.

— „אפשר וואָלט איך אַרויפגעבראַכט אַ פּאָר פלעשלעך סאָדעוואַסער? — האָט מאָטל זיך אָנגעשטויסן, אַז ס׳איז איר געוויס שווער אָנצוהייבן צו רעדן וועגן דער פאַרפּלאָנטערניש. ער וועט אומיסטן זיך זאַמען לענגער אין קלייטל. זי וועט זיך נעמען אין די הענט אַריין און ס׳וועט איר זיין גרינגער אויסצוגיסן פאַר אים דאָס אָנגעווייטיקט האַרץ.

— „ס׳איז נישט קיין שלעכטער געדאַנק,״ — האָט איטקע צוגעשטימט, כאָטש אין אייזקעסטל זענען געשטאַנען צוויי פלעשלעך סאָדעוואַסער. איידער

ער וועט צוריקקומען, וועט זי שוין זיך אַן עצה געבן ווי אַזוי אַרומצורעדן דעם האַרבלעכן ענין.

ווי נאָר מאָטל האָט פאַרלאָזט דאָס הויז האָט איטקע זיך אויפגעהויבן פון דער קאַנאַפּע און זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער. ס׳האָט קיינמאָל ניט געטראָפן אַז זי זאָל נישט וויסן וויאַזוי אָנצוהייבן רעדן צו אַ מענטשן. עס ווייזט אויס . . . וואָס? זי האָט נישט קיין קוראַזש צו מאַכן דעם ערשטן שריט, וואָס מוז געטאָן ווערן כדי צו רירן זיך פון אָרט. דאָס איז פּחדנות און ס׳טויג נישט . . .

שפּאַנענדיק אַהין און צוריק איבערן צימער האָט איטקע זיך דערפילט אָפּגעפרישט און ווען מאָטל האָט געעפנט די טיר איז זי געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך אומגעקערט. זי האָט שוין געוואוסט אויף וועלכן שליאַך מען דאַרף זיך פאַרנעמען, כדי נישט צו פאַרקריכן קיין בויבעריק. און איידער נאָך זי האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל סאָדעוואַסער, האָט איטקע זיך אַ קער געטאָן צו מאָטלען מיט אַ פריילעך פּנים, ער זאָל נישט מיינען, אַז זי גייט אים דערלאַנגען מיט אַ דוביגע איבערן קאָפּ: „דער ערשטער ברוגז, מר. זייגערמאַן, איז בעסער ווי דער צווייטער".

עס איז געווען פאַר מאָטלען אַזוי אומגעריכט, אַז אירע ווערטער האָבן אים מיט אַ שפּיז דורכגעלעכערט און ער איז געבליבן זיצן ווי אַ באַנומענער. זיינע אויגן זענען געווען אויסגעגלאָצט אויף איר ווי אויף אַן אינטימסטן פּריינט, פון וועמען ס׳איז געווען צו דערוואַרטן ווערטער פון טרייסט און פריינט־שאַפט. און עס זענען גאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף זיינע ליפּן אַזעלכע רייד ווי ער וואָלט אים, מאָטלען, אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין האַרצן.

דאָס האָט געדויערט עטלעכע רגעס נאָר. מאָטל איז זייער גיך געקומען צו זיך און ס׳איז אים דורכגעלאָפן אין מוח — האָט זי אים באַדאַרפט אָפּשטויסן אויף אַזאַ אופן, אי דאָס נאָך מיט אַזאַ מינע ווי זי וואָלט זיך דערלעבט אַ נקמה אין אים? ער האָט אַרויסגענומען דאָס טיכעלע, זיך אָפּגעווישט דעם שטערן, דאָס פּנים און האַלז — אויף אַזאַ קלאַפּ האָט ער זיך נישט געריכט.

איטקע האָט געזען, אַז אירע ווערטער האָבן אים פריטשמעליעט. זי האָט זיך אָנגעשטויסן וויאַזוי ער האָט זיי אויפגענומען — אַז זי, איטקע, גייט אים געבן דעם וועג... זי האָט נישט געמיינט אים ווייי צו טאָן, האָט נישט גענוצט די פּאַסיקע ווערטער, האָט ער זיי אויסגעטייטשט נישט פון זיין טובה וועגן און מיט רעכט. סע מאַכט נישט אויס, פון אַ ברעקעלע שלעכטס קען אַמאָל אַרויסקומען אַ שלל מיט גוטס. זי האָט מער נישט געצווייפלט, אַז ער וועט איר אַלץ נאָכגעבן, אַבי זי נישט אָנווערן. איז וואָס אַז ער האָט אַ ביסעלע געליטן? ער איז פאַרליבט ווי אַ זעכצניעריק בחורל, קען מען ביי אים פועלן דאָס טעלערל פון הימל, און וועט עס דערלאַנגען מיט אַ גליקלעכן אויס־דרוק אויפן פּנים. ער איז טאַקע נישט קיין גרויסע מציאה, אָבער אין שאָפן וועט ער גיין און דאָס מיינט אַ סך.

— „אייגנטלעך איז אַפילו נישט נויטיק געווען צו רעדן דערפון“, — זי איז נישט גענויגט געווען צו באַגיין זיך מיט אים ווי מיט אַ פאַרליבט ייִנגל, וואָס איז גרייט צו פאַלן צו אירע פיס, — „אַזוי פשוט איז עס פאַר אַ מענטשן מיט שכל הישר, אָבער אַזאַ בין איך שוין: כ'האָב ליב צו עפענען די קאָרטן.

—„ס'איז גוט אַזוי, — האָט מאַטל אונטערגעכאַפּט אירע רייד מיט אַ מיין — צי נישט די עצמות און לאָמיך וויסן, וואו איך בין אויף דער וועלט. ס'איז געווען קלאָר פאַר איטקען, אַז ער זיצט ווי אויף שפילקעס און וויל שוין וויסן וואָס זי האָט צו זאָגן.

— „איך האָב אומיסטן פאַרבעטן אייך אויף הייַנט אויפדערנאַכט, ווען קיינער איז נישטאָ אין הויז, מיר זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט דורכצורעדן זיך אונטער פיר אויגן“, — האָט איטקע פאַמעלעך געצויגן די ווערטער. ס'האָט זי אַפילו אָנגענומען אַ חשק צו זאָגן אַזוינס, אַז ס'זאָל אים נישט אָנקומען גרינג צו קריגן איר האַנט, האָט אָבער נישט געהאַט דאָס האַרץ צו פאַרצאַפּן אים דאָס בלוט — „איר ווייסט דאָך אַז מיר לעבן אַלע צוזאַמען — די שוועסטער און שוואָגער, די מאַמע און איך. מיר רעכענען אויך ווייטער נישט איבערלאָזן די מאַמען אַליין.

וואָס זשע מיינט זי? האָט מאַטלס מוח געפיבערט. נאָך דער חתונה וועלן ביידע פאַרלעך וואוינען צוזאַמען מיט דער מוטער, אָדער זי וועט איבער דער מוטער זיך נישט קענען פאַרבינדן מיט אַ מאַן? אַ קשיא אויף אַ מעשה! ער האָט דערוואַרט אַז איטקע זאָל רעדן ווייטער. האָט זי געשוויגן, האָט ער זיך אָנגענומען מיט האַרץ און איר געזאָגט: „איר האָט דאָך ליב צו שפילן מיט אָפענע קאָרטן, פאַרוואָס זשע דעקט איר זיי נישט אויף?“

— „אייער פראַגע איז אין פּלאַץ! — האָט איטקע נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים. אויב ער כאַפּט זיך נישט וואוהין איך ציל, וועל איך עס אים זאָגן קלאָר. — „אונזער מוטער וועט זיין צייטנווייז ביי דער שוועסטער און צייטנווייז — ביי מיר“, האָט זי נישט איבערגעצויגן דאָס שטריקל? — איז איר געקומען אין קאָפּ אַריין. — זי האָט דאָך דאָס אייגענע געקענט זאָגן אַ ביסל פאַרזיכטיקער.

— „און איך וועל אויך רעדן אָפענע דיבורים, — האָט מאַטל געקוקט איר אין די אויגן מיט אַ מיין — איך האָב זי צוגעשטופּט צו דער וואַנט, איז זי אַרויס מיט לשון, אַניט וואָלט זיך עס געצויגן ווי פעך. — „איך האָב גאָרנישט קעגן דעם. אַדרבה, בין גאָר צופרידן דערפון. מיין מאַמע איז אַוועק פון דער וועלט ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגל און בין אויסגעוואַקסן אָן אַ מאַמען.“

— „אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איר האָט ווינציק געוואוסט פון אַ מוטערס לאַסקעס, — האָט איטקע באַלד חרטה געקראָגן, וואָס זי האָט גערעדט צו

אים ווי צו אַ נאָענטן מענטשן. עס וועט זיין געזינטער פאַר איר ביז וואָס־ווען צו האַלטן אים אַ ביסל פונדערווייטנס.

— „איך וועל טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַז אייער מוטער זאָל אויך זיין מיין מוטער, — האָט מאָטל אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט אַזאַ ברען, אַז ער האָט זיך אַזש אויפגעהויבן פון בענקל.

מען דאַרף אים אַ ביסל אָפּקילן, האָט איטקע נישט אַוועקגענומען די אויגן פון זיין פּנים, אַניט וועלן זיך נאָך די געבליטן אין אים אַזוי צעיושען, אַז ער וועט אַרויס פון די האַלאַבליעס . . . „איצט מר. זייגערמאַן, וועלן מיר פאַרטרינקען אונזער פריינדלעכן שמועס מיט אַ גלעזל טיי צוגע־מישט מיט איינגעמאַכטס". — זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער קאַנאַפּע און אַריינגעשפּאַנט אין קיך.

— „איך וועל אייך אַרויסהעלפן, — האָט מאָטל זיך געלאָזט אין קיך אַריין. איטקע האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַ קלער געטאָן — ער וועט זיכער גיין אין שפּאַן.

איטקע איז געווען קעגן דעם, אַז מע זאָל ברעכן טעלער. וויפל מען האָט איר נישט דערקלערט די רעכטלעכע באַדייטונג פון תנאים האָט זי זיך גע־האַלטן ביי אירן: „דאָס איז אַ מנהג פון גאָר אַלטע צייטן און מען קען זיך באַ־גיין אָן דעם". מאָטל איז נישט באַשטאַנען אויף זיינעם, האָט זי אים געגעבן די האַנט און געזאָגט: ס'איז אַ וואָרט, אָבער שטעלן אַ חופּה איז גאָר עפּעס אַנדערש.

מאָטל האָט אָנגעטייעט, זי איז דורכגעטריבן, גיט נאָך און איז תּמיד פון אויבן. ער האָט זי אַרומגענומען און זיי האָבן זיך צעקושט.

מאָטל האָט אַפילו נישט געגעבן אָנצוהערן זיינע חברים, אַז ער איז אַ חתן געוואָרן. דאָס וועט דאָך הייסן ,אַז ער האָט זיי נישט פאַרבעטן צו די תנאים. זאָגן זיי ווידער, אַז די כּלה איז געווען קעגן דעם און ער האָט זי נישט געקענט איבעררעדן, טויג אויך נישט, ער וועט אויסקוקן ווי אַ לע־מעשקע און זיי וועלן זיך נאָך טראַכטן, אַז זי קער זיין פון די רעכטע יפהפיות. איז דעריבער גלייכער צו שוויגן.

פאַרוואָס זשע טאַקע, האָט זייגערמאַן אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, האָט זי זיך איינגעעקשנט און נישט געוואָלט שרייבן קיין תנאים? זאָל זי האָבן אין זינען, אַז טאָמער־אפשר וועט זיך אונטעררוקן אַן אַנדערער, אַ מער פּאַסיקער פאַר איר, וועט זי שלאָגן מיט אים כּפּרות? תנאים האָט מען דאָך נישט גע־שריבן, קען זי טאָן ווי עס וועט זיך איר גלוסטן. עס קען אויך זיין, אַז זי וויל אים האַלטן אויפן שטריקל, זאָל ער, מאָטל, זיך צאַפּלען ווי אַ פיש אין אַ נעץ. עפּעס שטעקט אין דעם. אַזוי צי אַזוי, איז טאַקע זייער גוט וואָס זיינע חברים וויסן גאָרנישט דערפון.

ער איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו איטקען אין הויז, נישט אַראָפּ־געלאָזט די אויגן פון איר און נישט באַמערקט קיין שום ענדערונג צום

שלעכטן. פאַרקערט, זי איז באַשטאַנען, אַז ער זאָל פאַרקעמען אַנדערש זיינע האָר. — „טו מיר צוליב, מעקס, און פּאַרקעם נישט די האָר אַרויף, נאָר אין ביידע זייטן מיט אַ שרונט אין מיטן. וועסט אויסזען ווי אַ געשעפטסמאַן", — האָט איטקע אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

וואָס טוט מען נישט צוליב אַ כלה? ער איז אַריינגעגאַנגען צום שערער און זיך געהייסן אַרומשערן ווי זי האָט פאַרלאַנגט. ער האָט באַטראַכט אין שפּיגל זיין נייע פריזור און עס איז אים געפעלן. זי האָט געשמאַק, איז זייגערמאַנען געקומען אין קאָפּ אַריין, און וויל ער זאָל בעסער אויסזען. ער האָט אויך געדרונגען דערטון, אַז זי האָט אים אין זינען און רעכנט טאַקע מיט אים חתונה צו האָבן. האָט ער זי שפּעטער מיט אַ טאָג אַ פרעג געטאָן: „ווען זשע, מיין טייערע, וועל איך דיר אָנטאָן דאָס קידושין־פינגערל?"

— „טאַקע גוט וואָס דו האָסט מיך געפרעגט, מעקס, — האָט איר פּנים געשטראַלט — „קודם דאַרף מען צוגרייטן אַ דירה, אי דאָס מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַ באַזונדער צימער דאַרף מען אָפּטיילן דער מאַמען און זאָל זי זיין די גאַנצע באַלעבאָסטע אין הויז. עס וואָלט אויך נישט געווען קיין קרומע זאַך, אַז דער שוועסטערס און אונזער הויז זאָלן נישט זיין וויט איינס פונעם אַנדערן. דענקסטו נישט אַזוי?"

— „איך האָב עס אין זינען געהאַט, — האָט מאָטל מסכים געווען מיט איר און דערביי געקלערט, אַז דאָסמאָל האָט ער נישט געטראָפן. ער איז געווען זיכער, אַז זי האָט גערעכנט צו וואוינען מיט דער שוועסטער אין אַ צוויישטאָקיק הויז, איין פּאָרל אויבן און דאָס צווייטע — אונטן און די מוטער — אי אויבן, אי אונטן. ס'איז טאַקע גלייכער ווי זי וויל, אַליין איז די נשמה ריין.

זי האָט אים גערופן „מעקס", — מיט וואָס איז מאָטל ערגער פון מעקס? — האָט ער זי איינמאָל אַ פרעג געטאָן.

— „ס'איז טאַקע נישט ערגער, מעקס איז מער אַמעריקאַניש און מאָטל שמעקט מיט דער אַלטער היים. דו וואָלסט דאָך נישט געוואָלט מען זאָל מיינען, אַז דו ביסט נאָר וואָס אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף". וואָס זאָל ער איר ענטפערן דערויף? זי איז דאָך פאַרט גערעכט. ער וועט פונדעסטוועגן נישט זאָגן זיינע פריינט און לאַנדסלייט, אַז זיי זאָלן אים רופן „מעקס". ער וועט זיך נישט גיין מאַכן צו לייטיש געלעכטער. חוץ דעם, קלינגט „מאָטל" היימיש, און „מעקס" — פרעמדלעך.

ווען מ'האָט געקראָגן צוויי דירות, אָפּגעטיילטע איינע פון דער אַנדערער נאָר מיט אַ פּאָר קוואַרטאַלן און זיי אויסמעבלירט, האָט איטקע אים געזאָגט: „איצט, מעקס, קענען מיר אַ טראַכט טאָן וועגן דער חתונה". זי האָט עס אומישנע געטאָן. זאָל זי זיין די ערשטע אַ רעד צו טאָן וועגן דעם, אַניט וועט אויסקומען, אַז ער יאָגט זיך חתונה צו האָבן און זי רעכנט עס אָפּצולייגן אויף שפּעטער.

— „ס׳איז שוין טאַקע צײַט" — האָט מאָטל אַרויסגעשאָסן.

זי איז געווען צופרידן. ס׳איז איר געלונגען צו פאַרלויפן אים דעם וועג און ס׳איז גוט אַזוי. — „ס׳איז בעסער, מעקס, צו פראַווען אַ שטילע חתונה".

— „וואָס זשע, איטקע, האָסטו מורא, אַז מ׳זאָל אונז נישט געבן קיין גוט אויג?" — „ווער האָט אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטן? — האָט איטקע זיך געברוגזט — אַ שטילע חתונה, ווי אַ קליינע שמחה, איז אינטימער, היימישער. דו וועסט, פאַרשטייט זיך, פאַרבעטן דיינע חברים און נאָענטע קרובים און איכ׳ל עס אויך טאָן.

— „ביזט גערעכט, — האָט מאָטל אַ קלער געטאָן, אַז אפשר האָבן זיי נישט גענוג געלט אויף אַ גרויסער חתונה. פאַרלייגן זיך צוליב דעם ווילן זיי נישט און אָנקומען צו אים שטייט זיי נישט אָן.

— „מירן עס נישט אָפּלייגן אויף אַ לענגערער צייט" — האָט איטקע אים אונטערגעטראָגן אַ לעקעכל. נאָך זיין פּנים האָט זי זיך משער געווען, אַז ער איז אומצופרידן פון אַ שטילער חתונה. — איכ׳ל נאָך היינט איבער־רעדן מיט דער מאַמען".

— „גוט אַזוי" — איז מאָטל געווען זיכער, אַז איר מאַמע וועט זיך צואיילן חתונה צו מאַכן די עלטערע טאָכטער.

מאָטל האָט זיך נישט גענאַרט אין איטקעס מוטער, מרס. גרינבערג. זי האָט פאַרשנעלערט אַלע צוגרייטונגען צו דער טאָכטערס חתונה. זי האָט זיך אויך נישט געשטעלט קעגן דער טאָכטערס וואונטש, אַז די חתונה זאָל פאָרקומען ביי זיי אין הויז, וואוהין עס וועלן פאַרבעטן ווערן וואָס ווייניקער מענטשן. דער מוטער איז אָבער נישט געווען צום האַרצן, וואָס די טעכטער וועלן וואוינען אין צוויי באַזונדערע דירות, אָפּגעטיילטע איינע פון דער אַנ־דערער מיט אַ פּאָר קוואַרטאַלן און זי וועט תמיד זיין אָפּגעשיידט פון איין טאָכטער. די מוטער האָט אַפילו נישט געפונען פאַר בויטיק צו פרעגן איטקען, פאַרוואָס זי האָט עס געטאָן. ערשטנס קען מען קיין אָפּגעטאָנענע זאַך נישט צוריקכאַפּן. צווייטנס, האָט איטקע מסתמא געוויסע אויסרעכענונגען און פרעגן זי האָט נישט קיין זינען. זי וועט איר ווי אַלעמאָל געבן אַלערליי תירוצים און צום עיקר נישט דערגיין. איז זאָל עס גיין ווי עס גייט, אַבי וואָס גיכער איר צודעקן דעם קאָפּ.

ווען מאָטלס חברים האָבן געקראָגן די פאַרבעטונגען צו זיין חתונה, האָבן זיי זיך די אייגענע אויגן נישט געגלויבט. צו גאָלדען, הובערמאַנס ווייב, האָט זיך אַפילו פאַרגנבעט אַ חשד, אַז עמיצער האָט געמאַכט אַ שפּאַס, נישט אָן מאָטלס וויסן.

חייקע, איציקס ווייב, האָט זיך אויסגעלאַכט דערפון — „וועגן אַזעלכע זאַכן שפּאַסט מען נישט."

האָט גאָלדע געשטעלט אַ האַרבע קשיה: „שיקט זיך אַז מען האָט געבראָכן טעלער און קיינעם פון אונז נישט פאַרבעטן?"

אויף דעם האָט יאָסל געענטפערט: „זי איז מסתמא פון די אַמעריקאַנער יפהפיות, וואָס האַלטן נישט פון תנאים, מע שטעלט אַ חופה און פאַרטיק".

— „עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק, — האָט איציק געמאַכט צו גאַרנישט פון אַלעמענס השערות, — וואָס מאָטל האָט זיך וועגן דעם מיט אַ וואָרט נישט אַרויסגעכאַפּט. גיכער פון אַלץ איז עס פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט, אַז ס'האָט זיך געוואונטשן גליק און באַשטימט די חתונה־צייט.

— „עס וועט נישט פאַרבלייבן קיין סוד", — האָט משה פּרובירט קלאָר מאַכן דעם ענין, — „מאָטל וועט זיך פאַר דער חתונה אַריינשטעלן צו עמיצן פון אונז און מגלה זיין די געהיימעניש. צו וואָס דאַרפן מיר קריכן אויף די גלייכע ווענט"?

ווען מאָטל האָט אין אַ פּריטיק־צו־נאַכט זיך באַוויזן פאַר זיינע פריינט מיט אַ שמאלציקן שמייכל אויפן פּנים, האָט חייקע אויסגעשאָסן: „דיין באַשערטע, מאָטל, האָט דיך אַזוי פאַרכישופט אַז איינס און צוויי, אָן תנאים, האָט מען באַשטימט די צייט פון דער חתונה. זי איז געוויס אַזוינס און אַזעלכעס."

— „פאַר אַ ליאַדע מיידל וועט מאָטל נישט פאַלן אויף די קני" — האָט הובערמאַן באַטעטיקט חייקעס רייד.

— „וואָס זשע, מאָטל איז אַ לעמעשקע און מע וועט אים אַרייננאַרן אין אַ זאַק אַריין?" — האָט משה אונטערגעהאַלטן.

— „זאָג זשע אונז, מאָטל, האָט אים חייקע נישט אָפּגעלאָזט — „ווער זי איז און וואָס זי איז, וועמיר וויסן מיט וועמען מיר גייען צום טיש.

— „ס'איז דאָ וועמען צו זען" — האָט מאָטל געבראָכן זיין שווייגעניש.

— „אויב אַזוי," — האָט גאָלדע זיך געחידושט — „פאַרוואָס זשע האָסטו זי באַהאַלטן פאַר אונז?"

— „אַ מאכל איז באַטעמטער פאַרטיקערהייט". — האָט מאָטל הנאה געהאַט, וואָס אים איז איינגעפאַלן אַזאַ טרעפלעכער ענטפער.

— „וועמיר זי גוט אָנקוקן נאָך דער חתונה". — האָט משה ווי געמאַכט אַ סוף צו די אויספרעגענישן.

ווען איטקעס מוטער האָט געזאָגט מאָטלען, אַז די חתונה וועט פאָרקומען ביי איר אין הויז האָט ער זיך נישט קעגנגעשטעלט, ס'איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז זיין השערה איז געווען אַ ריכטיקע — די משפחה איז געענגט אין געלט און קען זיך נישט דערלויבן צו דינגען אַפילו אַ קליינעם זאַל.

נאָכן אָפּגעבן חופה וקדושין האָט דער רב מיטן שמש באַלד זיך אָפּגעטראָגן דער קליינער עולם האָט זיך צעזעצט אַרום טיש, סילוויע און מרס. גרינבערג האָבן דערלאַנגט כיבוד. מאָטל האָט פאָרגעשטעלט זיינע פריינט

פּאַר איטקען און זי האָט צו יעדן איינעם געגעבן אַ שמייכל. מאָטל האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איטקען און דערנאָך געקוקט אויף זיינע פריינט מיט אַ מיין — איצט קענט איר זיך אָנטישן מיט מיין ווייב. ווער זי איז און וואָס זי איז וועט איר זיך שפּעטער דערוויסן. אינעם געשפּרעך וואָס האָט זיך אָנגעקניפּט צווישן די געסט האָט איטקע זיך ווינציק־וואָס באַטייליקט און מאָטלס פריינט האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט אײַנצוהערן זיך אין אירע רייד.

דער עולם האָט זיך דאָרט לאַנג נישט געזאַמט, דאָס נייע פּאָרפאָלק האָט זיך ווי געאײַלט אָפּצופּאָרן אויפן האָניק־חודש. מאָטלס פריינט האָבן זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו פאַר־פירן מיט איטקען אַ לענגערן געשפּרעך און דערפון וואָלט זיך ביי יעדן איינעם געשאַפן אַ שטיקל איינדרוק, וואָס פאַר אַ מענטש זי איז. כאָטש דאָס וואָס זיי האָבן דערוואַרט איז נישט צו שטאַנד געקומען און עס האָט זיך נישט געקענט שאַפן קיין מיינונג וועגן איטקען, האָבן זיי פונדעסטוועגן אויפן וועג אַהיים אַ רעד געטאָן וועגן איר.

— „זי האָט אַ קלוגן שמייכל". — האָט די ערשטע זיך חייקע אָנגע־רופן.

— „זי איז שוין גאָרנישט קיין נאַר", — האָט גאָלדע צוגעגעבן.

— „ווי עס קוקט אויס וועט זי אים נישט לאָזן דעם קאָפּ אויפהייבן,"

— האָט גיטל פּרובירט פּאַראויסזען וויאַזוי זייער צוזאַמענלעבן וועט זיך אויסלייגן.

— „פון איין קוק אויף איר דערקענסטו שוין אַז זי וועט אים פירן ביי דער נאָז?" — האָט איציק זיך אָנגעברוגזט, — „מע טאָר דיך, גיטל, נישט אַריינלאָזן אין אַ יידיש הויז".

— „אַז זי איז נישט קיין ניונקעלע קען מען באַלד זען, אָבער מער גאָרנישט", — האָט יאָסל ווי צונישט געמאַכט גיטלס ווייטן קוק.

— „איר וועט שוין זען פאַרטיקערהייט", — איז גיטל באַשטאַנען אויף אירן.

11

דער מענטשלעכער מוח איז בכוח צו באַנעמען אַן אָנהויב פון אַ פּאַסירונג, קען אָבער נישט דערגיין דעם סוף אירן.

די יידישע יוגנט פלעגט זיך צוזאַמענקומען שבת אויפדערנאַכט אין אַ געוויסער קאַפּעטעריע, משה און גיטל זענען דאָרטן פאַרגעשטעלט געוואָרן איינס פאַר ס'אַנדערע.

פון איר דריי מיט די שיינע אויגן און האַרציקן געלעכטער האָט קליינמאַן אַרויסגעטראָגן, אַז מיט איר קען מען זיך נישט לאַנגווייליקן. מיט גלאַט שיינע פרויען האָט ער די לעצטע צייט אויסגעמיטן צו פריינדלען זיך, זיי פלעגן אים אין גיכן דערעסן און ער האָט באַדאַרפט נוצן אַלערליי שמד־שטיק נישט צו טרעפן זיך מיט זיי.

משה און גיטל זענען געווען צוזאַמען נישט מער ווי עטלעכע מינוט. דעם נייג פון איר קאָפּ ביים שיידן זיך האָט ער אויסגעטייטשט אַז איבער־אַכטאָג שבת וועט זי נישט פאַרפעלן צו קומען אַהין אין דער זעלבער צייט און צושפּאַנען צום זעלבן טיש.

מיט זיינע שוואַרצע קוטשעראַווע האָר, לאַכנדיקע גרויסע ביר־אויגן און גראָבלעכע ליפּן, האָט דער ברייטפּלייציקער און געוויקסיקער משה קליינמאַן אויסגענומען ביי פרויען. ער איז דורך דעם געוואָרן אַן איבער־קלייבער — דאָס מיידל קליגערט זיך, יענע זשעמאַניעט זיך א. א. וו. האָט זיך געטראָפן אַז אַ מיידל איז געווען נאָך זיין גוסט, האָט די פאַרליבעניש אויך ווינציק געדויערט, מחמת ווי נאָר דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים ווי אויף אַ כמו־חתן, האָט ער נישט געסטאַיעט. אין אַזאַ פאַל איז גלייכער איבערצורייסן מיט אַמאָל און זאָל זי נישט האָבן קיין פאַלשע האָפענונגען, דער ערשטער רוגז איז בעסער ווי דער צווייטער. ער האָט נאָך נישט אין זינען געהאַט חתונה צו האָבן, טאָר ער איר נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ און זאָל זי זיך זוכן אַ בחור וואָס וויל ווערן אַ חתן . . .

קליינמאַן האָט זיך געסטאַרעט צו זיין אין דער קאַפּעטעריע פאַרפרי. זאָל עס הייסן אַז ער האָט געוואַרט אויף גיטלען, פרויען האָבן דאָס ליב. עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און זי האָט צוגעשפּאַנט צו זיין טיש מיט אַ לאַכנדיק פנים — „וואָס זשע מאַכט איר? שוין לאַנג זיך נישט געזען".

— „טאַקע זייער לאַנג — האָט משה צעעפנט די אויגן — גאַנצע זיבן טעג".

זי האָט זיך געזאַמט נישט מער ווי האַלבע שעה און פאַרן אַוועק־גיין געזאָגט קליינמאַנען: „קומט צו איבעראַכטאָג שבת, איך וועל שוין זען

אַז מיר זאָלן האָבן צײַט צו פֿלוידערן אַ ביסל. הײַנט אָבער מוז איך זײַן אין אַ באַשטימטער צײַט אויף אַ געוויס פּלאַץ. עס טוט מיר זייער לייד . . . ״

אויך דאָס מאָל האָט קליינמאַן זיך געפּעדערט צו זײַן אין דער קאַפּע־טעריע וואָס פֿריער. געוויינלעך פֿלעגט ער אַזוי זיך נישט פֿירן, האָט דערפֿאַר געפּרובירט זיך אַליין פֿאַרענטפֿערן: — ס׳איז טשיקאַווע צו זען וויאַזוי זי וועט זיך ווײַטער באַגיין מיט אים. זי האָט שוין מסתּמא געוויסע וועגן אין איר באַנעמונג מיט מענער. ביז אַהער האָט ער זיך נישט אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע פּרויען עס האָט זיך קליינמאַנען געדאַכט אַז ער קען שוין אירע פּרויעשע גענג און נאָך אַזויפֿיל בחורעשע יאָרן האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף אַ סוק. צוליב דעם אַליין לוינט זיך צו זײַן געדולדיק און זען וואָס ווײַטער וועט זײַן.

איידער קליינמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, איז גיטל אויסגעוואַקסן לעבן אים אין דער באַגלייטונג פֿון אַ יונגענמאַן. זי האָט זיי פֿאַרגעשטעלט איינס פֿאַר ס׳אַנדערע: קליינמאַן, גראָסמאַן. קליינמאַן האָט זיך דערויף נישט געריכט און גענומען פֿינטלען מיט די אויגן, ווי מען וואָלט אים מיר־נישט דיר־נישט אַוועקגעשטעלט פֿאַר אַ בייז־וואונדער.

גיטל האָט גלייך דערזען נאָך קליינמאַנס מינע וואָס פֿאַר אַ ענדערונגען עס זענען פֿאָרגעקומען אין אים. זי האָט נישט געקענט באַנעמען פֿאַרוואָס ער איז פּלוצים געוואָרן אָנגעכמורעט, ווי נאָר זי האָט צוגעשפּאַנט צו אים. איר פּנים איז געווען פֿאַרטראַכט. באַלד אָבער האָט אַ שמייכל זיך צעשפּרייט איבער אירע ליפּן. — זי איז אַרײַנגעקומען אין דער קאַפּעטעריע צוזאַמען מיט גראָסמאַנען, האָט קליינמאַן עס נישט געקענט פֿאַרליידן. דאָס איז עס.

נישט ווײַט פֿון דער קאַפּעטעריע האָט זי זיך אָנגעשטויסן אין גראָסמאַנען, זענען זיי שוין אַרײַנגעגאַנגען אַהין צוזאַמען. וואָס פֿאַר אַ חטא איז זי דערמיט באַגאַנגען? ווייסט ער דען נישט אַז אַהין קומען אַרײַן אַ סך יונגע מענטשן? וואָס מענער זענען!

עס האָט גיטלען הנאה געטאָן וואָס קליינמאַן איז געוואָרן אָנגעכמורעט. ס׳איז אַ גוטער סימן. זיי האָבן זיך ערשט נישט לאַנג באַקענט — און ער איז שוין אייפֿערזיכטיק. זי וועט שוין וויסן וויאַזוי צו באַגיין זיך מיט אים. נישט נאָר איצט, נאָר אויך שפּעטער . . .

עס האָט איר שוין גאָרנישט באַנג געטאָן וואָס ס׳האָט זיך אַזוי גע־מאַכט, אַז זי איז אַרײַנגעקומען צוזאַמען מיט גראָסמאַנען. עס האָט קליינ־מאַנען פֿאַרדראָסן, מחמת ווי זי האָט זיך אָנגעהערט וועגן אים, איז ער זייער האָנערעוואַטע. מע טאָר אים אָבער נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, ער איז אַ טאָלקאָווע מענטש.

גיטל האָט שוין געזען אַז אַ געשפּרעך זאָל זיך אָנקניפּן צווישן ביידע בחורים און זיך מער אומגעקוקט אויף גראָסמאַנען ווי אויף קליינמאַנען. משה איז נישט געוואוינט געווען דערצו און איז געוואָרן אויפֿגעטראָגן אויף איר.

עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי האָט מיט אַ כיוון פאַרבעטןביידע מיט־אַמאָל אין דער קאַפעטעריע. זי האָט אין זינען געהאַט צו מאַכן אַ פאַר־גלייך צווישן זיי און אָפּמאַכן ביי זיך מיט וועמען צו טרעפן זיך אָפטער. שפּעטער צו האָט משה זיך אויסגעלאַכט פון דער השערה. גיטל מוז נישט האָבן ביידע אויג אויף אייג כדי צו זען דעם חילוק צווישן זיי. זי האָט געהאַט אַן אַנדער כוונה דערביי. זי וועט אומיסנע שענקען מער אויפמערקזאַמקייט גראָסמאַנען און דורך דעם וועט איר קלאָר ווערן וויאַזוי ער, משה, וועט עס אויפנעמען — צי וועט ער זיין גלייכגילטיק? אָדער גאָר אָנגעשטויסן אויף איר. איז דער בעסטער אויסוועג צו פאַרבעטן זי אין טעאַטער אַריין אָדער אין אַ קינאָ. ער וועט עס טאָן באַלד, פאַר גראָסמאַנען אין די אויגן — און וועט זיך נישט נאַרן אין איר נאָענטקייט אָדער לעבלעכקייט צו אים.

משה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַרויסגעשאָסן: „איך האָב חשק, גיטל, צו פאַרבעטן אייך אין טעאַטער אַריין".

— „מיט פאַרגעניגן" — האָבן זיך גיטלס אויגן צעבלישטשעט. — „איך פאַרלאָז זיך אויף אייער מבינות. לאָזט מיר נאָר וויסן אין פאָרויס, אפשר האָב איך די פאָרשטעלונג שוין געזען."

— „זעלבסטפאַרשטענדליך — האָט קליינמאַן חשק געהאַט צו צע־טאַנצן זיך פאַר פרייד און אַן אויפגעלייגטקייט האָט זיך צעשפּרייט איבער זיין פּנים". ער האָט איינגעשטעלט און געוואונען.

קליינמאַן האָט שפּעטער מיט עטלעכע מינוט אַ קלער געטאָן — וואָס פאַר'אַ גרויס געווינס האָט ער אַריינגעקראַגן? אמת, זי איז אַ וואויל מיידל. פאַר־וואָס אָבער איז אים פּלוצים געגאַנגען אין לעבן אַז זי זאָל באַוויליקן צו גיין מיט אים אין טעאַטער אַריין? זי קען דאָך מיינען אַז ער איז פאַרליבט אין איר ביז איבער די אויערן. ווען זי זאָגט אים אָפּ וואָלט ער אויסגעקוקט אין גראָסמאַנס אויגן ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענאָ. אָבער פאַרפאַלן. פון היינט אָן וועט זי מער פון אים אַזעלכע רייד נישט הערן. ער וועט זיך באַ־גיין מיט איר ווי מיט אַנדערע מיידלעך.

די באַגעגענישן אָבער צווישן גיטלען און משהן זענען פאָרגעקומען אָפט און ער האָט שוין געגומען בענקען נאָך איר, ווען צוליב אַ וואַגיקער סיבה, האָט זי זיך נישט געטראָפן מיט אים עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. ער האָט אָנגעהויבן איינצוזען אַז ס'איז שוין געקומען די צייט אַ רעד צו טאָן מיט איר וועגן שטעלן אַ חופּה. האָט ער איינמאָל שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן: „ווי רעכנסטו, גיטל, מיר וועלן זיך נישט אַרומרייסן ווי צוויי קעץ אין איין זאַק?"

— „איך זע שוין אַז איך בין אַריינגעפאַלן, — האָט זי זיך געטוליעט צו אים.

זיי האָבן אין גיכן געהייראַט און דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה האָבן זיי יעדע וואָך פאַרבעטן צו זיך פריינט און באַקאַנטע, וואָס האָבן פון זייער זייט נישט פאַרפעלט צו פראַוועןן אַ שימחהלע פאַרן נייעם פאָרפאָלק.

אַנדערהאַלבן יאָר נאָך דער חתונה האָט גיטל גענומען טראַכטן וועגן אויפשטעלן אַ הויזגעזינד. משה האָט געקלערט אַז מע זאָל עס אָפּלייגן אויף שפּעטער. ער האָט חשק געהאַט נאָך אַ פּאָר יאָר צו פירן אַ האַלב־בחוריש לעבן און זיין פרייער פויגל — וואוהין עס פאַרגלוסט זיך אים גייט ער, וואָס ער וויל טוט ער און איז ניט צוגעבונדן צום הויז, וואָס איז אומפאַרמיידלעך ווען עס קומען קינדערלעך.

גיטלס טראַכטענישן זענען געגאַנגען אין אַן אַנדער ריכטונג. — „נו, זאָג אַליין, מוישקע, (אַזוי האָט זי פאַרצויגן זיין נאָמען ווען זיי זענען געווען אַליין) איז נישט גלייכער צו האָבן אַ צוויי קינדערלעך אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה, ווען מען איז נאָך יונג? אויב מירן זיך בעמען צופיל צייט, וועלן מיר דאָך אויסזען ווי אַלטע לייט ווען די קינדער וועלן אונטערוואַקסן".

ווי קען ער, משה, קעגנשטעלן זיך אַזעלכע שכלדיקע רייד? בפרט נאָך אַז דער עול פון קינדער פאַלט שווערער אויף דער פרוי ווי אויפן מאַן.

מיט קאַרגע צוויי יאָר שפּעטער האָט גיטל געבוירן אַ מיידל און אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום אַ ייִנגל. נאָכן האָבן דאָס ייִנגל האָט גיטל זיך אָנגערופן: „זעסט, מוישקע, גאָט איז גוט צו אונז, מיר האָבן אַ ייִנגל און אַ מיידל".

עס האָט משהן הנאה געטאָן וואָס זי האָט געזאָגט — אַ ייִנגל און אַ מיידל און נישט פאַרקערט, האָט אים צוליב געטאָן, ער האָט געוואָלט האָבן ייִנגלעך.

זי איז נישט קיין נאַר, איז משהן דורכגעלאָפן אין מוח, און ווייסט וויאַזוי צו באַנעמען זיך אַפילו מיט איר מאַן.

קליינמאַן האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ ראַיעלן דיפּלאָמירטן בוכהאַלטער און געהאַט אַ מעגלעכקייט צו קריגן אַ סך קונדן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון, זיין אויסרעכענונג איז געווען — ער וועט סיי ווי נישט פאַרזשערען די וועלט, פון נאָך עטלעכע קונדן ווערט מען נישט קיין גביר. איז בעסער צו האָבן אַ ביסל פרייע צייט און אַרויסהעלפן גיטלען. פירן אַ באַלעבאַטישקייט און אַכטונג געבן אויף די קינדער איז נישט קיין גרינגע זאַך.

די קינדער האָבן נישט אויסגעמיטן אַלערליי קינדער־קראַנקייטן און די הוצאות זענען געוואַקסן. איז קליינמאַן געווען געצוואונגען צו טאָן אַ זאַך קעגן וועלכן ער האָט זיך געווערט, האָט געזען אַריינצוקריגן וואָס מער קונדן, געדונגען אַ באַזונדערן אָפיס, וואָס ער האָט פריער נישט געהאַט, האָט אויך אָנגעשטעלט אַ געהילף־בוכהאַלטער, די אַרבעט זאָל נישט פאַלן אויף אים שווער.

קליינמאַן האָט דערימעך געהאַט אַ מעגלעכקייט אַהיים צו קומען איידער גיטל האָט געלייגט די קינדער שלאָפן. ער האָט איר געהאָלפן זיי אויסבאָדן, איבערטאָן און אַמאָל אויך איינבעמען. זענען די קינדער אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט גיטל זיך צוגעשפּאַרט אויף דער קאַנאַפּע און געכאַפּט אַ דרימל אויף אַ

האַלבער שעה. דערנאָך האָט זי געמאַכט אַ גלעזל טיי און זיי האָבן גע־פּלוידערט וועגן פּריוואַט און באַקאַנטע. אַמאָל האָט זי אים איבערגעגעבן די שטיפערייען פון די קינדער. לאַהקע האָט געקאָמאַנדעוועט מיטן ייִנגערן ברודער איציקל און ער האָט געטאָן וואָס זי האָט געהייסן. ער האָט געפירט דאָס שפּילוועגעלע איבערן צימער, זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ שרייבפּענדל אָדער אַ ווירע און איז געווען די אָנטרייבערין. איז דאָס דערעסן געוואָרן לאַהקען האָט זי זיך געשפּילט מיטן ברודערל אין באַ־העלטעניש.

12

איטקע און מאַטל זענען צוריקגעקומען פון זייער האָניק־חודש און צוזאַמען מיט איר מוטער, אַריינגעצויגן זיך אין דער נייער דירה. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך אַ קאַפּעטשקע איינגעלעבט אינעם הויז, האָט איטקע אַ מאַך געטאָן צו מאַטלען: „דו ווייסט, מעקס, וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך קלייב זיך נישט אַוועקגיין פון מיין שטעלע און די מאַמע וועט פירן דאָס באַלעבאַטישקייט אין הויז.

— „איך פאַרדין גענוג פאַר אַלע דריי, איטקע, און עס וועט דיר גאָרנישט שאַטן אויב דו וועסט אַרומגיין לײַדיק נאָך אַזויפיל יאָרן זיין צוגעבאַנדלט צום אַפּיס־בענקל". האָט מאַטל געקוקט אויף איר מיט פאַרחידושטע אויגן. זי זאָל אַליין זיך אָנשלאָגן צו גיין אַרבעטן, אויף דעם האָט ער זיך נישט גערעכנט. דערפאַר, ווייזט אויס, איז זי באַשטאַנען אַז די מוטער זאָל זיין ביי איר. ווי זי האָט עס קלוג אויסגערעכנט נאָך פאַר דער חתונה. זי האָט אַ מיניסטערישן קאָפּ אויף זיך. זיינע פריינט אָבער וועלן געוויס מיינען, אַז ער איז אַ געלט־גייציקער און דערפאַר איר איינגערעדט, אַז זי זאָל נישט אַוועקוואַרפן די שטעלע. וואָס זשע קען ער טאָן דערצו? גאָר נישט . . .

— „ווי דו ווייסט, מעקס, איז אין לאַנד נישט אַזוי פויגלדיק און ס'איז פאַראַן אַ סך אַרבעטסלאָזע, דאַרף מען זיך אָנגרייטן אויף אַ רעגנדיקן טאָג. אַז די געשעפטן דיינע וועלן גיין פון גוט צו בעסער וועל איך אויפגעבן די שטעלע.

— „די געשעפטן זענען נישט מיינע נאָר אונזערע" — האָט מאַטל גע־קוקט איר אין די אויגן", — און איך האָף, אַז זיי וועלן זיך פאַרגרעסערן. דערצו קען דאָך אונזער קליין הויזגעזינד ווערן גרעסער".

— „וועלן מיר דעמאָלט זען" — האָט אויף איטקעס פּנים זיך באַוויזן אַ פאַרטראַכטקייט. ער האָט איר געלאָזט וויסן אַז די געשעפטן געהערן צוביידע און דערוואָרט אינגיכן צו ווערן אַ טאַטע — „ס'איז נישט מיין טבע צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און מיטן הויז וועט זיך די מאַמע זייער גרינג ספּראַווען".

— „נו, מילא, זאָל זיין אַזוי דערווייל" — האָט מאַטל זיך נישט געוואָלט אַמפּערן מיט איר. אַ קינד וועט מסתּמא קומען אינגיכן, וועט זי מוזן זיין אין דער היים.

אַרום אַ צוויי וואָכן נאָכן אַריבערקלייבן זיך אין אַן אייגענער דירה האָבן די זייגערמאַנס פאַרבעטן צו זיך זיינע פריינט אויף אַ שבת־צו־נאַכט. ווען קיינער פון די פאַרבעטענע האָט נישט געפעלט האָט איטקע ווי אַ

באַלעבאָסטע זיי געפירט פון איין צימער אין צווייטן און אַלץ אויסגעלייגט אויף טעלערלעך. — „דאָס שלאָף־צימער האָב איך אויסגעוויסט בלוילעך און אַהין אַריינגעשטעלט העל מעבל, דאָס גאַסטצימער — העל־געלבלעך און דאָס מעבל — טונקל־ברוין. איך האָב אויסגערעכנט, אַז דער קאָליר פון די ווענט זאָל זיין אַנדערש ווי דער קאָליר פונעם מעבל. דאָך זאָלן בײדע קאָלירן זיין צוגעפּאַסט איינער צום אַנדערן.

איז איטקע פּאַרטיק געוואָרן מיט אַלע צימערן האָט זי זיך געווענדט צו די פריינט: „איצט וועלן מיר אַריינגיין אין גאַסטצימער וואו איר וועט זיין אונזערע געסט".

אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום קיילעכדיקן טיש און מרס. גרינבערג האָט גענומען אַריינברענגען אַלערליי ווײַנען און בראַנפן, געבעקסן און אויבסן.

— „די מאַמע איז די גאַנצע באַלעבאָסטע אין הויז" — האָט איטקע געפונען פאַר נויטיק צו לאָזן וויסן די געסט, — „און זי וויל אַליין אַלץ דערלאַנגען צום טיש.

— „איך בין אַן אַלטמאָדישע פרוי", — האָט מרס. גרינבערג זיך ברייטלעך צעשמייכלט — „און האָב הנאה אַלץ אַליין צוגרייטן און אַנידער־שטעלן אויפן טיש. און איר, לאָמיך האָפן, וועט הנאה האָבן פון מיינע גע־בעקסן. זאָל אייך וואויל באַקומען".

— „איצט, מאַמע, זעצט זיך צו לעבן אונז", — האָט מאָטל אַפּירגערוקט אַ בענקל. — „און איר וועט זיין אונזער באַלעבאָסטע".

— „מעקס רופט זי נישט אַנדערש ווי מאַמע" — האָט איטקע געווענדט אירע בליקן צו די געסט.

— „אַז מען האָט ליב דאָס ווייב, האָט מען אויך ליב די שוויגער", — האָט גיטל געשאָרט מיט די אויגן איבער די פּנימער פון די געסט. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן וואָס זי האָט געמיינט: איר זעט נאָך אַלץ נישט, אַז זי האָט מאָטלען אַריינגענומען אין די הענט אַריין?

— „איטקען האָב איך ליב ווי אַ ווייב און די שוויגער ווי אַ מאַמע. אירע געבעקסן זענען דאָך טעם גן עדן" — עס זאָל קלאָר ווערן אַז מיט די לעצטע ווערטער האָט ער נישט געמיינט צו טרעפן איטקען, האָט מאָטל צוגעגעבן: „אויך איטקע וועט זיך אויסלערנען צוגרייטן גוטע געבעקסן".

— „איך?" — איטקע האָט זיך שיר נישט אַרויסגעכאַפּט מיט: „איך האָב אַנדערע וועגן ווי צו געפעלן אַ מאַן". האָט אָבער פאַרענדיקט: „אַ סך וועגן פירן קיין רוים".

— „און יעדע פרוי קלייבט זיך אויס אַן אַנדער וועג", — האָט גיטל נישט איבערגעלאָזט קיין שום צווייפל אין איטקעס ווערטער — אַלערליי וועגן פירן צום הארץ פון אַ מאַן.

— „אויך יעדער מאַן האָט אַן אַנדער וועג", — האָט קליינמאַן זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו זיין ווייב.

— „בראַוואָ, משה״, — האָט איציק אויסגערופן. — „האָסט אונז, מענער, אויך געמאַכט פּאָר שטיקלעך מענטשן. אַבי כ'האָב געמיינט, אַז מיר זענען נאָר די פוס־בענקלעך ביי די פּרויען״.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

ווען די געסט האָבן זיך דערווייטערט פון מאָטלס הויז האָט גיטל דערוואַרט אַז אָט־אָט וועט זיך אָנהייבן אַ גערעדעריי וועגן איטקען, איז זי פּאַרלאָפן דעם וועג. — „וועגן איטקען איז דאָ אַ סך צו רעדן און מירן עס טאָן אויף אַ געמיטלעכן אופן ביי אַ גלעזל טיי״.

— „קומט צו אַלע צוזן אונז שבת־צו־נאַכט״ — האָט גאָלדע סיי ווי אינזינען געהאַט צו פאַרבעטן דעם עולם צוליבן נייעם מעבל אין גאַסטצימער, וואָס זי האָט אַריינגעקראָגן.

— „פיין״ — האָבן גיטל און חייקע צוגעשטימט.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט מאָטל פאַרנאַכט־צו זיך אַריינגעשטעלט צו חייקען אין הויז.

— „ווי קומסטו אַהער אין מיטן דערינגען?״ — האָט חייקע זיך געחידושט. — „מע דאַרף דאָך אינגיכן גיין עסן וועטשערע. ערשט נאָך דער חתונה, האָסטו איבערגעלאָזט איטקען איינע אַליין?״

— „דאָס וועל איך קיינמאָל נישט טאָן, חייקע״, — האָט מאָטל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — „אָט פרעג איך דיך, קען מען זיך אַזוי באַגיין מיט איר?״

— „ביזט גערעכט, — האָט חייקע אַ קלער געטאָן, אַז מען דאַרף, פאַר אים אין די אויגן, האַלטן אין איין לויבן איטקען. — „דערווייל זעץ זיך אַנידער, כאַפּ אָפּ דעם אָטעם און איכ'ל צוגרייטן אַ גלאָז טיי פון דיינעטוועגן״.

חייקע האָט זיך געזאַמט אַ ווײַלע אין קיך און מאָטל האָט ווי איינגעטענהט מיט זיך אַליין (מיט נישט־אַרויסגערעדטע ווערטער): נו, האָט ער נישט געטראָפן, אַז זי וועט באַלד אָנהייבן צו רעדן פון איטקען ווי נאָר ער וועט אַריבערטרעטן די שוועל? טאַקע, ווי קומען זיי אַלע דריי — חייקע, גאָלדע און גיטל — צו איטקען? זיי מעגן דאָך פּעטשערעס הייצן ביי איר. געוויס זענען אים זיינע פריינט מקנא, מע זאָל אים נאָר קיין גוט אויג נישט געבן.

ווי נאָר חייקע האָט אַריינגעבראַכט די טיי מיטן צובייסעכץ האָט זי ממשיך געווען דעם איבערגעהאַקטן געשפּרעך. — „איטקע איז מסתמא ערגעץ וואו צוגעגאַנגען און דיר איז אומעטיק געווען צו זיצן איינער אַליין מיט דער שוויגער אין הויז, האָסטו זיך אַריינגעכאַפּט אַהערצו״. — חייקע האָט נישט געוואָלט אַרויפברענגען אויף די ליפּן — וואָס איז געווען די איילעניש פון איטקען צו פאַרלאָזן די שטוב פאַר דער וועטשערע? מאָטלען קען עס שטאַרק פאַרדריסן.

— „האָסט נישט געטראָפן, חייקע", — האָט אַ שטויבונג זיך באַוויזן איף מאָטלס פּנים. זי קער שוין אַוודאי מיינען, אַז איטקע גייט אַוועק פון הויז ווי נאָר עס פאַרגלוסט זיך איר. — „זייערער אַ נאָענטער קרוב איז געקומען אַהער צו זיין ברודער און נאָך נעכטן אויפדערנאַכט האָט מען אונז פאַרבעטן אַהין צו דער היינטיקער וועטשערע. גראָד האָב איך היינט פאַרנאַכט געדאַרפט אָפּשליסן דעם פאַרקויף פון צוויי הייזער, האָב איך קוים געפּועלט ביי איטקען, אַז זי זאָל צוגיין מיט דער שוויגער צום קרוב און איך וועל זיך צוכאַפּן אַהין שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה. אַזוי ווי דער מיסחר האָט זיך שנעל פאַרענדיקט האָב איך דערווייל דיר אָפּגעשטעקט אַ וויזיט".

— „גוט האָסטו געטאָן, מאָטל", — האָט אים חייקע אונטערגעגעבן קוראַזש, — „וואָס דו ביזט באַלד נישט צוגעגאַנגען אַהין. ל'האָבן זיי מיינען אַז דו ביזט זייער אַ פאַרנומענער מענטש".

— „אין דער אמתן, חייקע, האָב איך זיך נישט געריכט, אַז דער מיסחר זאָל זיך פאַרענדיקן אַזוי שנעל. דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין פּיפיקן אַדוואָקאַט, וואָס קען צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. ער קריגט טאַקע גוט באַצאָלט, אָבער ר'איז עס ווערט".

קוקנדיק אויף מאָטלס צעהיצט פּנים האָט חייקע געזוכט אַ פּאָרטל ווי אַזוי צו פאַרקירעווען דעם שמועס אין אַן אַנדער ריכטונג, וואָרעם ער קען אָן אַן אויפהער רעדן וועגן איטקעס מעלות און זיינע גרויסע געשעפטן. עס איז חייקען דורכגעלאָפן אין קאָפּ אַז ביי טאָג האָט גאָלדע איר געזאָגט אויפן טעלעפאָן, אַז זי רעכנט אויך צו פאַרבעטן די זייגערמאַנס אויף שבת־צו־נאַכט. עס קען טרעפן, אַז גאָלדע זאָל פאַרגעסן אָפּצורופן איטקען, וועט זיך טאָן חושך. האָט חייקע דערימעך זיך געכאַפּט. — „כ'האָב שיר נישט פאַרגעסן דיר צו זאָגן, מאָטל, אַז גאָלדע רעכנט אייך צו פאַרבעטן אויף שבת־צו־נאַכט. טאָמער האָט זי עס נישט געטאָן, זאָג איך דיר, אַז דו זאָלסט נישט פאַרגעסן צוקומען אַהין מיט איטקען".

— „ריכטיק, חייקע, ריכטיק", — האָט מאָטל ווי אויסגעניכטערט זיך פון זיינע רייד וועגן מסחר און אַדוואָקאַט, און זיין פּנים איז געוואָרן מיושבדיק. — „גאָלדע האָט טאַקע גערעדט מיט איטקען וועגן דעם. אַ שאָד, אַ שאָד וואָס מיר וועלן נישט קענען צוקומען. — די גאַנצע משפּחה טרעפט זיך יענעם אָוונט ביי איטקעס אַ געשוועסטערקינד און מיר מוזן אויך זיין דאָרט. מירן זיך זען מיט דער חברה אַן אַנדערש מאָל".

— „טאַקע אַ שאָד". — האָט חייקע צוגעשטימט. — „פריער זענען מיר געווען דריי פּאָרלעך און דו ווי אַ צולאָג, איצט דאַרפן מיר ווערן פיר פּאָרלעך".

— „מיר וועלן ווערן פיר פּאָרלעך" — האָט מאָטל אַוועקגענומען די האַנט פון דער גלאָז טיי. — "מיר וועלן עס געוויס ווערן".

חייקע און מאָטל זענען אָפּגעזעסן אַ דריי פערטל שעה, שמועסנדיק

וועגן אַלערליי פּאַסירונגען פון דער אַלטער און נייער היים. דערנאָך איז ער צוגעפאָרן צו איטקעס קרוב.

— „נו, חברה, קומט צום טיש“, — האָט גאָלדע זיך געווענדט צו די קליינמאַנס און שטערנס.

— „אפשר וואָלטן מיר צוגעוואַרט אויף איטקען מיט מאָטלען?“ — זענען גיטלס בליקן געפאַלן אויף גאָלדען, וואָס האָט איר געלאָזט וויסן, אַז זי האָט אויך פאַרבעטן די זייגערמאַנס.

— „איטקע האָט מיר געזאָגט, אַז מען זאָל אויף זיי ניט וואַרטן“, — האָט גאָלדע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו גיטלען — „זיי האָבן באַדאַרפט ערגעץ צוגיין און וועלן נישט זיין אין צייט“.

— „און מיר האָט מאָטל געלאָזט וויסן, — האָט חייקע אויסגעשטרעקט די האַנט, — „אַז זיי וועלן נישט קענען זיין דאָ“.

— „נישטאָ פון וואָס צו חידושן זיך“ — איז יאָסל נישט איבערראַשט געוואָרן פון מאָטלס און איטקעס היפּוכדיקע רייד. — „איטקע האָט זיך אַרויסגעדרייט קליגעריש און מאָטל איז אַרויסגעקומען מיט אָפענע דיבורים“.

— „איטקע איז נישט פון די מענטשן וואָס קליגערן זיך“, — האָט שטערן זיך אַריינגעמישט. — „זי וואָלט געזאָגט פּשוט און פּראָסט: מיר זענען היינט פאַרנומען“.

— „איציק איז גערעכט“, — האָט קליינמאַן פּאַמעלעך אויסגעצויגן די ווערטער. — „ביי אַ געלעגנהייט, האָט איטקע מסתמא גערעכנט, וועלן זיי פאַרלאָזן זייער קרובס הויז און זיך אַריינשטעלן אַהער מיר־נישט דיר־נישט“.

— „איך גלויב אויכעט, אַז איטקע האָט נישט געמאַכט קיין שום הינטער־שיסעלעך“. — האָט גאָלדע מסכים געווען מיט משהן.

— „איך רעכן אַז איטקע זאָגט איינס און מיינט עפּעס אַנדערש“, — האָט גיטל זיך פאַרכמורעט. עס האָט זי פאַרדראָסן, וואָס מען מאַכט פון איטקען אַזאַ צימעס.

— „האָסט אַ טעות, גיטל“, — האָט חייקע אויפגעהויבן דעם קאָפּ. — „איטקע איז קלוג גענוג זי זאָל זיך נישט מאַכן צו לייטיש געלעכטער“.

— „אויב אַזוי, יאָסל, גיב זיך אונטער“, — האָט שטערן זיך גע־ווערטלט. — „ס'רוב קהל האָט אַזוי באַשטימט“.

—„ וואַרט צו איציק“, — האָט יאָסל אונטערגעהויבן די האַנט, — „דער איפּדערנאַכט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן“.

— „דערווייל האָבן מיר נאָר השערות וועגן איטקען“, — האָט קליינמאַן אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו יאָסלען. — "מיט דער צייט וועלן מיר זי מסתמא דערקענען“.

— „אויף דעם קאָן איך אויך איינגיין“ — דערביי האָט גיטל אַ קלער געטאָן אַז מען האָט שוין גענוג גערעדט וועגן איטקען און זי האָט עס נישט פאַרדינט.

— „אַז ס'האָט זיך געענדיקט בכי טוב וועט אונז באַקומען די מלווה מלכה", — האָט יאָסל אַרויסגערעדט די ווערטער מיט אַ כמו־ניגון. — „איז לאָמיר זשע טאַקע גיין צום טיש".

אַרום אַ פערטל נאָך צען אין אָוונט האָבן די זייגערמאַנס זיך אַריינגעשטעלט צו די הובערמאַנס אין הויז.

— „ס'קאַצל קומט!" — האָט גאָלדע באַגריסט די אַריינגעקומענע.

— „האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר וועט היינט נישט קענען זיין דאָ", — האָט חייקע אַ לאַכנדיקע פאַרגעוואָרפן מאָטלען.

איידער מאָטל האָט געפונען די פּאַסיקע ווערטער צו ענטפערן חייקען, האָט איטקע, אַ צעשטראַלטע, זיך אָנגערופן: „ער ווייסט נאָך נישט אַז פון אַ גרויסער הוליאַנקע קען מען לייכט זיך אָפּטראָגן און קיינער וועט אַפילו קיין פּיפּס נישט טאָן".

מאָטל האָט געקוקט אויף איטקען מיט פאַרוואונדערונג — אויף אַלצדינג גיט זי שנעל אַ פּאַסיקן ענטפער און איז גערעכט אויך.

— „ווי עס קוקט אויס, איטקע, ביזטו צוגעגאַנגען אַהינצו נאָר פון יוצא וועגן", — האָט גיטל געוואָלט דערגיין פאַרוואָס איטקע האָט איבערגעלאָזט אַלע אירע אייגענע און איז געקומען אַהער.

— „מיין קרוב געפעלט מיר גראָד", איז איטקעס פּנים געוואָרן ערנסט, — „אָבער איך פיל זיך איינזאַם צווישן אַ גרויסן עולם".

אַהאַ, דאָס איז עס, האָבן זיך ביי גיטלען צעפּעפּנט די אויגן. צווישן געציילטע מענטשן קען זי זיך אָנזען און דאָס האָט זי ליב. צווישן אַ גרויסן עולם האָט משה זיך אויך געפילט ווי אַ פאַרלוירענער, האָט ער דערפאַר נישט געצווייפלט אין איטקעס אויפריכטיקייט.

כאָטש מען האָט אָנגענומען איר ענטפער פאַר גוט געלט, דאָך האָט זיך ביי יעדן איינעם געשטעלט אַ פראַגע: ווי פאַרלאָזט מען אַ סך נאָענטע קרובים אָן אַ זיי־געזונט צען אַ זייגער, ווען מען צעפירט זיך ערשט די הענט? ס'איז דאָך אומגלויבלעך, אַז ס'זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. נאָך דער ערשטער פראַגע האָט געפאָלגט אַ צווייטע: צוליב וואָס פאַר אַ סיבה האָט איטקע אַ צעפּלאָסטע און ביז גאָר אַ פריילעכע, ווי אַ וויכער זיך אַריינגעריסן צו די הובערמאַנס אין הויז? וואָס שטעקט טאַקע אין דעם? אויך מאָטל האָט נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס פּלוצים ס'איז איר אָנגעקומען אַ מאָנקאָליע אין קאָפּ אַריין וואָס גיכער אָפּצוטראָגן זיך פון אַ שטוב פול מיט קרובים. מ'האָט באַדאַרפט אָפּזיין דאָרטן כאָטשבי אַ צווי שעה און געזעגענען זיך מיט די אייגענע, ווי עס פירט זיך ביי לייטן.

דער עולם האָט זיך צערוקט, צו מאַכן פּלאַץ פאַר די נייע געסט. חייקע און גאָלדע האָבן זיך געפּאָרעט אין קיך ביים צוגרייטן כיבוד פון זייערטוועגן און נישט־אָפּגערעדטערהייט זיך געמיט, ביים אויסלייגן די געבעקסן אויף די טעלער, אַז ס'זאָל אויסקוקן ווי אַ שטיקל הוליאַנקע. ס'האָט זיך אַ ביסל גערודערט און די פריערדיקע היימישקייט איז צעשטערט געוואָרן. דער

עולם האָט עס אָנגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדליכקייט, אָבער גיטלען האָט עס געשניטן ביים האַרצן — זע נאָר וואָס פאַר אַ וועזן מען מאַכט פון איטקען!

איטקע האָט דערשפּירט אַז דורך איר פּלוצימדיקן אַריינשטעלן זיך אַהער איז פאָרגעקומען אַ צעטומלעניש. זי האָט געשאַרט מיט נייגעריקע אויגן פון איין פּנים אויפן צווייטן און נישט געקענט דערגיין וואָס אַזוינס איז דאָ פאָרגעקומען און ס׳איז צעשטערט געוואָרן ווי נאָר זי האָט אַריבער־געטראָטן די שוועל. האָט מען גערעדט פון אינטימע זאַכן און מ׳האָט געמזוט אויפהערן? האָט זי אַזוינס געטאָן, אַז ס׳האָט זיי געפּלעפט? אירע אויגן האָבן ווי געפרעגט און נישט געפונען קיין ענטפער. האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ ווי אָוועקגעשאַרט אַלע ספקות — און זי וועט זיין אַזאַ ווי זי איז געווען ביים אַריינקומען אַהער. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל, זיך צעלאַכט און אויסגערופן: „איך בין איצט אין אַזאַ שטימונג, אַז וואָס ס׳איז ביי מיר אויף דער לונג איז אויך אויף דער צונג. איך פיל זיך צווישן אייך היימישער ווי צווישן מיינע אייגענע, קומט מיר עפּעס דערפאַר? אויב יאָ, דערלאַנגט מיר איבערן קאָפּ און וואָס שטאַרקער...”

איטקעס ברוינע אויגן און שמייכלדיקע ליפּן האָבן געבריט און גע־לאַשטשעט.

אירע רייד האָבן געקלונגען ווי אַן אַנטפּלעקונג — פון דער כסדר מיושבדיקער איטקע האָבן מיט אַמאָל געשטראָמט גליענדיקע ווערטער. ס׳איז פאַר אַלעמען געווען אַזאַ פריידיקע איבעררא‌שונג, אַז מ׳איז געבליבן אָן לשון. עס האָט געדויערט נישט מער ווי עטלעכע רגעס און קליינמאַן האָט זיך האַסטיק אַ הויב אויף געטאָן פון בענקל און כמעט אויסגעשריגן: „מירן דיר, איטקע, אַזוי שטאַרק דערלאַנגען איבערן קאָפּ, אַז דו וועסט האָבן צו געדענקען”, — און ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען: „לאָמיר אַלע אינאיינעם, אינאיינעם איטקען מקבל פּנים זיין”. ס׳האָט אַלעמען אַ הויב געטאָן פון די בענקלעך און דער האַרציקער ניגון פונעם קליינעם כאָר האָט זיך צעטראָגן איבער די צימערן ווי גלאָקן־געקלאַנג.

איטקע איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דער שמייכל האָט זיך נישט אָפּגעטאָן פון אירע ליפּן: זי איז גליקלעך וואָס מען האָט זי אַזוי אויפגענומען. עס האָט זיך איר אייגעקריצט אין זכרון, אַז משה האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו זינגען, ביי קליינמאַנען האָט אַ בליץ געטאָן אין מוח: היינט אויף דער נאַכט האָט ער דערזען אַ שפּאָגל־נייע איטקע.

נאָכן זינגען האָט דער עולם זיך אויסגעזעצט אויף זיינע פּלעצער. מאָטל איז געבליבן שטיין, האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו איטקען און אויף אַ הויך קול אַרויסגעשאָסן: „אָט אַזוי־אַ זאָלסטו מיר תמיד זיין, וועל איך דיך נאָך מער ליב האָבן”. מאָטל האָט זיך געררויטלט און איטקע האָט זיך אָנגערופן: „אַז איך וועל תמיד זיין אַזוי־אַ, וועט עס דיר דערעסן”. און אין משך פון אַ פּאָר רגעס האָט זי צוגעגעבן: „און מיר אַליין אויך”.

אַ בלאַסקייט האָט זיך אַנגעדרוקט אויף מאַטלס פּנים, די הענט האָבן אים געגומען ציטערן און דערפילט אַ שלאַבערדיקייט אין אַלע זיינע אברים — וואָס זאָל ער איר זאָגן? ער מוז עס טאָן, אַניט, אַניט... אַ רויטקייט האָט מיטאַמאָל פאַרפלייצט זיין פּנים. ער האָט בליץ־שנעל אַרומגענומען איטקען, זי עטלעכע מאָל געקושט אין די ליפּן און אויסגעשריגן: „איך האָב דיך ליב ווי דו ביזט"...

איטקע האָט זיך פאַמעלעכל באַפרייט פון זיינע שטאַרקע אָרעמס. איר פּנים איז געווען בלייך, די אויגן — צוגעשלאָסן אויף אַ פּאָר רגעס. אירע ליפּן האָבן זיך אויסגעלייגט אין אַ פּאַר׳חידושטקייט און זי האָט שטיל אַרויס־געריעדט: — „דאָס איז ביי אים אַזאַ ליבע־דערקלערונג".

עס איז פאַרגעקומען אַזוי אומגעריכט־שנעל, אַז די בליקן פון עם קליינעם עולם זענען ווי אַנגעשפּיצט געוואָרן צון אַ זעלטענער דערשיינונג, וואָס זיי האָבן ביז אַהער נישט אַנגעטראָפן און צוגענאַגלט געוואָרן דערצו.

יאָסל האָט דער ערשטער אַ רוק געטאָן זיך אויפן בענקל און איז געוואָרן רירעוודיק. — „נאָך אַזאַ ליבע־דערקלערונג וואָלטן מיר שוין באַ־דאַרפט ברעכן טעלער". זיין שפּאַס האָט ווי געעפנט די עלעקטריע אין אַ פינצטער הויז און ס׳איז אַלעמען ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. יאָסלס ווערטער האָט אונטערגעכאַפּט חייקע:

— „צו וואָס גאָר צערעמאָניען זיך מיט תנאים? לאָמיר אויף דער הייסער מינוט פּראַווען אַ חתונה".

— „אָט שטייט וויין אַנגעגרייט אויפן טיש און מירן שוין מאַכן אַ לחיים פאַרן נייעם פּאָר־פּאָלק" — האָט גאָלדע צוגעלייגט אַ קנייטל צום פּייערל, וואָס האָט זיך באַוויזן ביי אַלעמען אין די אויגן.

יאָסל האָט אָנגעגאָסן וויין אין די גלעזלעך, אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, גענומען די גלעזלעך וויין אין די הענט אַריין און הויך אויפן קול אויס־געריפן: „לחיים פאַרן נייעם פּאָרפּאָלק!"

אויף איטקעס פּנים איז געווען צעשפּרייט אַ גליקזעליקייט. זי האָט זיך נישט אָפּגענאַרט, אַ וואוילע חברה.

די געמיטלעכקייט פון דער קליינער מסיבה, וואָס איז צעשטערט געוואָרן בעת די זייגערמאַכנס האָבן זיך אַריינגעשטעלט צו די הובערמאַנס אין הויז, האָט נישט פאַרשפּעטיקט צוריקצוקומען. גאָלדע האָט אַלע ווילע זיך געווענדט צו די געסט: „זשאַלעוועט נישט קיין וויין און פאַרבייסט מיט לעקעך און איינגעמאַכץ". מ׳האָט געבראָקט וויצן און דערציילט זיך מעשיות פון דער אַלטער היים און ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אַז איטקע, אַ געבוירענע אין אַמעריקע, וועט ניט באַנעמען זייער מיין — זי איז שוין געווען פאַררעכנט ווי אַן אַריבערגעקומענע פון דער אַלטער היים. שפּאַס און געלעכטער האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן און איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט איז געוואָרן איינס אַ זייגער, ווען ס׳איז שוין צייט אַהיים צו גיין.

13

עס טרעפט אַז אַ קליין קינד קריגט אַ ביסל היץ אָדער צעהוסט זיך אין מיטן דער נאַכט און קען נישט איינשלאָפן. משהס עצה איז תמיד געווען, מע זאָל רופן אַ דאָקטער. גיטל ווידער האָט זיך באַנוצט מיט אַלערליי באָבסקע רפואות אָדער אַראָפּגעשיקט משהן אין אַפּטייק אַריין צו ברענגען אַ וואַסערל צום הוסט אָדער אַ פּראָשעק צו דער היץ. געוויינלעך האָט עס געהאָלפן. משה האָט פון דעסטוועגן איבערגעחזרט דאָס זייניקע: „אַז אַ קינד ווערט קראַנק פּאַרלאָזט מען זיך נישט אויף נסים, נאָר מע רופט אַ דאָקטער". גיטל האָט זיך נישט אָפּגערופן אויף משהס רייד, גענוצט אירע מיטלען פאַרן קראַנק־געוואָרענעם קינד און ס'איז אינגיכן געזונט געוואָרן.

האָט איציקל אין אַ נאָווינע זיך צעהוסט האָט גיטל אים איינגעגעבן דאָס וואַסערל, אַ פּאָר לעפעלעך מאַגנעזיע־מילך און זיך אָנגערופן: „אויב מירן, משה, רופן אַ דאָקטער צו די קינדער צוליב יעדער קלייניקייט, וועט ער דאַרפן דאָ נעכטיקן און טאָגן".

האָט איציקלס הוסט נישט נאָכגעלאָזט, האָט אים גיטל פאַרוועדט אַרויס־צוגיין אין דרויסן. פאַרנאַכט האָט זי אים אַ טאַפּ געטאָן אין שטערן. דער שטערן איז געווען כמעט הייס. האָט די מוטער אַריינגעלייגט דאָס ייִנגל אין בעט, איינגעריבן די פּלייצע מיט שפּירט און איינגעגעבן נאָך אַ פּראָשעק. ס'איז דערפון איציקלען נישט געוואָרן בעסער, ס'איז אָבער נישט געווען צו מערקן קיין פאַרערגערונג. פאַרן שלאָפן גיין, האָט גיטל געקלערט, וועט זי אים געבן אויסצוטרינקען צוויי לעפעלעך פונעם וואַסערל און אויך איינגעבן אַ פּראָשעק. איבערנאַכט וועט דער הוסט ווערן שוואַכער, די היץ — קלענער און אינדערפרי וועט ער זיין נישט מער ווי אָפּגעשוואַכט.

ביינאַכט האָט גיטלען ווי אַראָפּגעטראָגן פונעם געלעגער אַ קוק צו טאָן וואָס דאָס קינד טוט. דער שטערן איז געווען נאַס און די בעקלעך — צעפלאַמט. ביי גיטלען איז נישט געווען קיין שום צווייפל, אַז איציקל איז ערנסט קראַנק. אויפוועקן משהן אַז ער זאָל רופן אָדער גיין נאָכן דאָקטער האָט נישט קיין זינען, ס'איז שוין זייער שפּעט און אַ הויכע היץ איז ביי אַ קינד נישט געפערלעך, איז גלייכער צו וואַרטן ביז עס וועט שאַרייען אויף טאָג.

פאַרטאָג האָט גיטל זיך דערשראָקן פאַר איציקלס אויסזען. ר'האָט זייער אַסך היץ. זי האָט אויפגעוועקט משהן און מיט אַ קרעכץ אים געהייסן וואָס גיכער ברענגען דעם דאָקטער. משה האָט אַ קוק געטאָן אויפן קראַנקן ייִנגל, פאַרשטשעמעט די ציין און כמעט אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

דאָס דינסטמיידל אין דאָקטערס הויז איז שוין געהאַט אויפגעשטאַנען.

משה האָט זיך ביי איר געבעטן, זי זאָל אויפוועקן דעם דאָקטער ווייל זיין יינגל איז מסוכן קראַנק. נאָך קליינמאַנס מרה־שחורהדיק פּנים האָט דאָס דינסטמיידל נישט געצווייפלט אין זיינע רייד און אויפגעוועקט דעם דאָקטער. ווי פאַרשלאָפן דער דאָקטער איז נישט געווען, האָט ער דערהערט אין משהס קול, אַז ער טרייבט נישט איבער. דער דאָקטער האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און זיי האָבן שנעל געשפּאַנט צו משהס הויז.

נאָך אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג האָט דער דאָקטער אָן שום קווענקלעניש געשטעלט דעם דיאַגנאָז, אַז דאָס קינד האָט געקראָגן אַ לונגען־אַנטצינדונג. דער דאָקטער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט, געגעבן אָנווייזונגען, וויאַזוי אַרומצוגיין אַרום קראַנקן קינד און צוגעזאָגט אַריינצוקומען פאַר־נאַכט־צו.

דער דאָקטער איז געווען אַ באַרעדעוודיקער. דאָס מאָל אָבער איז ער געווען קאַרג אויף אַ וואָרט. נאָכן דאָקטערס אַוועקגיין זענען די קליינמאַנס געוואָרן ווי פאַרשטיינערט. איבער גיטלס פּנים האָט זיך פאַרצויגן אַ שוואַרצער וואָלקן. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און פון איר האַרצן האָט זיך אַרויס־גערופן: „וואָס קען מען טאָן ?"

— „צום אַלעם ערשטן וועט מען דאַרפן אָנזאָגן לאַהקען, אַז זי זאָל נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון איציקלס צימער" — האָט פון משהן אַרויסגערעדט די פאַרזיכטקייט.

— „מ'עט עס דאַרפן טאָן" — האָט גיטל ווי נאָכגעבאַמקעט.

— „מע דאַרף נישט איבערליגן תמיד אין איציקלס צימער" — האָט משה ממשיך געווען. — „קום בעסער, גיטל, אַריין אין קיך, מירן מאַכן אַ גלאָז טיי און דערנאָך אימער אַ קוק טאָן וואָס איציקל טוט.

משה האָט גיטלען אָנגענומען ביי דער האַנט און אַריינגעפירט אין קיך, אַנידערגעזעצט זי אויף אַ שטול און אַרויפגעשטעלט אויפן פּרימוס אַ טשייניק וואַסער אויפצוזידן. ווען די טיי איז פאַרטיק געוואָרן האָט ער געזען, אַז גיטל זאָל אויסטרינקען אַ גלאָז טיי און צובייסן מיט אַ פּאָר קיכלעך. דערנאָך האָט ער זי צוגעפירט צו דער קאַנאַפּע. גיטל האָט זיך צוגעלייגט און אָפּ־געשלאָפן אַ שעה צוויי.

אויפדערנאַכט האָט אַ פאַרסאָפּעטער זיך אַריינגעשטעלט דער דאָקטער. „איך קען זיך נישט צערייסן, — האָט ער אַריבערטרעטנדיק די שוועל ווי פאַרענטפערט זיך. „ אַהערצו מוז איך צוגיין און אַהינצו דאַרף איך צוגיין".

— „אַזוי איז שוין דאָס לעבן פון אַ דאָקטער, — האָט משה געלאָזט וויסן דעם דאָקטער, אַז ער האָט נישט קיין טענות צון אים פאַר זיין פאַר־שפּעטיקונג.

נאָכן אונטערזוכן דאָס קראַנקע יינגל האָט דער דאָקטער זיך אָפּגערופן: „ס'איז אים חלילה נישט געוואָרן ערגער, קען אים מאָרגן, מיט גאָטס הילף, ווערן בעסער".

— „הלוואי, גאָטעניו״ — האָט גיטל מיט אַ ציטערדיק קול אַרויס־גערעדט.

—„ אָמן״ — האָט משה שטיל געשעפּטשעט.

צומאָרגנס האָט מען גערופן דעם דאָקטער, וואָרעם איציקלען איז געוואָרן ערגער. נאָך אָנטאַפּן ביים קראַנקן דעם דופק און איינהערן זיך מיטן רערל צום האַרץ און די לונגען, איז דער דאָקטער געבליבן שטיין אַ שוויגנ־דיקער, וואָס האָט געמיינט אַז קיין גוטס קען ער נישט צוזאָגן און מיט קיין שלעכטס וויל ער נישט אָנשרעקן. די קליינמאַנס האָבן דערפילט אַז דעם דאָקטערס שוויגן האָט קיין גוטע בשורה נישט אָנגעזאָגט. גיטל האָט צענומען די הענט און פון איר האַלז האָבן זיך אַרויסגעריסן יאושדיקע ווערטער: „איז שוין נישטאָ קיין שום מיטל, דאָקטער?

— „דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן צו טאָן, איז צו רופן דעם בעסטן דאָקטער. איר ווייסט וועמען איך מיין — האָט דער דאָקטער אויפגעהויבן די מידע אויגן.

ווען דער „בעסטער״ דאָקטער האָט פאַרענדיקט צו אונטערזוכן איציקלען האָט מען געקענט איבערלייענען אויף זיין אויסגעצויגן פּנים, אַז כאָטש ער וועט פאַרשרייבן אַ פּאָר רעצעפּטן, קען נאָר אַ נס ראַטעווען איציקלען. קיין נס איז נישט געשען און דאָס קינד האָט דיזעלבע נאַכט נאָך אויסגעהויכט דעם אָטעם.

איציקל איז נישט אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, נאָר אַריינגעקליבן זיך אין גוף און נשמה פון זיינע עלטערן. אין זייערע רייד האָט זיך געהערט איציקלס קול און צו זייערע טאָוונגען איז ער געווען אַ שטיקל שותּף.

האָט גיטל מיט אַ סך צערטלעכקייט געגלעט לאהקען, האָט משה געקוקט אויף דער טאָכטער מיט פאַרבענקטע אויגן — זענען דער גלעט און צערט־לעכקייט אויך צוגעטיילט געווען איציקלען וואָס איז אויסערלעך נישטאָ, אָבער אינערלעך — יאָ דאָ.

האָט גיטל נישט געקענט קושן דעם אָן־גופיקן איציקלען, האָט זי טאָפּלט געקושט לאהקען. האָט די טאָכטער עטלעכע מאָל געניאָסן, האָט די מוטער שטאַרק געציטערט אַז דאָס קינד זאָל חלילה נישט קראַנק ווערן. האָט לאהקע געקראָגן אַ קאָפּוויטיק, האָט די מוטער זי באַלד אַריינגעלייגט אין בעט, געגעבן איר אַ לייכטן אָפּפירמיטל און אַרויפגעלייגט אַ קאַלטן קאָמפּרעס אויפן שטערן איז דער קאָפּוויטיק נישט פאַריבערגעגאַנגען מיט אַ שעה־צוויי שפּעטער, האָט זי גערופן דעם דאָקטער. האָט דער דאָקטער זי פאַרזיכערט אַז אין צוויי־דריי שעה אַרום וועט לאהקע נישט ווייסן פון קיין שום קאָפּ־וויטיק, האָט גיטל אויפגעלעבט — אַבי אָפּגעקומען נאָר ניט שרעק.

נאָכן טויט פון זיין יינגל האָט זיך אין משהן איינגעגעסן אַ נאָגנדיקער צער. ער האָט ווי געזען איציקלס גרויסע פאַרלאָפּענע אויגן, וואָס האָבן זיך

איינגעגראָבן אין אים וואָס טיפער און דער ווייטיק האָט גענאָיעט וואָס מער. קליינמאַן איז נישט איינגעזעסן אויף אַן אָרט, אַן אַ שום ציל געשפּרייזט פון איין צימער אין צווייטן, געוואָרפן בליקן אין אַלע זייטן און גאָרנישט געזען. ער איז געווען אויסגעליידיקט פון אַ מינדסטער טראַכטעניש און אַ שווערע טעמפּע מאַסע האָט זיך צעלייגט איבער אים. האָבן משהס אויגן זיך צעעפנט און דערזען ווי גיטל האָט געצערטלט לאהקען וואָס האָט זיך באַקלאָגט אויף אַ קאָפּווייטיק האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין האַרצן. דאָס האָט אים דערמאָנט דעם דאָקטערס ווערטער צו גיטלען, ווען ער האָט צום צווייטן מאָל אונטער־זוכט איציקלען: „פאַרוואָס האָט איר מיך נישט גערופן ווי באַר דאָס קינד האָט געקראָגן אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק?" משה איז דעמאָלט געווען אין צווייטן צימער, וואוהין ער איז אַריינגעגאַנגען איינצונעמען די ווייַנענדיקע לאהקע. ער איז געבליבן שטיין מיט אָנגעשפּיצטע אויערן — וואָס פאַר'אַן ענטפער וועט זי דעם דאָקטער געבן? קיין ענטפער איז נישט געקומען און משה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

נאָך דער דערמאָנונג זענען געקומען אויפרעגונגען. פונעם דאָקטערס טענה האָט זיך ביי משהן געוועקט אַ גלויבן(אַז וואָלט גיטל געשיקט נאָכן דאָקטער ווי נאָר איציקל האָט געקראָגן אַ קאָפּווייטיק, וואָלט מעגלעך געווען אים צו ראַטעווען. ס'איז משהן אַפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז זיין ווייב האָט אומיסטן זיך אָפּגעהאַלטן פון רופן דעם דאָקטער. ר'האָט נאָר נישט געקענט פאַרטראָגן, וואָס תמיד פאַרלאָזט זי זיך אויף באָבסקע רפואות. וואָלט איציקל נישט געשטאָרבן, וואָלט אויך דאָס מאָל משה געברוגזט זיך אַ ביסל און איינגיכן פאַרגעסן. איציקלס פאַרלאָפענע פיבערדיקע אויגן טרעטן אָבער נישט אָפּ און וואָרענען אַז גיטל זאָל מער זיך נישט באַנוצן מיט באָבסקע רפואות. און זי טוט זיך דאָס איריקע, זי היילט לאהקען מיט וואַסערלעך און פּראָשקעס, וואָס זי קריגט ביים אַפּטייקער. אויף משהס ווענדונג צו איר, אַז זי זאָל לאהקען מער נישט היילן מיט די רפואות, אין זי אים נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער. — „אויב דו מיינסט, אַז איציקל איז מיר נישט געווען איינגעבאַקן אין האַרצן מאַכסטו אַ גרויסן טעות. ווי קען מען פאַרגעסן אַזאַ טייער קינד? קעגן אַן אומגליק אָבער, — האָט זי צעשפּרייט די הענט, — קען מען זיך נישט ווערן. און רופן דעם דאָקטער ווי נאָר ביי לאהקען ווערן רויט די אייגעלעך איז אַן אומזין. ערשט דערמיט מאַכט מען קראַנק דאָס קינד. קינדער און אויך דערוואַקסענע דאַרפן פאַר־האַרטעוועט ווערן, אַזוי האָט מיין מאַמע מיך אויפגעהאָדעוועט און אַזוי וועל איך אויפהאָדעווען אונזער טאָכטער".

— „איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דו ביזט אַ גאַנצע פילאָזאָפקע — האָט משה זיך געחידושט אויף איר שטייגער רעדן.

— „פילאָזאָפיע, משה, וועל איך איבערלאָזן פאַר דיר און דערציען לאהקען וועל איך".

פאַר קליינמאַנען איז פלוצים אויסגעוואַקסן אַ נייע גיטל. אַזעלכע שאַרפע רייד האָט ער געהערט פון איר דאָס ערשטע מאָל, און ס'איז פאָרגעקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַז ער האָט נישט געוואוסט וואָס איר צו זאָגן. וואָסערע מיטלען אָנצונעמען קעגן דעם, אויב עס וועט קומען צו ווייטערע מחלוקתן, וועט ער שפעטער זען. עס איז אויך מעגלעך, אַז נישט ווילנדיק האָבן זיך פון איר אַרויסגעכאַפט שאַרפע רייד. איז דערווייל זאָל עס אָנגיין אויף אַזאַ אופן, וועט ער, משה, זיין דערביי ווען לאהקע איז נישט מיט אַלעמען, וועט ער רופן דעם דאָקטער. וועט גיטל דעמאָלט זיין אַליין אין שטוב, וועט זי טאָן ווי איר געפעלט.

מאַן און ווייב זענען געווען צערודערט פון איציקל סטויט און קיינעם פון זיי איז נישט איינגעפאַלן אַז ביידנס איבערגעאיילטע רייד און האַנדלונגען, איצטיקע און שפעטערדיקע, קומען פון איין שורש...

זייער צוזאַמענלעבן איז אָנגעגאַנגען ווי פריער, יעדערער האָט צוגעזען, אַז ס'זאָל נישט קומען צון אַ מחלוקת. איז אין זייערע פאַרהעלטענישן געווען צו מערקן נאָר אַ ביסל אָנשטרענגונג, וואָס איז אינגיכן פאַרשוואונדן. זיי האָבן געלעבט מיט גרויסע האָפענונגען — זיי זענען נאָך יונגע מענטשן און וועלן געוויס נאָך האָבן קינדער. משהן איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות נאָך אַ ייִנגל, גיטל האָט אויך געוואָלט האָבן אַ ייִנגל, עס זאָל זיין אַ פאָרל, אָבער אַ מיידל וואָלט אויך נישט אויסגעמאַכט, אַבי כאָטשבי נאָך איין קינד.

עס איז אַוועק אַ יאָר, צוויי. גיטל איז אַלץ נישט פאַרגאַנגען אין טראָגן. כאָטש גיטל האָט גוט געוואוסט, אַז ס'איז אַן אומזיסטע טירחה, איז זי פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען צון אַ פאָר דאָקטוירים. זיי האָבן איר געגעבן האָפענונגען, אַז זי וועט נאָך טראָגעוודיק ווערן, וואָס איז נישט מקוים געוואָרן. משה האָט גערעכנט, אַז מיטן האָבן אַ קינד, אַ ייִנגל, וועט ער פאַרגעסן אָן איציקלען. קיין קינד איז נישט געקומען וואָס משה האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן און עס איז נישט פאַרלאָפן קיין וואָך, אַז איציקל זאָל אים נישט קומען אויפן געדאַנק.

די דערמאָנונג אינעם פאַרשטאָרבענעם ייִנגל איז פאַמעלעכל איבערגעגאַנגען אין אַ שטענדיקער נאָגעניש — פאַרוואָס איז אים געקומען אַזאַ קלאַפ? אין דער גאַנצער געגנט איז געשטאָרבן איין קינד פון לונגען־אָנצינדונג און איציקל איז גראָד געווען דער קרבן. פאַרוואָס האָט דער דאָקטער געהאַט טענות צו גיטלען וואָס זי האָט אים נישט גערופן מיט אַ טאָג־צוויי פריער? דער דאָקטער איז כמעט געווען זיכער אַז וואָלט ער אונטערזוכט דאָס קינד באַצייטנס, וואָלט איציקל געזונט געוואָרן.

משה האָט נישט געצווייפלט אַז נאָר צוליב גיטלס נאַכלעסיקייט איז געקומען דער גרויסער בראָך. האָט ער אויסגעמיטן צו קוקן אויף זיין ווייב. האָט ער עס אַמאָל געטאָן, האָט זיך אין אים דערוועקט אַ כעס אויף איר, זי האָט דערפירט צום אומגליק, איציקלס אויגן אָבער, אָנגעפילטע מיט

צער, האָבן ווי געקוקט אויף אים מיט פּאַראיבל: — פאַרוואָס האָסטו נישט געזען אַז מע זאָל רופן דעם דאָקטער אין צייט? ס'איז מסתמא אמת, אַז ער, משה, האָט אויך אַ חלק אין דעם אומגליק. ער אַליין האָט אויך באַדאַרפט זיין אויף דער וואַך און נישט איבערלאָזן דעם גאַנצן עול אויף גיטלען. גאָר איינגיכן אָבער איז געקומען אַ פאַרענטפערונג — די מאַמע גיט דער'עיקרשט אַכטונג אויף די קינדער.

14

עטלעכע וואָכן נאָכן טויט פון איציקלען זענען אין קליינמאַנען אַנגעגאַנגען אַלערליי טראַכטונגען.

איין יידן שטראָפט גאָט ווייל ער איז נישט גענוג פרום, אַ צווייטן יידן וואָס דינט גאָט בכל אהבות נפשו גיט ער פרנסה מיט אַ פולער האַנט און אויך זיינע קינדער גייען נישט אַראָפּ פונעם גלייכן וועג. עס טרעפט אָבער נישט זעלטן אַז אַ ייד איז כל ימיו אַ שלימזל כאָטש ער היט אָפּ אַלע תרי״ג מצות מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט, דערויף איז גאָט אַ בוחן לבבות און פאַר אים איז נישט פאַרהוילן וועך עס דינט אים מיט אַ ריין האַרץ און ווער — נישט.

ער, משה, איז נישט קיין פרומער ייד און אַזוינע ווי ער זענען פאַראַן זייער אַ סך. איז ביי אַנדערע נישט־פרומע יונגעלייט פון אַלצדינג דאָ לרוב, זייערע קינדער זענען געראָטענע און וואַקסן ווי אויף הייוון און אים האָט גאָט געשטראָפט אין צווייען — דער בן־יחיד איז אים אַוועקגעשטאָרבן און אַן אַנדער זון איז נישט געקומען. פאַרוואָס האָט ער געקראָגן אַזאַ שווערע שטראָף, פאַרוואָס ? . . .

ביי פרומע יידן איז אויך נישט אַזוי גלאַטיק ווי ס׳קוקט אויס אויפן ערשטן בליק. איין פרומער ייד בעט גאָט די שפע זאָל זיך פאַרמערן. פרנסה איז טאַקע דאָ איבערן קאָפּ, אָבער די יידענע וויל פאָרן אין די וואַרעמע בעדער און מיט איר וועט געוויס מיטפאָרן די אויסגעגעבענע טאָכטער. דאַרף עס אָפּקאָסטן אַ מאַיאָנטעק מיט געלט. וועט ער נישט נאָכגעבן דער יידענע איר פאַרלאַנג וועט זי נישט אויפהערן צו שוויגן. רעד פון היינט ביז מאָרגן און זי עפנט נישט דאָס מויל ביזקל ער זאָגט איר נישט צו, אַז וועט זי מיט דער טאָכטער אַוועקשיקן אין די וואַרעמע בעדער כאָטש ר׳איז נישט בכיח אויסצוגעבן אַזויפיל געלט.

אַ צווייטער פרומער ייד טוט תפילה טאָן צו גאָט די לייזונג זאָל זיך ביי אים פאַרמערן, וועלן די קינדער האָבן אַ וואַרעם געקעכץ און נישט גיין אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן.

עס געשעט נאָך ערגערס. עס קומט פאַר אַ מלחמה צווישן צוויי פעלקער. אין ביידע לאַגערן איז מען כמעט ווי זיכער אַז מאָרגן אינדערפרי וועט פאַרקומען די גרויסע שלאַכט, שטייען די זעלנער אויף די קני און בעטן גאָט ער זאָל זיי העלפן צו פאַרטיליקן דעם שונא. געוויינלעך פאַרשפּילט איין צד און דער אַנדערער געווינט. דערפון קען מען דרינגען אַז דער רבש״ע וועט זיך צוהערן צו די תפילות פון איין צד און פאַרטיליקן דעם צווייטן.

וויאַזוי זשע וועט עס געשען? נישט אַנדערש אַז גאָט וועט וועגן און מעסטן די תפילות פוןביידע צדדים און ווען עמענס צד ס'האָט איבערגעוואויגן, דער האָט געוואונען. און אפשר גאָר פירט גאָט אַזאַ חשבון וואָס איז דעם מענטשלעכן שכל שווער משיג צו זיין?

ווידמענען זיך דען נישט ביליאָנען באַשעפענישן אינעם ים און אויף דער יבשה, קליינטשיקע און גאָר גרויסע? ווי זשע קען עס געמאָלט זיין אַז דער אדון עולם זאָל פירן אַ חשבון וועלכער אָדלער זאָל פאַרטיליקן די קאַטשקע, וואָסערע טשערעפּאַכע זאָל אויפפרעסן דעם וואָרעם און וועלכע פיש זאָלן אַריינפאַלן אינם שלונג פונעם לויתן? איז מעגלעך פאַרן מענטשלעכן מוח זיך פאָרצושטעלן אַז דער באַשאַפער פון מיליאָנען שטערן זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַלעכע נישטיקע זאַכן?

עס זענען געשאַפן געוואָרן אַלערליי רעליגיעס און פעלקער זענען גרייט צו גיין אויף קידוש השם פאַר זייער גלויבן ווען אַנדערע — האָבן גענומען אויף זיך דעם הייליקן חוב צו פאַרשפּרייטן אַן אַנדער גלויבן מיטן כוח פון דער שווערד. זיי האָבן נישט גע'הרגעט קיין מענטשן צוליב רויבעריי אָדער גלאַט אַזוי זיך, האָבן קיינעם נישט געהאַט אין זינען שלעכטס צו טאָן, און ווער ס'האָט אָנגענומען זייער „אמתע" רעליגיע, האָט געקראָגן די זכיה צו האָבן ביידע וועלטן, די וועלט און יענע וועלט. דער יעניקער אָבער וואָס וועט נישט באַוויליקן צו באַקערן זיך צום אמתן „גלויבן" וועט אָנווערן ביידע וועלטן. ער טאָר דעריבער נישט פאַראומרייניקן גאָטס וועלט און דאַרף פאַרטיליקט ווערן.

משה קליינמאַן האָט נישט אויסגעלייגט זיינע טראַכטענישן פאַר פריינט און נאָענטע באַקאַנטע. טעג און וואָכן איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם התוהו, געמוח'ט, געוואָלט דעריגיין וואָס אַזוינס קומט פאַר מיטן מענטשן. איז אים קלאָר געוואָרן ווי די וועלט זעט אויס מיט אַלע אירע באַשעפענישן, אַן שום באַפּוצונגען, האָט ער געקראָגן אַ ווידערווילן צו זיך אַליין. איז דען נישט מעגלעך אַז אים איז באַפאַלן אַזאַ משוגעת און ער זעט אַלצדינג מיטן קאָפּ אַראָפּ? וואָס ס'האָט ביז אַהער פאַר אים אויסגעקוקט גוט און שיין, איז מיטאַמאָל געוואָרן שלעכט און מיאוס. ווי איז עס מעגלעך אַז קיינער פון זיינע פריינט און חברים מיט וועלכע עס איז אים נישט איינמאָל אויסגעקומען צו שמועסן וועגן אַזעלכע און אַנדערע ענינים האָט קיין איינמאָל אפילו נישט אָנגעוואונקען אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק מיטן מין מענטש? אויב דאָס האָט נישט געטראָפן, איז נישט מעגלעך אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק מיט אים אַליין? עס וואָלט דעריבער נישט געווען קיין קרומע זאַך דורכצושמועסן זיך מיט זיינע נאָענטע פריינט. אפשר וועט דערפון עפּעס אַרויסקומען און אים וועט קלאָר ווערן וואו ער איז אויף דער וועלט.

— „ווי קען מען זיך אויסמאָלן אַז גאָט זאָל זיך אָפּגעבן מיט די טראַכטענישן און וועלענישן פון אַלע מינים באַשעפענישן אויף דער ערד און

אַנדערע ערדן? — האָט משה געשטעלט זיינע פריינט אַ תמ׳עוואַטע פראַגע כדי אַ טאַפּ צו טאָן דעם דופּק וויאַזוי זיי פאַנאַנדערקלייבן זיך אין אַזעלכע ענינים.

— „ערשטנס, איז ביי גאָט אַלץ מעגלעך, — האָט אים יאָסל געענטפערט. — „וואָס דער רבש״ע קען טאָן, איז פאַר אונז, פּשוטע בשר ודמס, נישט משיג צו זיין. צווייטנס, האָט גאָט געגעבן דעם מענטשן די בחירה חפשית, ער זאָל האָבן די ברירה צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס.

— „מיר דוכט זיך, יאָסל, אַז דו האָסט זיך כותר געווען. — האָט משה זיך געחידושט. — אויב ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך, צו וואָס זשע האָט ער געגעבן דעם מענטשן די בחירה חפשית? ער האָט דאָך געקאָנט באַשענקען דעם מענטשן מיט אַ נייגונג צו טאָן גוטס.

— „איך האָב זיך גאָר נישט סותר געווען, — האָט יאָסל דערקלערט משהן — „ביי גאָט איז טאַקע אַלץ מעגלעך, נאָר האָט מיט אַ כיוון געגעבן דעם מענטשן די בחירה חפשית. דער צדיק קלייבט אויס דאָס גוטע און ווערט באַלוינט, דער רשע — דאָס שלעכטע און ווערט באַשטראָפט.

— „אילע צדיקים ווערן באַלוינט, און אילע רשעים — באַשטראָפט? — האָט משה אָפּנהאַרציק אים געפרעגט.

— „זיכער — איז יאָסלס קול געווען קרעפטיק. — „אויב נישט אויף דער וועלט, איז אויף יענער וועלט.

— „גלויבסטו טאַקע, יאָסל, אַז ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט? — האָט משה געקוקט אים אין די אויגן.

— „געוויס גלויב איך. — האָט יאָסל נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— „גלויבן קען מען אין אַלצדינג און איך האָב ליב צו וויסן. — האָט משה איינגעזען אַז דער שמועס וועט אין ערגעץ נישט דערפירן.

— „ווייסטו, משה, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט? — האָט יאָסל אים אַ פרעג געטאָן.

— „זיכער ווייס איך. — איז געקומען אַן ענטפער פון משהן.

— „און איך ווייס אַז ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט. — האָט אין יאָסלס קול געהערט זיך אַ זיכערקייט.

— „וויסן צו וויסן איז נישט גלייך, יאָסל, — האָט משה אים געוואָרנט מיטן פינגער — איך ווייס אַז לעבן מיין הויז איז דאָ אַ גרוב ווייל כ׳האָב אים געזען, אָבער גאָט האָט קיינער נישט געזען, אַפילו משה רבינו נישט. אַז מע קוקט זיך איין אין די אומצאָליקע שטערן, אין דער זון און דער לבנה, איז דער שכל מתחייב אַז זיי זענען ווען עס איז באַשאַפן געוואָרן, צי פון אַ יש אָדער פון גאָרנישט, צי גאָט האָט זיי פון זיך אויסגעשיידט ווי באַזונדערע קערפּערשאַפטן, דאָס אימער קיינמאָל נישט דערגיין. אָט דער פּראָצעס הייסט „שאַפונג״ און דעם באַשאַפער רופן מיר אָן „גאָט״. דיין וויסן אַז ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט, אַ גן עדן און אַ גהינום, איז דער שכל נישט מחייב, אָדער

שאַרפער אויסגעדריקט, עס פליסט נישט אַרויס פון לאָגישער בויטוועגדיקייט, ס׳איז נישט קיין וויסן, נאָר אַ גלויבן, און גלוימן קען מען אין אַלצדינג, אַפילו אין שדים און רוחות.

— „דער גלויבן אין שדים און רוחות איז גאָלע שטות׳עריי — האָט יאָסל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — „דער עיקר אָבער פון אַלע רעליגיעס איז גלויבן אין גאָט און אין יענער וועלט, זיי זענען ווי אַ צענויפגעוואַקסענער צווילינג וועלכן מע קען נישט פאַנאַנדערטיילן. שיקט זיך אַז אילע רעליגיעזע פירער זענען געווען געריירט פון זינען און דערימעד נישט אויסגעלאָזט יענע וועלט ?

— „ערשטנס, יאָסל, איז אין חומש יענע וועלט נישט דערמאָנט און משה רבינו איז, דוכט זיך, געווען ביים פולן זינען. ווי מיר געדענקט זיך איז „יענע וועלט״ אַריינגעדרונגען אין יידישן באַוואוסטזיין ערשט אין דער צייט פון בית שני. צווייטנס, איז מסתמא דאָ ערגעץ וואו אַ רעליגיע וואָס האָט אויסגעלאָזט יענע וועלט, און דאָס וואָס אין די מערסטע רעליגיעס איז יענע וועלט נישט אָפּגעטיילט פונעם גלויבן אין גאָט, נעמט זיך, רעכן איך, דערפון וואָס דער מענטש קען נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז נאָכן טויט וועט פון אים ווערן ניט מער ווי אַ ביסל שטויב.

— „נאָך דיין חות דעת קומט אויס, — האָט יאָסל געשטוינט, — „אַז דער מענטש האָט אויסגעטראַכט אַ יענע וועלט כדי ער זאָל אויסקוקן אין זיינע אייגענע אויגן העכער פון אַ בהמה. אַז דער מענטש איז אַ בחיר היצירה איז אפשר אויך אַן אויסטראַכטעניש ?

— „ס׳איז אַ זיכערע זאַך אַז דער מענטש איז אַ בחיר היצירה, — האָט משה אויפגעהויבן דאָס קול ווי עס וואָלט אים פאַרדראָסן וואָס יאָסל האָט אים געשטעלט אַזאַ קלאָץ־קשיה — „און נישט נאָר מיט רייד, נאָר מיט מעשים. דער מענטש האָט וויסטענישן וואו דער אור־מענטש האָט געלעבט אין אַ פינצטערער הייל, פאַרוואַנדלט אין גרויסע בליענדיקע שטעט. איבער צוויי גרויסע שכנישע בערג האָט ער איבערגעוואָרפן אַ בריק און פאָרט זיך דאָרט באַקוועם אויף אַ באַן, רעדט זיך דורך מיט זיין הויזגעזינד וואָס איז הונדערטער מיילן ווייט פון אים. דערפון איז נישט געדרונגען אַז דער מענטש קען בייטן דעם גאַנג פון די שטערן אָדער נאָכן טויט וועלן אויפן הימל זיין אָנגעגרייט פאַר אים טייערע פּאָטראַוועס און פליושענע מעבל.

— „ס׳האָט דאָך גענומען טויזנטער יאָרן איידער מיר האָבן דערגרייכט דעם איצטיקן מצב, — האָט חנה זיך באַקלאָגט. — „האָט עס נישט געקענט צוגיין אַ ביסל שנעלער ?

— „ערשטנס האָבן מיר, חנה, אין די לעצטע פופציק יאָר אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס מיט שנעלע טריט. ערשט אין 1927 האָט לינדבערג געוואַגט אַריבערצופליען דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן אויף אַ קליינעם עראָפּלאַן און איצט פליען אָן אַ שיעור עראָפּלאַנען אין די ווייטסטע מקומות. חוץ דעם

האָבן מיר אַזאַ גרויסע שפּע אין פּראָדוקטן און אַלערליי מאַשינען אַז ס׳איז צום שטוינען. איבעריגנס, גייען אייניקע מענטשן פּאַמעלעך און אַנדערע שפּאַנען שוואַליאַם. דאָס אייגענע קומט פֿאָר אין אַ געזעלשאַפֿט. אין איין צייטאָפּשניט גייט צו די פֿאַרבעסערונג בהדרגהדיק און אין אַן אַנדער פּעריאָד פֿאַרגרעסערט זיך די שפּע זייער שנעל. סיבות זענען פֿאַראַן אַסך און נישט תמיד קען זיך דער מענטש צעפֿירן די הענט. ס׳האָט גענומען טויזנטער יאָרן איידער מיר האָבן בייגעקומען דעם אָקעאַן. איצט זענען מיר כמעט די באַלעבאַטים איבער די ים־וואַסערן. מיט דער לופֿט פֿירט אָן דער מענטש אַ שווערן געראַנגל. עס גייט נישט אַוועק, דוכט זיך, קיין איין טאָג אַז עס זאָל נישט קראַכן קיין עראָפּלאַן. עס קומען אום מענטשן און מע פֿליט פֿונדעסטוועגן ווייטער. אַלעמאָל קומט פֿאָר אַ פֿאַרמעסט צווישן מענטש און די כוחות פֿון דער נאַטור.

חנה האָט ליב געהאַט צו פֿירן אַ שמועס און נאָך מער איז איר געווען צום האַרצן ווען מ׳האָט געשטעלט קשיות, וואָרעם אויף אַ קשיה איז געקומען אַן ענטפֿער. איז דער ענטפֿער געווען אַ געראָטענער האָט זי אָנגעקוואָלן. אויב נישט, האָט אויך נישט אויסגעמאַכט — נישט אויף אַלע קשיות קען מען געבן געלונגענע ענטפֿערס. האָט זי איינמאָל זיך אָנגערופֿן:

— „ווי איך פֿאַרשטיי, משה, מאַטערן דיך אַ סך זאַכן אין לעבן, שטעלסט קשיות און זוכסט ענטפֿערס, אַמאָל געפֿינסטו זיי און אַמאָל — נישט. שפּעטער אַ ווײַלע שטעלסטו ווייטער פֿראַגעס...

— „האָסט געטראָפֿן, חנה, — האָט משה געווענדט צו איר די אומעטיקע אויגן. — „אַ סך זאַכן פֿייניקן מיך די לעצטע צייט, מער ווי דו שטעלסט זיך פֿאָר. איך קוק מיט נייגעריקע אויגן אויף אַלץ און אַלעמען, שטעל קשיות און געפֿין אָפּטמאָל נישט קיין ענטפֿערס.

בעת משה האָט, שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, זיך אַריינגעשטעלט צו די הובערמאַנס אין הויז, איז דער קליינער עולם געזעסן אַרום טיש און געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך. מיט זיין אַריינקומען איז דער שמועס איבערגעריסן געוואָרן.

— „אָט זיץ איך שוין אויף אַ בענקל, — האָט קליינמאַן אַפּירגעריקט אַ שטול, — און גייט אָן מיט אייער געשפּרעך.

— „דעם מענטשנס עובדא איז צו בויען. — האָט מאָטל איבערגעחזרט די פּאָר ווערטער ביי וועלכע ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ווען משה איז אָנגעקומען. — יעדער דור איז ממשיך דאָס אָפּגעטאָנענע פֿונעם פֿריערדיקן דור. אויב אַ דור שטעלט אָפּ, צוליב געוויסע סיבות, זיינע בוי־פּלענער אָדער ווערט געשטערט זיי דורכצופֿירן, איז נישט נאָר גייט מע נישט פֿאָרויס, נאָר מע גייט אויף צוריק.

— „דאָס איז דאָך אַלף־בית, מאָטל. — האָט איציק אים איבערגעשלאָגן. „מענטשן שטעלן תמיד אויף נייע געשעפֿטן, הייזער און אינסטיטוציעס, פֿרעג

איך דיך וואָס בלייבט פון די אַלע זאַכן ווען אַ פאָלק אָדער מלוכה גייט אונטער?

— „עס שטייט אויף אַ ניי פאָלק אָדער מלוכה און נעמט זיך בויען אויף די אַלטע חורבות. — האָבן מאָטלס אויגן זיך צעבליצט.

— „נאָכן אונטערגאַנג פון אַ פאָלק אָדער מלוכה בלייבט מער ווי אַ חורבה. — האָט משה זיך אַריינגעמישט. — עס בלייבן עטלעכע ביכער וואָס די הינטערשטעליק דאָס פאָלק איז נישט געווען אין געלערנטקייט.

— „פון פאַרבליבענע עטלעכע ביכער שאַפט זיך נישט ביי אַ פאָלק קיין ניי לעבן און קולטור. — האָט מאָטל מיט פאַרחידושטע אויגן געקוקט אויף משהן.

— „מסכים, — האָט משה פאַטאַקעוועט, — יעדעס פאָלק שאַפט זיין אייגן לעבן און מיט דער צייט ווען דער קיום פונעם פאָלק איז פאַרזיכערט, קוקן אַריין די פירער אין די איבערגעבליבענע כתבים פונעם אונטער־געגאַנגענעם פאָלק, וואַרפן אָפּ דאָס פסולת, נאָך זייער פאַרשטאַנד, נעמען אָן דעם עיקר און ווענדן אים אָן כדי צו מאַכן דאָס אייגענע פאָלק רייכער, שטאַרקער און גרעסער.

— „די עטלעכע ספרים וואָס זענען איבערגעבליבן נאָכן חורבן בית שני, — האָט יאָסל אַריינגעשטעלט אַ פּאָר ווערטער, — דערהאַלטן אונז ביים לעבן, אָן זיי וואָלטן מיר שוין לאַנג געווען אונטערגעגאַנגען אין גלות.

— „מיר האָבן טאַקע נישט געלעבט אין גלות, — האָט מאָטל כמעט אויסגעשריען, — נאָר געהאַלטן אין איין גוססען. ווען מירן זיך אומקערן קיין ארץ ישראל, וועמיר אויסגלייכן אונזערע אויסגעבויגענע פּלייצעס.

— „וויז מיר נאָך אַ פאָלק וואָס איז אין דער פרעמד אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל שונאים, זאָל גוססן צווי טויזנט יאָר און דאָך בלייבן לעבן? — האָט משה פון אויפרעגונג זיך אונטערגעהויבן, — „האָבן די יידן נאָכן צווייטן חורבן געגוססעט אין מצרים און אין בבל, אין שפּאַניע און אין פּוילן? פון אַ גוססדיק פאָלק קומט נישט אַרויס קיין סעדיה גאון, יהודה הלוי אָדער רמב״ם. וואו האָבן די יידן געהאַט דעם ועד ארבע ארצות און וואו האָבן געבליט ישיבות, נישט אין פּוילן? אפילו אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן די יידן נישט געגוססט. אַ וואונדערלעכע יידישע יוגנט איז אויפגעוואַקסן אין אוקראַינע, פּוילן און ליטע. פון אַ גוססדיק פאָלק קומט אַרויס אַזאַ יוגנט? ענטפער מיר אָן שום דריידלעך...

— „די האָפענונג אומצוקערן זיך קיין ארץ ישראל איז קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן געוואָרן ביים יידישן פאָלק, — האָט מאָטל שטיל אָנגעהויבן. — „אינעם גאָלדענעם פּעריאָד פון דער שפּאַנישער עפּאָכע האָט יהודה הלוי אויף די עלטערע יאָרן זיך אַוועקגעלאָזט קיין ארץ ישראל. עטלעכע מאָל האָבן זיך שפּעטער געשאַפן באַוועגונגען אויפצובויען ארץ ישראל ווי אַ יידישע מדינה און זענען דורכגעפאַלן. אין די בעסטע צייטן פון אונזער צוזאַמענלעבן

מיט די גוייִשע שכנים. — האָט מאָטל געהערט דאָס קול, — „איז די בענקשאַפט נאָך ציון ניט געוואָרן קלענער און די ציוניסטישע באַוועגונג איז געגאַנגען באַרג אַרויף אין רוסלאַנד ווען די גלייכבאַרעכטיקונג פונעם יידישן פאָלק איז געווען ווי אויף דער האַנט ווייל דעמאָלט ערשט איז די מורא אויסצומישן זיך מיט די איבעריקע פעלקער געווען זייער גרויס.

— „איך האָב דיך געפרעגט, מאָטל, ווען האָבן די יידן געגוסט אין גלות און דו האָסט מיר באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס אַז די יידן האָבן תמיד געבענקט נאָך ציון, — האָט משה זיך ניט געקענט איינהאַלטן, — „איז דאָס אַן ענטפער?

— „ווי איך זע, משה, האָסטו מיך ניט ריכטיק פאַרשטאַנען, וועל איך ריידן קלאָרע דיבורים. דאָס יידישע פאָלק האָט אַ שטאַרקן דראַנג צום לעבן. האָבן די גויים אונז אונטערדריקט, האָבן מיר ניט אָפּגעלאָזט די הענט, נאָר אַרומגערינגלט זיך מיט אַ צאַם, און אין די ענגע דלד אמות געפירט אַ יידיש לעבן און שטאַרק מקפיד געווען אויף די תרי״ג מצוות, אָבער ווינציק צוגערירט זיך צו אַלערליי קונסטן און וויסנשאַפטן. אויב גוססן איז פאַר דיר צו שטאַרק, וועל איך עס רופן „וויאַנען״. איז געוואָרן לייכטער צו לעבן צווישן די גויים, האָבן זיך באַוויזן גאונים: יהודה הלוי, דער רמב״ם און פילון פון אַלעקסאַנדריע. האָט די גוטע צייט אָנגעהאַלטן אַ ביסל לענגער, האָבן זיך געיאַוועט אָפּטריניקע ווי אחר. נאָך פילונען איז זיינס גלייכן ניט געקומען. נאָך גייגערן און גרעטצען האָבן מער אַזעלכע גייסטיקע פירער זיך ניט באַוויזן. די יידן ווי אַ פאָלק האָבן געשפּירט די גרויסע געפאַר וואָס האָט געלויערט פון אַלע זייטן און דעריבער ניט אויפגעגעבן די האָפענונג אומצוקערן זיך קיין ארץ ישראל. איצט ביזטו משיג וואָס איך האָב געמיינט?

— „איך פאַרשטיי דיך, מאָטל. אין גלות האָט מען געמוזט זיך פרעגלען אין אייגענעם שמאַלץ, אַניט האָט געדראָט די געפאַר פון אונטערגאַנג. לאָמיר זשע אַ מיש טאָן די בלעטער פון דער געשיכטע, אימער זען וואָס דאַרטן טוט זיך... וואָלטן די יידן געווען פאַרבליבן אין ארץ ישראל, וואָלטן זיי צעריבן געוואָרן אין די מלחמות צווישן די מחמדאנער, ביזאַנטינער און די קרייצצוקער. וואָס וועסטו דערויף זאָגן? — האָט משה ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים.

— „קעגן גאָר אַ שטאַרקן שונא, משה, ווערט מען זיך ניט, נאָר מע גיט זיך אונטער, אָדער מען פאַרבינדט זיך מיט אַן אַנדער גרויסער מלוכה. אַזוי וואָלטן מסתמא די יידן אויך געטאָן.

— „איר באַזינגט דאָך די העלדישקייט פון בר־כוכבאן, פרעג איך דיך, מאָטל, האָט ער געקענט געווינען קעגן דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע? פאַרוואָס זשע האָבן די יידן ניט נאָכגעטאָן די גריכן און ניט געשלאָסן קיין שלום מיט די רוימער? — האָט משה פאַרזשומערט די אויגן.

— „איך בין נישט געגוי באַקאַנט מיט יענער עפּאָכע און ווייס דיר נישט וואָס צו זאָגן — האָט מאָטל זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער כאָטש ער האָט געוואוסט אַז משהס אויסזעצונג איז אַ וואַגיקע.

— „חברה, — האָט זיך יאָסל אָנגערופן, — לאָמיר זיך אומקערן צו דער פּרשה „גלות”. עס איז די השגחה פון גאָט פון ישראל וואָס מיר זענען צעשפּרייט געוואָרן איבער אַלע ווינקעלעך פון דער ערד כדי מיר זאָלן נישט אונטערגיין.

— „מיט דער השגחה אַליין וואָלטן מיר נישט געווען אין ארץ ישראל. — האָט מאָטל געענטפערט יאָסלען. — „יהושע בן נון האָט געשטורעמט די פעסטונגען פון יריחו און זיי איינגענומען און ווען נישט די בילוצעס, אין אונזער צייט, וואָלטן אין מאה שערים געלעבט פרומע יידן, אָבער תל־אביב וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען.

— „די בילוצעס זענען געווען נאָר אַ קליינער טייל פון די יידן וואָס האָבן אויסגעוואַנדערט פון רוסלאַנד. — האָט איציק געפונען פאַר נויטיק קלערער מאַכן מאָטלס רייד. — דער גרעסטער טייל פון די אויסגעוואַנדערטע רוסישע יידן האָט זיך געלאָזט צו די ברעגן פון אַמעריקע און געשאַפן דאָ דעם גרויסן יידישן ישוב.

— „וואָס ס׳וועט ווערן פונעם גרויסן יידישן ישוב אין אַמעריקע ווייס איך נישט. — האָט מאָטל אויסגעצויגן די ווערטער ווי ער וואָלט דערמיט זיי צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג. — „אָבער אין ארץ ישראל וועט זיכער פאַרבלייבן אַ יידיש פאָלק.

— „איר ווייסט, מיינע טייערע, וואָס איך וועל אייך זאָגן? — האָט קליינמאַן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַלע דריי האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן כדי גאָרנישט דורכצולאָזן פון משהס רייד.

— „איך האָב זיך אַ סך אָנגעלייענט מיט אַלערליי געשיכטע־ביכער און ס׳איז מיר אַלץ קלאָר געווען. אין דער לעצטער צייט אָבער זענען מיר אַ סך זאַכן געוואָרן קשה, זייער קשה. נישט ווייט פון רוים האָט האַניבאַל פאַרניכטעט ממש די רוימישע אַרמיי, די שטאָט רוים איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק. פאַרוואָס האָט האַניבאַל נישט פאַרנומען די שטאָט און גאַנץ איטאַליע וואָלט געווען אין זיינע הענט? ער האָט געוואַרט און געוואַרט, די רוימער האָבן דערוויל צונויפגעשטעלט אַן אַרמיי — און דער סוף איז געווען אַז האַניבאַל האָט פאַרלאָזט איטאַליע, און זיין פאָטערלאַנג קאַרטאַגאָ, איז אָפּגעווישט געוואָרן פון גאָטס ערד. און פאַרוואָס האָט דער באַרימטער נאַפּאָלעאָן וואָס האָט שוין געהאַט גאַנץ איראָפּע ביי זיך אין קעשענע, געוואָלט אויך איינגעמען רוסלאַנד ווען אַלעקסאַנדער דער ערשטער, דער רוסישער צאַר, וואָלט אַלץ געווען נאָכגעגעבן נאַפּאָלעאָנען? און פאַרוואָס האָט היטלער, ביי וועמענס פיס ס׳איז געלעגן גאַנץ איראָפּע און האָט

זיכער געוואוסט פון נאַפּאָלעאָנס מפּלה אין רוסלאַנד, דאָך זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ גרויסער מלחמה מיט דער רוסישער אימפּעריע?

— „לאָמיר שוין הערן, פאַרוואָס? — האָבן אילע דריי געגאַרט נאָך אַן ענטפער.

— „דער ענטפער איז אַ טרויעריקער, — האָט זיך באַוויזן אויף משהס פּנים אַ בעבעכדיקייט. — געשיכטע גייט זיך איר אייגענעם וועג און מיר פאַרשטייען אים נישט. וואָלט האַניבאַל געווען פאַרנומען רוים, וואָלט די וועלט, קען זײַן, געקראָגן אַן אַנדער אויסזען. וואָלט נאַפּאָלעאָן צו רו געלאָזט רוסלאַנד, וואָלט אין אייראָפּע זיך נישט צעשפּרייט אַ פּינצטערניש אויף עטלעכע און דרײַסיק יאָר. וואָלט היטלער זיך נישט אונטערגענומען צו פאַרניכטן רוסלאַנד, וואָלט אייראָפּע געלעגן אונטן דײַטשן קנאַפּל. מיר זענען נישט די האַרן איבער דער געשיכטע, אַמאָל שטופּן מיר אונטער איר גאַנג, צום בעסערן אָדער צום ערגערן, און אַמאָל דאָס אויך נישט.

— „פון דער גוישער געשיכטע ווייס איך ווינציק. — האָט יאָסל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי ער וואָלט געמיינט דערמיט אַז קליינמאַנס רייד וועגן גוישע פעלקער קערן זיך נישט אָן מיטן יידישן פאָלק. — „אויף אונז, יידן, גיט אַכטונג דער גאָט פון ישראל. נאָכן חורבן בית שני און באַזונדערס נאָכן דורכפאַל פונעם בר־כוכבאס אויפשטאַנד, האָט זיך געקענט דוכטן אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו אונזער פאָלק. פון יענער צײַט האָבן מיר אַ קיימא לן פון כמעט צוויי טויזנט יאָר, אַ סך פעלקער זענען אָפּגעווישט געוואָרן פון גאָטס ערד און מיר, יידן, לעבן און געדייען. איז עס נישט גאָטס השגחה איבער זײַן אויסדערוויילט פאָלק?

— „אפשר גאָר, יאָסל, נעמט זיך עס דערפון וואָס די יידן זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע זיבן ימען, איז אויף איין אָרט געווען ביטער צו לעבן, איז אויף אַן אַנדער אָרט געווען בעסער און אַזוי אַרום זענען מיר נישט אונטערגעגאַנגען.

— „זענען די גריכן, למשל, נישט געווען צעשפּרייט איבער אַ פּאָר קאָנטינענטן? — האָט חנה אַרײַנגעשטעלט אַ קלין אין משהס השערה, — „און דאָך זענען די אַמאָליקע גריכן פאַרשוואונדן.

— „איך האָב פאַרגעסן אונטערצושטרייכן, — האָט משה ווי געבעטן פאַרגעבונג. — „אַז די יידישע רעליגיע וואָס איז געווען גוואַלדיק אַנדערש פון דער קריסטלעכער און די טהרת המשפּחה זענען געווען אַזוי איינגעוועבט אין יידישן שטייגער־לעבן אַז זענען געוואָרן אַ שטאַרקע דאַמבע קעגן פאַרשווינדונג אין דער גרויסער גוישער וועלט. ווי דו זעסט, יאָסל, קען מען זיך באַגיין אָן גאָטס השגחה איבערן פאָלק ישראל. חוץ דעם האָבן די יידן זיך נישט אויסגעמישט מיט די אַרומיקע פעלקער אין לאַנגן גלות ווײַל אין זייער טאָג־טעגליך לעבן, מער פרום און ווינציקער פרום, האָבן זיי גאַרנישט פאַרגעסן פון זייער אַמאָליקן פאַרגלותדיקן לעבן, פרייען און אונטער־

טעניקן. תשעה־באב האָט מען געקלאָגט אויפן חורבן בית שני, פּסח האָט מען זיך געפרייט וואָס די יידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און פּרעהס חילות וואָס האָבן נאָכגעיאָגט די יידן, זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים־סוף. שבועות האָט מען זיך געלאָזט וואויל־גיין צוליב מתן תורה. ראש השנה און אין די פּאָרכטיקע טעג איז מען באַוועלטיקט געוואָרן פון תשובה און חרטה פאַר די באַגאַנגענע זינד, און יום כיפּור איז מען געפאַלן אויף די קני און גע־בעטן דעם אדון העולם ער זאָל מכפּר זיין אויף זייערע זינד. אַ גאַנצן טאָג איז דער ייד אויף יעדן קער און ריר געווען גרייט צו וואַשן זיך און בענטשן אָנ־הייבנדיק פון על נטילת ידים ביז קריאת שמע. מיר געדענקען אַלע אונזערע פריידן אוןליידן, און דאָס האָט אונז דערהאַלטן ווי אַ פאָלק. גראָד איצט האָט זיך איינגעגעסן אין מיר אַ צווייפל...

— „וואָס מיינסטו דערמיט? — איז אויף חנהס פּנים געווען צעלייגט אַ דערשטוינונג.

— „דער יונגער אַמעריקאַנער יידישער דור פאַרלירט ביסלעכוויז דעם זיכרון... — אויף משהס פּנים איז געווען קענטיק אַ פאַרזאָרגטקייט.

— „זאָג אונז קלאָר וואָס דו מיינסט. — האָט איציקס קערפּער זיך אויסגעבויגן אַ ביסל אין דערוואַרטונג.

— „מיר האָבן אין לאַנגן גלות־לעבן געהאַט גענוג פּורעניותן און שלעק — איז קליינמאַנס קול געוואָרן שטילער — ט׳האָט מען אונז אַרויס־געטריבן פון שפּאַניע אין מיטלאַלטער וואו מיר האָבן געלעבט אין אַ גרויסער שפע, מאַטעריעל און גייסטיק. אמת איז אַז דאָס לאַנד האָט אַ סך געליטן דערפון און ביז היינטיקן טאָג ניט געקומען צו זיך, און דאָך נישט געמאַכט קיין שום שריט אַריינצולאָזן אַהין אַ גרעסערע צאָל יידן. אויך ענגלאַנד האָט אַרויסגעטריבן די יידן און דערנאָך האָט קראָמוועל אָפיציעל נישט דערלויבט, אָבער מיט זיין שטילער צושטימונג האָבן ביסלעכוויז זיך באַזעצט דאָרטן יידן. דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען אין אַ ריי אייראָפּייאישע לענדער. אָבער...

— „וואָס פאַר אַ צרה שטעקט אין דיין פאַרזאָרגטן „אָבער" — האָט מאָטל אָנגעשטעלט די פאָדערנדיקע אויגן אויף קליינמאַנען.

— „איכ׳ל אייך זאָגן — האָט קליינמאַן ערגעץ וואו געטייטלט מיטן ווייזפינגער. — איין טייל פונעם אַמעריקאַנער יידישן דור האָט אַ סך פאַר־געסן וואָס מיר האָבן ביז אַהער געדענקט אין גלות, און דער אַנדערער טייל — אַ ביסל ווינציקער פון אַ סך. ער האָט שוין באַלד פאַרגעסן אַז היטלער האָט פאַרטיליקט אַ דריטל יידן. דערפאַר קומען פאַר אַ סך געמישטע חתונות און אין דרום־אַמעריקע איז די גרעסטע צאָל קריסטלעכע פרויען פון יידישע פאַרהייראַטע יונגעלייט זענען קאַטאָליקן און דאָס מיינט אַז די קינדער פון די הייראַטן ווערן און פאַרבלייבן קאַטאָליקן. געפעלט עס אייך? מיר נישט...

— „דאָס נעמט זיך, גלויב איך, דערפון וואָס דער יינגער יידישער עולם

האָט נישט די אמונה וואָס דער ייד אין דער אַלטער היים. — האָט חנה זיך משער געווען.

— „דאַרף מען געבן די קינדער אַ גוטע יידישע דערציאונג. — האָט איציק ווי געפונען אַ רפואה צו דער צרה.

— „דער היינטיקער דור, דער יידישער און קריסטלעכער. — האָט קליינמאַן נישט מסכים געווען מיט איציקס עצה. — איז נישט גרייט צו געבן זיינע קינדער אַ טיף־רעליגיעזע דערציאונג. מער נישט, די קריסטלעכע קינדער וועלן בלייבן קריסטן, און די יידישע קינדער וועלן ווערן פאַרעווע, נישט קיין יידן און נישט קיין קריסטן...

— „מיין עצה איז — האָט איציק זיך אָנגערופן. — „אַז די קינדער זאָלן אַרויספאָרן קיין ישראל און דאָס צווייטע שטיקל עצה — שיקן די קינדער אין די העברייאישע שולן.

— „איך גלויב נישט איןביידע עצות. — האָט קליינמאַן געקלאַפּט מיטן ווייזפינגער איבערן טיש. — „די קינדער וואָס ווערן דערצויגן ווי די פרומע טוען עס מיט זייערע קינדער, פון זיי וועט מסתמא אַ גרויסע צאָל בלייבן יידן. די יידן ווידער לעבן מערסטנס אין די גרויסע שטעט, איז נאָר די קינדער וואָס גייען אין די ישיבות האָבן אַ גוטע געלעגנהייט ניט צו פאַר־בלאָנדזשען אין קריסטלעכע ווינקלען... און מעגליך אַז מיט אַ דור שפּעטער וועט דער יידישער מענטש געפינען אַ בעסערע עצה, אַז מע זוכט גוט געפינט מען...

— „דו רעדסט, משה, ווי איינער וואָס גלויבט נישט אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן צום פאָלק ישראל אויפן באַרג סיני. — האָט יאָסל אויפ־געוואָרפן קליינמאַנען. — „און אין דער תורה שטייט בפירוש אַז גאָט האָט צוגעזאָגט אַברהמען אַז זיינע קינדער וועלן זיין אומציילעוודיק ווי די שטערן אין הימל און דאָס זאַמד אויף די ברעגן פון די ימען, דערפאַר מערן מיר זיך.

— „פאַרוואָס זשע האָט גאָט געלאָזט אַז די דייטשן זאָלן אויסקוילן זעקס מיליאָן יידן? — האָט משה נישט אויפגעהערט אָפּצופרעגן גאָטס השגחה איבערן פאָלק ישראל.

— „אין דער לעצטער צייט האָבן די יידן שטאַרק געזינדיקט און אָפּ־געקערט זיך פון גאָטס געבאָטן, — האָט יאָסל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — „און זענען דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן.

— „צווישן די עטלעכע מיליאָן פאַרטיליקטע זענען אויך געווען אומ־שולדיקע קינדער און פרומע יידן וואָס האָבן געדינט גאָט ביים שלאָפן גיין און ביים אויפשטיין. — האָט משה אויפגעוויזן יאָסלען אַז זיין ענטפער הינקט אונטער.

— „די זינד זענען געווען אַזוי גרויס אַז גאָט האָט שוין נישט מבחין געווען צווישן צדיקים און רשעים און האָט אַלעמען פאַרלענדט. — האָט יאָסל אַרויסגעטראָגן דעם פּסק דין.

— „וויאַזוי זשע, משה, דערקלערסטו דאָס אויסקוילן פון זעקס מיליאָן ייִדן? — האָט איציק זיך געווענדט צו קליינמאַנען. — דאָס האָבן געטאָן די דייטשן וואָס זענען געווען פאַררעכנט פאַר אַ הויך קולטורעל פאָלק.

— „דערקלערן, מיינע פריינט, הייסט מענטשלעך פאַרשטיין, איז ווי קען מען דערקלערן אַזאַ חיה־רעהשע דערשיינונג אין דער מיט פון דער קולטורעלער אייראָפּע? — האָט קליינמאַן אַרומגענומען זיינע פריינט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. — „שוין אַ שטיק צייט אַז איך קוק זיך צו מיט זשמורנ־דיקע אויגן צו אַלץ וואָס קומט פאָר אויף גאָטס וועלט און פּרוביר אויך אַריינבליקן אין די פריערדיקע דורות...

— „איז וואָס זשע זעסטו דאָרט? — איז חנה אים אַריינגעפאַלן אין די רייד.

— „איך זע, — האָט משה צוגעוואָרפן חנהן אַ שמייכל וואָס האָט מיט איר פראַגע אים אָנגעוויזן צו באַנוצן דאָס ריכטיקע וואָרט. — „איך זע אַז אויף דער וועלט איז נישטאָ קיין רו. צווייערלע כוחות ראַנגלען זיך אין איר — דינאַמישע און צאַמענדיקע.

— „וואָס קער זיך עס אָן מיט וואָס מיר האָבן נאָר וואָס גערעדט? — האָט יאָסל זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אים איבערגעשלאָגן.

— „וועסט באַלד זען אַז עס קער זיך אָן, שלאָג מיך נאָר נישט איבער, — האָט קליינמאַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — „די צאַמענדיקע כוחות שטעלן נישט אָפּ דעם גאַנג פון די דינאַמישע כוחות, זיי ווערן נאָר פאַר־לאַנגזאַמט. עס באַגעגענען זיך, למשל, צוויי קערפּערס, אַ שטאַרקער און אַ שוואַכער. ווערט דער שוואַכער צד אונטערטעניק און פאָלגט דעם שטאַרקן צד. ווערט ער זיך אָבער, ווערט ער צעשלאָגן פונעם שטאַרקן קערפּער אָדער אינגאַנצן פאַרניכטעט.

— „איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, משה, וויאַזוי צו פאַרבינדן דיינע רייד מיט אונזער ענין. — האָט יאָסל אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— האָב געדולד, יאָסל, און עס וועט דיר קלאָר ווערן וואָס איך מיין. — האָט משה אַ טרייסל געטאָן מיט דער האַנטפלאַך. — אויך מלוכות און פעלקער זענען תמיד אין אַ פאַרמעסט און עס קומט פאָר צווישן זיי דאָס אייגענע וואָס מיט קליינע אָדער קליינטשיקע קערפּערלעך. דער שוואַכער ווערט צעשלאָגן און גיט זיך אונטער. די פאַרבינדעטע האָבן אַרויפגעלייגט גרויסע רעפּאַראַציעס אויף די דייטשן נאָך זייער מפּלה אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין לאַנד איז געווען אַ גרויסע אָדבעטסלאָזיקייט. די דינאַמישע כוחות פון די דייטשן זענען געווען פון אַ גוואַלדיקן פאַרנעם וועלכע היטלער האָט נאָך צעבלאָזן און דאָס יידישע פאָלק אַרומגערינגלט פון צווייערליי שונאים, פאָליאַקן און דייטשן, איז אָפּגעגאַנגען מיט טייכן בלוט. אַזוי זע איך דעם גאַנג פון אַלץ און אַלעמען אויף אונזער ערד.

— „וועל איך דיך, משה, פרעגן כמעט די זעלבע קשיה וואָס דו האָסט

מיר געשטעלט. — האָט יאָסל אַלץ נישט אָנגענומען זײַן ענטפער פאַר גוט געלט. — וויאַזוי זשע איז מעגלעך געווען אַז די יידן זאָלן לעבן צוויי טויזנט יאָר נאָכן חורבן בית שני?

— „כ'האָב, דוכט זיך, דיר שוין געענטפערט, יאָסל, אויף דײַן פראַגע. — האָט קליינמאַן אויף אַן איידעלן אופן אים געלאָזט וויסן אַז ער זאָל להבא נישט באַשטיין אויף צוויי ענטפערס ווען איינער איז גענוג. — „נישט שטענדיק פאַרניכטן פעלקער איינע די אַנדערע. חוץ דעם, זענען גענוג יידן אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן און די רוסן, צוריק מיט טויזנט אָדער זעקס הונדערט יאָר. כמעלניצקי ווידער, ווילן האָבן היינטיקע היס־טאָריקער, האָט אויסגעקוילעט אַ העלפט פונעם יידישן פאָלק. עס קומט אויס אַז איצט האָבן מיר, משטיינס געזאָגט, נאָך גוט אָפּגעשניטן — נאָך היטלערס שחיטה איז געבליבן צוויי דריטל יידן. ווייל אַ טייל האָבן זיך געראַטעוועט קיין רוסלאַנד און מיט אַ צייט צוריק האָט אַ גרויסע צאָל יידן פון רוסלאַנד און פוילן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

— „קומט דאָך אויס, משה, — איז יאָסל געקומען צום אויספיר. — „אַז ס'איז נצח ישראל. גאָטס השגחה האָט געפירט דערצו אַז די יידן זאָלן זיך צעשפּרייטן איבער אַ סך מדינות, אַזוי אַרום איז אַ גרויסער טייל פון אונזער פאָלק ניצול געוואָרן פון דער היטלער־מגפה און דערימעד וועמיר אייביק לעבן.

— „פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. האָט משה אַ קוק געטאָן אויף יאָסלען. — „צום באַדויערן אָבער זעען מיר אַז דאָרטן וואו די אמונה ווערט אָפּגעשוואַכט ביי די יידן, מישן זיי זיך ביסלעכווייז אויס מיט די אַרומיקע פעלקער, למשל אין פראַנקרייך, ענגלאַנד א.אַ.וו.

— „עס איז אַלעמאָל אַזוי געווען. — איז יאָסל נישט געווען איבער־ראַשט פון משהס פעסטשטעלונג. — נאָך פאַרן חורבן בית שני האָבן אַ סך יונגעלייט פון ירושלים זיך אָנגעשטעקט מיטן גריכישן שטייגער־לעבן און פאַרשערישן פאַרנעם, געוואָלט עס איינפירן איבערן גאַנצן לאַנד, אָבער די פרומע יידן פון די פראָווינץ־שטעט האָבן זיך קעגנגעשטעלט און ס'איז געבליבן אַ יידיש פאָלק. דאָס אייגענע וועט אויך איצט געשען, נישט פּינקטלעך ווי דעמאָלט ווייל ס'איז אַן אַנדער צייט.

— „ווי מיר ווייסן. — „איז חנה אַריבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער ענין. — קומען אויף אימפּעריעס, ווערן גרויס און מעכטיק, איז פאַרוואָס זשע גייען זיי סוף־כל־סוף אונטער?

— „עס טרעפט זייער אָפט מיט גרויסע אימפּעריעס. — האָט משה נאָך עטלעכע רגעס פאַרטראַכטקייט זיך אָנגערופן. — כמעט דאָס אייגענע וואָס מיט די געשעפטסלייט ביי וועלכע עס האָט זיך אויסגעשעפּט דער דראַנג נאָך צעשפּרייטונג און באַנוגענען זיך מיט זייערע דערגרייכונגען,

ווערן ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט און באַזיגט פון קליינע קאָנקורענטן וואָס שטרעבן צו ווערן גרויס און מעכטיק.

— „פון דיינע ריידע, משה, קען מען דרינגען, — האָט איציק ווייטער געצויגן דעם פאָדים. — „אַז היינטיקע גרויסע מלוכות וועלן אַראָפּ פון זייער גדולה.

— „אַזוי איז עס ביז אַהער אָנגעגאַנגען מיט די אַמאָליקע שטאַרקע מלוכות. — האָט משה געקליבן די ווערטער. — „מיט עגיפּטן, אשור, בבל, גריכנלאַנד און רוים, און דאָס אייגענע וועט מסתמא געשען מיט די היינטיקע גרויסע אימפּעריעס, פריער אָדער שפּעטער.

— „נאָך דיין פאַרשטאַנד קומט אויס, — „איז מאָטלען געוווען קשה.

— „אַז דער גאַנצער וועלטאַל איז אין שטענדיקן שטראָם, ווי זשע קען מען אַהין אַריינפּאַסן גאָטס השגחה?

— „זייער פּשוט, מאָטל, — האָט קליינמאַן אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— „גאָט, די סיבה פונעם גאַנצן באַשאַף וועמענס מהות מיר זענען נישט ביכולת משיג צו זיין, האָט אַזוי איינגעשטעלט דעם סדר העולם.

— „גלובסטו הייסט עס, משה, אין השגחת הבורא? — האָט יאָסל כמעט אויסגעשריגן.

— „איך גלויב נישט אין גאָרנישט. — האָט משה אַ שאר געטאָן מיט דער האַנט. — „אַז מע קוקט זיך איין אינעם שטערנדיקן הימל, זעט מען באַשיימפּערלעך אַז ס'איז דאָ אַ השגחת הבורא.

— „אויב אַזוי, זענען אַלע אונזערע מעשים אונטער גאָטס השגחה, — האָט יאָסלס פּנים צעשטראַלט זיך פון משהס ענטפער.

— „יאָ און ניין. — האָט קליינמאַן צעצויגן די ווערטער. — „ס'איז פאַראַן אַ השגחה כללית, אָבער נישט קיין השגחה פּרטית.

— „איז נישט ריכטיק אַז יעדער קערפּער איז כולל אין זיך אַלע זיינע טיילן? — האָט יאָסל אים ווייטער נישט געלאָזט ריידן. — „איז השגחה כללית נישט כולל אין זיך די השגחה פּרטית?

— „לאו דווקא, — האָט קליינמאַן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט יאָסלס האַרבע פראַגע. — „אימער נעמען דעם איינצעלנעם מענטשן, וועט גרינגער זיין צו באַנעמען דעם ענין. דער יחיד באַוועגט זיך און טראַכט אין די ראַמען פון אַן איינגעשטעלטן סדר העולם, און אין די גרעניצן פון זיינע פיזישע און גייסטיקע מעגלעכקייטן, אָבער . . . — האָט משה ווי אַן עפּעס זיך פאַרטשעפּעט אויף אַ קליינער ווײַלע. — „כדי קלאָר צו מאַכן דעם מיין פון מיינע ווערטער וועל איך זיך באַנוצן מיט אַ פּשוטן ביישפּיל. אַ מענטש האָט אַ שטוב מיט אַ גאָרטן וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן גראָבן מעטאַלענעם פּלויט וועלכן מע קען בשום אופן נישט אַריבערקלעטערן אָדער דורכברעכן. ער — דער מענטש קען טאַקע גאָרנישט דערגרייכן וואָס איז

אויסערן פּלויט, איז אָבער באַשיצט און באַשירעמט קעגן יעדער דרויסנדיקער אָנשיקעניש. לאָמיר דאָס אָנרופן השגחה כללית. אימער גיין ווייטער. ביי זיך אין הויז און אין גאָרטן קען ער זיך באַוועגן פריי. ער קען זיצן אין שטוב אָדער ליגן אין גאָרטן אונטער אַ בוים. גייט אַ רעגן, פאַרמאַכט ער די פענצטער, קען אַפילו צובויען פּידאַשועקעס צום פּלויט און צושפּאַצירן אַהין ווען עס רעגנט. דאָס איז נישט קיין השגחה פּרטית, נאָר גיכער בחירה חפשית. ער קען זיך אויך פאַרשטעלן וואָס עס געפינט זיך אָדער קומט פאַר אויף יענער זייט פּלויט. מיט איין וואָרט, אינעם פּלאַץ וואָס איז אָפּגעצוימט פאַר אים, קען ער טאָן און טראַכטן ווי ער וויל.

— „איך זאָג די גאַנצע צייט אַז דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן די בחירה צו טאָן וואָס ער וויל. — איז יאָסל אַרויסגעקומען פון אויבן. — „ער קען ווערן אַ צדיק אָדער אַ רשע. מער נישט, דער רבש״ע באַלוינט דעם צדיק און באַשטראָפט דעם רשע.

—„מיט דיינע ווערטער „מער נישט״, יאָסל, שפּאַנסטו אַריין אין אַ חלל. כדי צו מאַכן עס קורץ, אילעך געברויכן דיינע אייגענע ווערטער, נאָר אַ ביסל אַנדערש. נישט דער רבש״ע באַלוינט און באַשטראָפט אויף דער וועלט אָדער אויף יענער וועלט, נאָר דער צדיק ווערט באַלוינט מיט געוויסע דערגרייכונגען און דער רשע — מיט היפּוכדיקע. פאַרשטייט זיך אַז נאָך אויף דער וועלט.

— „ווי עס ווייזט אויס, משה, רעכנסטו אַז דער גלויבן אין השארת הנפש איז אַ פּוסטע איינרעדעניש. — איז יאָסל נייגעריק געוועזן צו דערגיין וויאַזוי משה מאַכט צו גאָרנישט פון דער נשמה — אומשטערבלעכקייט.

— „מיט השארת הנפש מיינסטו דאָך, יאָסל, אַוודאי, — האָט קליינמאַן געקוקט אים אין פּנים אַריין — „אַז נאָר דער גוף שטאַרבט און די נשמה דער באַוואוסטזיין ווי איך רוף עס, ווערט נישט פאַרניכטעט. איז לאָמיר זשע צעברעקלען דעם ענין. דער מענטש, דער בחיר היצירה, פאַרמאָגט דעם טיפסטן באַוואוסטזיין אויף גאָטס ערד. אויך אַנדערע באַשעפענישן האָבן אַ באַוואוסטזיין, אַ קלענערן ,פאַרשטייט זיך. די קלענסטע באַשעפעניש די אמעבא למשל האָט אַ פּיצינקע באַוואוסטזיין, אַ נשמהלע, און פון איר ציט זיך אַ לאַנגע קייט פון אַלץ העכערע באַשעפענישן מיט אַלץ אַ גרעסערן באַ־וואוסטזיין .נו, ביזט געוויס מסכים אַז די אמעבא און די פליג „שטאַרבן״ אָן השארת הנפש. דערפון קען מען דרינגען אַז פון די העכערע באַשעפענישן, ווען זיי שטאַרבן, בלייבט אויך נישט מער ווי דער טויטער גוף. דער מענטש איז נישט קיין אויסנאַם ווייל די נאַטור האָט איין געזעץ פאַר אַלעמען. איך וועל נישט זיין אויסערן וועג מיט דער השערה אַז פלאַנצן און דוממים האָבן אַ באַוואוסטזיין. און נישט נאָר די ערד, נאָר אַפילו דאָס גוואַלדאָוונע שטיק פייער, די זון, האָט אַ באַוואוסטזיין — צו באַלייכטן און באַלעבן די

פלאַנעטן וואָס דרייען זיך אַרום איר און פאַר אונזער מענטשלעכן שכל איז שווער משיג צו זיין דעם באַוואוסטזיין.

— „אַז מיר האַלטן שוין ביי דער זון, משה, ווערסטו דאָך נישט איבער־לאָזן די מילי־מיליאָנען שטערן אויף הפקר. — האָט חנה שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן.

— „אויך אין גרויסן וועלט־אַל, חנה, זענען נישטאָ קיין צופאַלן. — איז משה געווען ערנסט — „די שטערן האָבן נישט אויסגעמיטן די דינאַמישע און צאַמענדיקע כוחות האַלטן זיך אין איין ראַנגלען און דאָרט קומט מסתמא פאַר דאָס אייגענע וואָס אַרום דער זון, נאָר אין אַ גרעסערער מאָס ווייל אַ סך שטערן זענען פיל גרעסער פון דער זון.

— „אין דער נאַטור, משה, זאָגסטו זענען נישטאָ קיין צופאַלן, צו וואָס זשע זענען נויטיק אַזויפיל באַשעפענישן ? — האָט חנה זיך געוואונדערט. — „זי האָט דאָך געקענט מאַכן אַזוי אַז די נידעריקע באַשעפענישן זאָלן אומ־קומען.

— „זייער גוט, חנה, וואָס ביסט אַרויסגעקומען מיט אַזאַ פראַגע. — האָט משה געקוקט אויף איר מיט דאַנקענדיקע אויגן. — „געוויינלעך שטרעבט נישט די נאַטור אַז די נידעריקע באַשעפענישן זאָלן פאַרשווינדן, זיי קריגן אַ געלעגנהייט צו לעבן און געדייען אויב זיי בלייבן נישט שטיין אויף איין אָרט און זייערע אייגנשאַפטן דערגרייכן ביסלעכווייז אַ העכערן שטאַפּל. דער הונט, גלויב איך, איז געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה פון אַנטוויק־לונג מיט טויזנטער יאָרן צוריק. דאָס זעלבע איז חל אויף אַלץ און אַלעמען אויף דער ערד. נישט אויסגעשלאָסן דעם מענטשן.

— „נאָך דיין געדאַנקען־גאַנג, משה, קומט דוכט זיך אויס. — האָט חנה אַרויסגעטראָגן פון זיינע רייד. — „אַז נישט תמיד וועט דער היינטיקער אייראָפּעאישער מענטש זיין דער בחיר היצירה און עס וועט זיך באַווייזן אַ נייער מין מענטש.

— „ס׳איז שוין פאָרגעקומען מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק. האָט קליינמאַן זיך גע׳חידושט וואָס זיינע פריינט האָבן עס אויסגעלאָזט פון אויג. — „אין מיטל און צפון אייראָפּע האָבן געלעבט האַלב־ווילדע מענטשן, אָבער אין פאָדערשטן טייל פון אַזיע האָבן געבליט די פּערסישע און בבלישע ציוויליזאַציעס, די יידישע און גריכיש־רוימישע ציוויליזאַציעס וועמענס ווע־מענס שטעמפּל ס׳איז קענטיק אויף דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. אויך דאָס שפּאַנישע פאָלק האָט צו פאַרצייכענען אין 15טן י.ה. איר גאָלדענעם פעריאָד: סערוואַנטעס און לאָפּע דע וועגא, און דאָס יידישע פאָלק אין שפּאַ־ניע — איבן גבירול און יהודה הלוי. דאָס אַרויסטרייבן די יידן פון שפּאַניע איז נישט געווען קיין צופאַל, ס׳האָט דעמאָלט זיך אָנגעהויבן דער באַרג אַראָפּ פון דער שפּאַנישער אימפּעריע און ציוויליזאַציע. נאָך איצט איז די שפּאַנישע אימפּעריע פון אַ נישטיקן באַדייט, עקאָנאָמיש און קולטורעל.

עס קומט פֿאָר ווי אין אַ פֿאַר׳כישופֿטן קרייז — דער נעכטיקער שאַך איז היינט מאַט און דער היינטיקער פֿויער ווערט, קומט אויס, מאָרגן ווערן שאַך.

—„ווערט עס שוין אַזוי בלייבן? — האָט מאָטל געוואָלט וויסן.

— „אַ ניין! — האָט קליינמאַן שאַרף געענטפֿערט. — „אין דער נאַטור איז דאָ אַ נייגונג צו בייטוועדיקייט.

— „וואָס מיינסטו דערמיט? — איז חנהן נישט קלאָר געווען דער ענטפֿער.

— „דורך אַ פּשוטן ביישפּיל וועט דיר דער ענין ווערן פֿאַרשטענדליך. — האָט משה געציילט די ווערטער. — „אין אַ געוויסער מלוכה איז אויפֿגעקומען אַ גרויסע קולטור און די אַרומיקע שכנים האָבן עס צוגעגעבן. מיט אַ דור אָדער צוויי שפּעטער האָט די מלוכה און איר קולטור גענומען איינקווארן און אַ שכניש נישט־וויכטיק פֿאָלק האָט פֿון דער העלער הויך געשפּאַנט באַרג אַרויף אי עקאָנאָמיש און אי קולטורעל, אַזש צום גאָפּן...

— „עס איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין לעבן פֿון יחידים און אויך פֿון פֿעלקער. — האָט מאָטל נישט געזען אין דעם קיין שום טשיקאַוועקייט.

— ריכטיק, מאָטל. — האָט קליינמאַן אויסגעדרייט דעם קאָפּ צון אים. — לאָמיר פּרובירן צו פֿאַרשטיין די דערשיינונג. אַ פֿאָלק קען אַרויסגעבן דאָס העכסטע וואָס איז אין אים פֿאַראַן און נישט מער. פֿון אַן אַנדער פֿאָלק קען אַרויסקומען אַ גרעסערע דערגרייכונג, אָבער נאָר ביזן אַ געוויסן גראַד. יעדער ציל פֿאַרמאָגט אין זיך אַ באַשרענקונג און דורכדעם דערגרייכט מען עפּעס. דאס קען מען אָנווענדן צון אַלץ און אַלעמען אין דער נאַטור.

15

אַז לאהקע איז אונטערגעוואַקסן האָט גיטל אין אַן אויפדערנאַכט זיך אָנגערופן: „וועסט גאַרנישט האָבן קעגן דעם, משה'קע, אַז איך זאָל האָבן אַ פרייען טאָג יעדע וואָך? נאָכן לייגן לאהקען שלאָפן וועל איך ערגעץ־וואו צוגיין און דו וועסט בלייבן אין הויז. מע קען דאָך נישט איבערלאָזן דאָס קינד איינע אַליין.

— „וועלכן טאָג אין דער וואָך ווילסטו, גיטל?"

— איך וועל דיר אַלעמאָל לאָזן וויסן מיט אַ טאָג פריער, משהקע.

קליינמאַן האָט איינגעשטימט, זי קען דאָך נישט איינעם זעלבן טאָג פון וואָך באַזוכן אַלע אירע פריינט, אייניקע זענען גראָד פאַרנומען. נאָך אירע רייד אָבער האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי האָט געהאַט אַ געוויסן מיין דערביי. איבערטראַכטן וועגן אַלערליי אויסדאַכטענישן לוינט זיך נישט אויב זי מיינט עפּעס דערמיט וועט עס אַרויפשווימען, פריער אָדער שפּעטער, ווי בוימל אויפן וואַסער.

איינמאָל אַ וואָך, אין אַן אָוונט, האָט גיטל באַזוכט דעם פרויען־קלוב, וואָס איז באַשטאַנען פון צען־צוועלף מיטגלידערינס. דער ציל פונעם קלוב איז געווען — אָפּגעבן זיך מיט קולטורעלע יידישע ענינים. אָנגעהויבן האָט זיך די טעטיקייט אויף אַ באַשיידענעם אופן. אין פרוי האָט איבערגעלייענט פאַרן עולם אַ דערציילונג פון אַ יידישן שרייבער, עס צעגלידערט ברייטלעך. דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ מיינונגס־אויסטויש וועגן איבערגעלייענטן און די פאָרזיצערין האָט אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון דער דיסקוסיע. דער צוזאַמענקונפט איז פאָרגעקומען אין אַ הויז פון אַ מיטגלידערין און האָט זיך תמיד פאַרענדיקט מיט טרינקען טיי און צובייסן.

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן זיך שוין אין דעם פרויען־קלוב גע־ציילט צוואַנציק ־פינף־און צוואַנציק מיטגלידערינס. האָט מען זיך אונטערגע־נומען צו גיין צוזאַמען אין טעאַטער אַריין און דערנאָך אַרומגערעדט די טעאַטער־פאָרשטעלונג. נאָכדעם איז מען אַריבערגעגאַנגען דורכצופירן אַ דעבאַטע וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פוילן, ראַטנפאַרבאַנד, רומעניע א.א.וו.

אַזעלכע קלובן זענען אין שטאָט געווען עטלעכע. זייער מיטגלידערשאַפט איז נישט געווען קיין גרויסע, די שטרעבונג איז געווען אַז די מיטגלידערינס זאָלן ווערן היימיש צווישן זיך וואָס ס'איז אוממעגלעך צו פאַרווירקלעכן אין אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע. די פרויען־קלובן זענען געווען אומפּאַרטייאיש. ס'האָט זיך אָבער פּאַמעלעכל אַזוי איינגעשטעלט, אַז די גרעסטע צאָל זייערע

זענען געווען פריינדלעך צום ראַטנפאַרבאַנד, און קעגנעריש צו פוילן און רומעניע. די מערסטע רעדנער וואָס זענען אויפגעטראָטן אין די קלובן זענען געווען מיטלויפער אָדער ריכטיקע באָלשעוויקעס. דאָס קען זיין, האָט זיך געגומען דערפון וואָס ווי נאָר די באָלשעוויקעס זענען אַריינגעקומען אין אַ שטאָט, האָבן זיי אָפגעשטעלט די פאָגראָמען אויף יידן און דערשאָסן די שולדיקע.

עס איז פאָריבער נישט מער ווי אַ יאָר זינט גיטל האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן דעם פרויען־קלוב און געוואָרן אַ גלאַוונע אָנפירערין דאָרטן, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו משהן: „לאהקע איז שוין קיין עין הרע אַ מיידל, וואָס קען איר שטעטל אַליין באַשטיין. און איך געהער צו צוויי פרויען־קלובן, איז איין פרייער אָוונט אין וואָך פאַר מיר ווינציק. אויב עס אַרט דיך נישט וועל איך פון איצט וואָך אָן האָבן צוויי פרייע אָוונטן.

— „עס אַרט מיך דווקא יאָ, גיטל. מיט די קונדן איז אָפגעמאַכט אַז ביז האַלב נאָך אַכט אין אָוונט טרעפט מען מיך אין אָפיס. אַז עמיצער דערווישט מיך נישט איינמאָל אַ וואָך, ווען איך קום אַהיים פאַרפרי, מאַכט עס נישט אויס. אַז דאָס וועט זיך איבערחזרן צוויי מאָל אַ וואָך, קען זיך עס שלעכט אָפרופן אויף אונזער פרנסה.

— „דו רעדסט צו דער זאַך, משה׳קע, מ׳עט דאַרפן עפּעס צוקלערן, — האָט זי זיך פאַרטראַכט.

פונעם זאָג — מ׳עט עפּעס דאַרפן צוקלערן — האָט זיך ביי קליינמאַנען דערוועקט אַ חשד, אַז עפּעס באַהאַלט זיין ווייב פון אים. וואָס אייגנטלעך טוט זי דאָרט אַזוינס, וואָס ער טאָר נישט וויסן? — האָט אים אַ פּיק געטאָן אין קאָפּ. ער איז נישט געפאַלן אויף קיין שום המצאה, איז געבליבן צו וואַרטן ביז וואַנעט זי וועט אַרויסקומען מיט לשון. האָט משה, אַהיימקומענדיק אופדערנאַכט פונעם אָפיס, זיך נישט געקענט דערוואַרטן, אַז גיטל זאָל אים זאָגן וואָס אַזוינס זי האָט צוגעטראַכט. ס׳איז אַוועק אַ וואָך, צוויי, און גיטל האָט זיך נישט אומגעקערט צו דעם ענין, האָט משה געקלערט, אַז די גאַנצע געשיכטע האָט נישט די ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. איין פרייער אָוונט אַ וואָך איז איר וואויל באַקומען, האָט זי חשק געקראָגן צו צוויי. איז דער עסק נישט דורכגעגאַנגען גלאַטיק, איז נישט געפידלט. זי איז נישט באַשטאַנען אויף אירן ווי נאָר זי האָט דערהערט אַז דאָס קאָן שאַטן צו פרנסה.

וועדליג קליינמאַן האָט זי אָפגערעדט פון צוויי פרייע אָוונטן אַ וואָך, האָט גיטל זיך אָנגעשטויסן, אַז ער האָט אַפילו נישט קיין אַנונג מיט וואָס זי פאַר־נעמט זיך אין די פרויען־קלובן. זי האָט דערפון אויך געדרונגען, אַז וועט ער זיך דערוויסן אַז דאָס איז כמעט אַ לינקע אָרגאַניזאַציע און זי איז פון די גלאַוונע מאַכערינס דאָרט וועט צווישן זיי פאָרקומען אַן איבעררייד, איז גלייכער אָפצושטופן דעם צוזאַמענשטויס אויף אַ שטיקל צייט. איי דער

איבעררייד, און מסתמא אַ שאַרפער, וועט מוזן קומען, איז זאָל ער קומען וואָס שפּעטער.

גיטלס חברטע, מרס. פּינקוס, האָט איר נישט אויפגעהערט איינצורעדן אַז זי זאָל פּועלן ביי איר מאַן דורכצופירן אַ קלוב־אָוונט אין זייער הויז.

— „די שטוב וועט גיין כאַדאָראַם, — האָט גיטל זיך קעגנגעשטעלט. — „איר קענט נישט מיין מאַן".

— „יעדן מאַן קען מען אַרומדרייען אַרום אַ פינגער, — האָט מרס. פּינקוס געמאַכט צו גאַרנישט גיטלס זאָג וועגן משהן. — „מע דאַרף נאָר וויסן וויאַזוי. מיין מאַן האָט זיך אויך געבריקעט, ווען ער איז געוואויר געוואָרן אַז איך געהער צום פרויען־קלוב. האָב איך אים איינגענומען מיט גוטן, גע־בראַכט אַלערליי ראיות אַז דער טייוול איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מע מאָלט אים. כ'האָב אים אָנגעוויזן וואָסערע קולטורעלע אונטערנעמונגען מיר האָבן דורכגעפירט און ער איז געוואָרן שטיל ווי אַ קאַטינקע. ער לאָזט קיין שפּרענקעלע נישט פאַלן אויף אונזער קלוב, נו, זאָגט אַליין, האָב איך מיינס נישט דערגרייכט? נעמט זיך נאָר אָן, גיטל, מיט עקשנות, וועט איר אייער מאַן אויך בייקומען".

מרס. פּינקוס איז נישט געלונגען צו באַוועגן גיטלען אַז זי זאָל איר נאָכמאַכן, היגטער דער חברטעס אַלערליי רייד האָט גיטל געזען אַן אַנדער בילד מר. און מרס. פּינקוס זענען פּלאַפּלערס. מער נישט, זי איז אַ גע־שייטערטע פּלאַפּלערין פון אים, האָט זי אים באַוואויגן נאָכצופּלאַפּלען. אויב די באַלשעוויסטישע פּאַרטיי־שישקעס האָבן געוואָלט פאַרגלעטן אַ מיאוס שטיקל אַרבעט פון אַ פּאַרטיי־מיטגליד, אין וועלכן זיי האָבן זיך שטאַרק געגויטיקט, האָבן זיי פאַרבעטן מרס. פּינקוס אויף אַ באַראַטונג און אין איר אַריינגע־קנעלט וויאַזוי צו באַווייזן אַז שוואַרץ איז גאָר אין דער אמתן רויט. מרס. פּינקוס האָט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט געפּלאַפּלט וועגן דעם אויף די קלוב־אַסיפות, אַז די מערסטע צוהערערינס זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס אָפּגע־טאַנענע שטיקל אַרבעט פונעם פּאַרטיי־מיטגליד איז גאָר געווען אַ העלדישער רעוואָלוציאָנערער טאַט. דאָס אייגענע האָט מר. פּינקוס דערגרייכט אין די שמועסן מיט זיינע פריינט און באַקאַנטע.

כאָטש גיטל האָט זיך געקענט אויף די גלאַטינקע און כלומרשט־האַרציקע שמועסן פון מרס. פּינקוס, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ גוטער רעד־נערין און אַ כלומרשט אויסגעצייכנטע אויסטייטשערין פון לעניניזם, איז זי אויך אַרונטערגעפאַלן אונטער איר ווירקונג. מער נישט, די רייד פון מרס פּינקוס האָבן דערוועקט אין גיטלען אַנדערע אויסרעכענונגען און ס'איז אויסגעקומען אַז זי האָט זיי אויסגעלייגט לויט איר אייגענעם שכל. משה מאַרדעכטיקט נישט מסתמא, אַז די פרויען־קלובן, אין זייערע אומפּאַרטייאישע קולטורעלע אונטערנעמונגען, הערן נישט אויף צו לאָזן וויסן דעם היגן יידישן עולם, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד לעבט זיך דער ייד אויס אין זיין אייגענער

קולטור אויף יידיש; אַז יידישע ביכער ווערן אַרויסגעגעבן און פֿאַרשפּרייט דורך אַ מלוכה־פֿאַרלאַג, און יידישע שולן וואַקסן ווי אויף הייון, וואו נאָר ס׳איז פֿאַראַן אַ יידישער ישוב, און דורך דעם ווערן בולט די גוואַלדאָוונע אויפֿטוען פֿון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט. אָבער סוף־כל־סוף וועט משה זיך דערוויסן דערפֿון. מ׳וועט שרייבן וועגן דעם אין די בירגערלעכע צייטונגען אָדער אַ באַקאַנטער וועט זיך צערײדן מיט איר מאַן דערפֿון, ווי וועגן אַ זאַך וואָס איז איבעראַל באַוואוסט. דאָס וועט פֿאַר משהן זיין אַן איבעראַשונג און ער וועט האָבן טענות צון איר, פֿאַרוואָס זי באַהאַלט פֿון אים זאַכן וועגן וועלכע ער וואָלט באַדאַרפֿט וויסן. איז נישט גלייכער אַז משה זאָל שטופּנוויז געוואָר ווערן פֿון איר פֿאַרבינדונג מיט דער כמו־לינקער באַוועגונג וואָס האָט ווי אַ לאַווינע פֿאַרפֿלייצט גאַנץ אייראָפּע און איז אויך דערגאַנגען קיין אַמעריקע? עס איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן אַז ער זאָל ביסלעכוויז זיך אַריינטראַכטן אין דעם אַלעמען און דערזען די ליכטיקע שיין. דער לעניניזם וועט פֿריער אָדער שפּעטער זיך פֿאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט און עס וועט זיך איינשטעלן די הערשאַפֿט פֿון די האָרעפּאַשנע מאַסן.

דאָס איז געווען פֿאַר גיטלען אַזוי שכלדיק־מעגלעך אַז זי האָט זיך נישט געקווענקלט צו מאַכן אַן אָנהייב אין דער דורכפֿירונג פֿון איר פּלאַן. זי וועט קודם כל אַ רעד טאָן מיט משהן אַז דער פֿרויען־קלוב זאָל האָבן אַ צוזאַמענקום ביי זיי אין הויז. ער וועט געוויס גאָרנישט האָבן קעגן דעם. עס איז טאַקע פֿאָרגעקומען ווי זי האָט פֿאָראויסגעזען. משה האָט אָן קווענקלעניש נאָכגעגעבן איר פֿאַרלאַנג. כאָטש דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ סך קוראַזש, האָט זי פֿונדעסטוועגן נישט איבערגעצויגן דאָס שטריקל. זי האָט אַזוי אויסגעמאַרקירט אַז די זיצונג פֿונעם פֿרויען־קלוב זאָל לאַנג נישט געדויערן און ווען משה האָט, אַרום ניין אין אָוונט, זיך אַריינגעשטעלט אין שטוב, איז שוין געווען נאָך אַלעמען און די קלוב־מיטגלידערינס זענען געזעסן אַרום טיש ביי אַ גלעזל טיי און געמיטלעך געשמועסט. טייל געסט זענען אים געווען באַקאַנט און טייל — נישט. משה האָט זיך צוגעזעצט ביים טיש, גיטל האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי און פֿאַמעלעכל איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם לייכטן טיש־געשפּרעך.

אויף די ערשטע עטלעכע צוזאַמענקונפֿטן האָט מען אַרומגערעדט וואָסער טעאַטער־פֿאָרשטעלונג אויסצוקלייבן, וויפֿל בילעטן צו קויפֿן און וויאַזוי זיי צו פֿאַרטיילן, וואָסערע לעקציעס דורכצופֿירן און וועלכע לעקטאָרן צו פֿאַרבעטן. מ׳האָט אויך געפּלאַנעוועט צו פֿאַררופֿן אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג און ס׳איז געלייגט געוואָרן אַ סך אַכט, אַז דער רעדנער זאָל נישט זיין אַבי ווער, כדי אַריינצוקריגן אַ גרויסן עולם און דעקן די הוצאות. מ׳האָט אויך אין זינען געהאַט איבעראַיאָר דורכצופֿירן אַ גרויסע דעבאַטע צווישן צוויי חשובע געזעלשאַפֿטלעכע טוער — וויאַזוי זיי שטעלן זיך פֿאָר די צוקונפֿט

פונעם יידישן פֿאָלק אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. זיי האָבן אויך געדאַרפֿט זיך אָפּשטעלן אויף דער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע און אין ביראָ־בידזשאַן.

משה קליינמאַן האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין די דיסקוסיעס. משהן איז פֿאַרגעקומען אַז דער פּרויען־קלוב באַשטייט פֿון אומפּאַרטייאישע מענטשן וואָס שטרעבן אַז יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען זאָלן באַטראַכט ווערן פֿון אַלערליי קוקווינקלען. משהן איז אַזאַ איינשטעלונג געווען צום האַרצן. דער יידישער מענטש דאַרף זיך צוהערן צו אַלערליי מיינונגען וועגן אַ וויכ־טיקער דערשיינונג אין לעבן, יידישן און אַלגעמיינעם, און דורכדעם קומען צו אַן אייגענעם אויספֿיר.

וואָס אָפֿטער די קלוב־מיטגלידערינס זענען זיך צוזאַמענגעקומען ביי די קליינמאַנס אין שטוב, אַלץ לענגער האָבן געדויערט זייערע אסיפֿות, אַלץ ברייטער האָט מען אַרומגערעדט דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן מעמד פֿון די יידן אין די לענדער, וואו זיי באַשטייען פֿון גרויסע געדיכטע ישובים. דערפֿון איז משהן ביסלעכווייז קלאָר געוואָרן אַז אַלע רעדנערינס האָבן אַלץ מער זיך אָפּגעשטעלט אויף די זוניקע זייטן פֿונעם יידישן לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין דער זעלבער צייט וואָס געדיכטער געמאָלן די שאָטנדיקע זייטן פֿונעם יידישן לעבן אין די איבעריקע לענדער. דאָס האָט ער אַרויסגעטראָגן מער פֿון די אונטערשטראָכן ווי פֿונעם שטראָם־רייד. עס האָט אים זייער הנאה געטאָן וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז די פּרויען־קלובן האָבן זייערע צוזאַמענקומען ביי אים אין הויז און ער איז אַזוי אַרום געוואויר געוואָרן צוויי זאַכן — מ׳האָט אויפֿגעשטעלט מיט אַ כיוון כלומרשט־אומפּאַרטייאישע פּרויען־קלובן, כדי דורך דער היינטערטיר אַריינ־באַקומען יידישע פּרויען וואָס זאָלן ווערן ביסלעכווייז וואויל געניייגט צו דער לינקער אַרבעטער באַוועגונג און אויך באַקערן צו דער זעלבער באַוועגונג פֿריינט און באַקאַנטע. ער האָט זיך אויך דערוואוסט מיט וואָס גיטל איז פֿאַרנומען אין די פֿרייע אויפֿדערנאַכטן און אַז זי איז נישט גלאַט אַ מיט־גלידערין פֿון אַ פּרויען־קלוב, נאָר איינע פֿון די גלאַוונע מאַכערינס. משה האָט אַפֿילו מיט אַ ברעם פֿון אויג ניט אָנגעוואונקען, אַז ער האָט זיך אָנ־געשטויסן וואָסערע צילן די פּרויען־קלובן האָבן.

ער איז געניייגט געווען צו שוויגן ווייל אין אַ געשפּרעך מיט עמיצן פֿון דער גרופּע קען זיך נאָך ביי אים אַרויסכאַפּן אַ וואָרט וואָס זאָל געבן אַן אָנצוהערעניש אַז ער האָט באַנומען דעם אמתן מיין פֿון דער גרופּע און דאָס איז נויטיק אויסצומיידן. ער וועט אַפֿילו מיט זיין אייגן ווייב נישט ריידן וועגן דעם. אויב זשע עמיצער וועט אים פֿרעגן צי ער איז מסכים מיט דער טעטיקייט פֿונעם פּרויען־קלוב, וועט קומען פֿון אים אַן ענטפֿער אַז די מענטשן וואָס פֿאַרשפּרייטן וויסן און קולטור צווישן יידן, זענען ווערט אַלערליי שבחים, באַזונדערס נאָך ווען עס ווערט געטאָן פֿון אַן אומפּאַר־

טייִשער גרופּע. פֿון דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן וועט ער נישט אָפּווייכן, מע דאַרף זיך אָננעמען מיט געדולד כּדי צו זען וויאַזוי די אסיפֿות פֿונעם פּרויִען־קלוב וועלן ווייטער אָנגיין און אויף וועלכע וועגן זיי צילעווען זיך צו פֿאַרנעמען.

גיטל איז געווען אין דער בחינה פֿון אַ מענטשן וועמענס געשעפֿטן גייען באַרג אַרויף, דער וועג פֿאָרויס זעט אויס צו זיין נישט ערגער ווי ביז אַהער און אפֿשר נאָך בעסער. דער אָנהייב פֿון איר פּלאַן איז אַרויס־געקומען זייער געראָטן, בעסער ווי זי האָט דערוואַרט. איז יעדע מינע פֿון איר פּנים געווען פֿול מיט שמייכל. ווי עס קוקט אויס האָבן ביי משהן זיך געעפֿנט די אויגן און וועט איר שוין גאָרנישט שטערן מיט דער אויפֿ־קלערונג־טעטיקייט פֿון דער גרופּע. ער וועט געוויס אָנטייל נעמען ווען זי וועט ווערן די אָנפֿירערן פֿונעם קלוב — און מיט דער צייט מיט אַ פּאָר פּרויִען־קלובן.

עס וועט זיכער קומען דערצו, ער אַליין וועט סוף־כּל־סוף דערזען די ליכטיקע שיין און אַריבערגיין איינגאַנצן אויף איר זייט. דאָס וואָלט געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין איר לעבן. זי און ער וועלן ווידמען זייער פֿרייער צייט צו פֿאַרשפּרייטן לעגינס תּורה צווישן די יידישע מאַסן. דער טאָג וועט קומען, וועט מוזן קומען ווען מע וועט זיך באַפֿרייען פֿונעם קאַפּיטאַ־ליסטישן יאָך און איינפֿירן אַ גערעכטע מלוכה — די הערשאַפֿט פֿונעם פּראָלעטאַריאַט.

16

ווען קליינמאַן איז אָפּגעוועזן אין דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט אַ שטיקל צייט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז די ציוניסטישע פּאַרטיי האָט נישט געשלאָגן קיין טיפע וואָרצלען אין דעם נייעם לאַנד. אָנגעזעענע ציוניסטן — גבירים קלייבן זיך נישט אַריבער מיט האַק־און־פּאַק קיין פּאַלעסטינע, כדי אויף אַ פרידלעכן אויפן איינצונעמען דאָס לאַנד פון די אבות. עס געפינען זיך אויך נישט קיין אַמעריקאַנער יוגנטלעכע, וואָס זאָלן זיך אַוועקהאָזן קיין פּאַלעסטינע און מיט די אייגענע הענט צו צעאַקערן און פאַרזייען דאָס וויסט־געוואָרן לאַנד, די טעריטאָריאַליסטישע פּאַרטיי האָט גע־גרינדעט אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר איר ציל צו זוכן אַ טעריטאָריע פאַר די יידן פון מזרח־אייראָפּע.

עס איז קיינעם אַפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז די יידן פון אַמעריקע וועלן וויליק זיין צו באַזעצן זיך אויף אַ טעריטאָריע, פון וועלכער מע דאַרף ערשט מאַכן אַ ישוב. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט זיך פאַר־בונדן מיט אַ ריי מלוכות, וואָס האָבן געהאַט שטרעקעס נישט־באַאַרבעט לאַנד, פּאָליט זענען אַרויסגעפאָרן אַהין, אויסגעפאָרשט דעם באָדן און סוף־כל־סוף געבליבן ביי גאָרנישט. דער שטראָם עמיגראַנטן פון מזרח־אייראָפּע האָט זיך געלאָזט אַהין, וואו עס איז געווען די מינדסטע מעגלעכ־קייט דורכצוברעכן זיך אַ וועג — קיין צפון און דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע א.אַ.וו. טייל יונגעלייט פון אייראָפּע האָבן זיך פאַרנומען אויפן שווערסטן וועג — אַוועקגעלאָזט זיך קיין פּאַלעסטינע מיט אַ חלוצישן פּלאַן — צוגרייטן וואָס מער באָדן פאַרן קומענדיקן דור.

משה קליינמאַן האָט גאָרנישט דורכגעלאָזן אין יידישן לעבן פון רוסלאַנד. קאָמוניזם איז משהן געווען דערווידער, ער האָט אָבער געמוזט צוגעבן, אַז דאָרטן בליט דאָס יידישע קולטור־לעבן. קינדער באַזוכן יידישע עלעמענטאַר־שולן, מיטלשולן און הויכשולן. די אונטעררריכט־שפּראַך איז יידיש און די לערנביכער — יידישע. מ׳האָט אַרויסגעגעבן אַ יידישע גראַ־מאַטיק, אַ געאָמעטריע און אויך אַנדערע ביכער אין יידיש, וואָס איז ביז אַהער נישט געווען. עס דערשיינען פאָרשונגס־אַרבעטן וועגן סטיל און גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך. קריגט קליינמאַן אַריין אין זיינע הענט אַזאַ בוך (איז עס ביי אים אַזוי אָנגעלייגט ווי מצה־וואַסער ביי פרומע יידן.) מע דרוקט אויך דאָ יידישע ביכער און זיי ווערן באַלד אויס־פאַרקויפט. עס דערשיינען יידישע זשורנאַלן און מען לייענט זיי. אין יעדער שטאָטישער ביבליאָטעק איז פאַראַן אַן אָפּטיילונג פון יידישע ביכער

און ווען מען זאָל אַהין נישט אַרײַנפֿאַלן טרעפֿט מען דאָרט ייִדישע יונגע־לײַט, וואָס לײַען אויס ביכער צום לײענען. אויף די גאַסן וואָס זענען געדיכט באַזעצט מיט ייִדן הערט מען דעם קלאַנג פֿון דער ייִדישער שפּראַך בײַטאָג און בײַנאַכט. אַפֿילו די קינדער וואָס זענען מחויב צו באַזוכן די ענגלישע שול ריידן ייִדיש ווי נאָר זיי קומען אַהיים. עס זענען פֿאַראַן ייִדישע טע־אַטערס אי פֿאַרן פּשוטן מענטשן און אי פֿאַרן ייִדישן פֿאָלקס־אינטעליגענט, און בײדע סאָרטן טעאַטערס דאַרפֿן נישט אָנקומען צו קיצבה. פֿאַרוואָס די ציוניסטן טרוימען וועגן באַזעצן זיך אין פּאַלעסטינע, וואָס איז באַוואוינט פֿון די אַראַבער, הייבט קליינמאַן נישט אָן צו פֿאַרשטיין. אין אַמעריקע לעבן דאָך די ייִדן ווי אין אַ ייִדישער מדינה. דאָ קען יעדער ייִדישער יונגערמאַן זיך לערנען אויף וואָס נאָר ער וויל — אויף דאָקטאָר, אינזשינער און אַפּ־טייקער. און דערנאָך קען ער עפֿענען אַן אַפּטייק אָדער פּראַקטיצירן דאָק־טערײַ וואו נאָר זײַן האַרץ גלוסט. אָן שום שטערונגען קען יעדער בירגער לעבן אויף זײַן אייגענעם שטייגער פֿראַנק און פֿרײַ.

האָבן זיך די ייִדן ווען עס איז געוואונטשן אַ בעסער לאַנד ווי אַמעריקע? פֿאַרוואָס אייניקע ייִדן טרוימען וועגן פּאַלעסטינע אָדער זוכן און פֿאָרשן אַ טעריטאָריע, וואָס איז פֿאַרוואָרפֿן הינטער די הרי־חושך, איז פֿאַר קליינ־מאַנען געוועזן אַ רעטעניש. ווי עס קוקט אויס ווילן ייִדישע עמיגראַנטן האָבן אַ מעגלעכקייט אַרײַנצוקומען אין בײדע אַמעריקעס אָן שום באַגרע־נעצונגען. עס קען זיך מאַכן, אַז מע וועט זיך אָנשטויסן אויף געוויסע שוועריקייטן מצד געוויסע רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס קוקן קרום אויף ייִדישע עמיגראַנטן, אָבער דאָס איז אַלעמאָל געשען אין דער ייִדישער געשיכטע, ותמיד איז מען עס בײַגעקומען און ערגערן זיך צוליב דעם דאַרף מען נישט.

איבער קליינמאַנס פּנים האָט זיך געשפּרייט אַ זיכערקייט, וואָס קומט פֿון איבערגעפּולטן נחת־רוח. דאָס ייִדישע אייגנאַרטיק לעבן, דער אויסער־לעכער און אינערלעכער שטייגער, איז אין פּוילן בלי אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער רוסישער מלוכה סיסטעם פֿאַר־ווערט די האָרטיקע ייִדן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די אַמעריקאַנער ייִדן, עקאָנאָמיש און גייסטיק, און צו באַווירקן איינע די אַנדערע. מער נישט, ייִדישע ביכער קומען אָן פֿון דאָרט אַהער און ווערן פֿאַרצוקערט. נאָר גע־וויסע היגע ייִדישע ביכער און אין אַ קליינער צאָל דערגרייכן אַהין און ווערן אין עטלעכע טעג אויספֿאַרקויפֿט, אויב די רעגירונג דערלויבט עס. די קליינע שפּאַרונקעלעך דורך וועלכע מע קען אַרײַנבליקן אינעם תּוכיקן לעבן פֿונעם רוסישן ייִדן האָבן געוואונען די הערצער פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן, פֿאַרקוקן זיי אַ סך שאָטנדיקע זײַטן אינעם רוסישן סדר לעבן און עס קען זיך אויסדאַכטן, אַז די ייִדן פֿון אַמעריקע האָבן גאָרנישט קעגן יענעם מלוכה־סיסטעם.

די טאָפּעלטע דערשיינונג האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר. ביסלעכווייז האָבן יידן אָנגעהויבן אַרויסקומען מיט קלאָגרייד און טענות צו זיך און צו דער אַרומיקער וועלט, אַז אי דאָ אי דאָרט מערקט זיך אַ וויאַנונג אינעם יידישן לעבן און עס קוואַלט שוין נישט דער יידישער שטייגער ווי קריק מיט אַ צען יאָר, און דאָס מיינט, אַז מ׳גייט באַרג אַראָפּ.

כאָטש קליינמאַן האָט עס געהערט פון אַ יידישן שרייבער, וועמען מ׳האָט נישט געקענט חושד זיין, אַז ער האָט הנאה דערפון און דערפאַר טראַכט ער אויס זאַכן, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, דאָך האָט משה עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, דער הימל איז נאָך נישט ביי דער ערד. עס פאַרמאַכן זיך טאַקע יידישע שולן אין די געגנטן, וואו די יידישע באַפעלקערונג ווערט קלענער, דערפאַר אָבער עפענען זיך נייע יידישע שולן אין די געגנטן, וואו די יידישע באַפעלקערונג האַלט אין גרעסער ווערן. די צרה איז אַז דאָס יידישע לערנען געדויערט נאָר צוויי שעה אַ טאָג און נישט מער ווי דריי מאָל אַ וואָך. פונדעסטוועגן בלייבט עפּעס ביי די קינדער פון די יידישע לימודים. די ריכטיקע דאגה באַשטייט אין דעם, וואָס נאָכן ענדיקן די יידישע שול נעמען זיי נישט אַ יידיש בוך אין די הענט אַריין און די ענגלישע שפּראַך פאַרשלינגט זיי אינגאַנצן, אין די אוניווערסיטעטן און אין די געשעפטן, וואו זיי טרעפן זיך מיט די אַמעריקאַנער.

אמת איז אַז אין רוסלאַנד איז אין די גרויסע שטעט פאַרגעקומען דאָס אייגענע און דאָך איז דאָס יידיש לשון נישט פאַרשטומט געוואָרן ביי די שטאָטישע יידן. כאָטש צוריק גערעדט, האָט דאָס רוסישע יידיש־שטעטל געגעבן יידישע ווערטער אַריינגעבראַכט אין גרויסשטאָטישן ריידעריי און ס׳האָט זיך אָנגענומען. דאָ אין אַמעריקע איז קיין יידיש שטעטל נישטאָ, איז אויך נישטאָ קיין לעבעדיקער קוואַל פון וואַנעט צו שעפּן יידיש־לעבן.

משה קליינמאַן איז פונדעסטוועגן נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך אין דער פינצטערניש, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין אָנרוקן ווי אַ געדיכטע שוואַרצע כמאַרע, האָט אַ ליכטל געמאַניעט. פרומע יידן האָבן די גמרא געלערנט — פאַרטייטשט אויף יידיש און אויך צווישן זיך האָבן זיי גערעדט יידיש.

און פון דער געשיכטע האָט קליינמאַן געלערנט, אַז נאָך פאַרן חורבן בית שני האָט מען אין די גרויסע שטעט פון דער יידישער מלוכה, נישט גערעדט קיין העברעאיש. זי איז געבליבן די גערעדטע שפּראַך נאָר אין קליינע קרייזן. דאָך האָט קיין אַנדער שפּראַך זי נישט אַרויסגעשטופּט. דאָס אייגענע קען געמאָלט זיין זאָלן די פרומע יידן אויפטאָן פאַרן יידישן לשון.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און קליינמאַן האָט זיך פון דער דאָזיקער איינרעדעניש אויסגעטשוכעט. די פרומע יידן פאַרנעמען אַ קליין ווינקעלע אינעם יידישן לעבן. דער יונגער יידישער דור ווערט אַדיינגעצויגן מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן אין דער ענגלישער קולטור און דער

אַלטער דור שטאַרבט אויס. יידישע טעאַטערס ווערן וואָס וויינציקער און דאָס אייגענע געשעט מיט די בוכגעשעפטן. די רעשטלעך פונעם אַלטן דור מיטן ביסל צוגעקומענע עמיגראַנטן דערהאַלטן ביים לעבן די פּאָר יידישע צייטונגען, וואָס ווערן אָרעמער אין אינהאַלט ווייל עס פעלן יידישע שרייבער, געבוירענע אין אַמעריקע, וואָס זאָלן אַרויסקומען מיט אַ נײַ וואָרט.

משה קליינמאַן איז געווען אויפגערודערט. עס ווערט פאַרשוואונדן דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד און מיט אים גייט אונטער דאָס מזרח־אייראָפּעאיש יידיש־לעבן, און קיין אַנדערס פאַרנעמט נישט זיין אָרט. וואָס זשע וועט זיין? עס וועט אויפקומען אַ יידיש לעבן אויף ענגליש וואָס וועט געדויערן פון אסתר תענית ביז פורים. עס וועלן זיך מערן געמישטע חתונות און ביסלעכוויז וועט די צאָל יידן וואָס וועלן און וויינציקער. אַפילו דער שיכט פון פרומע יידן וועט ווערן דין און דינער. וויפל איז געבליבן פון די פרומע יידן אין האָלאַנד און אין דענעמאַרק? נישט מער ווי אויף אַ פּאָר גאַסן אין יידישן מזרח־ניו־יאָרק.

איז קליינמאַנען געוואָרן פּדיקרע אויפן האַרצן האָט ער זיך געטישעט מיטן אונטערגאַנג פון אַנדערע פעלקער־מינאָריטעטן אין ניו־יאָרק. זיי האָבן ביסלעכוויז אָנגעוואוירן די צוגעבונדנקייט צו די מנהגים און שטייגער־לעבן פון דער אַלטער היים, אַריינגעמישט ענגלישע ווערטער אין זייער מוטער־שפּראַך, די קינדער האָבן גערעדט נאָר ענגליש און נאָך פאַר־שטאַנען דעם שפּראַכן־געמיש פון די עלטערן. דעם גורל האָבן נישט אויסגע־מיטן די דייטשן, פּאָליאַקן, שוועדן און אַנדערע עמיגראַנטן. דאָס אייגענע איז נישט פאָרגעקומען מיט די יידן ווייל זייער רעליגיע איז אינגאַנצן אַנדערש פון דער קריסטלעכער אין אַלע אירע שאַטירונגען.

ס׳איז אויך נויטיק אָפּצושטעלן זיך אויף אַן אַנדער וויכטיקער דער־שיינונג. אינאיינעם מיט די יידן האָבן זיך צוריק מיט דריי טויזנט יאָר אָנ־געזען אַנדערע פעלקער ווי מואב, עמלק א.אַנ. מלכות יהודה האָט געפירט מלחמות מיט מואב, עמלק און שפּעטער צו מיט אשור און בבל. ביים צווייטן בית המקדש זענען אויפגעקומען צוויי גרויסע פעלקער — די רוימער און די גריכן. די רוימער האָבן אויפגעבויט די גרויסע רוימישע אימפּעריע און די אַמאָליקע גריכישע קולטור איז נאָך עד היום ניכר אין גאַנץ אייראָפּע. די רוימער, גריכן און די איבעריקע פעלקער פון יענער צייט זענען פאַר־שוואונדן און אַנדערע פעלקער האָבן פאַרנומען זייער אָרט, אָבער דאָס יידישע פאָלק איז נישט אונטערגעגאַנגען. מיט וואָס דערקלערט זיך עס? די יידישע רעליגיע אונטערשיידט זיך טאָקע זייער שטאַרק פון דער קריסטלעכער, דאָס אַליין איז נישט קיין שטאַרקע דאַמבע קעגן פאַרשווינדונג. אָט איז כמעט אָפּגעווישט געוואָרן פּרס ומדי מיט איר אייגנאַרטיקער רעליגיע.

די איינציקע דערקלערונג וואָס מען קען געבן איז — נאָכן חורבן בית שני האָבן די יידן מער נישט אויפגעשטעלט קיין יידישע מלוכה און נישט

געפירט קיין מלחמות מיט אַנדערע פעלקער. מע דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז ווען ס׳האָט אָנגעהויבן צו גיין באַרג אַראָפּ אין אַ מלוכה, אונטער וועמענס שוץ די יידן האָבן זיך געפונען און עס זענען פאָרגעקומען רדיפות, גזירות און אויך אַרויסטרייבונגען, האָט דאָס יידישע פאָלק געזוכט אַ מקום מנוחה ביי אַ פאָלק וועמענס שפּע און באַוואָרנטקייט קעגן אַ שונא האָט געהאַלטן אין שטייגן. דאָס, ווייזט אויס, האָט מעגלעך געמאַכט דעם המשך פון יידישן פאָלק. די היינטיקע יידן זענען טאַקע נישט די זעלבע וואָס מיט טויזנט יאָר צוריק, אָבער וועלכע פעלקער ענדערן זיך נישט אין פאַרלויף פון אַ גרויסער צאָל יאָרן?

דעם סאָוועטישן רעזשים האָבן די אַמעריקאַנער יידן אויפגענומען מיט ישוב הדעת מ׳האָט געהאָפט, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט דאָס יידישע לעבן, אין אַלע זיינע צווייגן, זיך צעבליען ווי קיינמאָל נישט ביז אַהער. ווי עס טרעפט אָפט אין לעבן איז די האָפנונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרויער. שוין אין די פּערציקער יאָרן זענען קיין אַמעריקע אָנגעקומען ידיעות, אַז אין יידישע קרייזן האָט מען געקוקט אויף דעם ווי אויף אַן אָנהייב פון אַן ענדערונג אין סאָוועטישן צוגאַנג צום יידישן קולטור־לעבן. אויף די יידן האָט מען געקוקט ווי אויף שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און זייער אויסטייטשונג נישט גענומען אין אַכט.

אויף אַזאַ אופן איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען ביזקל 1939 ווען סטאַלין האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט היטלערן און זיי האָבן זיך צעטיילט מיט פוילן און עס זענען פאַרמאַכט געוואָרן די טיר און טויערן פון דריי לענדער — רוסלאַנד, פוילן און דייטשלאַנד.

17

ווי נאָר משה קליינמאַן האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם שפּיטאָל־צימער, איז זיין בליק געפאַלן אויפן אַלטן טאַטן, וואָס איז געלעגן אין בעט לעם פענצטער. משה האָט מיט שטילע טריט זיך דערנענטערט אַהין. די אויגנדעקלעך האָבן האַלב צוגעדעקט די שוואַרצאַפּלען פון זיין טאַטנס פאַרגלייזטע אויגן און דאָס מויל איז געווען אָפן. דאָס שיטערע רויטלעך־גרויע בערדל איז געווען פאַרשפּיצט און דאָס האַרץ האָט זיך געהאַלטן אין איין הייבן.

צוריק מיט אַ שעה האָט משה טעלעפאָנירט אין שפּיטאָל אַריין און זיך נאָכגעפרעגט ווען ער קען באַזוכן זיין פאָטער. אַ דאָקטאָר האָט אים געענטפערט אַז ער קען עס טאָן צו יעדער צייט. פון דעם ענטפער האָט משהן אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ, אַז זיין טאַטנס שעהן זענען געציילטע, אַניט קען מען באַזוכן אַ קראַנקן נאָר אין געוויסע שעהן.

אַרויסגייענדיק פון דער טעלעפאָן־בודקע האָט משה אָן עפּעס זיך פאַרטשעפּעט און שיר נישט אומגעפאַלן. ווי אַ צעמישטער האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזוכט דעם אַרויסגאַנג. אויף דער גאַס האָט ער ביסלעכווייז געגומען איינזען אַז עס האַלט נאָך נישט אַזוי שמאָל מיט זיין טאַטן, ווי ער האָט אַרויסגעדרונגען פונעם דאָקטערס ענטפער. געוויס איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג צום ערגערן אין טאַטנס קראַנקייט, דאָס הייסט נאָך נישט אַז עס האַלט ביים סוף... עס טרעפט דאָך אַז נאָך אַ פאַרערגערונג קומט אַ פאַרבעסערונג. צוריק מיט עטלעכע יאָר איז זיין טאַטע געפערלעך קראַנק געווען און אַלע דאָקטוירים האָבן אים אויפגעגעבן — און ער איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן. אַז די דאָקטוירים האָבן דעמאָלט געטראָפן מיט אַ פינגער אין הימעל אַריין, פאַרוואָס איז עס נישט מעגלעך אויך איצט?

בעתן אַריינשטעלן זיך אין שפּיטאָל־צימער האָט נאָך געטליעט ביי משהן אַ באַגער אַריינצורופן דעם דאָקטאָר און זיך דורכרעדן מיט אים. דעם טאַטנס פאַרגלייזטע אויגן אָבער האָבן אויסגעלאָשן דאָס טליען פון זיין באַגער. קליינמאַן האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעט און אויסגעשריגן טאַטע, טאַטע! דעם טאַטנס רעכט אויג האָט זיך באַוועגט, די ליפּן האָבן זיך ווי געעמיט אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, אַ קלאַנג און זענען פאַרגליווערט געוואָרן. משה האָט זיך אַ דריי געטאָן איבערן צימער, ווי ער וואָלט אין זינען געהאַט צו צעשטערן דאָס שווערע שווייגעניש וואָס האָט געהויערט איבער אים, איז געבליבן שטיין ביים קראַנקנס צופוסנס און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם טאַטן. דער קראַנקער טאַטע טוט זיך אָן אַ שטאַרקן כוח אַריינצוקריגן אַ ביסל לופט און עס קומט אים אָן זייער שווער. איז ער צו־

געלאָפן צום קראַנקן, שטאַרק אַריינגעאָטעמט אין זיין אָפן מויל. אָט האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז דער טאַטע אָטעמט לייכטער, האָט ער אויסגעשריען: „טאַטע, טאַטע!" ווי נאָר אָבער משה האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט ער דערפילט אַז זיין טאַטן קומט אָן געוואַלדיק שווער צו כאַפּן דעם אָטעם... ער לעבט נאָך... אַמאָל געשעט דאָך אַ נס, איז אפשר וועט איצט אויך אַזוי זיין... דער טאַטע אָטעמט קוים... אָט האָט ער געגעבן דעם לעצטן כאָרכל — און אויס, אויס! ער איז שוין מער נישטאָ!

משה האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים בעטוועגטל — ער איז איינער אַליין מיטן טויטן.

פּאַמעלעכל האָט זיך געעפנט די טיר. ווער האָט עס געקענט אַריינקומען אַהער? האָט אַ שרעק אַרויסגעקוקט פון משהס אויגן. דער דאָקטאָר האָט זיך מיט שטילע טריט דערנענטערט צו אים און כמעט אַרויסגעשעפּטשעט: „איר ווילט אוודאי זיין אַליין מיט אייער פאָטער." — „יאָ, דאָקטער," — האָט משה מיט אַ ציטערדיק קול אַרויסגערעדט.

משה איז געשטאַנען אָן איינגעבויגענער לעם זיין טויטן טאַטן און אַ געפיל האָט ער געהאַט אַז אין אים אַליין איז עפּעס אָפּגעשטאָרבן...

שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן האָט משה זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ פאַר יאָסל הובערמאַן: „אויך איצט פיל איך אַז מיט מיין טאַטנס אַוועקגיין איז אויך אַוועקגעגאַנגען אַ שטיק פון מיין לעבן און מיר דוכט זיך, אַז איך בין נישט דערזעלבער וואָס פריער".

— „ס'עט פאַריבערגיין, משה. פאַרגעס נישט אַז ביזט אַ יונגער מענטש און דיין לעבן וועט זיך ערשט צעבליען.

— „כ'האָב מורא, אַז ס'וועט אַזוי גיך נישט איבערגיין, יאָסל" — האָט משה אויפגעהויבן די גרויסע קיילעכדיקע ביר־אויגן. — „איך האָב די מאַמען מער ליב געהאַט ווי דעם טאַטן, דאָך האָב איך נאָר עטלעכע מאָל געזאָגט קדיש נאָך איר. נאָך דער פּטירה פונעם טאַטן בין איך די גאַנצע שבעה אָפּגעזעסן אויף אַ בענקעלע און ביז אַהער קיין איין טאָג נישט פאַרפעלט צו זאָגן קדיש. איך בין נישט געוואָרן קיין פרומער ייד, בין אָבער נישט דערזעלבער וואָס פריער".

— „דאַרפסט נישט פאַרגעסן, משה, אַז ס'קומט אײן אומגליק נאָכן אַנדערן, געדענקט מען מער דעם לעצטן אומגליק". — יאָסלס עלענבויגן איז געווען אָנגעשפּאַרט אויפן טיש און די אויגן זענען געווען האַלב צוגעמאַכט. ער וועט נישט גיין זאָגן משהן אַז נאָך דער מוטערס טויט האָט ער געלעבט מיט זיין ווייב און קינדער, און איצט איז ער איינער אַליין אויף גאָטס וועלט...

— „ס'נישט דאָס, יאָסל", — האָט משה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „אָט גייען מיר נישט אַרויס פון קאָפּ אַ פּאָר זאַכן. נאָך אַ גרויסן

יאַריד האָט דער טאַטע מיך געהייסן אָפּטראָגן אַ גמילות חסד, וואָס ער האָט געכאַפּט ביי זיינעם אַ ידיד.

— „עס גייט אַ רעגן און ס׳איז פינצטער אין דרויסן“. — האָט די מאַמע זיך אַריינגעמישט. — „קענסט מאָרגן איבערמאָרגן אָפּשיקן דעם גמילות חסד.

— „משהלען וועט גאָרנישט זיין אויב ער וועט נאַס ווערן אַ ביסל“. — איז דער טאַטע באַשטאַנען אויף זיינעם — „און איך וויל נישט אַז יענעמס געלט זאָל איבערנעכטיקן ביי מיר אין שטוב.“ — איך האָב געמוזט אָפּטראָגן דעם גמילות חסד.

— „געווען קראַנק איז די מאַמע“. — האָט יאָסל זיך אָנגענומען פאַר איר. — „און דער טאַטע האָט געהאַנדלט לפנים משורת הדין“.

— „דאָס איז נאָך גאָרנישט“. — האָט משה פאַרקוועטשט די אויגן. — „איינמאָל האָט אויפן שטעטל זיך אָנגעזעצט אַ ביטערער ווינטער דאָס ליידונג אין קלייט איז געווען נישטיק און מ׳האָט געלעבט בצמצום. אויף די ווייטאַכט קאַניקולן איז אַראָפּגעקומען דער איינציקער גימנאַזיסט פון שטעטל, אַ זון פון אַ רייכן שניטקרעמער.

— „דער טאַטע זיינער, דעם גימנאַזיסט, קען אַפילו קיין שייטל עברי נישט, איז ער דווקא שטיין־רייך און האַלט אויס זיין וונדל אין אַ גרויסער שטאָט, און מיר?“ — האָט די מאַמע אויפגעעפנט די האַנט.

— „וואָס קוקסטו נאָר אַרויף?“ — האָט דער טאַטע ווי געברוגזט זיך אויף איר. — קוק בעסער אַראָפּ. אַפילו אין די ערגסטע ציטן זענען מיר נאָך בכוח צו שיקן עטלעכע חלות צו די אָרעמעלייט, זיי זאָלן כאָטשבי האָבן חלה אויף שבת. איסט מיר אפשר זאָגן אַז זיי זענען ערגערע מענטשן ווי מיר, האָ?“

דער מאַמעס ווערטלעך האָב איך מערסטנס פאַרגעסן און דעם טאַטנס מוסר־רייד, אַפילו די שטרענגסטע, געדענק איך עד היום.

—„דיין טאַטע האָט דיך געלערנט, אויף זיין אופן, ווי צו זיין אַ מענטש און דאָס פאַרגעסט זיך נישט“. — האָט יאָסל גרויס געוויכט געלייגט אויף די רייד פונעם פאָטער.

יאָסל האָט זיין ווייב גאָלדע איבערגעגעבן דעם גאַנצן געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן משהן און אים. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: „משה איז אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה וואָס האָט זיך אין אים איינגעגעסן ווי אַ פּיאַווקע און נישט אַזוי גיך וועט ער פּטור ווערן דערפון“.

— „נישט דעם טאַטנס טויט אַליין האָט משהן פריטשעמעליעט. — האָט גאָלדע ברייטער באַנומען זיינע איבערלעבונגען. — „זיין מוטער איז נאָך פריער אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, איציקל איז אַוועקגעשטאָרבן, ר׳ האָט זיך גע׳גט מיט גיטלען און אויף אירע הענט איבערגעלאָזט לאהקען און ער איז געבליבן איינער אַליין.

„ביזט גערעכט, גאָלדע, משה טוט אָבער אַזעלכע זאַכן וואָס ער וואָלט נישט באַדאַרפט טאָן. ווען איך זאָל נישט אַריינקומען צו אים, זיצט ער אָן איינגעבויגענער איבער אַ בוך. איצט טויג דאָס נישט פאַר אים. ער וואָלט באַדאַרפט וואָס מער טרעפן זיך מיט מענטשן און נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען ער טרעפט אַ באַלעבאַטיש מיידל און האָט חתונה".

משה קליינמאַן איז געוואָרן אַ יושב אוהל און מיט פּליס געלייענט אַ סך ביכער. מיד וועררנדיק פונעם לייענען האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס בוך אויפן טיש, אַריינגערוקט זיך אין פאָטעל אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויפן ווייכן ווענטל און געפילן־מחשבות זענען אָנגעלאָפן.

איציקל איז געשטאָרבן, מיט גיטלען זיך גע'געט און טאַטע־מאַמע זענען אויך נישטאָ. ער קומט נישט אַריין צו זיך אין הויז, נאָר צו די הוילע פיר ווענט. ס'איז שטיל, מ'הערט נישט דאָס געוויין פונעם קינד און דעם ווייבס פאַרקען זיך אַרום אים. אַפילו די קאַץ מיאַוקעט נישט ווען ער עפנט די טיר, אויך זי האָט אים פאַרלאָזט. האָט ער זיך דערפילט דער־שלאָגן, איז ער אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן און פאַרקערעוועט זיך גראָד אויף אַ זייטיקן וועג וואו מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. פונדערווייטנס האָבן זיך געשפּרייט גרויסע שטרעקעס פונוואַנען פייערלעך האָבן גע־בלישטשעט און פונעם אויסגעבויגענעם הימל האָבן אומצאָליקע שטערן באַ־לויכטן דעם פינצטערן וועג. אין אים האָט זיך פאַרטאַיעט אַן איבערלעבונג — ווי נישטיק ער איז אין אַרומרינגלונג פון אַזויפיל שטערן!

וואָס אָפּטער קליינמאַן האָט אין די אויפדערנאַכטן געוואַנדערט איבער די זייטיקע וועגן און סטעזשקעס, אַלץ בולטער האָט ער געזען אַז כאָטש דער מענטש איז אַ קליין זעמדעלע אינעם אוניווערס, פאַרטיפט ער זיך דאָך אין דער גרויסער מיסטעריע פונעם וועלט־אַל. ס'איז אים אויך גע־קומען אויפן געדאַנק אַז אילע לעבעדיקע באַשעפענישן באַנעמען, לויט דער מדרגה פון זייער שכל דעם וועלט־אַל. דער הונט, דער לייב און אַפילו די קליינע טשערעפּאַכעס האָבן אַן אָנונג פון דער אַרומיקער וועלט און ווען זיי שטילן דעם הונגער באַטראַכטן זיי גאָטס וועלט. זייער פאָרשטעלונג איז נישט אינגאַנצן אַנדערש פון דעם מענטשנס, נאָר מער אָדער ווינציקער פאַרשמעלערט.

דעם ווילדן מענטשנס באַנעמונג פונעם וועלט־אַל אונטערשיידט זיך דען נישט פונעם איצטיקן אייראָפּייערס קוק אויף דער וועלט? דער באַגריף פון גאָט ביים ציוויליזירטן מענטשן איז אַן אַנדערער ווי ביים זולו. דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן וועגן הויכן ציוויליזירטן מענטשן פון הונדערט יאָר שפּעטער אין שייכות צום איצטיקן. מיט אַנדערע ווערטער, דער באַגריף פון גאָט און וועלט איז אוממעגליך אָפּצוטיילן פון דער היסטאָרישער ראַם אין וועלכער דער מענטש געפינט זיך. עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז מיט טויזנט יאָר שפּעטער, אויב די ציוויליזאַציע און קולטור וועלן גיין באַרג

אַרויף, וועט דער מענטש זען די וועלט גאַנץ אַנדערש ווי מיר איצט, וועט זי באַנעמען ברייטער און טיפער. אויף גאָטס וועלט איז אויך נישטאָ קיין פּלוציִמדיקייט. יעדעס שטיקעלע חומר און גייסט ווערט מיט דער צייט גרעסער און נאָך גרעסער.

משה קליינמאַן איז אַזוי אַרום דערגאַנגען צו אַזעלכע טראַכטענישן אַז אויך די ערד האָט אַ באַוואוסטזיין. זי איז נישט גלאַט אַ גרויסער באַל וועמענס עובדא ס'איז צו דרייען זיך אַרום דער זון, וואָס איז נישט מער ווי אַ גרויס שטיק פייער וועמענס ציל ס'איז צו באַלייכטן און באַפרוכפּערן די ערד מיט אַלע אירע באַשעפענישן, און אויך אַנדערע שכנותדיקע פּלאַנעטן. די זון און אויך די אומצאָליקע שטערן האָבן אַ באַוואוסטזיין וועלכע מיר קענען נישט משיג זיין.

דער מענטש האָט טאַקע מער פאַרשטאַנד ווי די איבעריקע ערדישע חיות, אָבער „מער” מיינט נישט אומבאַגרעניצט. מיר קענען דערימעך האָבן אַ בליק אויף דער נאַטור און נישט ביכולת זיין צו דערגיין צון איר ריכטיקן מהות. איי, מיר האָבן זייער ווייט אַוועקגעשפּאַנט אין גראַד שכל פון עם מענטשן וואָס האָט געלעבט מיט הונדערט טויזנט יאָר צוריק? דאָס דוכט זיך אונז נאָר אויס, אין דער אמתן האָבן מיר געמאַכט אַ פּאָר שפּען ווייטער און נישט מער.

אויך אַלע אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן זענען נישט געבליבן שטיין אויף איין אָרט. זייער שכל און וועלט־באַנעם איז געוואָרן גרעסער. עס איז נישטאָ קיין שפּרונג אין דער נאַטור, אַלץ גייט פון קלענערן צום גרעסערן. פיזיש און גייסטיק צון אַ העכערער קוואַליטעט. מיט עטלעכע טויזנט יאָר שפּעטער וועט דער שכל פון עם מענטשן מסתמא זיין אויף זייער אַ הויכער מדרגה, פון וועלכער מיר קענען נישט האָבן קיין פאָרשטעלונג, וועט אָבער דאָך זיין באַגרעניצט.

אָט שטייט ער אויף אַ בערגל אין אַן אָוונט און קוקט זיך אַרום. פון איין זייט ציט זיך אַ געדיכט וועלדל פון וואַנען עס הערן זיך אַלערליי געזאַנגען — שטילע, ביי־דער־ערדיקע וואָס שושקען און לאַשטשען זיך צון אים; עטוואָס העכערע פון וועלכע מע קען הערן אין דער ווייט און אין דער ברייט אַז אים געהערט דאָס אַלץ. די גאָר־גאָר ווייטע שטרעקע איז געווען באַשפּרינקלט מיט קלענערע און גרעסערע פייערלעך וואָס האָבן משהן געסאַביעט צו זיך — דאָס איז דאָך די קרוין פון דיין באַשאַפונג. דער גאַנצער אַרום געהערט צון אים, ער האָט דאָס אַלץ באַשאַפן.

די גרויסע שטרעקעס וואָס ציען זיך צום גאָר־גאָר ווייטן האָריזאָנט וואָלטן אָן זיינע הענט און שכל געווען אַ שטיק ווילדערניש אויף וועלכן עס וואָלטן געוואַקסן בוימעלעך אוןביימער, גראָזן און קרייטעכצער, און געווידמעט זיך דאָרט אַלערליי פּירפּיסיקע חיות, עקדישן און שלאַנגען, און קריכנדיקע שרצים.

וואָס נאָר עס געפינט זיך אויף דער ערד קען ער קריגן אויב נישט מיט גוטן אָדער דורך שפּיצלעך, איז מיט געוואַלט. אויך די פּראָכפּערונג ווערט דערגרייכט מיט פרידלעכע מיטלען אָדער דורך געראַנגל פון צוויי קאָנקורענטן, דער באַזיגטער טראָגט זיך אָפּ און דעם זיגער געהערט די געליבטע.

עס איז נישט ווייט פון אמת אַז די גרעסטע צאָל לעבעדיקע באַשעפע־נישן נערן זיך דורך אויפפרעסן איינע די אַנדערע. איין באַשעפעניש לאָזט, פאַרשטייט זיך, דעם צווייטן נישט וויסן אַז ער מעג צעררייסן עס אויף שטיקער און אָנפרעסן זיך דערמיט, אויב נאָר ער איז הונגעריק. דאָס קומט פאָר נאָך אַ געשלעג צווישן צוויי חיות — און די באַזיגטע ווערט די נאַרונג פון דער זיגערין.

די נאַרונג פון גאָר אַ קליינער צאָל באַשעפענישן באַשטייט פון גראָזן און אַלערליי פּרוכטן. דער מענטש ווידער נערט זיך מיט באַשעפענישן פון אים געה'רגעטע אָדער געקוילעטע, פון פּרוכטן און קערנער פון אַלערליי תבואות וועלכע דער מענטש האָט געלאָזט וואַקסן אויף די באַאַרבעטע און פאַרזייטע פעלדער.

אַמאָל און אַמאָל האָט אַ שבט אויפגעגעסן די געפאַנגענע וואָס ר'האָט פאַרכאַפּט ביי אַן אַנדער שבט. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי איז שווער צו פאַר־שטיין. די נאַטור האָט דאָך געקענט איינשטעלן אַז דער מענטש, דער בחיר היצירה, זאָל זיך נישט דאַרפן נערן מיט געקוילעטע לעבעדיקע באַשעפענישן, אָט איז דאָס פערד געזונט און שטאַרק און קלוג, און נערט זיך נאָר מיט גראָזן און תבואות־קערנער.

אויב דער לייב איז קליגער פונעם פערד ווייל ער פרעסט אויף אַנדערע חיות, איז דער מענטש קליגער פונעם לייב און נערט זיך מיט ביידע — מיט חיות און תבואות־קערנער. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי איז שווער צו פאַרשטיין. עס איז איבערהויפּט אוממעגליך משיג צו זיין די שטרעבונג פון דער נאַטור. וואוהין צילט די סאָלאַרע סיסטעם מיט אַלע אירע פּלאַנעטן וואָס דרייען זיך אַרום דער זון וואָס איז נאָר אַ קליינער חלק פון דעם מילכוועג? וואוהין צילן די קליינע און גרויסע שטערן וואָס ציילן זיך אין די מיליאָנען? עס מוז דאָך זיין אַ מיין דערביי וועלכן מיר באַנעמען לחלוטין נישט.

מיט אונזערע אויגן זעען מיר נאָך דעם גרויסן קופּערט, אָבער נישט דעם אוצר וואָס ליגט דאָרטן באַהאַלטן. מיט אַלע אונזערע דערגרייכונגען אינעם פלי אין דער הייך און אינעם אַראָפּלאָזן זיך אין די טיפענישן פונעם ים האָבן מיר געמאַכט נאָר אַפּאָר טריט אויף אַן אומענדלעכן שטח. אי דאָס, איז דער מענטש דער בחיר היצירה, אַנדערע באַשעפענישן האָבן זיך אויף אַזעלכע געוואַגטע וועגן נישט אַוועקגעלאָזט. מען טאָר טאַקע נישט מאַכן צו גאָרנישט וואָס דער מענטש איז דער בחיר היצירה.

אָט שטייט ער אונטער די אויסגעבויגענע הימלען פון וואַנען די

איינגעפּעסטיקטע שטערן באַשײַנען אים. ווי זײַער האָר. זײַ פֿאַרפּעלן נישט צו דער באַשטימטער צײַט אַרויסצוקומען אויף די הימלען און דינען דעם מענטשן ווי געטרײַע באַגלייטער. ער איז אויף דער ערד ווי אַ הערשער אויף אַ טראָן פֿאַר וועמען עס ציִען זיך די אומצאָליקע שטערן ווי זײַנע אונ־טערטאַנען, און אַלץ וואָס געפֿינט זיך אויף דער ערד און אין דער ערד געהערט צו אים. ער קען אַרויפֿקלעטערן אויף די שפּיצן פֿון די העכסטע בערג און בויען דאָרט פֿאַר זיך אַ געצעלט קען אויך אַראָפּנידערן אין די טיפֿסטע טאָלן און געניסן פֿון דער שטילער רו. אַלע באַשעפֿענישן זענען אונטער זײַן ממשלה, קען אײניקע פֿאַרשקלאַפֿן און אַנדערע פֿאַרניכטן. פֿליישן פֿון אַלע חיות און עופֿות, ווי נאָר ער האָט זײַ גערן, וועלן נישט אויסמײַדן צו זײַן צווישן זײַנע געריכטן.

דער האַר פֿון אַלע וועלטן האָט די ערד איבערגעגעבן אין רשות פֿון מענטשן, אָבער ער אַליין געפֿינט זיך אין די הענט פֿון באַשעפֿער — אַזויפֿיל טעג, וואָכן און יאָרן, איז אים באַשערט צו באַוועגן זיך אויף דער ערד און טאָן וואָס זײַן האַרץ גלוסט, דערנאָך ווערט פֿון אים אַ שטיק דומם און די נידעריקסטע חיה קען טאָן מיטן מת ווי מיט יעדער אַנדער טויטן קערפּער. אויך דער מענטש, דער בחיר היצירה, איז באַגרענעצט אין חומר און אין גייסט. ביז אַהער קען ער דערגיין, פֿיזיש און גייסטיק, אין דער באַשטימטער ראַם. אָבער האָט דער מענטש די ברירה אויסצוקלײַבן זיך דעם וועג אויף וועלכן אויסצושפּינען זײַן לעבנס־פֿאָדעם.

(ענדע צווייטער טייל)

דריטער טייל

18

צו יענער צייט איז משה געווען שטאַרק פאַרנומען מיט די אויס־רעכענונגען פון די שטייערן וואָס זיינע קונדן קומען דער רעגירונג, האָט מען אַזוי פרי אויף אים נישט גערעכט זיך און אויף זיין פנים איז געווען צעשפּרייט אַן אויפגעלייגטקייט, האָט איציק אים געפרעגט: וואָס פאַר'אַ אינטערעסאַנטע זאַכן האָסטו אונז איבערצוגעבן וואָס דו ביזט אַזוי צע־שטראַלט?

— „איכ'ל דיר זאָגן. — האָט משה געקוקט אויף איציקן מיט אַ צופרידענער מינע און איר באַדייט איז געווען — גוט וואָס האָסט מיך גע־פרעגט: כ'בין געזעסן אין אָפיס און געוואַרט אויף אַ טעלעפאָן פון אַ קליענט, בין דערווייל צוגעגאַנגען צום שפּיגל אַ קוק צו טאָן צי ס'איז נויטיק אָפּצו־ראַזירן זיך. אַריינקוקנדיק אין שפּיגל זענען מיר טשיקאַווע געדאַנקען גע־קומען אין קאָפּ אַריין.

— „זייער מאָדנע. — האָט חנה זיך גע'חידושט. — „וואָס פאַר'אַ גע־דאַנקען קענען איינפאַלן ווען מע קוקט אַריין אין שפּיגל?

— „עס וואונדערט מיך אויך. — האָט קליינמאַן נישט אָפּגעפרעגט חנהס שטוינונג — וועל'יך עס פון אייך נישט פאַרהוילן. די בר'עקלעך גע־דאַנקען וואָס האָבן געראָיעט אין מיר האָב איך אויפן וועג אַהער מסתמא פאַר־ברייטערט און אויסגעסדרט, נו . . . אַ בילד וואָס פאַרהאַלט זיך אין אַ געוויינליך פענצטער זעט דער מענטש וואָס שטייט אין דרויסן ווי ער וואָלט געקוקט אויף דעם אין צימער. ווערן אָבער די טאָפּליעס צוגעדעקט מיט אַ געדיכטן געמיש פון מעטאַלן, גייט דאָס בילד נישט דורך, נאָר פאַרבלייבט אין גלאָז, אין שפּיגל, ווי מע רופט עס שוין.

עס פאַרבלייבט ניטט אין שפּיגל. — האָט יאָסל אים דעדווידערט. — נעמט מען אַוועק דאָס בילד, זעט מען גאָרנישט דאָרטן.

— „אמת, יאָסל. — האָט משה אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — „עס פאַר־בלייבט נישט אין שפּיגל, נאָר די וואַזע וואָס שטייט אויפן טיש קעגנאיבער, זע איך אויך אין שפּיגל. ווי מיר ווייסן איז דער שפּיגל נישט קיין לעבעדיק באַשעפעניש. איז דאָרט די וואַזע ווי זי איז אין דער אמתן. משה האָט איבער־געחזר'ט. — „דער שפּיגל איז נישט קיין לעבעדיק באַשעפעניש און „זעט" דערימעד זאַכן ווי זיי זענען.

— „און מיר זעען נישט זאַכן ווי זיי זענען? — האָט חנה נישט באַנומען וואָס משה האָט געקלערט.

— „מיר קוקן דאָך אויף די אַרומיקע זאַכן מיט אונזער גאַנצן פאַר־

שטאַנד" — האָט מאָטל איר דערקלערט — „אין די אויגן אַליין קען זיין אַז די זאַכן קוקן אויס אַנדערש.

—„מאָטל האָט געכאַפּט מיין רעיון. — האָט קליינמאַן באַשטעטיקט.

— „עס קען דאָך זיין אַז די זאַכן אויף וועלכע מיר קוקן מיט אונזערע אויגן זענען אין דערווירקלעכקייט אַנדערש. אין שפּיגל אָבער ווערן די זאַכן אויפגעכאַפּט ווי זיי זענען, איז דערפון געדרונגען אַז די נאַטור וואָס מיר זעען מיט די אויגן, איז אין דער אמתן אויך אַזוי. וואָלט די וואַזע אויפן טיש געווען אַנדערש ווי איך זע זי מיט די אויגן, וואָלט אין שפּיגל „געווען" אַן אַנדער וואַזע, נישט די וואָס איך זע... לאָמיר עס מאַכן פּינקטלעכער. — האָט משה צוגעגעבן. — „אַ וואַזע שטייט אויפן טיש און קעגנאיבער איר שטייט אַ שפּיגל, קוק איך אַט אויף דער וואַזע און אַט אויפן שפּיגל. אי דאָ, אי דאָרט זע איך די זעלבע וואַזע, ווייל דער שפּיגל גיט באַר אַן אָפּבילד פון אַ געגנשטאַנד וואָס שטייט קעגנאיבער. וואָלט קעגנאיבער אַ גרויסן שפּיגל געשפּרייט זיך נישט־קיין קליינע לאַנדשאַפט, וואָלט איר אָפּבילד אין שפּיגל געווען אַקוראַט ווי זי איז אין דער אמתן.

—„נאָך אַ זאַך איז מיר אַנומעלטן געקומען אין קאָפּ אַריין. — האָט קליינמאַן געלאָזט וויסן זיינע פריינט. — „איידער דער מענטש איז דערגאַנגען צו מאַכן אַ שפּיגל, האָט ער געזען, דעם גאַנצן נאָענטן אַרום, אָבער נישט זיך אַליין. דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן וועגן נאָענטן אַרום וועלכן מע קען נישט אָפּטיילן פונעם מענטשן. אין שפּיגל האָט דער מענטש און דער נאָענטער אַרום איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע פאַרן מענטשן און דער אַרומיקער נאַטור.

— „דאָס איז נישט געשען מיטאַמאָל. אַ שטיקל אָפּבילד האָט דער מענטש דערזען אין קליינעם פלאַכן טייכל. אין אַ גרעסערן טייך האָט געשוועבט פאַר אים אַ גרעסער אָפּבילד. אַן אַנונג פון זיין געשטאַלט איז פאַרגעקומען ביי אים אין מוח ווען ער האָט גערייניקט און געפּוצט מעטאַלענע חפצים. זינט דער מענטש האָט שטופּנווייז אָנגעהויבן צו זען זיך אַליין האָט ער ביסלעכ־ווייז געקראָגן אַ זיכערקייט אַז ר'קען עפּעס אויפטאָן...

„עס וועט נישט זיין אויסערן וועג אַ קלער צו טאָן אַז ווען דער פּרימיטי־ווער מענטש האָט צום ערשטן מאָל זיך דערזען אין שפּיגל האָט ער זיך דער־שראָקן און אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעטראָגענער און ס'איז ביי אים קיין שום צווייפל נישט געווען אַז אַ נישט־גוטער האָט זיך אויף אים אָנגעזעצט. נישט אומזיסט האָט דאָס ווייב זיינס גענומען קריגן זיך מיט אים אַן אַ פאַרוואָס און אַן אַ פאַרוואָן. אויך די קינדער האָבן אים נישט געפאָלגט. האָט ער זיי געוואָלט אָנבוכצען, זענען זיי אַנטלאָפן צו דער מאַמען און זי האָט אים צו זיי נישט צוגעלאָזט. נישט אַנדערש אַז אַ נישט־גוטער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים נישט אויף קאַטאָוועס.

שפּעטער מיט אַ פאָר טעג האָט קליינמאַן זיך געווענדט צו זיינע פריינט:

„דעם אויפדערנאַכט ווען כ׳האָב אייך פאַרלאָזט נאָך אונזער לעצטן געשפּרעך בין איך שלעכט געשלאָפן און אין מוח זענען געווען אויסגעמישט רייגע און פאַרשמירטע שפּיגלען. מערסטנס פאַרשמירטע. האָב איך זיך אָנגעשטויסן אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק מיט מיין זען אין שפּיגל אי זיך, אי די גאַנצע וועלט. צום אַלעם ערשטן דאַרף מען געוואוירע ווערן וויאַזוי איז דעם מענטש געלונגען צו קריגן שפּיגלען. זיי האָבן זיך אויף די גאַסן נישט געוואַלגערט וויאַזוי זשע טאַקע האָט דער מענטש דערטראַכט זיך צו מאַכן שפּיגלען? איך האָב גאַנצענע טעג געקלערט און געטראַכט און צום סוף צון עפּעס זיך דערטראַכט.

פאַר די מענטשן וואָס האָבן געלעבט מיט זייערע פערד און קי נעבן די פלאַכע טייכן, געגעכטיקט און געטאָגט דאָרט, האָט נישט איינמאָל דורכגעטראָגן זיך אַן אָפּבילד פון אַ פערד אָדער אַ קו. דאָס האָבן זיי אויסגעטייטשט אויף זייער פרימיטיוו־אבערגלויבישן אופן ווי זיי האָבן עס געטאָן מיט אַנדערע נאַטירלעכע דערשיינונגען. אין לויף פון יאָרן האָט דער אורמענטש זיך אָנגעשלאָגן אין אַ שטיקל גלאָז וואָס איז געלעגן אַ היפּשע צייט אויפן דנאָ פון טייך, האָט ער עס אַרומגערייניקט, די צווייטע זייט אָבער האָט זיך נישט אָפּגעוואָשן און גאָר געבלישטשעט, האָט ער עס אַהיים געבראַכט ווי אַ טשיקאַוואַסט אָדער גאָטס־וואונדער, וואָס איז געווען אַן אָנהייב פון אַ שפּיגל און אין שטוב געהאַלטן ווי אַ אוצר. ווען מ׳האָט אָנגעטראָפן אַ סך אַזעלכע שטיקלעך גלאָז און ז׳האָבן נאָך דערצו העל געבלישטשעט, — האָט זיך שוין געפונען איינער וואָס האָט געצווייפלט צי ס׳איז גאָר גלאָז, האָט גענומען מיט פלייס עס שקראָבן און שקראָבן — און סוף־כל־סוף דערגרונטעוועט זיך וואָס ס׳איז אַזוינס. האָט אַ צווייטער נאַטירלעך געקלערט אַז מען וואָלט דאָך געקענט פון פּשוט גלאָז מאַכן אַ בלישטשענדיקע זאַך. ווי אַזוי? מע דאַרף אַרויפגיסן דערויף אַ טונקעלע קלעפּיקע פליסיקייט און לאָזן עס אויסטריקענען — ס׳איז אַרויסגעקומען אַ זאַך וואָס האָט עטוואָס געבלישטשעט. האָט מען דאָס גלאָז באַדעקט מיט אַ זייער טונקעלער און געדיכטער שמירעכץ און ס׳איז געוואָרן ענלעך צום היינטיקן שפּיגל. עס איז אויך מעגלעך אַז אַ דריטער האָט עס אויסגעביטן פאַר אַן אַנדער שטובזאַך — און ס׳איז ביסלעכוויז געוואָרן אַ מין סחורה. האָט מען עס במילא פאַרבעסערט און נאָך מער פאַרבעסערט ביז ס׳האָט זיך באַקומען אַ ריכטיקער שפּיגל פאַר וועלכן מ׳האָט טייער באַצאָלט און איז געוואָרן אַ שיינדליגג אין די רייכע הייזער.

— „וויאַזוי, משה, האָסטו זיך דערטראַכט. — האָט חנה אים געפרעגט. אַז אַזוי האָט זיך באַוויזן קריק מיט יאָרן אַ שפּיגל אין די רייכע הייזער?

— „ווער זאָגט דיר דען, חנה. — האָט משה געקוקט אויף איר מיט זשמורענדיקע אויגן. — „אַז פּינקטלעך אַזוי איז עס פאָרגעקומען? אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אויפן האָבן אַ סך זאַכן באַוויזן זיך אין די שטיבער.

אַמאָל קענען מיר דערגיין וויאַזוי די זאַך איז צו שטאַנד געקומען און אַן אַנדערש מאָל זענען מיר זיך נאָר משער.

— „דער האַר איבער אילע וועלטן איז דאָך אַ יודע הכל, משה, און אַלץ קען ער צוגרייטן, פאַרוואָס זשע האָט ער נישט איינגעשטעלט אַז דער באַשאַפענער מענטש זאָל האָבן פון אַלעם גרייטן? — האָט איציק זיך גע־וואונדערט.

יאָסל האָט חשק געהאַט אַריינצומישן זיך אינעם שמועס, האָט אָבער נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט פאַר זיינע נישט־פרומע פריינט.

מאָטל האָט זיך אָנגערופן: „ אינעם באַשאַפן דעם מענטשן וואָס זאָל האָבן אַזויפיל זאָרג און אויסרייסעניש, איז דאָ אַ געוויסער מיין, איך ווייס אָבער נישט פון וואָס ער באַשטייט.

— „וואָלטן תבואות און פרוכטן, קאַרטאָפּליעס און יאַגאָדעס אַן דער מיטהילף פון דעם מענטשן געוואַקסן, וואָלט עס אים זייער געשעדינקט . . .

— איידער נאָך משה האָט געהאַט די מעגליכקייט אַרויסצוברענגען זיינע באַווייזע אין אַ געהעריקן סדר, האָט יאָסל זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אים איבערגעשלאָגן: „דער אויבערשטער האָט עס מיט אַ כיוון געטאָן כדי דער מענטש זאָל פון צופיל וואוילטאָג אינגאַנצן נישט אַראָפּ פונעם גלייכן וועג . . .

— „ביי יאָסלען קומט אַלעמאָל אויס. — האָט איציק נישט געקענט פאַרליידן יאָסלס איבערשלאָגן משהן. — „אַז גאָט האָט מורא עס זאָל זיך ניט איבערחזרן וואָס ס'איז אַמאָל געשען אין סדום.

— „די סיבה דערפון, יאָסל איז גאָר אַן אַנדערע. — האָט משה שטאַרק פאַרקנייטשט דעם שטערן — „דעם מענטשן איז געגעבן געוואָרן די געלעגנ־הייט און אפשר גאָר האָט ער געשטעלט פאַר זיין ציל צו גיין פון ני־דעריקן צו העכערן. דערימעד, וואָלט אַלץ געווען מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען, וואָלט ער געוואָרן אָפּגעלאָזט — און פאַרטאַכלעוועט דאָס צוגע־גרייטע. איז גאָר נישט געווען צו דער האַנט — שטילע קראָפּעווע און בריענדיקע קראָפּעווע זענען געוואַקסן צוזאַמען, דערנער און תבואות, עסבאַרע און גיפטיקע שוואָמען אויך צוזאַמען, איז דער מענטש געווען געצוואונגען אויסקלייבן דאָס גוטע און פאַרטיליקן דאָס שעדלעכע. האָט געלאָזט וואַקסן נאָר די באַרהאַפטע תבואות, פרוכטן און יאַגאָדעס, מיט איין וואָרט האָט געמוזט אַרויסווייזן פאַרשטאַנד און ענערגיע, נאָר אַזוי אַרום האָבן זיך זיינע לעבנס־תנאים שטופנווייז פאַרבעסערט. דער פּראָצעס גייט צו זייער פּאַמעלעך, אפשר קומט עס פאַר אַ ביסל שנעלער אויף אַנדערע פּלאַנעטן וואָס דרייען זיך אַרום די שטערן.

— „אַריינצוטראַכטן זיך אין די ענינים איז שווערלעך, משה, וועמיר דאָס מאָל פאַרענדיקן מיט אַ שטיפעריי. — האָט חנה זיך אָנגערופן. — „אַז

ס׳קומט מיר אויס קוק איך זיך איין אין אַ גרויסע־מאָסע מענטשן, כ׳ווייס אַז ס׳איז אַן אומזין און דאָך טו איך עס אַמאָל אין אַ יובל.

קליינמאַן האָט זיך אָנגערופן אַז ער טוט אויך דאָס אייגענע, האָט אָבער נישט איבערגעגעבן חנהן אַז פון פשוטן קוקן אויף אַ גרויסן עולם איז ביי אים אַרויסגעקומען גאָר עפּעס אַנדערש. אַזוי דוכט זיך אים. ער איז איינמאָל געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער און אַרויסגעקוקט צי ס׳איז שטאַרק כמארנע אין דרויסן. עטלעכע מענטשן פונעם קעגנאיבערידיקן הויז האָבן דאָס אייגענע געטאָן. איז משהן איינגעפאַלן אַז ער וואָלט חשק געהאַט צו שטיין ביים פענצטער און באַטראַכטן אַלע מענטשן וואָס קוקן אַרויס דורך די קעגאיבערדיקע פענצטער.

קליינמאַן איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין אַז אילע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט זאָלן שטיין אָנגעלענט אויף די ביישטידלעך פון די אָפענע פענצטער און ער וועט קוקן אויף זיי. אייגנטלעך קומט עס דאָך תמיד פאָר. דער איינער שטייט אויף איין זייט און אַלע איבעריקע מענטשן שטייען אויף דער אַנדערער זייט. דאָס איז טאַקע די גרויסקייט פונעם מענטשן. דער איינצעלנער קען טראַכטן אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן אויף דער וועלט. געווייגלעך קומט פאָר פונקט דאָס פאַרקערטע. מען לעבט לויט די מינהגים און געוואויגהייטן וואָס זענען איינגעשטעלט געוואָרן ווער ווייסט מיט וויפל יאָרן צוריק. מער נישט, דעם איינשטעל האָט מסתמא איינגעפירט דער יחיד און דורך די און די סיבות האָט עס איבערגענומען דער רבים.

די און אילע ענלעכע טראַכטונגען וועט משה נישט ברענגען אויף די ליפּן פאַר זיינע פריינט ער וועט דאָך אויסקוקן אין זייערע אויגן ווי אַ חסר־דעהניק.

אַן אַנדערש מאָל האָט משה געקוקט אויף זיינע פריינט מיט נייגע־ריקע אויגן און וועלכע עס האָט נישט געשטעקט קיין נייגער עפּעס אויסצו־שפירן, נאָר אַ באַגער — מיט די טראַכטענישן טיילן זיך מיט זיינע פריינט. דאָס איז נישט פאַרהוילן געוועזן פון חנהן און זי האָט זיך געווענדט צו משהן: „אויב עפּעס קלויצעט זיך ביי דיר אין קאָפּ, זשעמאַניע זיך נישט און דערלאַנג די פּאַטראַווע, מעג זי זיין אָן אַ טעם און אָן אַ ראָם.

— „כ׳קען דאָך פון דיר, חנה, גאָרנישט באַהאַלטן, איז טאַקע בעסער אַרומצורעדן ברייטלעך דעם ענין. — האָט משה זיך געווענדט צון איר. — „מע נוצט זייער אָפט די אויסדרוקן: „שטילן דעם דאָרשט, אויס־לעשן דאָס פייער״. אַז מען איז דאָרשטיק, טרינקט מען זיך אָן מיט וואַסער און מ׳הערט אויף צו זיין דאָרשטיק. אָבער אויסלעשן דאָס פייער האָב איך נישט אָנגעהויבן צו באַנעמען. דאָס האָט מיך אַזוי לאַנג געמאַטערט ביזקל כ׳האָב געפונען דעם מיין דערפון. ווען עס ברענט אַ שטיק האָלץ,

וואַרפט מען אויף דעם אַרויף אַ סך זאַמד און דאָס קליינע פייער ווערט אויסגעלאָשן. פרעגט זיך וויאַזוי לעשט מען פייער מיט זאַמד? גאַנץ פשוט דאָס זאַמד נעמט אַרום דאָס האָלץ, קען דאָס פייער נישט צוקומען אַהין. וואַסער אָבער איז פליסיק, נעמט עס האַרטער אַרום דאָס האָלץ און דאָס פייער האָט קיין שום שליטה נישט איבער דעם. ברייטער אַרומגערעדט, וואַסער אין אַלע אירע פאָרמען — שניי, אייז, רעגן, טייכן און אָקעאַנען — באַדעקט די ערד, דערימעד עקזיסטירט זי און מאַכט וואַקסןביימער, גראָזן און אַלערליי תבואות, גיט לעבן אַלערליי באַשעפענישן און מיט זיין כוח ווערן אויפגעשטעלט דערפער, שטעט און מלוכות, מע וואַנדערט אויך איבער מדבריות. פון וואַסער ווערט בלוט אין די אָדערן פון אילע לעבעדיקע באַשעפענישן. אָן וואַסער וואָלט די ערד פאַרטריקנט געוואָרן פון די מעכטיקע זונשטראַלן און מיר וואָלטן דאָ נישט געשמועסט . . .

— „ווי עס קוקט אויס, — האָט איציק זיך אָנגערופן. — „האָט וואַסער די זעלבע באַדייטונג פאַר די פלאַנעטן וואָס דרייען זיך אַרום די שטערן און איבערן גאַנצן קאָסמאָס איז פאַראַן וואַסער אין דער אָדער אין אַן אַנדער פאָרעם.

שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג האָט משה זיך אָנגערופן — „נאָך עטלעכע שעה זיצן ביים טיש און פאַרנומען זיך מיט מיין אַרבעט האָב איך ליב אויסמעסטן די גאַסן כדי דער טשאַד פון די חשבונות זאָל אַרויס פון קאָפּ. אויך איצט קום איך אַהער פון אַזאַ שפּאַציר. אין דרויסן איז וימש חושך און דווקא אין אַ געדיכטער פינצטערניש קומען מיר געדאַנקען אין קאָפּ אַריין. זיי גנב׳ענען זיך אַריין ווי פון אַ באַהעלטעניש אין אַ פינצטער צימער, למשל, ברענט אַ לאָמפּ, איז דאָרטן ליכטיק. טראָגט אַרויס דעם לאָמפּ, ווערט פינצטער. דעם לאָמפּ, די ליכטיקייט, קען מען אַרויסטראָגן פון צימער, אָבער נישט די פינצטערניש. זי איז טאַקע, ווי מיר דוכט זיך, פּערמאַנענט. נעמט אַוועק, אַ שטייגער, אילע שטערן פונעם ביינאַכטיקן הימל, וועט די פינצטערניש בלייבן. נאָך מער, ווען די זון שטייט הויך אין מיטן הימל און באַלויכט די ערד מיט אַלע אירע בנינים, בלייבן ערגעץ וואו פינצטערע פלעצער. פאַרגייט די זון, ווערט אומעטום פינצטער. הייסט עס נישט אַז פינצטערניש איז מעכטיקער פון ליכטיקייט? דאָס נעמט זיך דערפון וואָס די ליכטיקייט פאַרטרייבט נישט די פינצטערניש, נאָר דעקט זי צו, גרייכט אָבער נישט די פאַרדרייטע ווינקלען. גייט אַוועק די ליכטיקייט, בלייבט די אָפּגע־דעקטע פינצטערניש.

לאָמיר פּרובירן צו מאַכן אַ חילוק צווישן זיי ביידע, אפשר וועלן מיר דערגיין צום אַזוינס וואָס מיר האָבן ביז אַהער נישט באַמערקט. וואַסער איז, קוקט אויס, סאָלידער פון פייער און איז מערסטנס אַ בויער. פייער טראָגט זיך שנעל פון איין פלאַץ אויפן צווייטן. וואַסער גייט אַמאָל אַרויס פון די ברעגעס און פאַרפלייצט אַ שטיק יבשה, צעשטערט בנינים און ברענגט

אויך אום שטובחיות און מענטשן. אָבער פֿייער אויב מע לעשט עס נישט אָפּ באַצײַטנס קען זיך צעשפּרייטן איבער גרויסע שטרעקעס פֿון דער ערד, פֿאַרברענען אויף אַש קליינע און גרויסע בנינים פֿון שטעט און שטעטלעך. איז ווינטיק אין דרויסן כאַפּט זיך אַריבער דאָס פֿייער אין אַ שכנישן וואַלד עס צעפֿלאַקערט זיך אַ שׂרפֿה אַז ס'איז נישט אָפּצולעשן. וואַסער באַשיצט די ערד דורך אַ נאָענטן קאָנטאַקט און פֿייער צעשטערט, נאָר פֿונדערווײַטנס מאַכט עס ליכטיק און וואַרעם. שיינע עטלעכע טויזנט יאָר זענען פֿאָריבער איידער דעם מענטשן איז געלונגען צו דערווייטערן דאָס נאָענטע פֿייער דורך איינשפּאַנען עס אין מאַשינען און דערמיט באַקוועמער צו מאַכן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און געבן דעם מענטשן אַ מעגליכקייט צו באַקענען זיך מיטן לעבן אויף אַ ווייטן קאָנטינענט, אַרומקרייזן די ערד, פֿלאַנעווען אַ פֿלי טאָן צו דער לבֿנה, און אַ קוק טאָן וואָס ס'טוט זיך דאָרט. צוויי פּאָרלעך — ערד און וואַסער, פֿינצטערניש און ליכטיקייט. וואַסער האַלט זיך אויף דער ערד און ליכטיקייט — אויף דער פֿינצטערניש. ערד און פֿינצטערניש זענען ווי פּער־מאַנענט, דאָס קען מען נישט זאָגן וועגן וואַסער און ליכטיקייט.

— „הײַנט וועל איך אײַך איבערראַשן, ווײַל איך בין אַליין איבער־ראַשט געוואָרן. — האָט קליינמאַן האַסטיק אַרויסגערעדט די ווערטער. — „קומענדיק אַהיים נאָך אונזער שמועס נעכטן אויפֿדערנאַכט האָב איך דער־בליקט אין שמאָלן שפּיגל פֿון דער טיר וואָס פֿירט פֿון גרעסערן צימער אין קלענערן זעט זיך כמעט דאָס גאַנצע גרויסע צימער מיט בײדע קעגנאײַ־בערדיקע ווינקלען. ווען איך בין אַ פֿאַרגאַפּטער אַרויס אין דרויסן האָט זיך פֿאַר מיר געשפּרייט אַ גרויסער שטח און איבער אים אַ שטיק הימל מיט אַ סך שטערן. ווי איז דאָס מעגליך מיט די קליינע אויגן אַרומצונעמען אַזאַ שטיק הימל מיט שטערן און נישט קיין קליינע לאַנדשאַפֿט? נישט אַנדערש אַז דאָס אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופֿן, אויף יענער זײַט פֿון די שטערן. קומט אויס אַז די שטערן געהערן צו אונזער וועלט.

ווי ס'איז אָנגענומען איז אונזער זון אַ שטערן פֿון מיטעלער גרויס. אַרום די גרעסערע שטערן דרייען זיך גרעסערע פּלאַנעטן אויף וועלכע עס זענען פֿאַראַן בערג און טאָלן, אָקעאַנען און טײַכן, אַלערלײַ באַשעפֿענישן וואָס זענען אַנדערש פֿון אונזערע.

— „פֿאַרוואָס נישט די אײַגענע וואָס דאָ? — האָט יאָסל זיך גע'חידושט.

— „כ'האָב אויך אַזוי געמיינט. — האָט משה אים געענטפֿערט. — „ווען ס'איז מיר אָבער געקומען אויפֿן זינען אַז אויף אונזער וועלט איז פֿאַראַן מער ווי צוויי ביליאָן מענטשן און איין מענטש איז אַנדערש פֿונעם צווייטן, איז דאָך נאַטירלעך אַז אויף די פּלאַנעטן וואָס דרייען זיך אַרום די שטערן זאָלן אַלע באַשעפֿענישן האָבן אַן אַנדער אויסזען, זענען אויך אַנ־דערש אין דער הייך און אין דער ברייט. איך בין כמעט ווי זיכער אַז וואָלטן מיר זיך געטראָפֿן מיט „יענע מענטשן", וואָלטן זיי אויסגעקוקט אין אונזערע

אויגן אזוי אויסטערליש ווי אַ בייז־וואונדער. זיי — אויף אונז וואָלטן אויך אַזוי געקוקט.

— „פאַרוואָס, משה, זאָלן מיר נישט לערנען דעם פסוק פשוט און פראָסט. וואָס עס טוט זיך דאָ ווייסן מיר מער אָדער ווייניקער, אָבער וואָס עס קומט פאָר אויף די שטערן איז ווי צו טרעפן מיט אַ פינגער אין הימל אַריין.

משה האָט איינגעזען מיט פרומע יידן פון יאָסלס שניט איז נישטאָ וואָס צו רעדן אויף „מיין" שטייגער. ביי די־אָ מענטשן איז פאַראַן איין וועג פון לעבן אויף דער וועלט — מע דאַרף בעטן גאָט אויף געזונט און פרנסה, און זען אַז די קינדער זאָלן אויסוואַקסן גאָטספאָרכטיקע יידן.

19

עס זענען פאַריבער העכער צוויי יאָר נאָך דער חתונה און ביי איטקען האָבן זיך נישט געוויזן קיין סימנים פון טראָגעוודיקייט און מאָטל האָט אַפילו מיט אַן איינציק וואָרט ניט אַרויסגעכאַפּט זיך וועגן דעם, ער האָט געוואוסט אַז זי איז אַ האַנעראַווע און וועט זיך נאָך אַנבראָגזן. אָבער אַז פיר יאָר זענען פאַרלאָפן און זי איז נאָך אַלץ ניט פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט מאָטל איינ־געזען אַז מעג זיך דורכרעדן מיט איר. ער ווייסט פון עטלעכע פרויען וואָס האָבן אָנגעהויבן צו קינדלען נאָך אַ נישטיקער אָפּעראַציע. זי האָט זיך צו־געהערט צו זיין עצה און איז צוגעגאַנגען צו אַן אָנגעזעענעם פרויען־דאָק־טער. דער דאָקטער האָט זי אונטערזוכט און גאָרנישט געפונען וואָס זאָל זיין אַ שטער צו איר פאַרשוואַנגערשאַפט.

— „זעסטו שוין, מעקס, — האָט איטקע זיך אָנגערופן אויפן וועג אַהיים. — „אַז ס׳קומען נישט קיין קינדער די ערשטע פאָר יאָר, איז נאָך נישט קיין באַוויז אַז אַזוי וועט עס ווייטער אָנגיין . . .

כאָטש מיטן דיאַגנאָז פון דעם דאָקטאָר האָט מען זיך אין שטאָט שטאַרק גערעכנט, האָט עס מאָטלען נישט צופרידן געשטעלט, איז ער אַריבערגעגאַנגען צו חייקען און איר איבערגעגעבן וואָס דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט נאָכן אונטערזוכן איטקען. חייקען האָט גע׳חידושט וואָס מאָטל איז געבליבן זיצן אַ טרויעריקער, לויט איר פאַרשטאַנד האָט אים באַדאַרפט דעם דאָקטאָרס דיאַגנאָז צופרידן שטעלן, האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: וואָס אַזוינס דריקט דיך, מאָטל, אויפן האַרצן? מיר מעגסטו זאָגן.

— „אַוודאי וועל איך דיר זאָגן דעם ריינעם אמת, חייקע. עפּעס האָב איך אַ חשד אַז דער דאָקטער האָט עפּעס באַהאַלטן פון מיר, נישט פון איטקען.

— „פאַרוואָס האָט זיך דערוועקט ביי דיר אַזאַ חשד, מאָטל? דאָק־טוירים זאָגן נישט דעם אמת, און נאָר דעם חולה, ווען עס שמעקט מיט סכנות־נפשות. דו ביזט נישט קראַנק און זי אויך נישט. פאַרוואָס זשע האָסטו זיך אַריינגענומען אַזאַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין?

— „עס איז דערפאַר, — האָט מאָטל זיך פאַרהיקעט. — „ווייל עס ליגט זיך מיר נישט אויפן שכל אַז ביי אַ געזונט פאָרפאָלק זאָלן עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה נישט קומען קיין קינדער.

חייקעס אויגן האָבן זיך אַ ביסל פאַרהאַלטן אין זייער באַוועגונג — „געזונטע פאַרהייראַטע פאָרלעך וואָס האָבן נישט קיין קינדער זענען פאַראַן אין די טויזנטער און עס טרעפט אַז אייניקע פון זיי צעגייען זיך, האָבן חתונה מיט אַנדערע מענער און געבוירן קינדער. אין פריערדיקן פאַר־

היירא̈טן לעבן זענען זיי נישט געווען צוגעפּאַסט איינע צו די אַנדערע. אַזוי שמועסט מען . . . , און אַמאָל פּאַסירט אַז קינדער ווערן געבוירן ביי אַ פּאָרפּאָלק ערשט צען־צוועלף יאָר נאָך דער חתונה. פּאַרוואָס, פּאַרוועך, פרעג דעם רבש״ע . . .

— „דו ווייסט דאָך, חייקע, אַז פאַר דיר רעד איך זיך אויס דאָס האַרץ, דערצו נאָך בין איך היינט דאָ געוואָר געוואָרן זאַכן פון וועלכע כ׳האָב קיין אַנונג נישט געהאַט. זאָג זשע מיר באַר פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? אַ מלאך האָט דיר אַ שנאָל געטאָן אין דער נאָז אַריין?

— „דער אַריינגאַנג אין אַפּאַרטמענט־הויז איז דער סלאָך וואָס גיט מיר אַ שנאָל אין דער נאָז אַריין, מאַטל. פאַרנאַכט ווערסטו אויף די טרעפּ פון אַן אַפּאַרטמענט־הויז זיך דערוויסן אַפילו פון אינדיק־זאַמען. אין די שפּאַ־נענדסטע ראָמאַנען ווערסטו זיך נישט אַנלייענען מיט אַזויפיל פּיקאַנטע מעשות. קענסט׳אָך אוודאי מיינען אַז איך טרייב איבער, קאָוויר איך דיר אַז איך טרייב גאָר נישט איבער . . .

— „אויב אַזוי, חייקע, וועל איך אין די פאַרנאַכטן זיך צוזעצן אויף די טרעפּ פון אַ גרויס הויז און אַזוי אַרום זיך אָנשעפּן מיט לעבנס־חכמה — האָט מאַטל זיך צעלאַכט. — און וועל שוין וויסן וויאַזוי אַרויסצודרייען זיך פון מיין פלאָנטערניש.

נאָכן שמועס מיט חייקען האָבן מאָטלען זיך געעפנט די אויגן. פאַר אים שפּרייטן זיך צוויי וועגן — געדולדיק האָפן אַז מיט דער צייט וועט איטקע פאַרגיין אין טראָגן און אויב נישט, אָנגעמען באהבה אַז וואָס ס׳איז באַשערט איז באַווערט און אָפּלעבן מיט איר דאָס ביסל יאָרן וואָס איז אָנגעצייכנט פון אויבן. דער דריטער וועג, אַרויסקומען פאַר איטקען אַז ר׳איז ווייליק צו גט׳ן זיך איבער דעם וואָס זי האָט נישט קיין קינדער, איז איבער זיינע כוחות. וואָס זשע, עס זענען דאָ ווייניק פאַרהייראַטע פּאָרלעך וואָס זענען קינדער־לאָז און דאָך לעבן זיי אָפּ די יאָרן אין נחת און אין פרייד? זיי האָבן זיך שטאַרק ליב און ווילן זיך נישט שיידן. און ער האָט דאָך ליב איטקען ווי זיין אייגן לעבן, ווי זשע קענען אַרויפקומען אויף זיינע ליפּן רייד וועגן אַ גט? דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען!

אַן אומעט אָבער האָט זיך צעלייגט אויף זיין פּנים ווי נאָר ר׳האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זיין הויז, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער סאָפע און געשוויגן.

עס טרעפט אַז די סיבות וואָס האָבן דערפירט די פּרוי צו הייראַטן מיט דעם מאַן האָבן פאַרלוירן זייער האַפט און אַז ס׳זענען נישט געקומען קיין קינדער הייבן אָן צו טליען באַגערן אַז וואָלט זיך אונטערגערוקט די פּאַסיקע געלעגנהייט וואָלט געמעגט קומען צו אַ גט צווישן זיי.

כמעט דאָס אייגענע איז געשען מיט איטקען. זי האָט נישט גערן איינגע־וויליקט חתונה צו האָבן מיט מאָטלען און וואָלטן געקומען קינדער וואָלטן

טראַכטענישן וועגן צעגיין זיך מיט אים איר אַפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק. אָבער צוזען יעדן אויפדערנאַכט ווי ער זעצט זיך אַנידער אויף דער סאָפע און שווײַגט ווי עס וואָלט געווען איר שולד וואָס זי איז ניט פאַרגאַנגען אין טראָגן, — דאָס איז שוין שווער געווען איבערצוטראָגן. איטקע האָט זיך אָנגעגנומען מיט קוראַזש און אָנגערופן: „מעגלעך אַז מיר זענען נישט צוגע־פּאַסט איינע צום אַנדערן און דערפאַר האָבן מיר נישט קיין קינדער.

אין מאָטלען האָט זיך אײַנגעגעסן אַ ריזעניש. זײַנע עלטערן, פּעטערס־מומעס און זייערע קינדער, — אַלע זענען אומגעקומען פון אַ פּאָגראָם אין דער אַלטער היים, און אַז ער וועט בלײַבן קינדערלאָז, וועט קיין זכר נישט פאַרבלײַבן פון זײַן גאַנצער משפּחה. אויב נישט קיין זון, איז וואָלט ער כאָטשבי געהאַט אַ מיידל וואָס זאָל הייסן נאָך זײַן מאַמען, האָט מאָטל איינמאָל אויסגעשאָסן: „איך וועל עס נישט איבערטראָגן אויב מירן נישט האָבן כאָטש איין קינד!

מאָטלס פּנים איז געווען זייער בלאַס און ס׳קול איז געווען ווי צעשפּאָלטן. ס׳איז פון איטקען נישט געווען פאַרהוילן אַז ער לעבט איבער שטאַרקע יסורים, איז אין איר קול געווען אַ ציטער ווי פון געבעט און התנצלות: „דײַנע ווערטער האָבן פון מיר געריסן שטיקער, מעקס! מיר קומט עס אויך נישט אָן גרינג, איך וואָלט זייער געוואָלט האָבן כאָטשבי איין קינד, אָבער וואָס קען איך טאָן? האָט זי צעשפּרייט די הענט.

מיט אירע צענומענע הענט האָט איטקע אים ווי צוגעטוליעט צו זיך און אײַנגענומען ווי אַ בליפּנדיק קינד, ער האָט שטיל אַרויסגערעדט: „לאָמיר האָפן אַז דער אויבערשטער וועט זיך מרחם זײַן אויף אונז.

זייער האָפענונג איז נישט מקוים געוואָרן און ס׳איז שטילערהייט געקומען צו אַ גט.

חייקעס אויגן האָבן קיינמאָל נישט גערוט און אַ פּיצינקע בראָדעווקע האָט זיך פּאָמעשטשעט נעבן רעכטן נאָזוויקל. אָן דעם איז שווער געווען זיך פאַרצושטעלן חייקען. דערצו זענען אירע לאַנגע טונקל־ברוינע האָר געווען אויפן נאַקן פאַרלייגט מיט אַ קובליק און אונטערן קינבאַק האָט זיך גע־באָמבעלט אַ קליין גוידערל.

אינעם זעלבן טאָג ווען מאָטל האָט זיך גע׳גט מיט איטקען איז די גאַנצע חבֿרה געזעסן בײַ חייקען אין הויז און בשעת זי האָט זיי איבער־געגעבן די נײַעס האָבן אירע אויגן נישט גערוט מער ווי אַלעמאָל. כאָטש ס׳איז נישט געווען פאַרהוילן פון מאָטלס פרײַנט אַז צווישן אים און איטקען האָט זיך נישט אײַנגעשטעלט קיין גוט לעבן, האָבן זיי נישט דערוואַרט אַזאַ שנעלן און דראַסטישן סוף. די פּנימער האָבן זיך אויסגעצויגן ווי פון אַ גוואַלדיקער שטױבונג און קיין וואָרט איז נישט אַרויסגעקומען אויף זייערע ליפּן.

קליינמאַנען איז געקומען אויפן געדאַנק אַז פון די פיר בחורים וואָס

האָבן זיך באַפריינדט אויף דער שיף קומענדיק קיין אַמעריקע, איז מאָטל שוין דער צווייטער וואָס האָט זיך געזעגנט מיט זיין פרוי און מע דאַרף אָפּקילן די געמיטער, האָט ער זיך געוואָרטעלט: „וואָלט איך נישט געוויזן דעם וועג פון גטן זיך וואָלט מאָטל עס אויך נישט געטאָן. — ער האָט מיט די פינגער פאַרקעמט די קוטשעראַווע האָר וואָס האָבן אַ רגע שפּעטער זיך אויסגע־לייגט לויטן פריערדיקן שניט און געוואָנדט זיך צו חייקען און גאָלדע: „היט זיך פאַר אייערע מענער, זיי זאָלן אייך נישט אָפּטאָן אויף טערקיש...

יאָסלס ביינערדיק פּנים און שפּיציקע קינבאַקן האָבן ווי געגעבן אָנצו־הערן אַז רוקט ער אַריין אַ קלעפּקע (אין אַ שמועס) וועט זי קיינער נישט רירן פון אָרט. — „איך האָב עס גערעכנט צו טאָן, האָב אָבער ליב צו זיין דער ערשטער, ווי זשע קען איך זיך דערלויבן צו זיין דער דריטער?...

איציקס לענגלעך פּנים און שפּיציק נעזל האָבן זיך אַ ציִ געטאָן פאַרויס ווי זיין שטייגער איז געווען ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן: „און איך וועל עס נישט טאָן מחמת איך האַלט נישט פון נעמען אַ צווייטע ווייב ווען איך קען קוים אויסקומען מיט דער ערשטער.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און חייקע — מער פון אַלעמען.

קליינמאַנס צוגעשלאָסענע פאַרקאַטשעטע ליפּן, עטוואָס פאַרשפּיצטע גראָבלעכע נאָז און דער ברייטער קין האָבן זיך געפּאָרט מיט זיין עקשנותדיקן פאַרטראַכטן זיך. ער האָט זיך געזעגנט מיט גיטלען און מאָטל — מיט איטקען. אים האָט נישט באַנג געטאָן, וועט מאָטלען אויך נישט באַנג טאָן? אינצווישן זענען פון די שטיקלעך געדאַנקען און געפילן וואָס האָבן געבראָדזשעט אין אים אַ לאַנגע צייט ענדלעך געוואָרן קלאָרע איבערלעבונגען. בחורוייז האָט ער אויסגענומען ביי מיידלעך און ווייבלעך, אויך גיטל האָט איינס און צוויי איינגעוויליקט צו ווערן זיין ווייב, אָבער קיין גליקלעך לעבן האָט ער מיט איר נישט געהאַט, ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ פאַרעווע נאָענטקייט. פאַרוואָס?...

אַ שטיק צייט האָט עס אים געמאַטערט איידער ער האָט זיך דערגרונ־טעוועט צו דער ריכטיקער סיבה. שיינע פרויען האָבן אים באַצויבערט, אָבער די פאַרליבעניש אין זיי האָט געדויערט פון אסתר־תענית ביז פּורים — און ס׳איז אים געווען גוט אויפן האַרצן... גיטל האָט אים צוגעצויגן מיט איר שיינקייט, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. העט שפּעטער האָט ער איינגעזען אַז וואָס ס׳איז גוט בחורוייז איז נישט גענוג אין פאַרהייראַטן לעבן ווען עס פאָדערט זיך אַ חברישע שותּפותדיקייט אין פריידן און אין ליידן. ער האָט זיך אָפּגעבריט און צום גליק אַרויס מיט גאַנצע ביינער. וועט אים געלינגען אָנצוטרעפן די ריכטיקע פּאָר? ווער קען וויסן?

— „וואָס פּלוצים האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, משה? — האָט חייקע איבערגעריסן דעם פאָדעם פון זיינע קלערענישן.

נישט וועלנדיק אויסגיסן פאַר איר זיינען חשבון־הנפשדיקע איבער־

לעבונגען איז ער געפֿאַלן אויף אַ פּאַרטל: „כ׳האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה: צי זאָל איך צוגיין צו מאַטלען, צי נישט?

— „גיי טאַקע צו, משה, אי דאָס איגגיכן. — האָט יאָסל זיך געווענדט צון אים.

— „איך וועל עס טאָן. — האָט קליינמאַן געקוקט אויף חייקען און יאָסלען. — „צוויי גע׳גטע וועלן זיך בעסער פֿאַרשטיין, מיר זענען דאָך אחים לצרה.

נאָך די ערשטע עטלעכע ווערטער צווישן זיי האָט מאַטל געזאָגט משהן אַז ס׳טוט אים באַנג וואָס ער האָט זיך גע׳גט מיט איטקען.

— „פֿאַרוואָס זשע האָסטו עס געטאָן? — האָט קליינמאַן זיך געחידושט.

— „כ׳האָב נישט געוואָלט בלייבן קינדערלאָז, משה.

— „איז פֿאַרוואָס זשע טוט דיר באַנג? — האָט קליינמאַן נישט אויפֿגעהערט צו חידושן זיך.

— „איך בענק אַזוי שטאַרק נאָך איטקען אַז כ׳וואָלט זיך נישט געשעמט און נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט איר. — ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אויפֿגעלעבט ווי ער וואָלט נאָענט געווען צו זיין ציל...

זעענדיק מיט וואָס פֿאַר אַן אויפֿגעלייגטקייט מאַטל האָט אַרויסגעבראַכט די ווערטער, האָט קליינמאַן אים אַ פֿרעג געטאָן: „אפֿשר וואָלט נישט געשאַדט אַ רעד צו טאָן מיט איר וועגן דעם? — ער האָט עס געזאָגט מיט אַ האַלב מויל, האָט געצווייפֿלט צי זי וועט איינגיין אויף דעם.

— „וואָלסט עס געמעגט טאָן, אויב ס׳איז נישט שווער פֿאַר דיר. — האָט מאַטל אָנגענומען קליינמאַנס כמו־עצה.

— „פֿאַרוואָס נישט? — האָט משה נישט געקווענקלט זיך.

קליינמאַן האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין אַ לאַנגן שמועס מיט איטקען בדי איר פֿאַרזיכטיק געבן אָנצוהערן אַז מאַטל וואָלט מסתמא מסכים געווען נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן מיט איר, נאָר אָנגעהויבן אָן שום דריידלעך — „איך וועל מיט דיר רעדן אָפֿענע דיבורים, איטקע. מאַטל בענקט שטאַרק נאָך דיר און איז גרייט אָן שום באַדינגונגען נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן מיט זיין גע׳גטער פֿרוי. דאַרפֿסט מיר נישט געבן באַלד קיין ענטפֿער, קלער זיך איבער אַ פּאָר טעג...

— „און איך וועל מיט דיר אויך רעדן אָפֿענע דיבורים, קליינמאַן. — פֿון איטקעס שמייכל האָט משה אַרויסגעדרונגען אַז דער ענטפֿער וועט זיין: לאָ מיט אַן אלף, האָט חשק געהאַט איר עס זאָגן, נאָר האָט זיך איינגעהאַלטן. — „איך האָב מיט מאַטלען געהייראַט ווייל מיין יינגערע שוועסטער האָט חתונה געהאַט און איך האָב נישט געוואָלט פֿאַרבלייבן די פֿאַרזעסענע עלטערע שוועסטער. כ׳האָב אַפֿילו נישט געקלערט צו שיידן זיך מיט אים, נאָר אַזוי ווי קיין קינדער זענען נישט געקומען און ער האָט געלעכצט נאָך אַ יורש, האָב

איך אים געזאָגט אַז איך בין ווילּיק צו גטן זיך, אָבער וועגן נאָכאַמאָל הייראַטן מיט אים איז נישטאָ וואָס צו ריידן.

איטקעס רעדן וועגן זיך איז פאַר קליינמאַנען געווען אַזאַ איבעראַשונג אַז ער איז געבליבן זיצן ווי אַ צוגעשמידטער צום בענקל און געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר — פאַר אים האָט זי זיך אַנטפּלעקט מיט אַזאַ האַרציקן שמייכל ווי זי וואָלט גערעדט צון אַן אינטימען פריינט, און נישט צו אַ גוטן באַקאַנטן.

דער פאַרשוואונדענער שמייכל פון איטקעס פנים האָט משהן ווי געלאָזט וויסן אַז ער מוז ברעכן די שטילקייט, אַניט קען איר נאָך קומען אין קאָפּ אַריין — צו וואָס האָב איך באַדאַרפט אַרויסקומען פאַר אים, משהן, מיט אַזעלכע רייד? ער קען גאָר מיינען אַז זי האָט נישט די ווערט דעם שטויב פון זיין פריינטס (מאָטלס) שיך, און דערפאַר זיך שעצן גליקלעך נאָכאַמאָל מיט אים צו הייראַטן. קליינמאַן האָט געפונען פאַר נויטיק איר צו זאָגן: — „איך וועל שוין וויסן וויאַזוי צו רעדן מיט אים, מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

פון קליינמאַנס ווערטער און מינע האָט איטקע זיך אָנגעשטויסן אַז ער וועט דירכפורן זיין שליחות ווי עס באַדאַרף צו זיין. האָט זי שאַרף אַרויסגערעדט די ווערטער — „איך גלויב אַז מ׳קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן.

שפּעטער מיט עטלעכע שעה זענען טראַכטונגען אָנגעגאַנגען אין משהן — ער קען דאָך פאַר מאָטלען נישט ברענגען אויף די ליפּן פאַרוואָס איטקע וויל נישט צוריקנעמען דעם געוועזענעם מאַן. וואָס זשע, ער וועט אים גיין זאָגן אַז זי האָט זיך געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט אים? וועט ער דאַרפן רעדן צו מאָטלען מיט אַ האַלב מויל און ער וועט האָבן אַ גרונט צו פאַרדעכטיקן אים, משהן, אין אַלערליי הינטערשיסעלעך. — איז וויאַזוי זשע קומט די קאַץ איבערן וואַסער? טאַקע נאָר חייקע ווי אַ זייטיקע וועט קענען מאָטלען איבערגעבן איטקעס אָפּזאָג אויף אַזאַ אופן אַז ס׳זאָל אים נישט וויי טאָן. ער וועט, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרהוילן פון חייקען וואָס איטקע האָט אים געזאָגט און אויך וויאַזוי זי האָט עס געזאָגט. ער וועט נאָך היינט זיך זען מיט חייקען — און האָט זיין שליחות דורכגעפירט.

מאָטל איז צוגעגאַנגען צו חייקען און איר דערציילט וואָס ער האָט געבעטן משהן צו טאָן. חייקע האָט שוין פון לאַנג געוואוסט וויאַזוי ס׳איז געקומען צו מאָטלס חתונה מיט איטקען. האָט זי זיך אָנגערופן: — עס איז שווער צו טרעפן וואָס פאַר אַ לעבן עס שטעלט זיך איין ביי אַ פאַרפאַלק וואָס האָט צוריק חתונה באַלד נאָכן גטן זיך. אין דיין פאַל, האָב איך מורא, וועט עס נישט טויגן ווייל דו האָסט דערפירט צון אַ גט, און ווי איך קען איטקען וועט זי עס דיר קיינמאָל נישט מוחל זיין. איז מיין עצה דו זאָלסט חתונה האָבן מיט אַ מיידל פון דיין ציוניסטישן קרייז און אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן, אַזוי גלויב איך.

— „דיינע רייד, חייקע, גייען מיר נישט אַרויס פון קאָפּ. — האָט מאָטל

גערעדט מיט האַרץ. — איך׳ל מוזן טאָן וואָס דו האָסט מיר געראָטן, נאָר דעמאָלט וועל איך מער נישט אין זינען האָבן איטקען.

עס איז נישט פאַריבער קיין יאָר און מאָטל האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פֿונעם פאַרזיצער פון ציוניסטישן קרייז. מאָטל האָט גראָד געוואָלט ס׳זאָל פאַרקומען אַ שטילע חתונה, דער צוקינפטיקער שווער אָבער איז באַשטאַנען אויף אַ גרויסער חתונה — „ביי מיר דאַרף עס צוגיין מיט טאַנצן און מיט פויקן!

אויף דער חתונה האָט קליינמאַן זיך אָנגעשלאָגן אין איטקען.

— „ווי קומסטו אַהער? — האָט משה גלייך זיך נישט געקענט מוחל זיין וואָס האָט זי באַגעגענט מיט אַזאַ ברוך הבא. ער האָט געמעגט פאַרשטיין אַז מאָטל וועט זי פאַרבעטן אויף דער חתונה און זי וועט זיך נישט אָפּזאָגן צו קומען. צו וואָס זשע האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַזאַ פראַגע?

— „ווען איך פרעג ביי דיר אַן עצה, משה, וואָס וואָלסטו מיר געראָטן צו טאָן? — איטקעס ברוינע אויגן האָבן זיך צעעפנט און פון די בלישטשענדיקע שוואַרצאַפּלען זענען ווי מענטשעלעך אַרויסגעשפרונגען צו ווערמען מע דאַרף זיך צוהערן.

— „איך וואָלט דיר גע׳עצהט. — האָט משה אַראָפּגעלאָזט די אויגן. — „אַז דו דאַרפסט זיין אויף דער חתונה.

— „פאַרוואָס זשע האָסטו מיך געפרעגט ווי איך קום אַהער? — האָט איטקע פאַרזשמורעט די אויגן.

— „כ׳האָב פאַרגעסן אַז צו דיר דאַרף מען רעדן אַ ביסל אַנדערש. — האָט משה געפינטלט מיט די אויגן.

— „גיב זשע אַכטונג אַז זאָלסט מער נישט פאַרגעסן צו וועמען דו רעדסט. — האָט איטקע זיך צעלאַכט.

— „אַז דו לאַכסט וועל איך דיך פאַרבעטן אויף אַ טאַנץ — האָט קליינמאַן זיך פאַרנייגט.

— „און איך וועל דיר נישט אָפּזאָגן — האָט איטקע זיך צעשמייכלט.

זיי האָבן אַ גאַנצן אויפדערנאַכט געטאַנצט ווי אַן אָפּגעזונדערט פאַרליבט פּאָרל.

פאַרן אַהיים גיין האָט משה זיך אָנגערופן: — אַ גאַנצן אָוונט ביסטו געווען מיין דאַמע, וועל איך איצט זיין דיין קאַוואַליער און דיך אונטערפירן אַהיים.

— „מיט פאַרגעניגן. — האָט זי אים געקוקט אין די אויגן.

שפּאַנענדיק אַהיים איז משהן געקומען אויפן געדאַנק אַז אויף מרימען האָט ער אויפגעהערט אומצוקוקן זיך און זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פיינעם יונגענמאַן. איטקע גראָד געפעלט אים און ער איז שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק, באַלד־באַלד וועט קיין לייטיש מיידל זיך נישט וועלן אומקוקן אויף אים. בלייבט איין זאַך צו טאָן — אַ טאָפּ טאָ דעם דופק ביי איטקען,

וועט זי אײַנוויליקן צו פֿאַרבינדן זיך מיט אים אויפֿן גאַנצן לעבן, וועט ער נישט אויסדרייען דעם דישל. אויב זשע, זי וועט זיך נאָר אַ ביסל זשעמאַניען, וועט ער שוין זען וואָס מ׳קען טאָן...

ווען קליינמאַן האָט איר איינמאָל געגעבן אָנצוהערן אַז צייטנווייז איז אים אומעטיק צו זיין אַליין, האָט איטקע אָנגעשפּיזט אויף אים די אויגן און זיי אַוועקגענומען..

— „סוף כל סוף דאַרף מען זיך שאַפֿן אַ היים און נישט אַריינקומען צו די הוילע פיר ווענט. — האָט פֿון משהן אַרויסגערעדט.

— „ס׳איז דאָ ווינציק מיידלעך אין שטאָט? — איטקען איז דערביי דורכגעלאָפֿן אין מוח — איז דאָס אַ ליבע־דערקלערונג אָדער אַן אַראָפּ־רעדונג פֿון האַרצן?

— „צו וואָס דאַרף איך זיך פֿאַרנעמען מיט זוכענישן, — האָט קליינמאַן זי אָנגענומען ביי דער האַנט. — אַז כ׳האָב זי שוין געפֿונען.

— „אַ פּרוּוי דאַרף זיך גוט באַקלערן. — האָט איטקע נישט אַרויס־גענומען איר האַנט פֿון זיינער. — מירן זיך דורכרעדן...

— „גאָר איינגיכן? — איז משה צוגעשטאַנען צון איר.

— „מעגליך... — האָט זי ווי חרטה געקראָגן אויף איר צושטימונג.

— „ווייסט וואָס, איטקע — האָט משה אַ קלער געטאָן אַז ס׳איז גאָר נישט נויטיק צושטופּן זי צו דער וואַנט. — „איך וועל דיך אָפּרופֿן אין אַ וואָך אַרום אויפֿדערנאַכט.

— „גוט, כ׳וועל זען צו זיין אין דער היים. — האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זאָל ער איבערטראַכטן, ס׳איז בעסער אַזוי...

איטקע האָט זיך נישט געריכט אַז קליינמאַן זאָל גרייט זיין צו הייראַטן מיט איר, אָבער ווי עס זעט אויס טרייבט ער נישט קיין קאַטאָוועס, ער איז דאָך געקומען צום זעלבן בראָך וואָס זי, צופֿיל געבראָקעוועט, אַריינגעפֿאַלן און קוים אַרויס מיט גאַנצע ביינער.

ווען משה האָט אָפּגערופֿן איטקען האָט זי אים געענטפֿערט: — מעגסט אַריבערקומען. נאָכן קול האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַז ס׳איז נישט קיין פֿאַר־ליבעניש וואָס קומט אָן און פֿאַרשווינדט, נאָר עס וועט געדויערן אַביסל איידער זיי וועלן זיך באַפֿריינדן און זי האָט רעכט אויך — אַז מע ברייט זיך אָפּ אויף הייסן, בלאָזט מען אויף קאַלטן.

זיי פֿלעגן זיך טרעפֿן איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך. האָט זיך געמאַכט אַז בעתן טעלעפֿאָנירן צון איר איז דער ענטפֿער געווען אַז אַ פֿאַרקילונג האָט זיך אָנגעזעצט אויף איר און קען דערפֿון נישט פּטור ווערן, האָט קליינמאַן איר געלאָזט וויסן אַז אין אַ שעה אַרום וועט ער זיין ביי איר און זי האָט עס אָנגענומען ווי אַ זעלבסטפֿאַרשטענדליכקייט.

זיי זענען איינמאָל פֿאַרבייגעגאַנגען אַ זאַל וואו עס איז פֿאַרגעקומען אַ חתונה אויפֿן אַלטן שטייגער. משה האָט פֿאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט און

געזאָגט איטקען: „דאָ וואוינען זייער פרומע יידן און זיי פּראָווען אַ חתונה ווי אין דער אַלטער היים, אויף אַ האָר נישט געמינערט.

— „כ׳האָב געהערט דערפון, — איז איטקע צופרידן געווען פון זיין דערקלערונג. — „בין אָבער קיינמאָל נישט געווען אויף אַזאַ חתונה, לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ קליינער ווײַלע.

איטקע האָט זיך צוגעקוקט ווי עס האָט געטאַנצט אַן עלטער פּאָרפאָלק אָנהאַלטנדיק זיך ביי די שפּיצן פון אַ טיכעלע, שטאָט ביי די הענט. — „וואָס פאַר אַ טאַנץ איז דאָס? — האָט איטקע זיך גע׳חידושט.

— „דאָס טאַנצן געווייינלעך שווער און שוויגער ווי אַ סגולה, דוכט זיך, אַז די פאַרבינדונג צווישן נייעם פּאָרפאָלק זאָל זיין אויפן גאַנצן לעבן.

— „ס׳איז זייער טשיקאַווע. — האָט איטקע נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם טאַנצנדיקן פּאָרל. — „אַ שאָד וואָס׳יז מיר נישט אויסגעקומען צו זיין אויף אַזעלכע חתונות.

— „וועל איך דיר צוליב טאָן, מיין טייערע. — האָט קליינמאַנען אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אַז איצט איז די ריכטיקע צייט צו רעדן וועגן דעם... — אונזער חתונה וועט זיין פונקט אַזאַ ווי דו זעסט דאָ.

— „און אַן שום פּלאָנטערנישן? — האָט איטקע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. איר איז געקומען אויפן געדאַנק זיין טאָכטער לאַהקע וואָס האָט געלעבט מיט גיטלען אַ פאַרהייראַטע צון אַ רייכן אַלמן.

— „צוויי געשלאָגענע ווענלן זיך נישט דוצקען. — איז קליינמאַנס קול געווען אָנגעלאָדן מיט ערנסטן מיין.

— „הלוואי? — האָט איטקע כמעט תפילה געטאָן.

— „טאָמער נישט, טויג עס נישט. — האָט פון קליינמאַנס קול זיך דערהערט אַן אַרויסרוף — דאָס איצטיקע חתונה האָבן טאָר נישט זיין קיין דורכפאַל.

איטקעס שוועסטער סילוויע האָט זיך פאַרנומען מיט אילע צוגרייטונגען צו דער חתונה וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן זאַל. סילוויעס מאַן דייוו האָט אָנגעשטעלט אַ באַרימטע קאַפּעליע קלעזמער אויף אַ גאַנצער נאַכט, עס איז אים געווען זייער אָנגעלייגט וואָס זיין שוואָגער וועט זיין קליינמאַן.

די ידיעה אַז משה גייט חתונה האָבן מיט זיין נאָענטן פריינטס גע׳גטער פרוי האָט אַרויסגערופן שטוינונג צווישן זייערע פריינט און באַקאַנטע. עס איז אויסגעקומען אַז פון די פיר בחורים וואָס זענען געפאָרן אַהער אויף איין שיף, האָט איינער זיך גע׳גט מיט זיין פרוי און געבעטן זיין חבר צו פועלן ביי דער גרושה נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן מיט איר געוועזענעם מאַן, אָבער שטאָט דעם קלייבט זיך גאָר דער זעלבער חבר צו שטעלן אַ חופה מיט איר. ביידע צינגער האָבן אַפילו גע׳לצעוועט אַז איטקע האָט זיך גע׳גט מיט מאָטלען כדי צו הייראַטן מיט משהן. מ׳האָט אויך געפּרובירט טרעפן צי מאָטל מיט זיין פרוי וועלן פאַרבעטן ווערן אויף דער חתונה וואָס וועט

פֿאַרקומען אין גרויסאַרטיקן זאַל פֿון שטאָט. משה האָט טאַקע קיין חשק נישט געהאַט איינצולאַדן זיי צו דער חתונה, אָבער איטקע איז באַשטאַנען אַז מע דאַרף עס טאָן. זיי האָבן זיך דאָך גע׳גט אויף אַ פֿרייַנדלעכן אופֿן, דאַרף מען זיך נישט מאַכן צום נאַר. קליינמאַן ווידער האָט איינגעזען אַז זי האָט רעכט, אין אַזאַ פֿאַל לוינט זיך נישט צו צערייצן די געמיטער. ער, משה, האָט דערפֿילט מאָטלס בקשה און געזאָגט איטקען אַז ער איז גרייט נאָכאַמאָל צו הייראַטן מיט איר. גראָד קען זיך מאָטלען אויסדאַכטן אַז ער, משה, האָט ניט דורכגעפֿירט זיין שליחות מיטן גאַנצן האַרצן און דערפֿאַר נישט גע׳פּועלט ביי איטקען אַז זי זאָל הייראַטן מיט איר גע׳גטן מאַן. אָבער גאָט איז אַן עדות אַז ער האָט נישט פֿאַרראַטן זיין חבר, נאָך מער, ס׳איז אים אפֿילו נישט געקומען אויפֿן געדאַנק עס צו טאָן. אַ חשד קען זיך דאָך אַריינגנבענען צו מאָטלען אַז ער האָט קונציק מאַנעוורירט עס זאָל קומען דערצו, איז ווייל אַזוי, טאָר ער זיך נישט קעגנשטעלן איטקעס פֿאַרלאַנג צו פֿאַרבעטן מאָטלען מיט זיין פֿרוי צו דער חתונה. ער וועט ,פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר איטקען נישט אַרויסלייגן אַלע זיינע טראַכטענישן, וועט איר כלאחר יד זאָגן אַז זי מעג איינלאַדן מאָטלען מיט זיין ווייב צו זייער חתונה. ער האָט עס געטאָן ביי אַ פֿאַסיקער געלעגנהייט. איטקע האָט אָפּגערופֿן מאָטלען און אים מיט דער ווייב פֿאַרבעטן צו דער חתונה.

ווען מ׳האָט מיט אַ צייט צוריק צוגעטראָגן מאָטלען אַז משה האָט זיך אַ פּאָר מאָל געטראָפֿן מיט איטקען, האָט ער עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: „וואָס זשע, ער טאָר זיך נישט באַגעגענען מיט אַן אַלטער באַקאַנטער? געוואויר ווערנדיק שפּעטער אַ ווײַלע אַז זיי זעען זיך צוויי מאָל אַ וואָך האָט מאָטל אַ קלער געטאָן אַז זייערע טרעפֿענישן זענען נישט קיין צופֿעליקע, נאָר זענען גאָר פֿון אַן אַנדער מין. נישט אומזיסט, קען זיין, האָט משה זיך אָנגעבאָטן צו פֿאַרמיטלען אַז די געוועזענע מאַן און ווייב זאָלן ווידעראַמאָל הייראַטן. ער האָט געפֿירט די געשפּרעכן מיט איטקען אויף אַזאַ געשיקטן אופֿן אַז זי זאָל נישט איינגיין אויף דעם. ער האָט פֿאַרוואָרפֿן אַ נעץ אַז נאָך זיין, מאָטלס, חתונה האָבן מיט דער צווייטער פֿרוי זאָל איטקע זיך אַריינגליטשן צון אים אין די הענט אַריין און קיינער זאָל נישט האָבן אויף אים קיין חשד. ער, משה, איז זייער אַ ביטרער יונג, האָט אים אָפּגעטאָן אויף טערקיש און חזיר פּיסל כשר. ווען טאַקע וועט עס איינפֿאַלן אַז ער איז פּעאיק אויף אַזעלכע טייוולאָנישע פּלענער און זיי דורכפֿירן מיט אַזאַ געשיקטקייט? פֿאַר אַזעלכע מעשים טובים קומט אים אַזוי אָנצולערנען אַז ער זאָל האָבן צו זינגען און צו זאָגן. ער וואָלט באַדאַרפֿט צוגיין צו איטקען און איר באַווייזן שוואַרץ אויף ווייס וויאַזוי ער, קליינמאַן, האָט זיך אַריינגעגנבט צון איר אין האַרצן און דערפֿון וועט איר קיין גוטס נישט אַרויסקומען. ער, מאָטל, איז אָבער נישט פּעאיק אויף אַזעלכע זאַכן, זאָל זשע זיינס איבערגיין . . .

זייגערמאַן האָט דערוואַרט צו קריגן אַן איינלאַדונג צו דער חתונה פון משהן מיט איטקען, האָט אָבער זיך נישט געריכט אַז זי אַליין זאָל אים אָפּרופן. פון דער פערזענלעכער פאַרבעטונג האָט ער זיך נישט געקענט אַרויסדרייען... צוליב זיין ווייב... רויזע. איר, אַן אלמנה מיט אַ קינד פונעם ערשטן מאַן, האָט מאָטל געזאָגט אַז ער האָט זיך געגט מיט איטקען ווייל קיין קינדער זענען נישט געקומען. וועגן די פאַרפלאָנטערנישן צווישן אים, משהן און איטקען האָט ער אַפילו מיט קיין איינציק וואָרט נישט אָנגעוואונקען, וועט ער דערפאַר נישט קענען אויסמיידן צו זיין אויף דער חתונה, וועט נאַטירלעך נישט אַריינשטעלן זיך אין חתונה־זאַל אָן דעם ווייב.

ווי נאָר מאָטל און רויזע זענען אַהין אַריינגעקומען, נאָך דער חופה שוין, האָבן זיי צוגעשפּאַנט צו משהן און איטקען און אָפּגעגעבן מזל־טוב. איטקע האָט זיי אָנגעוויזן ביים פאָדערשטן טיש. איבזינען געהאַט האָט זייגערמאַן צו פאַרנעמען אַן אָרט אויף די זייטיקע שטולן. האָט אָבער נישט געקענט אָפּזאָגן איטקען אין איר פאַרלאַנג מחמת זי האָט דערביי צוגעלייגט אַ פּאָר ווערטער: „דו ביזט דאָך משהס אַ נאָענטער פריינט, קומט דיר נישט דער אויבנאָן ?

מאָטלס פרוי איז געווען זייער אויפגעלייגט, זי האָט געמיינט אַז מע וועט זיי פאַרשטופן ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל ווי אַ פרוי טוט געוויינלעך מיט איר אָפּגעגטן מאַן און צום סוף האָט מען זיי אָפּגעטיילט דעם אויבנאָן. מאָטל האָט זיך עטוואָס געוויטלט, האָט געדאַרפט אָפּזאָגן זיך צו פאַרנעמען אַן אָרט ביים פאָדערשטן טיש, מחמת קיינער וועט נישט פאַרפעלן צו דערמאָנען זיך אַז נאָכן גט׳ן זיך מיט איטקען האָט ער געלעכצט זי צוריקנעמען פאַר אַ ווייב — און משה האָט גאָר חתונה מיט איר. וואָלט ער געווען איינגעשפּאַרט און נישט געגאַנגען צו דער חתונה, וואָלט צום זיצן אויבנאָן זיכער נישט געקומען. איי, מע וואָלט אים באַרעדט, איז וועמען אַרט עס וואָס מע זאָגט אויף אים אונטער די אויגן? אַבי נישט זיין אויסגעשטעלט פאַר אַלעמען ווי אַן אָפּגענאַרטער...

די לעצטע עטלעכע יאָר גייט אים מיט דער פוטער אַראָפּ. וואָלט אים געווען געקומען אויפן געדאַנק אַז ס׳וועט אים אַרומנעמען אַ בענקשאַפט נאָך איטקען, וואָלט ער זי נישט געוועז אָפּגע׳גט. ווינציק פאַרהייראַטע פּאָרלעך האָבן נישט קיין קינדער, לעבן זיך גליקלעך און קלערן אַפילו נישט וועגן גטן זיך? און אַז ס׳קומט צון אַ גט און מע קריגט חרטה, וואָלט פון אים עפּעס געווען אָפּגעפאַלן ווען ער רעדט מיט איר אָפענע דיבורים: „איטקע, מען קען האָבן אַ גליקלעך לעבן אָן קינדער אויך, לאָמיר זשע שטעלן אַ שטילע חופּה. זי וואָלט׳עד געווען איבערגליקלעך עס צו טאָן. ער האָט זיך באַנאַרישט, געבעטן משהן דורכפירן די שליחות, זיצט ער איצט אין געהאַקטע וואונדן ביי איטקעס חתונה... מיט משהן...

קעגנאיבער מאָטלען מיט זיין ווייב זענען געזעסן איציק מיט חייקען.

זי האָט גראָד צוגערעדט מאַטלען חתונה צו האָבן, וועט ער דורכדעם איטקען אַרויסשלאָגן זיך פֿון קאָפּ, צום סוף גאָר ליגט דער טרויער אַזוי שטאַרק צעלייגט אויף זיין פּנים אַז יעדער איינער קען אָנטאַפּן מיט דער האַנט וואו דער שוך קוועטשט אים... עס וואָלט דערצו נישט געקומען ווען איטקע וואָלט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן און נישט מיט משהן. וואָלט איר געקומען אויפֿן געדאַנק אַז משה, קען זיין, וועט הייראַטן מיט איטקען, וואָלט זי זיך נישט אַריינגעדרייט אין דעם פּלאָנטער. מע דאַרף צוטראַכטן אַ פּאַרטל אַז מאַטל זאָל נישט זיצן ביים טיש מיט אַזאַ צער אויפֿן פּנים, האָט זי זיך אָנגערופֿן: „ווי איך פֿאַרשטיי, מאַטל, פֿאַרקויפֿן זיך נישט דיינע הייזער אַזוי גיך ווי דו האָסט גערעכנט. דאַרף מען זיך עס נעמען אַזוי שטאַרק צום האַרצן? נאָך אַ גאָסרעגן צעשיינט זיך די זון.

— „ביזט גערעכט, חייקע, — האָט מאַטל נאָך חייקעס מיבע אָנגעשטויסן זיך אַז זי האָט זיך דערגרונטעוועט צו זיינע איבערטראַכטענישן און מע דאַרף טאַקע נישט, אַלעמען אויף צופּיקעניש, זיין אַזוי באַ׳צערט. — „אויף אַ חתונה פֿון נאָענטע פֿריינט טאָר מען נישט קלערן וועגן שלעכטע געשעפֿטן. אימער דעריבער נעמען אַ ביסל ווין.

— „נישט אַ ביסל, נאָר אַ גאַנצע גלאָז. — האָט חייקע אים אונטער־געגעבן מוט. — „און איך וועל דיר נאָכטאָן.

— „וועמיך טרינקען לחיים. — האָט מאַטל אַרויפֿגעצויגן אַ שמייכל אויפֿן פּנים.

— „לחיים, לחיים! — האָט חייקע אָנגעקלאַפּט איר גלאָז אין זיינער און אונטערגעזונגען: לאָמיר אילע פֿריילך זיין.

אויך משה האָט אונטערגעהאַלטן דעם ניגון.

איציק האָט גראָד געוואָלט עפּעס דערקלערן יאָסלען וואָס איז מיט זיין פּרוי און קינדער געזעסן נישט ווייט פֿון אים און חייקען און זייער בת־יחידה. עס איז נישט פּאַסיק געווען צו טאָן ווען מאַטל איז געווען דערביי. עס ברענט נישט האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער עס אים זאָגן.

ווי נאָר טאַקע דער עולם האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון די טישן און מ׳האָט זיך געגרייט צום גיין טאַנצן, האָט איציק זיך געווענדט צו יאָסלען: „געדענקסט וואָס משה האָט געזאָגט וועגן איטקען נאָך איר חתונה מיט מאַטלען? איטקען דאַרף מען מער קענען, האָט ער אונז געוואָרנט, און געטראָפֿן אין פּינטל. זי איז שוין גאָרנישט קיין נאַר. משה קען זי שוין איצט און מיט איר וועט ער זיך ניט גטן, ס׳אַ ריכטיק פּאַרל, ס׳גייט אים דורך טיר און דורך טויער.

אויף דעם האָט יאָסל געענטפֿערט: — איצט טוט משה אַלצדינג מיט ישוב הדעת. דו ווייסט דאָך, איציק, אַז איך קוק אַנדערש אויף דער התנהגות

פונעם מענטשן. לויט מײַן חות דעת האָט משה נישט געדאַרפט חתונה האָבן מיט זײַן פּרײַנטס װײַב.

— „ס'איז הײַנט אַן אַנדער װעלט, יאָסל, משה װידער האָט זי נישט אָפּגערעדט פון איר מאַן.

— „קײן חטא איז ער נישט באַגאַנגען קעגן מאָטלען, נאָר איך װאָלט עס נישט געטאָן.

— „פונדעסטװעגן װינטשסטו אים גליק אין זײַן פאַרהײַראַטן לעבן, יאָסל.

— „אַװדאי װינטש איך אים גליק פונעם גאַנצן האַרצן, איציק, — האָט ער שאַרף אַרױסגערעדט די װערטער.

20

יאַנקל איז באַשטאַנען אַז ער און חנה זאָל שלאָפֿן אין באַזונדערע בעטן און זיין בעט זאָל שטיין נעענטער צו דער טיר ווי אירס, ער זאָל קענען גאַנצפֿרי זיך אַרויסשאַרן פֿון שלאָפֿצימער אין קיך אַריין, זי זאָל נישט דערהערן. ר׳האָט שטיל און שנעל זיך אַרומגעוואַשן און פֿאַרלאָזט דאָס הויז. אין אַ קאַפּעטעריע, נישט ווייט פֿון זייער געשעפֿט, פֿלעגט ער איבערבייסן.

חנה האָט אין אַן אינדערפֿרי זיך אויפֿגעכאַפּט און איר אויג איז געפֿאַלן אויף יאַנקלס געלעגער. זי האָט אַ רוף געטאָן: „יאַנקל", אַז ער האָט נישט געענטפֿערט, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בעט, אירע אויגן זענען געפֿאַלן אויף זיין קערפּער און איר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער איז פֿאַר׳חלש׳ט, באַלד אָבער איז אַ שרעק זי באַפֿאַלן — פֿון זיין פּנים און קערפּער האָט אַרויסגעקוקט דער טויט, און פֿון איר האַלז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ יאושדיקער קוויטש.

די שכנטעס זענען זיך צעגויפֿגעלאָפֿן, אַריינגעפֿירט חנהן אין אַן אַנדער צימער, אַנידערגעלייגט אויף דער סאָפֿע און נישט אָפּגעטראָטן פֿון איר. די פּאָר מענער וואָס האָבן זיך שפּעטער אַ ווײַלע אַריינגעשטעלט, האָבן אַראָפּ־גענומען פֿון בעט יאַנקלס קערפּער און אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, מיטן קאָפּ צו דער פֿעדערשטער וואַנט, און אים איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך.

מ׳האָט געשיקט נאָך דער חברה־קדישא און מיט זייער צושטימונג איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די לוויה זאָל פֿאָרקומען נאָך היינט, פֿרייטיק, ווייל דער מת אין שטוב איבער שבת קען זיך אָפּרופֿן אויף חנהס געזונט.

אין די שבעה־טעג איז אַלעמאָל עמיצער געווען ביי חנהן אין שטוב, געמאַכט איר אַ גלאָז טיי און צוגעגרייט אָדער אריינגעבראַכט אַביסל געקעכץ און אַזוי לאַנג געריעדט איבער חנהן אַז זי האָט איינגעווייליקט אַ זופּ טאָן אַ ביסל טיי און פֿאַרזוכן פֿון די לייכטע געקעכצן.

אַ וואָך נאָך דער שבעה האָט מען זי אויך נישט איבערגעלאָזט איינע אַליין אין שטוב, מ׳איז אָבער נישט צוגעשטאַנען צו איר זי זאָל אַרויסגיין אין דרויסן. ס׳איז פֿאַר יעדן געווען קלאָר אַז דער אומגליק איז פֿאַר איר געווען אַזוי אומדערוואַרט אַז זי קען נישט קומען צו זיך.

פֿרייטיק פֿאַר נאַכט, פּונקט צוויי וואָכן נאָך יאַנקלס טויט, האָט זייערער אַ נאָענטער פֿריינט זיך אָנגערופֿן: „היינטיקן פֿרייטיק־צו־נאַכט, חנה, וועסטו זיין ביי אונז און פֿאַרזוכן מיין ווייבס געפֿילטע פֿיש.

—„איכ׳ן בעסער זיצן אין הויז. — האָט חנה נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. — כ׳וועל נישט זיין אַליין, ס׳וועט געוויס עמיצער אַריינקומען.

—„איך מעג מיט דיר איצט רעדן אָפענע דיבורים, חנה. מיט דיין זיצן אין הויז און טרויערן וועסטו יאַנקלען נישט לעבעדיק מאַכן, אָבער זיך קענסטו ברענגען אַ סך שאָדן. פראַגעס נישט אַז דאָס געשעפט שטייט פאַרמאַכט און דו ווייסט דאָך ווי עס איז יאַנקלען געווען טייער, און דיר אַליין מוז עס אויך ווערן טייער, וועסט דאָך נישט אַרויפלייגן די ציין אויף די באָנטעס. ווי דיינער און יאַנקלס אַ גוטער פריינט בעט איך דיך דו זאָלסט זיך צוהערן צו מיין עצה. וועסט מיך נישט פאָלגן, וועט מיין ווייב קומען נאָך דיר, זי האָט דיך שוין גאָר נישט פיינט און דו ווייסט עס. — ער איז צוגעגאַנגען צום קליידער שאַנק און זיך אָנגערופן — „דו דאַרפסט דאָך אָנטאָן אַ טונקעלע אָדער שוואַרצע הלבשה. — ער האָט אַרויסגענומען אַ שוואַרץ קלייד. זי האָט שלאַבעריק זיך אויפגעהויבן, אָנגעטאָן עס און זענען ביידע צוגעגאַנגען צו זעליקן אין הויז אַריין.

שרהקע, זעליקס פרוי, האָט זיי באַגעגנט ביים אַריינגאַנג אין אַפּאַרטמענט הויז וואו ס'איז געווען זייער וואוינונג און האָט זיי אָפּגעוואַרט.

צו די לאַחדימניקעס פון אַ געוויסער געגנט פאַרקויפט זעליק אַלערליי סחורות פון אַ גרויס הורטאָווניע באַקאַליינע געשעפט און קריגט דערפאַר אַ געוויסן פּראָצענט חוצן קליינעם געהאַלט, ער איז שטאַרק פאַרנומען, ווייל עס טרעפט נישט זעלטן אַז דער באַקאַלייניק איז פאַרטרודט מיט זיינע קונים און זעליק דאַרף צוואַרטן מיט אַ פרייליכער מינע ווי ס'וואָלט געהייסן אַז ער איז זייער צופרידן וואָס דער קרעמער לייזט געלט. איז זעליק געווינלעך צעטראָגן ווען ער שטעלט זיך אַריין צו דער וועטשערע אין שטוב אַריין. דערנאָך דאַרף ער צוגרייטן דריי צעטעלעך — איינס פאַרן באַקאַלייניק, ס'צווייטע — פאַר זיך און דאָס דריטע — פאַרן הורטאָווניק. האָט עס לאַנג נישט געדויערט, איז ער געגאַנגען פאַרפרי שלאָפן. אַמאָל אָבער איז ער פאַר חצות דערמיט נישט פאַרטיק געוואָרן. פרייטיק־צו־נאַכט נאָכן עסן האָט ער אַריינגעקוקט אין דער סדרה פון דער וואָך.

דאָס מאָל איז מען אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אויף דער הויפּטגאַס פון דער געגנט וואו מע קען זיך אָנשלאָגן אויף פריינט און באַקאַנטע. וועט עס זיך נישט איינגעבן, וועט מען מוזן פאַרקערעווען צום פאַרקל וואָס געפינט זיך ווייטער מיט עטלעכע קוואַרטאַלן. דאָרטן וועט מען געוויס אָנטרעפן באַקאַנטע און פריינט. זעליק האָט איבזינען געהאַט נישט אויסמיידן אַפּליוו ווייטע באַקאַנטע, באַקענען זיי מיט חנהן און זען אַז אַ געשפּרעך זאָל זיך פאַרקניפּן צווישן זיי. אויב ער וועט זיך אָנשלאָגן אין נאָענטע פריינט וועט ער שוין אויספּלאַנירן פאַרבייצוגיין אַן אייזקרעם געשעפט פונעם בעסערן גראַד און נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר וועט מען חשק האָבן צו פאַרזוכן אַ גוטן אייזקרעם. ער וועט אַלץ טאָן אַבי חנה זאָל זיך נישט לאַגווייליקן און במילא וועט זי זיך אַ ביסל צעשטרייען.

דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן. עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן

אַז חנה צוריקקומענדיק אין הויז אַריין האָט אויסגעזען אָפּגעפרישט און ציטנוויז האָט זיך אַ כמו־שמייכל באַוויזן אויף איר פּנים. זעליק האָט דערפון אָנגעקוואָלן, ס'וועט ווערן פון איר אַ שטיקל לייט. אירע בלייכע באַקן האָבן געקראָגן אַ ביסל קאָליר און דאָס אָפּגעצערט פּנים איז געוואָרן עטוואָס פאַרפולט ער האָט הנאה געהאַט וואָס ס'האָט זיך אים איינגעגעבן אַ קליינער טייל פונעם פּלאַן וואָס האַלט זיך אין אויסוויקלען אין שייכות צו חנהן. עס איז אין אים נאָך נישט געווען קיין זיכערקייט וואוהין עס וועט דערפירן ווייל דער פּלאַן דאַרף ערשט אויסגעאַרבעט ווערן, אָבער ווי קען מען דער־וואַרטן אַז עפּעס זאָל אַרויסקומען פון גאָרניט טאָן? האָט דער אָנהייב אַ ווערט, מעג מען האָפן אַז דער ווייטערער וועג וועט ערגעץ וואו דערפירן, און ער זעליק וועט געוויס קריגן כוח צו ווייטערע מעשים.

שבת־צו־נאַכט איז מען געזעסן ביים טיש ביי אַ גלעזל טיי און זעליק האָט געקלערט וויאַזוי אָנצוהייבן צו רעדן מיט חנהן וועגן תּכלית, האָט שרהקע ווי אַריינגעדרונגען אין זיין פאַרלעגנהייט און נישט געקווענקלט זיך — „נאָך אַזאַ פּלוצימדיקן אומגליק וואָס איז געשען אין דיין לעבן, חנה, רעדט מען געוויינלעך איבער: וויאַזוי איז עס געקומען דערצו? איך אַליין וואָלט דיך געוואָלט פרעגן — זענען גאָרניט געווען קיין סימנים אַז ער איז ניטט געווען מיט אַלעמען? מיר־נישט ־דיר־נישט שטעלט זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ. האָט ער קיין קרעכץ נישט געגעבן איידער ס'איז געשען? אין דיין פאַל אָבער דאַרף מען רעדן וועגן מאָרגן . . .

זעליקן איז געקומען אויפן געדאַנק אַז איצט איז די בעסטע געלעגנהייט אַ שמועס טאָן וועגן „דעם” און מ'טאָר עס ניט דורכלאָזן. ער האָט זיך אָנגערופן: — גראָד היינט איז מיין ווייבל אַרויף אויפן ריכטיקן וועג און מע טאָר זיך נישט פאַרקערעווען אויף אַ זייטיקער סטעזשקע... — ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ מיין: מיש זיך נישט אַריין, דורך איין וואָרט וואָס וועט זיך אַרויסכאַפּן ניט אין צייט קען דער גאַנצער פּלאַן דורכפאַלן. — „ס'איז וויכטיק, חנה, אַז זאָלסט זיין מיט עפּעס פאַרנומען. ס'גייט ניט אין פּרנסה כאָטש מ'קען עס ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, דאַרפט זיך אַריינ־נעמען אין קאָפּ אַריין אַז דאָס פאַרמאַכט געשעפט איז דיינס און מוזט זיך אויסטויגן אין דעם כּדי צו בויען פאַר זיך אַ צוקונפט . . .

אַ כמו־אויפקלערונג האָט אַ פינקל געטאָן אין חנהס אויגן און זי האָט אים געענטפערט: „איך וואָלט חשק געהאַט צו פאַרקויפן דאָס געשעפט און שטעלן זיך אַרבעטן אין אַן אָפיס וואו איך וועל זיך בעסער אויסטויגן ווי אַ קרעמערין, כ'וויס דאָך גאָרנישט וויאַזוי מע נעמט זיך דערצו...

— „אויך אין אַזאַ פאַל לוינט זיך צו עפענען די קראָם. — האָט זעליק נישט אָפּגעלאָזט. אַניט דאַרפסטו עס אָוועקגעבן בחצי חינם, אַז מען שטייט אין געשעפט און מע לייזט געלט, קריגט מען גיכער אַ קונה און אויך אַ גוטע פּרייז.

— „אימער אַ טראַכט טאָן, זעליק. — האָט חנה ווי אײַנגעשטימט מיט אים.

— „איך יאָג דיך נישט, חנה, אָבער . . . — האָט זעליק ווי זי געוואָרנט.

— „וואָס לענגער דאָס געשעפט וועט שטיין פאַרמאַכט, אַלץ שווערער וועט זיין אַרײַנצוקריגן קונים. יאָ, איך וועל דאַרפן צו זוכן אַ מענטשן וואָס איז אַ בקי אין אַזאַ געשעפט און שטייענדיק מיט אים אַ שטיקל צײַט וועסטו כאַפּן דעם סטרי צו באַגיין זיך מיט די קונים און אויך וויאַזוי צו באַשטעלן נײַע וואַרע.

חנה האָט געעפנט די קראָם און שנעל זיך אויסגעלערנט וויאַזוי צו באַגיין זיך מיט די קונים, שווער איז איר אָנגעקומען צו ספּראַווען זיך מיט די הורטאָווניקעס. זייערע מענטשן האָבן איר נאָר געוואָלט אײַנרעדן מציאות פון וועלכע זי וועט נתעשר ווערן. די ערשטע צײַט האָט זי טאַקע אײַנגעקויפט וואַרע פון וועלכער זי האָט נישט געקענט פּטור ווערן. די גרויסע געשעפטסלײַט האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט צוריקצונעמען אייניקע סחורות און אַראָפּגערעכנט פון אירע חובות. מיט די קליינע סוחרים איז זי געווען זייער פאַרזיכטיק ווייל פאַר צוגעגרייטע סחורה האָבן זי זיך געביטן מיט אַן אַנדער סחורה, געוויינלעך מיט לעגער־סחורה. האָט זי דערפאַר געקויפט ביי זיי נאָר אויסגעשריגענע וואַרע. נאָך דער אַרבעט איז חנה צוגעגאַנגען וואוהין יאַנקל פלעגט צושפּאַנען, געזאַמט זיך דאָרט אַ שטיקל צײַט, געטראָפן זיך מיט באַקאַנטע און געקראָגן נײַע. איז געוואָרן שפּעטלעך, איז זי געגאַנגען אַהיים.

עס האָט איר נישט באַנג געטאָן וואָס זי האָט נישט געזוכט קיין אַרבעט אין אַן אָפיס, וואוהין מע דאַרף קומען פּונקט אין צײַט, מע טאָר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און די אַרבעט דאַרף אַרויסקומען שנעל און גוט. אין איר געשעפט אַריין מאַכט נישט אויס אַז זי קומט שפּעטער אַ ביסל, פאַרמאַכט די קראָם פאַר דער צײַט. קיינער איז נישט קיין באַלעבאָס איבער איר.

21

איטקע און משה זענען געווען פאַרהייראַט צוויי יאָר, מאָטל האָט אָפּגעלעבט מיט זיין צווייטער פרוי קאַרגע דריי יאָר, איציק און יאָסל זענען שוין געווען אַזוי „לאַנג״ פאַרהייראַט אַז מ׳האָט אַנדערש זייער לעבן זיך נישט געקענט אויסמאָלן. — די פיר פאַרהייראַטע פּאָרלעך האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען דאָ ביי איינעם, דאָ ביי אַ צווייטן. צו זיי מעג מען אויך צורעכענען חנהן וואָס איז געבליבן אַן אלמנה נאָכן פלוצימדיקן טויט פון איר מאַן.

זי איז געווען די אָנרעגערין אין די שמועסן פון דער קליינער גרופּע, וואָס האָט געשטעלט פראַגעס מיט אַ פּשוטן פאַרלאַנג צו קריגן ענטפערס אויף זאַכן וואָס זענען איר נישט געווען באַקאַנט. דער געוויינלעכער דערקלערער און ענטפערער איז געווען משה צו וועמען חנה האָט זיך געווענדט מיט אַ פראַגע: „וויאַזוי האָט דער מענטש זיך אויסגעלערנט שרייבן?

— „ווי איך בין זיך משער, — האָט קליינמאַן פּאַמעלעך אַרויסגערעדט די ווערטער. — „האָט דער פּאָטער אויסגעמאָלט אויף זיין אופן דעם זונאונטערגאַנג און זיינע אייגענע צוריקקערנדיק זיך פונעם טייך אָדער פעלד האָבן שוין געוואוסט ווען ער וועט אַהיים קומען. טויזנטער און טויזנטער יאָרן זענען פאַריבער איידער דער מענטש האָט געקענט געבן אַ דערקלערונג אַן ענטפער דורך אַ בילד. דערפון זענען אין משך פון יאָרן אַרויסגעקומען די אַלערליי אַלף־ביתן.

— „ווי איך פאַרשטיי, — האָט איציק זיך אָנגערופן. — „האָט דער מענטש פריער זיך אויסגעלערנט רעדן, וויאַזוי האָט ער עס באַוויזן צו טאָן?

— „דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פירערס געשריי צון אַ גרופּע פוסגייער וואָס האָט געמיינט אַז מע דאַרף זיך אָפּשטעלן, גיין פאָרויס אָדער נאָר זיך אומקערן און נישט אילע געשרייען זענען געווען פון דער זעלבער באַדייטונג — האָט יאָסל אים געענטפערט.

— „פון כוואַליעדיקער לופט ווערט אַ ווינט וואָס איז אייגנטלעך לופט אין באַוועגונג, — האָט קליינמאַן מאריך געווען. — „געצאַמטע כוואַליעס לופט וועמענס מיין ס׳איז אָנגענומען ביי אַ גרופּע מענטשן אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן, זענען שוין רייד וואָס באַצייכענען זאַכן, געפילן און מיינונגען. ווינטן און רייד זענען, קוקט אויס, פון איין אָפּשטאַם...

— „ווי איך שטעל זיך פאָר. — האָט איציק געדרונגען פון משהס רייד. — „האָט די לופט אַרומגערינגלט די ערד נישט נאָר צוליבן מענטשן.

— „ביזט געקומען צום ריכטיקן אויספיר, איציק — האָט קליינמאַן באַשטעטיקט. — „לופט איז די טרייבקראַפט פון אילע באַשעפענישן, דורך

לופֿט־באַוועגונגען (ווערטער, קלאַנגען און זשומען) גיבן זיי באַפֿעלן, באַראַטן זיך, קריגן זיך און קומען צון אַן אויסגלײַך, צעשטערן דעם אַלטן געבוי און שטעלן אויף אַ נײַעם. אויך ביימער, גראָזן א.א.וו. זענען נישט קיין אויסנאַם. לופֿט איז דער באַשטאַנדטייל פֿון אַלץ און אַלעמען וואָס איז אויף דער ערד.

— „אפֿשר, משה, קענסטו מיר זאָגן — איז חנה געווען אויפֿגעלייגט פֿון די ענטפֿערס. — ווען די פֿרוי האָט אָנגעהויבן צו באַנוצן זיך מיט פֿייער אָפּצוקאָכן עפּעס.

— „פֿרעג מיך גרינגערע זאַך, — האָט משה איר געענטפֿערט. — „איך קען זיך נאָר אָנשטויסן אַז מיט אַ הונדערט טויזנט יאָר צוריק זענען די מענטשן זיך צעלאָפֿן ווען אַ דונער האָט אַ קראַך געטאָן איבער זייערע קעפּ און דאָס וועלדל וואו זיי האָבן געאַרבעט האָט זיך אָנגעצונדן. בײַ זיי איז עס געווען גאָטס שטראָף פֿאַר זייערע זינד. זענען זיי שפּעטער אַ ווײַלע צוריקגעקומען, האָבן די האָלאָוועשקעס זיך נאָך געזשאַרעט, דאָס וואַסער אין פּענדל וואָס איז געשטאַנען אויף זיי, איז געווען הייס און דאָס רויע פֿלייש וואָס איז געלעגן דערנעבן איז געווען צוגעבראָטן. דאָס הייסע וואַסער האָט זיי פֿאָליובעט און דאָס צוגעברענט פֿלייש איז געווען מלא טעם. דאָס איז געשען, לאָמיר זאָגן, מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אַזוי־אָ האָבן די מענטשן זיך צוגעוואוינט דערצו, געטראָגן ברענענדיקע שטיקער האָלץ צו זיך אין שטוב אַרײַן און צוגעגרייט אַ געקעכץ. דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן אין איין שמיי־דריי, עס האָט גענומען יאָרן און יאָרן איידער די פֿרוי האָט זיך אויסגעלערנט אָפּקאָכן אַ וועטשערע.

— „פֿייער צעשטערט דאָך, משה, — האָט מאָטל זיך קעגנגעשטעלט. — „אַז ס׳צינד זיך אָן אַ הויז ווערט עס פֿאַרברענט אויב מע לעשט נישט באַלד אָפּ.

— „פֿייער צעשטערט טאַקע, מאָטל. דער מענטש אָבער איז ביסלעכווײַז געוואויר געוואָרן אַז ווען מען באַנוצט זיך דערמיט ווי עס באַדאַרף צו זײַן, קריגט מען אַרויס דערפֿון אַ סך נוצן. — האָט משה ווי באַרואיקט מאָטלען. — „אַ סימן האָסטו, פֿונעם פֿייער איז געוואָרן וואַרעם אין שטוב און אויך ליכטיק אין די פֿינצטערע נעכט. אַמאָל איז איין מענטש געגאַנגען בײַנאַכט צון אַ צווייטן מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט. הײַנט איז דאָס בײַנאַכטיקע לעבן אין די גרויסע שטעט באַלויכטענע מיט עלעקטרישע פּונקט אַזוי רעשיק ווי בײַטאָג.

— „ס׳איז טשיקאַווע צו הערן, משה, — האָט יאָסל מיט אַ האַלב מויל זיך געווענדט צו אים. — „וואָס דו האָסט אונז צו זאָגן וועגן די שטערן.

— „די שטערן, יאָסל, זענען גרעסערע און קלענערע זונען אַרום וועלכע עס דרייען זיך פּלאַנעטן וואָס זענען מסתמא באַוואוינט פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן און פֿילע פֿון...

— „דו מיינסט מיר צו זאָגן — איז יאָסל אים אַריינגעפאַלן אין די רייד, — „אַז די שטערן וואָס באַלייכטן אונזערע נעכט האָבן גאָר אַן אַנדער ציל?
— „אין לבנה, יאָסל, באַלייכט בעסער אונזער ערד ווי טויזנט שטערן. — איז משה געווען גענוואָרנט מיט ווערטער. — די נאַטור וועט זיך נישט צע־וואָרפן מיט טויזנטער שטערן ווען דאָס אייגענע קען געטאָן ווערן פון איינער אָדער צוויי לבנות.
— „לאָמיר זשע טאַקע הערן צוליב וואָס זענען דאָ די שטערן אויפן הימל — איז יאָסל געוואָרן אומגעדולדיק.
— „די אומצאָליקע שטערן, יאָסל, זענען ווי אונזער זון. — האָט קליינ־מאַן געצייילט די ווערטער. — אַרום זיי דרייען זיך מסתמא אויך פּלאַנעטן אויף וועלכע עס זענען דאָ גראָזן און ביימער, בערג און טאָלן, טייכן און אָקעאַנען, אַלערליי חיות און מענטשן, און עס בליען דאָרט ציוויליזאַציעס און קולטורן, קלענערע און גרעסערע, ווי אויף אונזער ערד. די באַשעפענישן און מענטשן זענען דאָרט אפשר אַנדערע ווי אויף דער ערד...
— „פאַרוואָס נישט די אייגענע וואָס דאָ? — האָט יאָסל זיך גע־וואונדערט.
— „איך האָב אויך אַזוי געמיינט, יאָסל, — האָט משה אַ קוק געטאָן אין זיין זייט. — „ווען כ׳האָב זיך אָבער דערמאָנט אַז אויף אונזער וועלטל לעבן אַ פּאָר ביליאָן מענטשן און אונטערשיידן זיך איינע פון די אַנדערע, און דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן וועגן די אַנדערע באַשעפענישן, ביימער און גראָזן א.א.וו. — האָט פון משהן אַרויסגערעדט די התלהבות. — איז עס נאָר מעגליך ווען צו דער דערפינדערישקייט פון דער נאַטור איז נישטאָ קיין גרעניץ...
— „ווי איך זע, משה — איז יאָסלס בליק געווען געווענדט ערגעץ ווייט.
— ביזטו אויף דיין אופן נאָך מער גלויביקער פון מיר.
— „איך גלויב טאַקע, יאָסל. — איז קליינמאַנס פנים געוואָרן ערנסט. — אַז אויף די וויטסטע פּלאַנעטן חקירהן די דאָרטיקע מענטשן ווי מיר דאָ און מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער וועט געלינגען צונויפרעדן זיך מיט זיי. ווי אַזוי? ווער קען עס טרעפן וואָסערע פאָרטלען דער מענטש פון דער ווייטער צו־קונפט וועט קענען צוטראַכטן, ווער קען עס וויסן?
— „אויף וואָס בויעסטו דיין השערה? — איז איציק געווען זיכער אַז קליינמאַן רעדט נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין, זאָל ער זשע עפּעס זאָגן.
— „איך האָב אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן דעם, — האָט משה גערעדט זייער מיושבדיק — „דאָך איז מיין השערה נישט קיין גלאַטינקע, מחמת אין דער נאַטור גייט נישט צו אַלץ לויט אַן אויסגעווירעטער ליניע. אין פאַמיליע־לעבן איז דער מענטש אַ נאָכפאָלגער פון לייב און טיגער, האָט אין דער זעלבער צייט אַ שפּרונג געטאָן אויף צוריק, צו די אינסעקטן. ער האָט נישט נאָר געלעבט אין גרויסע סטאַדעס ווי די מערעשקעס, איז אויך אָנגעגאַנגען

מיט דער זעלבער פּאַרטיילונג פון אַרבעט — דאָס דאַרף געטאָן ווערן פון דער גרופּע, דאָס אַנדערע — פון אַ צווייטער, אַלץ דאַרף דורכגעפירט ווערן מיט אַ פּלאַן און קיינער טאָר זיך נישט אַריינמישן אינעם אַנדערנס אויפ־גאַבע. עס האָט זיך געקענט דאַכטן אַז די נאַטור האָט חרטה געקראָגן אויפן גאַנג פאָרויס און אַוועקגעשפּאַנט אויף צוריק, האָט אָבער דער מענטש פאַרבונדן דאָס יחידישע מיטן סטאַדישן און ס׳איז אים דורכדעם געלונגען צו שאַפן אַ געזעלשאַפט וואָס פּאַרמאָגט דעם דראַנג צו שטייגן הויך און העכער, — האָט געבויט שטעטלעך, שטעט און גאָר גרויסע שטעט, האָט געמאַכט אַזוינע עראָפּלאַנען אויף וועלכע ער איז בכוח אין אַ פּאָר טעג אַריבערפליען פון איין עק ערד ביזן אַנדערן...

— „ווי עס ווייזט אויס שטעלט זיך די נאַטור נישט אָפּ פון גיין אויף צוריק אָבי צו דערגרייכן איר ציל. דער מענטש האָט דורכגעפירט די אַרבעט פון די מערעשקעס מיט אַ געוואַלדיקן פּאַרנעם, האָט אויך געצוואונגען אַלע אַנדערע באַשעפענישן צו פאָלגן זיין ווילן, מיט גוטן און מיט שלעכטן, איז געוואָרן דער האַר איבער דער ערד און געוואָגט צו בייטן איר אויפזען.

— „גיט נאָר אַ טראַכט — די ערד מיט אַלע אירע קליינע, גרויסע און גאָר־גרויסע בנינים, מיט אַ פּאָר ביליאָנען מענטשן און ביליאָנען אַלערליי אַנדערע באַשעפענישן, מיט די אַלע קליינע און גרויסע וועלדער, — די ערד דרייט זיך מיט דעם אַלעמען און לויפט פאָרויס אָן אַן אָפּשטעל אויף איר אַנגעמערקטן וועג. און מיר, די באַוואוינער פון דער ערד, גייען זיך שפּאַצירן אָדער זיצן אין שטוב און זופּן הייסע טיי גלייך ווי גאָרנישט קומט פאָר אַרום אונז און מיט אונז...״

— „וויאַזוי זשע דערקלערט זיך עס? — האָט מאָטל אויסגעצויגן די האַנט.

— „מיר דאַכט זיך, מאָטל, אַז די רעטעניש געהערט צום סכום נישט־וויסן וועגן קאָסמאָס. — האָט משה אויפגעהויבן די אויגן. — „דערפאַר טאַקע באַפאַלט מיך אַמאָל אַ שטאַרקער חשק צו שטיין פון דערווייטנס און צוקוקן זיך וויאַזוי די זיך־דרייענדיקע ערד זעט אויס מיט אילע אירע דוממים און לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס האָבן גאָר נישט קיין אַנונג אַז זיי האַלטן זיך אין איין דרייען...

— „אַז דו וועסט האַלטן דערביי. — האָט חנה זיך געווענדט צו קליינ־מאַנען. — „נעם מיך אויך מיט אַהין.

— „ביי דיר, יאָסל, זיצט גאָט אויפן כסא הכבוד און רעגירט מיט דער וועלט. — האָט קליינמאַן איינמאָל אין אַ היציקן איבערריידן זיך געזאָגט אים. — „ער האָט זי באַשאַפן און פירט מיט איר אָן. וואָלט מען דאָך געקענט פרעגן — וואו געפינט ער זיך און פון וואַנעט האָט ער זיך גענומען?

— „אַזעלכע זאַכן, משה, קענען מיר ניט געוואוירע ווערן. — האָט יאָסל

אים ווי געוואָרנט נישט צו שטעלן אַזעלכע פראַגעס אויף וועלכע ס׳איז אוממעגלעך צו קריגן אַן ענטפער.

— „איז נישט גלייכער אויסצומאָלן זיך גאָט אַז ער זאָל אונז ווערן פאַרשטענדלעך? — האָט משה דורכדרינגנדיק געקוקט אויף יאָסלען.

— „וויאַזוי אַ שטייגער? — האָט יאָסל אַנגעשטעלט אויף משהן אַ פּאָר באַדויערנדיקע אויגן.

— „אין אַ ליידיקייט איז גאָר נישטאָ, גאָט אויך נישט. נאָר אין אַ וועלט איז מעגלעך גאָט. ריכטיק, יאָסל?

— „אימער זאָגן אַז יאָ. — האָט יאָסל געוואָלט הערן וואָס משה וועט דערפון אויסברייטן.

— „אַלע שטערן מיט זייערע פּלאַנעטן, מיט אַלע דוממים און באַשעפעניש, מיט אַלץ און אַלעמען וואָס איז פאַראַן דאָרט, — דאָס איז גאָט. — האָט משה זיך אָפּגעשטעלט.

— „וויאַזוי זשע קען פאַרקומען די באַשאַפונג? — האָט יאָסל אויסגעגלאָצט אויף משהן די אויגן.

— „גאַנץ פּשוט, — האָט משה אים שטיל געלאָזט וויסן. — „עס ווערט אַכטונג געגעבן אויפן באַשאַפענעם און די שאַפונגען גייען ווייטער אָן.

— ״וויאַזוי איז דאָס מעגלעך? — האָט יאָסל געשטוינט.

— „אַ חיה גיט אַכטונג אויף אירע קינדער און ברענגט דאָך נייע באַשעפענישן אויף גאָטס וועלט. דאָס איז אויך גילטיק אויף אַלץ און אַלעמען אין וועלט־אַל. איך מיין אויף זאַכן און באַשעפענישן פון אילע פּלאַנעטן וואָס דרייען זיך אַרום די אומצאָליקע שטערן. — האָט משה פאַרגעזעצט נאָר אַ קליינער הפסקה. — „און צו קיין שום באַשעפענישן פונעם קאָסמאָס טאָר מען נישט אָנווענדן דעם באַגריף פון גוטס און שלעכטס. די פאַרצוקונג פון דער קאַטשקע איז טאַקע שלעכט פאַר דער קאַטשקע, אָבער גוט פאַרן וואָלף — דאָס איז זיין מיטל וויאַזוי צו קריגן נאַרונג. און מיר, די ציוויליזירטע מענטשן מיט דער הויכער מאָראַל, פאַרצוקן דען נישט אַלערליי לעבעדיקע באַשעפענישן צוליב אונזער שפּייז? צווישן זיך האָבן מיר איינגעפירט אַן עטיק און אַ מאָראַל ווייל אָן דעם וואָלטן מיר נישט געקענט לעבן אין קהילות. און אויב אַ גרויסער שבט שטייט אונז אין וועג, דערקלערן מיר אים אַ מלחמה אין נאָמען פון הייליקן פאָטערלאַנד און ראָטן אים אויס אָדער לאָזן אים לעבן אין קנעכטשאַפט. מסתמא איז אַ סטאַדע שאָף אויך אַזוי ברוטאַל צון אַ שכנותדיקער סטאַדע וואָס איז אַ קאָנקורענט צון איר פּאַשע.

— „וויאַזוי זשע, משה, דערקלערסטו דאָס רעליגיעזע לעבן פונעם מענטשן, דאָס גלויבן אין גאָט? — איז יאָסל נייגעריק געווען צו וויסן.

— „זעסטו, יאָסל — האָט קליינמאַן געערן געשטילט זיין נייגעריקייט. — אויף דעם געביט האָט דער מענטש אָוועקגעשפּאַנט אַ סך ווייטער פון דער חיה. דער לייב און בער באַנעמען גאָטס וועלט ווען זיי זענען זאַט, האָבן

הנאה פֿונעם זונאונטערגאַנג, באַטראַכטן די שטערן און די לבנה, טײלן זיך אײנע מיט די אַנדערע מיט זײערע געפֿילן, אָבער מיר פֿאַרשטײען נישט זײער שפּראַך װי זײ פֿאַרשטײען נישט אונזערע. נישט נאָר דער לײב און בער, נאָר אילע לעבעדיקע באַשעפֿענישן קלערן זיך אַרײַן אויף זײער אופֿן אין גאָטס װעלט, האָבן פֿונדעסטװעגן נישט געשאַפֿן קײן פֿאַרשײדענע גלויבנס און נישט פֿאַרשריבן זײערע תּפֿילות װאָס זײ האָבן געװיס געהאַט. דער הײנטיקער מענטש איז טאַקע נישט אַזױ פֿרום װי אַמאָל, אָבער אײניקע גײסטיקע פֿירער פֿאַרטיפֿן זיך אין מהות פֿון װעלט און גאָט. עס װערט װינציקער אַכט געלײגט אויפֿן רעליגיעזן ריטואַל, די פֿאַרשטעלונג פֿון דעם קאָסמאָס איז גראָד פֿון אַ ברײטן פֿאַרנעם — אומצאָליקע פּלאַנעטן מיט לעבעדיקע באַשעפֿענישן און זײערע קולטורן און ציװיליזאַציעס, מיט בערג און אָקעאַנען דרײען זיך אַרום זײערע שטערן. קײנער פֿון די דאָרטיקע לעבעדיקע באַשעפֿענישן האָט נישט קײן אַנונג װאָס ס׳קומט פֿאָר אַרום אים װי מיר דאָ פֿירן אונזער טאָג־טעגלעך לעבן און פֿילן גאַרנישט דעם לויף פֿון דער ערד אויף איר אָנגעצײכנטן װעג און אויך נישט דאָס דרײען זיך אַרום איר אַקס. איז עס נישט קײן װאונדערלעכע דערשײַנונג?

— „װיאַזױ זשע, משה, שטעלסטו זיך פֿאָר גאָט? — איז יאָסלען געװוען טשיקאַװע צו דערגײן.

— „װאָס קען זײַן מעכטיקער פֿון דעם בילד װאָס אַלע שטערן פֿון הימל, נישט אױסשליסנדיק דעם געדיכטן מילכװעג, זענען טײלן פֿון זײַן געװאַלדיקער גרײס און זענען גרײט צו באַװעגן זיך און מערן אָן שום קװענקלענישן װײל דאָס איז זײַן װילן. פֿאַרלירט אַ שטערן דעם דראַנג נאָך צעשפּרײטונג, װערט שװאַכער בײַ אַ פּאָלק די שטרעבונג צו װערן גרעסער און שטאַרקער, װערט געמינערט בײַ אַ פּלאַנעט דאָס דרײען זיך אַרום שטערן, װערט שװאַכער בײַ אַ לעבעדיק באַשאַפֿעניש די גלוסטונג נאָך פֿאַרמערונג און עס שטאַרקט זיך די באַדערפֿעניש פֿון רו, יאָװעט זיך בײַם קלענסטן גליד פֿונעם אוניװערס דער פּעריאָד פֿון אָנגעזעטיקײט, אין די אַלע פֿאַלן הײבט זיך אָן די שטאַפּלדיקע װיאַנונג, דערנאָך קומט דער אומפֿאַרמײדלעכער אונטערגאַנג — און די באַװעגונג פֿון די איבערגעבליבענע קערפֿערשאַפֿטן צוזאַמען מיט די צוגעקומענע גײט אָן נישט געשטערט פֿון קײנעם. דאָס אַלץ איז קאָסמאָס — גאָט. דער באַשאַפֿער און די שאַפֿונגען.

— „װיאַזױ איז עס אײַנגעשטעלט געװאָרן, — האָט איציק געװאָלט װיסן, — װאָס די זון גײט אויף און פֿאַרגײט אין אַ באַשטימטער צײַט?

— „אַלע באַװעגונגען אין קאָסמאָס קומען פֿאָר אין אַ קרײַז. — האָט קלײנמאַן זיך געחידושט װאָס ס׳איז איציקן נישט באַקאַנט. — „דער גאַנצער קאָסמאָס איז אַ געװאַלדאָװנע גרױסער באַל און די שטערן זענען װי אָנגעצײכנטע פּינטעלעך אויף אים, און אין אַ קרײַז גײט אַלץ אויף און פֿאַרגײט. מיר, די מיטפֿאָרער, אויף די פּלאַנעטן, טײלן דעם זעלבן גורל, גײען אויף און פֿאַרגײען, אַ ביסעלע שנעלער פֿאַרשטײט זיך.

22

חנהס לעבן איז געגאַנגען אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג, איין טאָג האָט זיך נישט אונטערשיידט פונעם צווייטן, איז וואָס זשע פּאַראַן צו ענדערן? וויל מען אָבער אַז נאָר איין קליינטשיק שרייפּעלע פון אַ זייגער זאָל פאַרשנעלערן זיין גאַנג, ווערט דער זייגער סוף־כל־סוף אינגאַנצן קאַליע.

דאָס קליינטשיק שרייפּעלע איז געווען דער עלטערער ייד בערגמאַן וואָס פלעגט יעדן טאָג אַריינשטעלן זיך אין דער קאַפּעטעריע וואוהין חנה איז אַריינגעקומען. זיצנדיק ביי איין טיש כאַפּט מען אַ שמועס און אַז עס חזרט זיך איבער וואָכן און חדשים דורכאַנאַנד ווערט מען צוביסלעכוויז היימיש. דאָס איז אייגנטלעך געשען צווישן חנהן און בערגמאַנען. עס איז געווען באַקאַנט אַז בערגמאַן צעטראָגט יעדן אינדערפרי געוויסע שטוב־פּראָדוקטן צו אַ צאָל באַלעבאָסטעס און פאַר איין מענטשן (ער איז געווען אַן אלמן) קלעקט עס אויף חיונה.

זעענדיק אים איינמאָל אַריינקומען אין דער קאַפּעטעריע איז חנהן דורכגעלאָפן אין מוח — די עלטער האָט זיך נאָך נישט צעשפּרייט איבער זיין פּנים און דער גאַנג זיינער איז פון אַ מיטליעריקן יידן, וואָלט אפשר נישט געשאַט אומצוקוקן זיך אויף אים און מען וועט זען וויאַזוי ער וועט עס אויפנעמען. אויב עס וועט גיין אויף אַ לאד וואָלט נישט געווען קיין שלעכטער פּלאַן צו פאַרבינדן זיך מיט אים אויף די אלמנהשע יאָרן. צו עלטערן זיך איז פיל בעסער אין צווייען, בפרט נאָך ווען פּרנסה וועט פון איר קלייטל סטייען פאַר ביידע און נאָך מיט אַ סמיטשיק. מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט אַז אַפילו אין די פריע מיטעלע יאָרן יאָגט אָן אַמאָל אַ קראַנקייט און מע מוז ליגן צו בעט אַ וואָך־צוויי, איז ווער זשע וועט עפענען דאָס קלייטל?

מער נישט, מע טאָר עס נישט מאַכן כאַפּ־לאַפּ, ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט וועט זי אויף אַן איידעלן אופן אַ טאַפּ טאָן דעם דופק ביי אים, ער וועט זיכער נישט פילן זיך געטראָפן און אַוודאי זיך נישט אָפּשאָקלען פון איר. עס וועט שוין אַזוי אויסגעמאַרקירט ווערן אַז ס׳זאָל נישט הייסן אַז זי האָט זיך אָנגעוואָרפן אויף אים. וויאַזוי עס דורכפירן וועט זי דאַרפן אַ טראַכט טאָן נישט איינמאָל און נישט צוויי מאָל... עס איז איר אפילו נישט געקומען אויפן געדאַנק אַז זי קען זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט אין וועלכן עס זאָל שטעקן די קלענסטע אָנדייטונג, באַזונדערס ווען מענטשן, אַפילו גאָר פרעמדע, וועלן זיין דערביי. מער קיין צרות וואָלט איר נישט געפעלט. מע וואָלט זי באַרעדט אויף וואָס די וועלט שטייט. דערצו וועט עס נישט קומען.

חנה האָט זיך אָנגעטאָן אַ ביסל שענער ווי געוויינלעך, נאָר אויף אַזאַ אופן, עס זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן, טאָמער וועט זי איבערכאַפּן די מאָס, וועט מען טרייבן וועגן דעם אַזויפיל רכילותן אַז זי וועט זיי מיט די הענט אָנטאַפּן. צוריק גערעדט, מאַכט זי צופיל אַ וועזן דערפון. וואָס זשע, זי ווייסט נישט ווי צו זיין פאָרזיכטיק אין דעליקאַטע ענינים? ערשטנס, טאָר מען מיט אַ וואָרט זיך ניש אַרויסכאַפּן אַז מע זאָל זיך קענען אָנשטויסן וואוהין זי צילט. צווייטנס, טאָר קיינער נישט זיין דערביי, איז ווי דער געשפּרעך זאָל נישט אָנגיין צווישן זיי, וועט ער בלייבן צווישן ביידע און קיינער וועט נישט וויסן וועגן דעם. וויאַזוי צו רעדן צו אים? ביי אַ געלעגנהייט וועלן שוין קומען די פּאַסיקע ווערטער. איבעריגנס מעג זי רעדן צו אים גילדענע רייד, וועט ער נישט געבן קיין געהעריקן ענטפער, ווערט פונעם גאַנצן בנין אַ שטיקל פּאָוועטינע. איז דערימעך גלייכער וואָס ווינציקער צו טראַכטן וועגן דעם. מער נישט, בשעת מעשה איז נויטיק צו זיין אין אַ גוטן געמיט.

די געלעגנהייט איז געקומען ווען בערגמאַן און חנה זענען געזעסן איינע אַליין ביי אַ טישל אין דער קאַפּעטעריע און ער האָט גערעדט צו איר אַזוי האַרציק אַז זי האָט זיך נישט געקווענקלט און זיך אָנגערופן: „איך בין איצט זייער פאַרנומען, מר. בערגמאַן, און דאַרף באַלד אַוועקגיין. אייער געשפּרעך איז מיר זייער צום האַרצן. ביי אַ געלעגנהייט כאַפּט זיך אַריין צו מיר אין קלייט אַריין און מירן פאָרזעצן דעם זעלבן געשפּרעך. דערביי האָט חנה געקוקט אויף אים מיט שמייכלנדיקע אויגן.

חנה איז געווען זיכער אַז ער וועט נישט פאַרפעלן אַריינצושטעלן זיך אין איר קלייט, אויב נישט באַלד, איז שפּעטער מיט אַ דריי־פיר טעג. עס זענען פאַרגאַנגען אַ צוויי וואָכן און בערגמאַן האָט זיך נישט אַריינגעיאַוועט צון איר אין קלייט אַריין און אויך נישט אַריינגעשטעלט זיין פוס אין קאַפּעטעריע וואוהין ער פלעגט אַריינקומען יעדן טאָג, — האָט עס חנהן שטאַרק געערגערט. וואָס האָט זי אַזוינס געטאָן וואָס ער איז זיך באַגאַנגען מיט איר אַזוי גראָב? וואָס זשע, מע טאָר שוין נישט בעטן אַ באַקאַנטן ער זאָל ביי אַ געלעגנהייט אַריינקומען צו איר אין קלייט אַריין? וואָס פאַר אַ חטא איז זי באַגאַנגען קעגן אים? וואָלט זי אים פאַרבעטן צו זיך אין הויז אַריין וואָלט ער געמעגט קוקן קרום אויף דעם. עס קומט אויס, האָט זיך איר קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אַז זי איז שוין אויסגעשפּילט און דאַרף זיך היטן נישט אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט, אַפילו ווען זי האָט גאָרנישט געמיינט, אַניט וועט פאַלן אויף איר אַ חשד אַז זי האָט אין זינען צו פאַרטשעפּען אַ מאַן. דאָס איז עס, זי איז שוין ווי אַן אַלט צעפליקט מלבוש וואָס קיינער וויל נישט נעמען אין די הענט אַריין.

זי האָט די ווערט דעם שטעקן. חנה האָט עס אַנומעלטן דערפילט בעת איר אַמאָליקער געליבטער, בערל, האָט זיך אָנגעשלאָגן אין איר אין אַ גרויסן

זאַל, שפּאַנענדיק צו דער בינע. ער האָט איר געזאָגט: העלאָ, און נישט מער קיין וואָרט. אַ קלײנער שמייכל האָט זיך אַפּילו נישט באַוויזן אויף זיין פּנים. כאָטש שפּעטער אַ ווײלע האָט חנה אײנגעזען אַז בערל האָט זיך געאײלט צו דער בינע ווײל האָט באַדאַרט עפּענען די פֿאַרזאַמלונג, דאָך האָט איר געאַרט וואָס ער האָט זי נישט געפֿרעגט וואָס זי טוט.

חנה איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס, האָט זיך געהאַלטן אין איין רוקן פֿון איין זייט בענקל צום אַנדערן ווי עס וואָלט באַשטאַנען פֿון עטלעכע פּלעצער און אַלץ געקלערט וויאַזוי אַרויסצוכאַפּן זיך פֿון זאַל און ער זאָל עס נישט באַמערקן. מיט אַלע אירע אבֿרים האָט זי געוואוסט אַז דאָס איז אוממעגלעך, דער אַרויסגאַנג איז געווען פּונקט קעגן דער בינע וואו „ער" איז געזעסן.

ווען חנה האָט נישט געקענט בײקומען דעם אויסלײג פֿון זאַל און בײטן איר אָרט אַז „ער" זאָל עס נישט דערזען וויאַזוי זי האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון זאַל האָט אַ קלאָרעניש געטומען אויפֿקומען אין איר — אפֿשר זענען פֿאַראַן אַנדערע מיטלען וויאַזוי צו ראַטעווען זיך פֿון דער פּאַסטקע? איז איר געקומען אין קאָפּ אַרײַן אַז ס'וועט זיין אַ קלײנע הפסקה און אײניקע מענטשן וועלן געוויס אַרויסגײן אין וואָרטזאַל, וועט זי אויך זיין צווישן די „אײניקע" און פֿון דאָרטן וועט זי אַנטלויפֿן אַהיים.

ווען אַ רעדנער האָט געהאַלטן אין ענדיקן זײן רעדע האָט חנה געקוקט אויף דעם פֿאָרזיצער (אויף בערלען) און ווי געבעטן זיך בײ אים ער זאָל מאַכן אַ הפסקה אויף צוויי מינוט נאָר, אַבי זי זאָל קענען אַרויסגײן פֿון זאַל. האָט דער פֿאָרזיצער זיך גאָר אויפֿגעשטעלט און אויפֿגערופֿן אַ צווייטן רעדנער, — איז זי געוואָרן זייער אויפֿגערעגט, ער טוט עס ווי אומיסטן און איז אַ שלעכטער, ווייל איר נאָר ווײ טאָן. עס האָט נישט גענומען לאַנג און זי האָט פֿאַרשטאַנען אַז דער פֿאָרזיצער (בערל) פֿירט די פֿאַרזאַמלונג לויט אַ געוויסן פּלאַן און רופֿט אויף די רעדנער לויט אַן אָפּמאַך מיט דער עקזעקוטיווע, מאַכט נישט קיין הפסקות מחמת דוחק אין צייט, — דאָס אַלץ איז פֿון איר נישט געווען פֿאַרהוילן. דאָך האָט זי געקוקט אויפֿן פֿאָרזיצער מיט בעטנדיקע אויגן — מאַך אַ קלײנע הפסקה אָדער ענדיק די פֿאַרזאַמלונג, אַבי איך זאָל זיך אַרויסראַטעווען פֿון דאַנען. בערל אַליין איז שוין ווי אָפּגעשטופּט געווען אין אַ זייט, דער ווילן אַרויסצוגײן פֿון זאַל האָט געקראָגן די איבערהאַנט און פֿאַרשאָטנט בערלען. האָט חנה דערהערט אַז די פֿאַרזאַמלונג איז געענדיקט, האָט זי זיך ראַפּטאָם אויפֿגעהויבן און געשטופּט זיך פֿאָרויס צום אַרויסגאַנג. עס האָט ווינציק געדויערט און זי איז געווען אינדרויסן. חנה האָט אָפּגעאָטעמט, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און דערפֿילט זיך פֿריי פֿון אַן עול וואָס איז אַרויפֿגעלײגט געווען אויף איר אין גרויסן זאַל. מיטן ווײטערדיקן גאַנג איז אויך די באַגעגעניש מיטן בערלען, דער אָנהייב פֿון דער לאַבירינטישער פֿאַרדרייעניש, צערונען געוואָרן, און

טענות צו זיך אַליין זענען אַרויפגעשוואומען. זי האָט איבערגעלעבט קאַלטס און וואַרמס אין משך פון די לעצטע יאָרן און בעת אַ נייע צרה האָט זיך אָנגערוקט איז ווי געקומען אַ שטאַפּעט און איר געלאָזט וויסן, אַז דאָס נעמט זיך אַלץ פונעם טעות וואָס זי איז „דעמאָלט" באַגאַנגען. די ערשטע צייט האָט זי אויף דער דערמאָנונג נישט געלייגט קיין שום אַכט — מאַלע וואָס דער זיכרון ברענגט צוריק זאַכן וואָס זענען געשען מיט יאָרן צוריק און האָבן פאַרלוירן זייער באַדייטונג האָט דאָס אָבער זיך איבערגע׳חזרט עטלעכע מאָל איז שוין געקומען די שווערע קשיה — איז מעגלעך אַז איין באַגאַנגענער פעלער זאָל באַווירקן דאָס גאַנצע לעבן? מענטשן מאַכן דאָך אַ סך טעותים איז וויאַזוי זשע קען מען דערגיין פון וועלכן טעות זייער לעבן איז באַווירקט געוואָרן? איבער איר פנים האָט זיך אָבער באַלד צעלייגט אַ שמייכל וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון איר אייגענער פראַגע. דער ענטפער האָט לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן — אַ טעות צו אַ טעות איז נישט גלייך, פאַרגעסט מען וואו מע האָט אַנידערגעלייגט דאָס שטיקל ברויט דאַרף מען נישט פאַרלירן קיין צייט צו זוכן עס, נאָר מע שניידט זיך אָפּ אַן אַנדער שטיקל ברויט, נישט יעדע זאַך קען מען פאַרגלייכן מיט אַ שטיקל ברויט וואָס איז פון זעלבן טעם און תוך ווי אַן אַנדער שטיקל ברויט. זוכן און צוקלייבן זיך אַ באַשערטן איז גאָר עפּעס אַנדערש. אויב דעם וועג פון זוכעניש און גריבלעניש קען מען צעציען אויף אַ סך וועגן, קען מען דאָס נישט אָנווענדן צום צוקלייבן זיך אַ באַשערטן, דעמאָלט האָט איין שריט, אַ פּאָזי־טיוועך אָדער נעגאַטיווער, אַ גוואַלדיקע באַדייטונג. ווער ווייסט נישט איינזען, איז חנה געווען זיכער, אַז זי האָט איבערגעצויגן דאָס שטריקל אין איר אָפּלייגן פון טאָג אויף טאָג די טרעפעניש מיט בערלען? וואָלט זי עס ניט געווען געטאָן וואָלט זי חתונה געהאַט מיט אים און געלעבט אין עושר און אין כבוד. וואָלט זי אַליין נישט דורכגעלעבט דעם פאַל מיט בערלען וואָלט זי בשום אופן נישט געגלויבט זיך אַז איין נישט־געהעריקער שריט קען פאַרקערעווען דאָס לעבן פון אַ מענטשן אויף גאָר אַנדערע וועגן. וואָלטן מען איר, חנהן, געזאָגט אין די יונגע יאָרן אַז אַזוינס קען פאָרקומען, אַז אַזאַ שלומיאל ווי בערגמאַן וועט אויסמיידן צו טרעפן זיך מיט איר ,וואָלט זי געווען געלאַכט אין די הויפנס און דערביי געקלערט אַז דער יעניקער וועמען עס קומען אין קאָפּ אַריין אַזעלכע אומגלויבלעכקייטן איז געוויס אַ וואַריאַט, ווי עס קוקט אויס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן וויאַזוי עס וועט אויסזען דאָס לעבן פון אַ מענטשן, שפּעטער מיט צוואַנציק יאָר, אין וואָסערע תנאים ער זאָל זיך נישט געפינען אין איצטיקן מאָמענט. במילא איז איר געקומען אויפן געדאַנק דאָס אייביק־שטוינענדיקע אינעם יחיד — איז טאַקע דאָס לעבן אַזוי גרויזאַם צום מענטשן? וועט זי, חנה, באַגראָבן זיך אין אַ לאָך און נישט זען די צורה פון אַ פריינד? אויב אַזוי, טויג עס נישט. עס טויג טאַקע נישט, האָט אַן אינעווייניק שטיל קול איר פּאָטאַקעוועט

און זי האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שלאַבעריקע טריט געשלעפּט זיך אַהיים ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה — צון איר נאָרע...

חנה איז אָפּגעשלאָפן אַ צען־צוועלף שעה, האָט זיך אַרומגעוואַשן, אָפּגעגעסן און געגרייט זיך צו צופאָרן אין קלייט אַריין. זי האָט וועגן גאָרניט נישט געטראַכט, אָבער דער פאַרדרוס הלמאי בערגמאַן האָט זיין פוס נישט אַריינגעשטעלט אין דער קאַפּעטעריע איז געווען פאַרטאַיעט און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו לאָזן הערן פון זיך. זי איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן און פון זיך אַליין האָבן אירע טריט געשפּאַנט אין דער ריכטונג פון איר קלייט ווי זי וואָלט געוואַרט פון פריער צוגיין אַהינצו. אינעם שנעלן גאַנג האָט זיך ווי געעפנט אַ טירעלע און דער פאַרדרוס אויף בערגמאַנען איז בּיסלעכווייז אויסגערונען און אויף זיין אָרט איז אויסגעוואַקסן אַ טענה צו זיך אַליין — האָט זי נישט געהאַט קיין גוט לעבן ביי יאַנקלען? ער האָט זי דאָך ווי אויף די הענט געטראָגן און איז געווען גרייט אַלץ צו טאָן פון אירעט וועגן. אַי, ער איז אויסגעכאַפּט געוואָרן אַזוי פּלוצים, קעגן דעם קען מען זיך נישט ווערן. און ווען ער ווערט קראַנק און גייט פאַמעליכל אויס ווי אַ צאַנקענדיק ליכט, וואָלט געווען בעסער? זיכער וואָלט געווען גלייכער ווען די עלטער קומט נישט אָן מיט קיין רעש, מען גיט אַכטונג איינער אויפן אַנדערן און יעדער טאָג איז ליב און טייער ווי אַ געפונענער אוצר, דאָס אָבער קען מען נישט מאַכן אויף אַ באַשטעלונג. מער נישט, די איינזאַמקייט פאַלט שווער אויף איר און וועט מיט דער צייט ווערן שווערער ווייל זי איז נישט געוואוינט צו זיין אַליין. עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז ס'זאָל זיך נישט אונטערדרוקן אַ מיטליעריקער מאַן וואָס קען אויך נישט פאַרטראָגן זיין איינזאַמקייט, וועלן זיי ביידע צוזאַמען פאַרטרייבן די כמאַרעס פון אַליינקייט. אַזאַ זאַך קען טרעפן . . .

23

האָט געטראָפן אַז קליינמאַן איז אַהיימגעקומען שפּעט אויפדערנאַכט נאָכן פאַרענדיקן דעם חודשלעכן באַלאַנס אין אַ גרויס געשעפט, האָט זיך אים צייטנוויליז אויסגעדאַכט אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות אין לעצטן סך־הכל. געווינלעך האָט זיך אים דערמאָנט די לעצטע סומע וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין זיכרון.

איז דער לעצטער סכום נישט געווען קיין ריכטיקער, זענען די איינ־נעמעס און הוצאות נישט קיין קאָרעקטע, איז דער איינציקער אויסוועג צו פאַרגלייכן זיי מיט די פאַרגאַנגענע טאָג־טעגלעכע פאַרצייכענונגען פון די הוצאות און איינּנאַמעס. קליינמאַן האָט דערימעך גענוצט אַ בלייפעדער מיט אַ מעקער, האָט אַריינגעשטעלט אַן איינּנאַמע, אַן אויסגאַבע, אָדער אויסגעמעקט.

דאָס מאָנאָטאָניקייט פון זיין באַשעפטיקונג איז ביסלעכוויז ביי משהן אַריבערגעגאַנגען אין אַ לאַנגווייליקייט פון וועלכן ער האָט זיך עטוואָס באַפרייט דורך פאַרפלעכטן די הענט הינטערן קאָפּ און אָנשפּאַרן זיך אויפן וועגטל פון שטול.

די מענטשלעכע טבע איז צו זוכן אַ פאַרענטפערונג צו יעדער מין לאַנגווייליקייט וואָס באַפאַלט אַמאָל. שטעלט עס אים צופרידן איז גוט און וואויל, אַז ניט, פאַרגראָבט זיך עס אין די טיפענישן פון זיין אונערבאַוואוסטזיין און וואַרט אויף אַן ענטפער וואָס קומט פריער אָדער שפּעטער, אָדער אינגאַנצן נישט.

ביי משהן איז דאָס וואַרטעניש סוף־כל־סוף געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. גייענדיק איינמאָל אַהיים זענען טראַכטענישן אָנגעגאַנגען אין אים אָן אַ סדר און אָן אַ טאָלק. ער איז געבליבן שטיין און אַ אַ פריידיקע אויפרודערונג איז פאָרגעקומען אין אים — ס׳איז דאָך ווי אויף דער האַנט! יעדער דור מעקט אויס וואָס דער פריערדיקער האָט אָנגעשריבן און שרייבט אַריין אין פּינקס עפּעס נייעס.

שפּעטער אַ ווײַלע איז פאַרגאַנגען די אויפרודערונג און אַ רואיקע באַטראַכטונג האָט זי פאַרביטן. מששת ימי בראשית גייט עס אַזוי אָן — דאָס דערוואָרבענע פון די אַלטע דורות ווערט ביסלעכוויז אָפּגעמעקט ווי אַ נישט־נויטיקער באַלאַסט און נייע דערווערבונגען, גייסטיקע און פיזישע, יאַוועט זיך אויף זייער אָרט. ווי דורך איין טיר וואָלט מען אַרויסגעטראָגן דעם אַלטן כלאָס און דורך דער אַנדערער טיר ברענגט מען אַריין נייַ מעבל. דאָס ענלעכע קומט פאָר מיט ציוויליזאַציעס, די אַלטע ציוויליזאַציע

און קולטור גייט באַרג אַראָפּ און אַ נייע פאַרנעמט ביסלעכווייז דעם אויבנ־אָן. אויך ביי אילע אַנדערע באַשעפענישן ווי וויכטיק אָדער אומוויכטיק זיי זאָלן נישט זיין אויף דער לייטער פון אַנטוויקלונג קומט פאַר כמעט דאָס אייגענע.

— „דו ווייסט דאָך, משה, אַז מיר איז אילע מאָל עפּעס קשה. — איז חנהס געמאַכטער קידער — ווידער שנעל צו נישט געוואָרן. — „וועל איך איצט דאָס וואָרט נישט נוצן, נאָר דיך פרעגן: פאַרוואָס איז דער מענטש, דאָס העכסטע גייסטיקע באַשעפעניש אויף דער ערד, דאָך פיזיש שוואַכער פון אַ סך אַנדערע חיות. אין דער נאַטור זענען נישטאָ קיין צופאַלן, וויאַזוי זשע דערקלערסטו דאָס?

— „כ׳האָב פילמאָל געטראַכט וועגן דעם, חנה, — זענען קליינמאַנס ווערטער געווען שטילע און פאַמעלעך אַרויסגערעדטע — „און כ׳וועל אייך געבן מיין דערקלערונג. עס איז פון דער נאַטור געטאָן געוואָרן מיט אַ כוונה — נוץ אויס, מענטש, דיין העכערן שכל, וועסטו ווערן דער האַר איבער די איבעריקע באַשעפענישן אויף דער ערד. אין דער נאַטור קומט גאָרנישט פאַר מיטאַמאָל, נאָר פאַמעלעך, טריט ביי טריט. די חיות זענען אָנגעפאַלן אויפן מענטשן אַ סך מאָל און אים פאַרצוקט. דעם ווילדן מענטשנס כלי־זיין זענען געווען: אַ דראָנג אַ שטיין, אַ שטיק אייזן. עס האָט געדויערט לאַנג איידער דער מענטש האָט גענומען נוצן אַלץ שטאַרקערע כלי־זיין קעגן די חיות.

צו עטלעכע מיטאַמאָל פלעגן די חיות רעות באַפאַלן דעם מענטשן, האָט איינער אליין זיך נישט געקענט ווערן קעגן זיי, האָבן עטלעכע מענטשן זיך צוזאַמען גענומען און געשטעלט די חיות אַ ווידערשטאַנד. דאָס האָט גע־קענט אויספירן אַ פאָטער מיט די זין, און די יונגע מאַמעס מיט די קליינע קינדער האָבן זיך באַהאַלטן אין אַן אָפּצאַמונג וואָס איז מיט דער צייט גע־וואָרן אַ שטוב.

„אייניקע חיות רעות, חנה, — פלעגן אָנפאַלן אויף די מענטשן ביינאַכט. די לעכער דורך וועלכע מע פלעגט אַרויסגיין און אַריינגיין אין שטוב אַריין, זענען פאַרלייגט געווען מיט שטיקער האָלץ. פונדעסטוועגן האָבן אַ פּאָר מענטשן געהיט דאָס הויז, האָבן זיי דערשמעקט דאָס דערנענטערן זיך פון די חיות רעות און געמאַכט אַ טרעוואָגע, די דערוואַקסענע יונגען זענען אין איין אויגנבליק געווען אויף די פיס און נישט דערלאָזט די חיות רעות צוקומען צו די קליינע קינדער. נישט תמיד איז מען אָפּגעקומען נאָר מיט שרעק, נישט איינמאָל האָבן די חיות צעריסן אויף שטיקער אַ פּאָר מענטשן.

— „איך האָב זיך איינגעהאַלטן און געלאָזט דיך רעדן. — האָט יאָסל שטיל אָנגעהויבן . . .

— „פאַרוואָס האָסטו מיך נישט אָפּגעשטעלט? — האָט משה געשטוינט.

— „כ׳וואָלט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן.

— „כ׳האָב געוואָלט זען צו וואָס דו וועסט זיך דערערדן. — האָט יאָסל אים דערקלערט. — „און אַז דו האָסט זיך צערעדט פאַר פּייער און פאַר וואַסער, ווײַל איך דיך פרעגן — פאַרוואָס האָסטו צעדרייט די גאַנצע מעשה פון וועלט באַשאַף אין דער תורה?

— „וואו האָב איך צעדרייט די מעשיות פון דער תורה? — האָט קליינ־מאַן אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

—„פון דער תורה איז געדרונגען — האָט יאָסל אים באַוויזן, אַז אילע באַשעפעניסן זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פונעם מענטשן און ביי דיר קומט אויס אַז דער מענטש איז געווען אַ נעבעכל, די חיות רעות זענען אים באַפאַלן און ער איז געווען געצוואונגען צו באַהאַלטן זיך אין די הײלן און שטובער, ערשט מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער האָט דער מענטש געקראָגן די אויבערהאַנט.

— „נישט איך לאָך אויס און נישט איך מאַך אַ תל פון די מעשיות אין דער תורה. — האָט משה הויך און פאַמעלעך אַרויסגערעדט די ווערטער, עס זאָל ביי קיינעם נישט פאַרבלייבן קיין שום ספק אין זייער מיין. — איך געפין פאַר נויטיק צו דערקלערן אַז דער תנ״ך וועט פאַרבלייבן דאָס גרויסע שאַפונג פונעם יידישן פאָלק. דאָס מיינט אָבער נישט אַז אַ ייד טאָר נישט באַנעמען אַ ביסל אַנדערש ווי דער תנ״ך די אַנטוויקלונג פונעם מענטשן.

— „אויב די גלויבסט, יאָסל, אַז די תורה האָט גאָט געגעבן צו די יידן אויפן באַרג סיני, — האָט איציק דאָס מאָל זיך געקאָכט. — האָב איך צו דיר גאָרנישט. איך רעכן גראָד אַז דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן דעם תנ״ך, און דאָס איז געטאָן געוואָרן אין משך פון דורות, דאָס מיינט נישט אַז איך גלויב נישט אין גאָט.

— „איך וויל צוגעבן, — האָט משה אויפגעהויבן די האַנט. — אַז מיך האָט אינטערעסירט אַרויסצוברענגען וויאַזוי דער ווילדער מענטש איז געפאַלן אויפן געדאַנק צו מאַכן זיך אַ כאַטע. איך בין גענויגט צו גלויבן אַז ער האָט גאָרנישט געבויט לשם פאַרגעניגן, איז געצוואונגען געווען אויפ־צושטעלן אַ שטיקל כאַטע צו באַהאַלטן זיינע קליינע קינדער אין פאַלן פון אַן אומגליק. טויזנטער יאָרן האָט געדוירט דער געראַנגל צווישן די חיות רעות און דעם מענטשן. ער האָט אויך באַדאַרפט אַכטונג געבן אַז די שאָף, פערד און קי זאָלן נישט פאַרצוקט ווערן פון די חיות רעות.

— „מיר איז קשה אַן אַנדערע זאַך. — האָט איציק זיך אַריינגעמישט. — „עס קומען אויף אימפּעריעס, ווערן גרויס און מעכטיק, איז פאַרוואָס זשע גייען זיי סוף־כל־סוף אונטער?

—„ווי ביי גרויסע דערפאָלגרייכע געשעפטסלייט, — האָט קליינמאַן זיך פאַרטראַכט. — „וואָס באַנוגענען זיך מיט זייער דערגרייכונג און עס שעפּט זיך ביי זיי אויס דער דראַנג נאָך צעשפּרייטונג און ווערן אַריבערגעיאָגט פון

קליינע ענערגישע קאָנקורענטן, — אַזוי גייט דער וועג פון גרויסע אימ־פעריעס. אויך קאָנטינענטן גאַנצע שווימען אַרויף אויף דער אויבערפלאַך. פון דער געשיכטע און פאַלן שפּעטער אַראָפּ אין אָפּגרונט פון פאַרגעסנהייט. נאָך אין דער צייט פון בית ראשון איז די עגיפּטישע אימפּעריע געווען שטאַרק צעשפּרייט איבער אַפריקע די קאַרטאַגענישע מלוכה האָט פאַרנומען גרויסע שטרעקעס לאַנד אין אַפריקע, דערנאָך האָט זיך אונטערגערוקט אַ צייט אַז אַפריקע איז כמעט נישט דערמאָנט געוואָרן אין דער געשיכטע פון גרויסע געשעענישן. איז אַפריקע אַראָפּ פון דער סצענע, איז אַהין אַרויף אייראָפּע וואָס שפּילט שוין אַ שטיק צייט די ערשטע פידל צווישן די קאָנטינענטן און זי וועט האָבן דעם זעלבן סוף וואָס אַפריקע.

נאָך אַ קליינער הפסקה האָט קליינמאַן פאַרגעזעצט: „די נאַטור פאַר־לײַדט נישט קיין רו, אויך אין גרויסן אוניווערס קומט פאַר דאָס אייגענע: גרויסע הימל־קערפּערס ווערן קלענער, אָפּגעשוואַכט און אין משך פון מי־ליאָנען יאָרן פאַרשווינדן זיי. די נאַטור האָט איין געזעץ פאַר גרויס און קליין . . .

— „פון דיינע רייד קען מען דרינגען, — „האָט איציק ווייטער געצויגן דעם פאָדעם. — „אַז די הײַנטיקע גרויסע מלוכות וועלן אַראָפּ פון זייער גדולה.

— „אַזוי איז עס ביז אַהער אָנגעגאַנגען מיט די אַמאָליקע שטאַרקע מלוכות, — האָט קליינמאַן געקליבן די ווערטער. — „מיט אשור, בבל, גריכלאַנד און אַפילו רוים, און דאָס אייגענע וועט מסתמא געשען מיט די הײַנטיקע גרויסע אימפּעריעס, פריער אָדער שפּעטער.

— „נאָך דיין חות דעת, משה, קומט אויס, — האָט מאָטל געוואָלט זיך דערגרונטעווען צו משהס דערקלערונג. — „אַז דער גאַנצער וועלט־אַל איז אין שטענדיקן שטראָם, ווי זשע קען מען אַהין אַריינפּאַסן גאָטס השגחה?

— „זייער פּשוט, מאָטל. — האָט משה אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען. — „גאָט, די סיבה פונעם גאַנצן באַשאַף ועמענס מהות מיר קענען משיג זיין, האָט אַזוי איינגעשטעלט דעם סדר העולם.

— „גלויבסטו הייסט עס משה, אין השגחת הבורא? — האָט יאָסל כמעט אויסגעשריגן.

— „איך גלויב נישט אין גאָרנישט, יאָסל. — האָט משה אַ מאַך גע־טאָן מיט דער האַנט. — „אַז מע קוקט זיך איין אינעם שטערנדיקן הימל, דער־זעט מען באַשיימפּערלעך אַז ס'איז דאָ אַ השגחת הבורא.

— „לאָמיר דעם ענין, יאָסל, אַרומרעדן אַ ביסל ברייטלעכער. — האָט משה צוגעגעבן. — ווייל ער קער זיך אָן מיט אונזער נעכט, הײַנט און מאָרגן. ציוויליזאַציעס קומען אויף און גייען אונטער די שפּאַנישע ציווילי־זאַציע אין מיטלאַלטער איז געווען אָן אייגנאַרטיקע און עס האָבן זיך דעמאָלט

באַוויזן סערוואַנטעס, קאַלדעראָן און אַ סך אַנדערע גאונים אויף אַלערליי געביטן. הערט מען היינט פון אַזעלכע גרויסע מענטשן פון שפּאַניע? האָבן זיך באַוויזן די לעצטע צייט אין איטאַליע אַזעלכע גרויסע געלערנטע און קינסטלער ווי גאַליליי, לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי, מיכל אַנדזשעלאָ א. א. וו. אי דאָס זענען דעמאָלט דאָרט געווען קליינע שטאַט־מלוכות, נישט אַזאַ גרויסע מלוכה ווי איצט. און פעלקער קומען נישט אויף און פאַרשווינדן? וואו זענען אַהין געקומען די אַמאָליקע מעכטיקע רוימער וואָס האָבן איינגעשטעלט געזעץ און אָרדענונג אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט פון יענער צייט? און דאָס וואונדערלעכע גריכישע פאָלק פון אַלטערטום וואָס האָט אַרויסגעוויזן גרויסקייט אויף אַלע געביטן פון קונסט און וויסנשאַפט, איז אויך פאַרשוואונדן.

— „פאַרוואָס זשע קומט עס אַזוי פאָר, משה? — האָבן חנהס פנים־באַוועגונגען זיך אָפּגעשטעלט ווי אין אַ גרויס פאַרוואונדערונג.

— „עפּעס באַמבלט זיך מיר אין קאָפּ אַ דערקלערונג, — האָט קליינמאַן שלאַבעריק אַרויסגערעדט די ווערטער. — ווען עס קומט פאָר אַ דערפינדונג צו פראָדוצירן קליידער און שיך, דאַרף פאַריבערגיין אַ שטיקל צייט צו איבערצייגן זיך אַז די גרויסע האָפענונגען זענען נישט מקוים געוואָרן, ערשט דעמאָלט איז רייף די צייט צו זוכן נייע מעטאָדן וויאַזוי אַרויסקריגן מער קליידער און שיך, ווי עס קוקט אויס, חנה, איז אין דער נאַטור פאַראַן אַ ביגונג צו ענדערונגען. גאַנצע קאָנטינענטן שווימען אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון דער געשיכטע און פאַלן שפּעטער אַראָפּ אין אָפּגרונט פון פאַרגעסנקייט. אָדער פאַרקערט. אייראָפּע איז איצט דאָס אויבערשטע פון שטייסל. די ציוויליזאַציע, קולטור און מלוכהשאַפט פון כמעט דער גאַנצער וועלט ווערט באַווירקט דירעקט אָדער אומדירעקט, פון די אייראָפּעאישע מלוכות. דאָס וועט זייער לאַנג נישט אָנהאַלטן, אָבער ערשט מיט הונדערט יאָר צוריק איז אייראָפּע געווען די איינציקע מאַכט וואָס האָט רעגירט מיט דער גאַנצער וועלט. די דערשיינונג קומט צו שטאַנד נישט נאָר אויף אונזער קליין וועלטל, נאָר אויך אין גרויסן וועלט־אַל. קליינע שטערן ווערן גרויס און מעכטיק, גרויסע שטערן ווערן קליין און קלענער און ווערן פאַרשוואונדן. אויפן געוויינלעכן לשון איז מעגלעך עס אויסצודריקן אויף אַזאַ אופן — יעדע גייסטיקע און סאַטעריעלע דערשיינונג הייבט זיך אָן פון ״קינדהייט דערגרייכט רייפקייט, ווערט עלטער״ און פאַרגייט. דאָס איז חל אויף אַלץ און אַלעמען אויף אונזער ערד, אויף די פייגל אין דער הייך, אויף אַלערליי פיש אין די וואַסערן און אויף אַלערליי באַשעפענישן אויף דער ערד. דאָס איז אויך חל אויף בערג און טאָלן, יבשות און ימים. מער נישט אין אונזער קורצן לעבנס־שפּאַן קענען מיר נישט זיין עדות אויף די אַלע אויסגערעכנטע און נישט־אויסגערעכנטע ענדערונגען וואָס קומען פאָר אויף דער ערד און באַזונדערס אין גרויסן וועלט־אַל. מיט אַנדערע ווערטער, אַלץ

איבער אונז און אונטער אונז איז אונטערגעוואָרפּן איין געזעץ — עס דערשיינט, זאָמט זיך אַ גרויסע — אַ קליינע ווילע און פאַרשווינדט.

כמעט אַלעמאָל האָט קליינמאַן זיך אומגעקערט צון אַ פריערדיקן ענין און אונטערגעפירט אַ סך הכל שאַרף און בולט: „כ'האָב אַמאָל, יאָסל, געמיינט ווי אילע מיינען אַז מיר לעבן ווי מיר ווילן און דערפאַר זענען די מענטשן אַזוי גדול'דיק ביי זיך. אין דער אמתן, האָב איך סוף־כל־סוף איינגעזען אַז מיר זענען קליינע באַלעבאַטים איבער אונזער לעבן. אַלץ אויף דער וועלט גייט פיזיש און גייסטיק פון נידעריקן צום העכערן און מיר זענען טיילן פון דעם באַוועגליכן צושטאַנד, אין קליינע פאַרהעלטענישן נאָר קערעווען מיר דעם גאַנג אַ קאַפּעטשקע אַהער און אַ קאַפּעטשקע אַהין און ביי אונז איז געוואָרן אַ זיכערע זאַך אַז מיר קערן וועלטן. אין דער זעלבער לאַגע געפינען זיך אויך די איבעריקע חיות און אויף זייער אופן נאַרן זיי זיך אין זייער מעכטיקייט. ס'איז נאַטירליך נישט און אונזער רשות וואָס פעלקער און ציוויליזאַציעס, מלוכות און קולטורן יאַווען זיך אויף איין קאָנטינענט אָדער אויף אַן אַנדערן, הייבן זיך אָן מיט נישטיקע פּאָדערונגען צום יחיד און צום כלל, דערגרייכן שטופנווייז אַ העכערע מדרגה און עס צעוואַקסט זיך ביי זיי אַ זיכערקייט אַז דאָס אַלץ איז אַ פּועל יוצא פון אַ באַוואוסטזיניקער שטרעבונג, אַניט וואָלטן זיי נישט געקומען צון אַזאַ שפע.

— „איך בין, משה, באמת צופרידן וואָס האָסט איינגעזען אַז מיר זענען נישט די גאַנצע מאַכערס אויף דער ערד. דו מיינסט אַז מיר פאַסן זיך צו און איך גלויב אַז מיר פירן אויס גאָטס ווילן. אייגנטלעך איז נישטאָ קיין גרויסער אונטערשייד צווישן אונז ביידע, דו און איך, זעען איין אַז אין תוך רודעווען מיר נישט מיט דער וועלט.

24

— „פֿאַרוואָס דויערן נישט לאַנג גרויסע אימפּעריעס? — האָט חנה זיך געווענדעט צו משהן.

— „מיינע טייערע, ווי איך זע, בין איך ביי אייך דער יודע הכּל, וואָס איז נישט אמת. גיט זשע מיר כאָטשבי אַ פּאָר טעג צו באַקלערן דעם ענין. — האָט משה ווי זיך געבעטן.

מיר גיבן דיר אַזויפֿיל טעג וויפֿל דו ווילסט. — האָט מאָטל ווי געענטפֿערט אין נאָמען פֿון אַלע דריי.

אין אַ וואָך אַרום האָט משה קליינמאַן זיי מיטגעטיילט: „איך האָב זיך אַריינגעטראַכט אין דעם ענין און מיר דוכט זיך אַז דער ענטפֿער וועט זיין אַ מיושבֿדיקער. ס'איז קלאָר ווי דער טאָג אַז אימפּעריעס הייבן אָן צו וואַקסן, דערגרייכן דעם העכסטן פּונקט און פּאַמעלעכל נידערן זיי באַרג אַראָפּ. פֿון דעם און פֿון נאָך אַנדערע פֿאַלן קען מען דרינגען אַז אין יעדער דערשיינונג פֿון לעבן איז פֿאַראַן אַ דראַנג צו ווערן גרעסער. אַ קינד וויל ווערן גרעסער. פֿעלקער און מלוכות, שטערן און ביימער ווילן זיך צעשפּרייטן וואָס מער. וואָלט נישט געווען דער־אָ שטאַרקער דראַנג אין יעדער זאַך וואָלט נישט מעגלעך געווען קיין וואַקסן אין שטח און אין צייט. ווען דער דראַנג קומט צום היוכן פּונקט, קומט אויך פֿאָר אַן אָנזעטיקונג פֿון וואַנען עס שטראָמט אַרויס דער באַגער צו געניסן פֿון דעם אָנגעזאַמלטן און זיך אָפּרוען. די נאַטור פֿאַרליידט אָבער נישט קיין רו, אויב מען שפּאַנט נישט פֿאָרויס, גייט מען אויף צוריק. מענטשן, פֿעלקער און אימפּעריעס, פּלאַנעטן און שטערן גייען באַרג אַראָפּ — ביי מענטשן געדויערט עס שנעל, ביי פֿעלקער פּאַמעליכער און ביי שטערן צו פּאַמעלעך אַז די מענטשלעכע צייט־רעכענונג קען עס נישט נאָכפֿאָלגן. מיר קענען זיין עדות ווי בערג הייבן זיך אָן צו קרישלען און טייכן — צו טריקענען. אין דער נאַטור זענען נישטאָ קיין צופֿאַלן און דער פּראָצעס פֿון עולים ויורדים גייט אָן, אָן אויפֿהער. אונזער זון וועט שפּעטער מיט אַ מיליאָן אָדער מיליאָנען יאָרן ווערן קלענער. אַזוי פֿאַרשטיי איך דעם גאַנג פֿון דער נאַטור.

וואו זשע ליגט דער זין וואָס מענטשן, אינסעקטן, האַלטן זיך אין איין מערן? — איז חנהן קשה געוואָרן.

עס קומט פֿאָר, ווי מיר דוכט זיך, דער פּראָצעס פֿון מערן זיך כּדי אַרויסברענגען העכערע פֿיזישע און גייסטיקע כּוחות. אין סך הכּל קומט פֿאָר דער פּראָצעס פֿון צעשפּרייטן זיך קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו. צי עס וועט אַזוי אייביק אָנגיין, אָדער זיך אָפּשטעלן ווען־איז־ווען און

גיין אויף צוריק, דאָס איז פאַר אונז נישט משיג צו זיין און מירן עס איבערלאָזן צו די העט־העט שפּעטערדיקע דורות. מע דאַרף דאָך האָבן גאָט אין האַרצן און געבן אַ געלעגנהייט אַנדערע דורות אַ טראַכט צו טאָן וועגן סדר העולם. — האָט משה אַ שפּאַס געטאָן.

— „ווי איך בין זיך משער, משה, — האָט איציק אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט משהס שפּאַסיקע באַמערקונג. — מאַטערן דיך אַ סך זאַכן אין לעבן, שטעלסט קשיות זיך אַליין, אויך צו דיינע באַקאַנטע און זוכסט אַן ענטפער. נישט אמת?

— „ האָסט געטראָפן, איציק. — האָט משה זיך געווענדט צון אים. — „אַ סך זאַכן פייניקן מיך די לעצטע צייט, שטעל איך קשיות און געפין נישט קיין ענטפערס. אַ שפּין, למשל זויגט אויס דאָס גאַנצע חיות פון אַ פליג און אַ וועספּע טוט דאָס אייגענע מיט אַ שפּין. אַזוי־אָ גייט עס אָן כמעט אין דעם גאַנצן באַשאַף וואָס געפינט זיך אויף דער ערד. עס זענען נאָך פאַראַן ווילדע שבטים וואָס קוילן די געפאַנגענע פאַרכאַפּטע ביי זייערע קעגנער, און פּאַסמאַקעווען זיך מיטן מענטשן־פלייש. אימער זאָגן אַז מלחמות שטאַמען נישט פון יענעם פּעריאָד ווען מענטשן האָבן געגעסן מענטשן־פלייש, דאָך דערנערט זיך דער היינטיקער מענטש מיטן פלייש פון קי, שאָף, פייגל און פיש. ער געברויכט אויך די געבעקסן פון אַלערליי תבואות.

— ״אַזעלכע זאַכן, משה, זענען מיר קיינמאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, — האָט פון חנהס פּנים אַרויסגעקוקט אַ צעטומלעניש. — „עס קומט אויס אַז אויף דער ערד פרעסן זיך אויף איינע די אַנדערע. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

— „עס קען זיין אַז עס נעמט זיך דערפון, — האָט משה געמאַכט אַ קרייז מיטן ווייזפינגער. — „וואָס דער ציל פונעם באַשעפער איז אַז די לעבעדיקע באַשעפענישן זאָלן זיך ראַנגלען איינע מיט די אַנדערע אויף טויט און אויף לעבן. דאָס אייגענע קומט פאָר ביי די דוממים און פלאַנצן. די בערג פירן אַ לאַנג־דויערנדיקן קאַמף מיט די טאָלן, די וואַסערן — מיט דער יבשה, און אייניקע גראָזן שטופּן אַרויס אַנדערע. דער זין פון לעבן איז ווייזט אויס — קיינער טאָר נישט רוען, נאָר אָנגרייפן, במילא פאַרטיידיקט זיך דער אנדערער צד און עס קומט פאָר אַ פאַרמעסט — ווער וועמען ס׳וועט גובר זיין!

— „אַזוי לאַנג, משה, ווי דו גלויבסט נישט אין גאָט, — האָט יאָסל זיך אַריינגעמישט, — „וועסטו קיין ריכטיקע ענטפערס אויף די אַלע דערשיינונגען נישט קריגן.

— „און אַז דו גלויבסט אין גאָט, יאָסל, — האָט משהס קול געציטערט פון אויפרעגונג, — וויאַזוי וועסטו דערקלערן די אַלע זאַכן?

— „די שאָף האָט גאָט באַשאַפן פאַרן מענטשן, — איז יאָסל געווען

צופרידן וואָס משה האָט אים געשטעלט אַזאַ קלאָץ־קשיה, — דערפאַר באַשיצט זיי דער מענטש קעגן די וועלף און אַנדערע חיות רעות . . .

—„לויט דיין מיינונג קומט אויס, יאָסל, — איז משה אים אַריינגע־פאַלן אין די רייד, — אַז דער וואָלף טאָר נישט פאַרצוקן די שאָף און דער מענטש מעג.

— „נישט דער מענטש מעג, נאָר דאָס איז גאָטס ווילן, — האָט יאָסל ברייט צעעפנט די אויגן. — „צוערשט האָט גאָט באַשאַפן די פיש, פייגל, אַלערליי שרצים און חיות, צום סוף ערשט איז געקומען די קרוין פונעם באַ־שאַף, דער מענטש, צום אַלעם גרייטן.

— „מיט אַנדערע ווערטער, יאָסל, — האָט משה ווי צוגעשטופּט אים צו דער וואַנט, — גאָט האָט פיש, פייגל און חיות באַשאַפן פון מענטשנס טובה וועגן.

— „נו, זיכער, — האָט יאָסל ווי געשטויגט וואָס משה האָט געצווייפלט אין דעם, — „דער מענטש איז דער האַר איבער אַלע ערדישע באַשעפענישן און ער מעג טאָן מיט זיי וואָס ער וויל נאָר, און קיינער טאָר זיך נישט אים קעגנשטעלן.

— „אויף זיי, — האָט משה ווי ממשיך געווען יאָסלס רייד, — „איז נישט גאָט גוזר: מי לחיים ומי למות, נאָר דער מענטש טוט עס.

— „געוויס, משה, גאָט האָט זיי איבערגעגעבן אין רשות פון מענטשן.

— „ניין, יאָסל, — האָט משה אונטערגעשמייכלט, — „די ערדישע באַ־שעפענישן זענען אין צוויי רשותן, אין רשות פון גאָט און אין רשות פון מענטשן. געבוירן צו ווערן, האָבן קינדער און שטאַרבן, דערמיט זענען זיי אין רשות פון גאָט. איינשפּאַנען זיי אין אַלערליי אַרבעטן, קוילן זיי צוליבן פלייש, פעל און אַנדערע זאַכן, דערמיט זענען זיי אין רשות פון מענטשן.

— „וואָס זשע וואָלסטו געוואָלט, משה, אַז מיר זאָלן האָבן גאָטס מאַכט איבערן געבוירן ווערן, האָבן קינדער און שטאַרבן פון די חיות? דאָס הייסט שוין אַריינגיין אין גאָטס גבול און דאָס איז איבער די מענטשלע־כע כוחות . . .

— „דיינע ענטפערס, יאָסל, זענען אַזעלכע גלאַטינקע ווי דער אדון עולם וואָלט זיך אַנידערגעזעצט מיטן מענטשן אַרום אַ גרינעם טיש און זענען אויסגעקומען צווישן זיך וואָס ס'זאָל געהערן צו גאָט און וואָס — צו מענטשן. לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן און אַ קער טאָן זיך צום באַלעבאָס פון דער ערד, צום מענטשן. פאַרוואָס שטרעבט איין מענטש צו פאַרזשערען אַלצדינג ווען דעם שכן קלעקט נישט אויף בידנער חיונה?

— „דו האָסט, משה, פון איין גרויסער וועלט געמאַכט קליינע וועלטן און אַלץ צעברעקלט אויף קליינע שטיקלעך, — ס'איז פאַרשוואונדן דאָס געמיטלעכקייט וואָס איז געווען צעלייגט איבער חנהס פּנים און אַ מידקייט

האָט אַרויסגערוקט פון אירע אויגן, — „גיב זשע אונז אַ געלעגנהייט אָפּ־צוכאַפּן דעם אָטעם, דערנאָך וועסטו קענען צעטרייבערן דעם מענטשן וויפל דיין האַרץ וועט זיך גלוסטן און מיר וועלן אפשר אויך עפּעס האָבן וואָס צו זאָגן.

— „אַזוי ווי איך בין נאָר אַ יידישער גזלן, — האָט משה אַ שמייכל געטאָן, — „אימער איבערכאַפּן דעם אָטעם.

— „דו, משה, נויטיקסט זיך ניט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט מאָטל אים אויסגעטיילט פון דער חברה. — „ווי מיר דוכט זיך איז חקירהן זיך דיין צווייטער נאַטור.

— „האָסט געטראָפן ווי מיט אַ פינגער אין הימל אַריין, — האָט משה אומגעקערט דעם קאָפּ צו אים. — „מיינע חקירות קומען נישט פון וואויל־טאָג, זיי קאָסטן מיך אַ סך געזונט.

— „מיר האָבן גענוג צייט געהאַט, משה, — האָט חנה זיך אומגעקערט צום אָפּגעלייגטן שמועס, — „צו צעקייען און אפשר אויך צו פאַרדייען דיינע דורכגעטראַכטע ספקות און געדאַנקען איבער גאָט, וועלט און נאַטור. איצט קענסטו אויסלייגן אויף דיין שטייגער, דיינע טענות צום מענטשן.

— „איך האָב, דוכט זיך געפּרעגט, — האָט משה שטיל זיך אָנגערופן. — פאַרוואָס איין מענטש שטרעבט צו פאַרזשערען די וועלט ווען דער שכן האָט נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען.

— „אַזוי האָט גאָט גוזר געווען אויפן מענטשן. — האָט יאָסל שוין געהאַט אויף דער צונג אַ צוגעגרייטן ענטפער. — „מיטן שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן דאָס ברויט. אויפן היינטיקן לשון מיינט עס — וועסט דאַרפן צוטראַכטן אַ סך שפּיצלעך און דריידלעך צו פאַרדינען אויף חיונה. איינער טויג זיך אויס דערצו און דער אַנדערער — נישט.

— „דאָס מאָל האָט יאָסל גוט אויסגעטייטש דעם פּסק, נישט ווערטערלעך, — האָט איציק געקלערט.

— „און איך מיין אַז דער וואָס איז געניט, — האָט מאָטל צוגעגעבן צו יאָסלס רייד, — קאָן מיט ווינציקער שוויס און מער פאַרשטאַנד דערגרייכן אַ סך מער ווי פּשוטע חיונה.

— „אייניקע מלוכות, האָט חנה ממשיך געווען, — „זעען שוין צו פאַרזאָרגן די שלימ־מזלס מיט אַרבעט, זיי זאָלן נישט אויסגיין פון הונגער, און מיר דוכט זיך אַז גאָר אינגיכן וועלן אַלע מלוכות דאָס זעלבע טאָן.

— „ווי זשע קומט עס וואָס די זעלבע מלוכות הערן נישט אויף צו פירן מלחמות? — האָט משה אַרומגעקוקט אַלעמען. — „אין אַ מלחמה ווערן מענטשן אויסגעהרג'ט, שטעט ווערן צעשטערט, האָב און גוטס ווערט פאַר־ניכטעט. נעמט זיך עס ניט דערפון וואָס דער מענטש וויל פאַרזשערען די וועלט מיט גוטן אָדער מיט שלעכטן?

— „דאָ, משה, האָסטו שוין צוגערירט זיך צון אַן ענין וואָס איז זייער

שווער פֿאַנאַנצופֿלאָנטערן. — האָט חנה, אַ קעגנערין פֿון מלחמות, זיך אָנגערופֿן. — פֿון איין זײַט זענען פֿאַראַן מלחמות וואָס אין לעצטן סך־הכּל האָבן זיי געטאָן גוטס דעם מענטשן. די מלחמות וואָס די ווײַסע האָבן געפֿירט מיט אַ מיליאָן אינדיאַנער און זיי באַזיגט, האָבן געשאַפֿן אַ מעגלעכקייט אַז אַמעריקע זאָל באַוואוינט ווערן מיט מיליאָנען מענטשן פֿון אַלערליי פֿעלקער און ראַסן. פֿון דער אַנדערער זײַט האָט היטלער געשטרעבט צו פֿאַרוואַנדלען אייראָפּע אין אַ גן־עדן פֿאַר די דײַטשן. היטלער האָט פֿײַנט געהאַט ייִדן, דערצו נאָך איז געוואַקסן אין אים אַ זיכערקייט אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט אַרויסווײַזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד זײַן גרויסער אידייע צו פֿאַראייניקן אייראָפּע אונטער דער נאַציישן פֿאָן, האָט ער צום אַלעם ערשטן אויסגעשאָכטן אַלע ייִדן פֿון די אײַנגענומענע לענדער און געפּלאַנעוועט אויסצוקוילען אַ העלפֿט פֿון די איבעריקע פֿעלקער אין אייראָפּע און פֿון דער צווייטער העלפֿט — מאַכן שקלאַפֿן פֿאַר די דײַטשן. מלחמות, קוקט אויס, זענען אַ ברכה און אַ קללה פֿאַר דער מענטשהייט.

— „גרויסע אימפּעריעס ווערן טאַקע געבויט אויף מענטשלעך בלוט און אויף אַזאַ אופֿן איז צושטאַנד געקומען די אַלטע רוימישע אימפּעריע, — האָט איציק געבראַכט אַ ראיה צו באַקרעפֿטיקן חנהס הנחה, — „אָבער אין איר בליצײַט האָט זי אַרומגענומען די ציוויליזירטע וועלט און עס האָט אַ שטיק צײַט געהערשט דאָרט שפֿע און שלום. קומט אויס אַז גרויסע אימפּעריעס זענען אַ ברכה פֿאַרן מענטשן.

— „אָט געפֿינען זיך עטלעכע מלוכות אַרום באַלטישן ים, שוועדן און נאָרוועגיע, דענעמאַרק און האָלאַנד. זיי פֿירן נישט קיין מלחמות צווישן זיך און גראָד דאָרט לעבן אין גרויס שפֿע די סאַמע קולטורעלסטע פֿעלקער פֿון אייראָפּע, — האָט חנה דערמיט געוואָלט באַווײַזן אַז אין קליינע מלוכות קען אויך הערשן שפֿע און שלום.

— „און אין דער גרויסער קאָמוניסטישער אימפּעריע, — האָט מאָטל געפֿונען פֿאַר נייטיק צוצוגעבן, — „איז נישטאָ קיין שפֿע, ווײַל זי איינשלינגען די גאַנצע וועלט.

— „די הײַנטיקע רוסלאַנד געהערט צו די רעליגיעזע אימפּעריעס וואָס פֿאַרשפּרייטן זיך געוויינלעך מיטן שפּיץ פֿון דער שווערד. — האָט משה זיך געווענדט צו מאָטלען.

— „די מחמדאַנישע רעליגיע, — האָט חנה ווי אויפֿגעכאַפּט זיך, — „איז אַרײַנגעדרונגען קיין קליין־אַזיע, צפֿון־אַפֿריקע און שפּאַניע ערשט נאָך דעם ווען די מחמדאַנישע חיילות האָבן אײַנגענומען יענע לענדער.

— „און די קריסטלעכע צוויי שוועסטער־רעליגיעס, דער פּראָטעסטאַנטיזם און קאַטאָליציזם, — האָט איציק אונטערגעכאַפּט, — „האָבן זיך נישט פֿאַרמאָסטן אָפּצווווישן איינע די אַנדערע דורך גרויזאַמע מלחמות? די דרײַסיקיעריקע מלחמה וואָס איז צוליב דעם פֿאָרגעקומען אין דײַטשלאַנד האָט

פאַרוויסט דאָס לאַנד און אומגעבראַכט אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג.

— „רעליגיעזע מלחמות קומען שוין היינט מער נישט פאָר, — האָט יאָסל געבראָכן זיין שטילשווייגן, — „איז דאָך מעגלעך אַז אויך אַנדערע מלחמות וועלן מיט דער צייט מער נישט פאָרקומען.

— „דו, יאָסל, ביזט אַ סאַמין און איך בין אַ סקעפּטיקער — האָט משה נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים. — איך גלויב נישט אַז מלחמות וועלן מער נישט פאָרקומען. די אַמאָליקע קרייצפאָרער זענען געווען רעליגיעזע און עקאָנאָמישע מלחמה־צינדער און דאָס זענען אויך די קאָמוניסטן.

—„דו, משה, ביסט טאַקע אַ סקעפּטיקער, — שטעלסט מער קשיות ווי דו גיסט ענטפערס. — האָט יאָסל מסכים געווען מיט אים. — „אפשר וואָלט געווען פאַרקערט?

— „קשיות, יאָסל, איז לייכטער צו פרעגן ווי צו געבן ענטפערס. — „צו קומען צו באַשטימטע ענטפערס איז זייער שווער, אָבער איך טראַכט וועגן דעם. ווען איך ווייס אַפילו נישט אַז איך טראַכט. אויב איך וועל ווען עס איז צו עפּעס וויכטיקעס זיך דערטראַכטן, וועל איך עס פון דיר נישט פאַרהוילן. — האָבן משהס און יאָסלס אויגן זיך באַגעגנט.

25

אַרום צוויי יאָר נאָך דער חתונה איז ביי די ראָטענבערגס געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל. מ׳האָט אים אַ נאָמען געגעבן שמחה, נאָכן עלטערזיידן פֿון דער מאַמעס צד, דער עיקרשט אָבער צוליב דעם, וואָס דאָס גיין צו קינד איז באַגלייט געווען מיט גרויסע ווייען און האָט לאַנג געדויערט. דערימעך איז אין שטוב געווען אַ גרויסע שמחה. די שכנות האָבן געטרייסט די קימפּעטאָרן, אַז אי״ה ביים צווייטן און דריטן מאָל גיין צו קינד וועלן די געבורטסווייען זיין אַ סך גרינגער.

קיין קינדער אָבער זענען מער נישט געקומען. דעם בן־יחיד האָט מען זייער געקעכלט און ער איז אויפֿגעוואַקסן אַ צעפּעשטשעטער. האָט דער פֿאָטער זיך איינגעשפּאַרט אַז דאָס מאָל וועט דער בן־יחיד זיינס נישט אויספֿירן, האָט די מוטער אים נאָכגעגעבן. איז די מוטער נישט געווען נאָכגיביק, האָט ער געפּועלט ביים טאַטן, איז וואָס ס׳איז אים נאָר איינגעפֿאַלן צו האָבן, האָט ער געקראָגן. אַ לערער האָט שמחהלע געהאַט פֿון די בעסטע, אין קיין געלט איז קיין מניעה נישט געווען. טאָמער האָט דאָס קינד זיך נישט גוט געלערנט איז דאָס געווען דעם לערערס שולד און מען האָט צוגעזוכט אַ בעסערן לערער.

אַז שמחה איז אונטערגעוואַקסן איז ער אַריינגעקומען אין קראָם אַריין אַ פּאָר מאָל אין טאָג. זאָל ער פֿאַמעלעכל זיך באַקענען מיט אַלערליי סחורות און שפּעטער צו וועט ער זיך צולערנען וויאַזוי צו באַגיין זיך מיט אַ קונה. דאָס איז דאָך דער סאַמע עיקר. אַז מע ווייסט וויאַזוי אַרומצוגיין אַרום אַ קונה וועט די סחורה זיך אַליין פֿאַרקויפֿן. גיין אין גימנאַזיע אַריין איז פֿאַר אים נישט געוואונטשן, צו וואָס דאַרף ער זיך מאַטערן מיט שווערע לימודים און האַלטן עקזאַמענעס, אַז אַ גרויסע קראָם איז צוגעגרייט פֿון זיינעטוועגן. און גוטע פּריקאַזשטשיקעס, וואָס זענען גרייט אים צו דינען איז דאָ לרוב. אַזוי־אָ, אָן קאָפּדרייעניש, וועט ער ווערן דער גאַנצער באַלעבאָס אין קראָם און אַלץ וועט געטאָן ווערן לויט זיין גוסט. ס׳איז טאַקע פֿאָרגעקומען אַזוי יווי זיי האָבן אויסמאַרקירט. שמחהס וואָרט איז געווען ווי אַ חתימת־יד און די קונים האָבן זיך דערפֿילט וואזשנע, ווען שמחה האָט זיי באַדינט. איין זאַך נאָר איז געבליבן צו טאָן — צוקלייבן פֿאַר אים אַ כלה, וואָס זאָל זיין אַזוינס און אַזעלכעס. זי דאַרף זיין שיין, קלוג און פֿון אַ געהויבענעם יחוס. אויב דאָס וועט זיין לרוב, מעג דער נדן שוין נישט זיין קיין גרויסער. ס׳איז אַמאָל אַ שווערע לאַסט צו קריגן אַ גרויסן נדן, מ׳איז ווי שולדיק אַ חוב, וועלכן מע מוז אַזוי אָדער אַנדערש סילוקן. דאַרף מען טאַקע

די זאַך טאָן זייער מיושבדיק, איין שלעכטער שריט און דער גאַנצער בנין קען זיך צעפאַלן ווי אַ קאָרטנשטיבל.

צו דער פאַרזיכטיקייט איז מען נישט אָנגעקומען. עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, און די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו דער אוקראַיִנישער שטאָט, וואָס איז געווען אין רוסישע הענט. די יידישע יוגנט האָט באַצייטנס פאַרלאָזט די שטאָט. קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן, אַז די דייטשן פאַרנעמען די יונגעלייט און צעשיקן זיי אין דייטשיטן הינטערלאַנד וואו ס'איז פאַראַן אַ דוחק אין מענערישע הענט, עלטערע יידן אָבער טשעפּען זיי נישט.

מיטן אָפּגעטראָטענעם רוסישן חיל איז שמחה ראָטענבערג אַוועק פון זיין היים און מיט אַ שטראָמיקער כוואַליע פּליטים איז ער פאַרשלעפּט געוואָרן אין אַ גרויס־רוסישער שטאָט, וואו ער איז געבליבן ציטוויליק. מ'האָט זיך געריכט, אַז די רוסן וועלן גאָר אינגיכן אַרויסטרייבן די דייטשן פון די גרעניץ־שטעט און די פּליטים וועלן זיך צוריקציען אַהיים. ווען דאָס איז נישט צושטאַנד געקומען האָט מען ראָטענבערגן אַריינגעשטעלט אין אַ דאָרפישער באַלעבאַטישקייט פון וואַנעט דער מאַן איז צוגענומען געוואָרן אויפן פראָנט און דאָס ווייב האָט זיך געגויטיקט אין אַן אַרבעטער. דער אונטערשייד צווישן שטאָטישן און דאָרפישן לעבן איז פאַר ראָטענבערגן געווען אַ געוואַלדיקער. אין שטאָט האָט ער געהאַט אַ גרויסע ליכטיקע שטוב, האָט זיך געלייגט שלאָפן און אויפגעשטאַנען ווען ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט, איז אַריינגעקומען אין געשעפט אַריין נאָר אויף עטלעכע שעה און אין די אויפדערנאַכטן פאַרבראַכט מיט באַקאַנטע פּליטים.

אין דאָרף האָט ער געטאָן אַלערליי פיזישע אַרבעטן אין פעלד, אין גאָרטן און אין כליוו. געגעסן האָט ער זיצנדיק, שטייענדיק און ליגנדיק. די געקעכצן זענען באַשטאַנען פון באָרשט, קאַרטאָפליעס און אַמאָל אין אַ יובל פון אַ שטיקל סאַלע. געשלאָפן איז ער אויף אַ קליין אַריינגעשטעלט בעטל. אין זעלבן צימער איז די באַלעבאָסטע געשלאָפן מיט אירע דריי קינדער אין אַ בעט, וואָס איז געשטאַנען נעבן דער פאָדערשטער וואַנט.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען זיך געלייגט פרי שלאָפן און אויפגעשטאַנען איידער די זון האָט זיך געקליבן אויפצוגיין. שבת אויפדערנאַכט איז מען באַלד נישט געגאַנגען שלאָפן. נאָך דער וועטשערע זענען זיך צונויפגעקומען שכנים, וואָס האָבן געוויקלט סיגאַרעטן פון מאַכאָרקע און גערויכערט, צומאָל געטרונקען אָקריפּ אָדער קוואַס, גערעדט וועגן דער מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט ווי אַן אָנשיקעניש און וויל גאָרנישט נאָכלאָזן, אַלע ווילע קומען אָן מער פאַרוואונדעטע און אַמאָל אויך שלעכטע בשורות וועגן אומגעקומענע אויפן שלאַכטפעלד.

די ערשטע צייט האָט ראָטענבערג זיך נישט געקענט צופּאַסן צו די שכנים און זייערע געשפּרעכן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום איין־און־איינציי־

קער זאַך — איין שכן איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און געקומען אַהיים, אַ צווייטער — איז שוין אויף אייביק פאַרבליבן אויפן שלאַכטפעלד.

האָבן זייערע רייד זיך איבערגעחזרט, איז ראָטענבערג פון צייט צו צייט אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, געזאַמט זיך עטלעכע מינוט און צוריק אַרײַנגעקומען. שפּעטער צו איז ער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין זייערע שמועסן, געוואָרן היימיש מיט די שכנים, אויך מיט אייניקע פאַרוואונדעטע און איז פּאַמעלעכל געוואָרן איינער פון דער חברה.

מיט דער הילף פונעם רויטן קרייץ האָט ער געפּרובירט זיך דורכשרייבן מיט זײַנע עלטערן. ס'איז אָבער דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. העכער צוויי יאָר האָט ראָטענבערג געלעבט אין דעם גרויסרוסישן דאָרף, האָט שוין געקענט אַלע דאָרפישע אײַנוואוינער, ביי אַ סך פון זיי געווען צו גאַסט, אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַלערליי רכילותן, וואָס זענען ביסלעכווייז געוואָרן אויס רכילותן, נאָר געוויינלעכע שמועסן צווישן פרײַנד. ער איז כמעט געוואָרן אַ דאָרפישער אײַנוואוינער.

ווי נאָר אָבער די מלחמה האָט זיך געהאַלטן אין ענדיקן, די רוסן פון איין זייט און די מערב־פאַרבינדעטע פון דער צווייטער זייט האָבן זיך דערנענטערט צו בערלין, האָט ראָטענבערג נישט געקענט אײַנזיצן אין דאָרף, געווען אין דער דערבייאיקער גרויסער שטאָט, געקראָגן אַ דערלויבעניש צו פאָרן אַהיים. פייל אויסן בויגן האָט ער זיך געטראָגן אַהין און אויפן וועג זיך אָנגעהערט מיט אַלערליי קלאַנגען וועגן גורל פון די יידן אין די שטעט, וואָס דער דייטש האָט געהאַט פאַרנומען. אייניקע מענטשן זענען געווען זיכער, אַז די דייטשן זענען זיך באַגאַנגען מיט די יידן ווי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — גאַנצפרי זיי גענומען צו דער אַרבעט און פאַרנאַכט אַהיים געשיקט. אַנדערע ווידער האָבן איבערגעגעבן, אַז אַ טייל דייטשן האָבן זיך צעיוכעט, אַוועקגעראַבעוועט דאָס יידישע האָב און גוטס און געהרגעט עטלעכע יידן. די רעגולערע אַרמיי איז אָבער גיך אָנגעקומען, האָט אַרעסטירט די צעווילדעוועטע דייטשן און אײַנגעשטעלט אָרדענונג. נישט ווייט פון זיין שטאָט האָט ראָטענבערג זיך נאָכגעפרעגט ביי דער רוסישער מאַכט וועגן דעם און דער ענטפער איז געווען: „ווער קען עס וויסן וואָס די דייטשן קענען אָפּטאָן?"

קומענדיק אַהיים איז ער באַלד געוואָר געוואָרן פון דער שלעכטער בשורה — די דייטשן האָבן אויסגעקוילעט די גאַנצע שטאָטישע יידישע באַפעלקערונג. ווי אַן איין־און־איינציק קינד האָט ער גענומען אויף זיך אַ חוב נישט אָפּשטעלן זיך פאַר קיין שום שוועריקייטן, ביזקל ער וועט נישט דערגיין ווען, וואו און ביי וואָסערע אומשטענדן טאַטע־און־מאַמע זענען אומגעקומען. דערפון האָט ראָטענבערג אויך געוואָלט אַרויסטראָגן, צי עס איז געווען די מינדסטע מעגלעכקייט אַרויסצוראַטעווען זיך פון דעם אומגליק. די שחיטה איז פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט און איז געווען אַזוי גוט אויסגעפּלאַנעוועט, אַז קיינער איז נישט ניצול געוואָרן, אַחוץ איין

קינד, וואָס איז געשלאָפן אין אַ וויגל הינטער דער טיר פון אַ קאַמער, און די רוצחים האָבן עס נישט דערזען.

נישט באַלד האָט ראַטענבערג דערוואוסט זיך אַלע איינצלהייטן וועגן דער שחיטה. אים האָט עס ענדליך איבערגעגעבן דער דיאַק ביי וועמען דער עלטסטער פון דער דייטשער אָפּטיילונג איז איינגעשטאַנען. לאחר המעשה האָט דער דייטש זיך באַרימט פאַרן דיאַק אַז דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט און דורכגעפירט געוואָרן אויסגעצייכנט. עס איז ביי ראַטנבערגן נישט געווען קיין מינדסטער ספק, אַז קיינער האָט זיך נישט געקענט אַרויסדרייען פון די רוצחימס הענט און וואָלט ער אַליין געווען אין שטאָט, וואָלט די דאָליע פון אַלע יידן אים אויך נישט אויסגעמיטן.

די אומגעריכטע פאַרניכטונג פון די שטאָטישע יידן האָט ראַטנבערגן אַריינגעדרייט אין אַזאַ קלעם, אַז ער האָט זיך דערפילט ווי אַרומגענומען מיט שטאָלענע רייפן, וואָס וויקלען זיך אַרום אים אַלץ ענגער און ענגער. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי געוואָלט זיך באַפרייען פון דעם קלעם . . . ער ווייסט שוין אַלץ און האָט שוין נישט וואָס נאָך געוואָר צו ווערן, ער איז אַן איבעריקער דאָ . . . ער איז געקומען אין זיין היימישער שטאָט און אַלץ איז אים געווען פרעמד — די גאַסן, די שטיבער, די מענטשן. דאָך האָט ער געווילט דאָרט עטלעכע טעג, ווי דער גרויסער אומגליק וואָלט אים פּרילישעט מיט צוויי־דריי טעג שפּעטער איז אים דורכגעלאָפן אין מוח, אַז ער דאַרף, מוז זיך אַרויסרייסן פון דאַנען און אויסזוכן זיך אַ פּלאַץ, וואו ער וועט נישט זיין קיין איבעריקער . . .

דאַטענבערג האָט זיך אַריבערגעכאַפּט קיין פּוילן, וואָס איז געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה, זיך פאַרבונדן מיטן פליכטלינגס־קאָמיטעט און מיט זיין הילף זיך דורכגעשריבן מיט זיינע נאָענטע און וייטע קרובים אויף יענער זייט ים, פון וואַנען מ׳האָט אים אַרויסגעשיקט די נויטיקע פּאַפּירן און אַ שיפסקאַרטע און ער האָט סוף־כל־סוף דערגרייכט די ברעגן פון אַמעריקע.

אין די צוואַנציק יאָר וואָס ס׳איז אים אויסגעקומען צו לעבן אונטער דער באָלשעוויסטישער ממשלה, האָט ראַטענבערג פאַרדינט אויף חיונה. די ערשטע שטעלע, וואָס ס׳איז אים געלונגען דאָרט צו קריגן, איז נישט געווען קיין גוט־באַצאָלטע. דורך פריינט און באַקאַנטע האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ שטעלע, וואו די שכירות זענען געווען העכערע. גראַד דעמאָלט האָט ער חתונה געהאַט און דאָס וויב האָט אויך גוט פאַרדינט, האָט מען זיך געלעבט בהרחבדיק. נאָך עטלעכע יאָר פאַרהייראַט לעבן, ווען קיין קינדער זענען נישט געקומען, איז דאָס פאַרפאַלק זיך פונאַנדערגעגאַנגען און ער האָט מער נישט חתונה געהאַט.

אין אַמעריקע האָט ראַטענבערג צו זיין באַשעפטיקונג זיך נישט געקענט דערשלאָגן (אין רוסלאַנד איז ער געווען אַ פאַרוואַלטער אין אַ גרויסן מאַנופאַקטור־מאַגאַזין). איז ער געווען געצוואונגען צו לערנען זיך שניידעריי

און צו קריגן וואַסערע ס'איז נישט אַרבעט אין אַ שנײַדער־פֿאַבריק. ער האָט נישקשהדיק פֿאַרדינט און זיך אָנגעשלאָסן אין דער יוניאָן. דעמאָלט האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטײ געשפּרייזט בּאַרג אַרויף אויף דער יידישער גאַס און האָט אַרויסגעגעבן אַן אָנגעזעענע צײַטונג און אַ זשורנאַל, וואו עס האָבן מיטגעאַרבעט די אָנגעזעענסטע יידישע זשורנאַליסטן, פּאָעטן און דער־ציילער.

ראָטענבערג האָט אין רוסלאַנד נישט געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, זי איז אים אָבער געווען צום האַרצן. זי האָט אָפּגעשטעלט עטלעכע פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַינע און צעשאָסן זייערע אָנפֿירער. ווען די דײַטשן האָבן אָפּגעטראָטן פֿון אוקראַינע און די באָלשעוויקעס האָבן זיך דאָרט באַפֿעסטיקט, האָט דאָס יידישע לעבן אויפֿגעבליט. די יוגנט האָט מיט ברען זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אינעם איבערבוי פֿונעם לאַנד אויף קאָמוניסטישע יסודות. די באָלשעוויקעס האָבן אײַנגעפֿירט נידעריקע און העכערע יידישע שולן, אַרויסגעגעבן יידישע ביכער און זיי צעשיקט אין אַלע יידישע ישובים. אין די גרעסערע שטעט האָט מען געשפּילט יידיש טעאַטער און עס זענען פֿאָרגעקומען גרויסע פֿאַרזאַמלונגען, וואוהין עס זענען אָראָפּגעקומען פֿון דער קרוינשטאָט אָנגעזעענע יידישע פֿירער, וואָס האָבן גערעדט אויף אַזאַ יידיש און וועגן אַזעלכע ענינים, אַז קינד און קייט זענען געקומען זיי הערן.

די שנײַדערישע אַרבעטער־באַוועגונג איז אין אַמעריקע געווען גע־שפּאָלטן אויף רעכטע און לינקע, ראָטענבערג האָט געהערט צו דער לינקער יוניאָן. ער האָט אויך חשק געהאַט זיך אָנצושליסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, האָט מען אים אָפּגערעדט דערפֿון, ס'איז גלײַכער צו ווערן פֿריער אַן אַמעריקאַנער בירגער און דערנאָך — אַ מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. צו פֿינף יאָר איז ראָטענבערג געוואָרן אַן אַמעריקאַנער בירגער און באַלד זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ.

26

איינמאָל האָט קליינמאַן צוגעזען ווי צוויי פרויען האָבן געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך און פּלוצים גאָר גענומען שמייכלען, וואָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די פרויען האָבן איינע דער אַנדערער דערציילט זיך מעשיות פון זייער לעבן און ווידער אַמאָל אָנגעהויבן שמייכלען. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. פון זייערע שמועסן האָט משה זיך אָנגעשטויסן אַז דאָס זענען צוויי שוועסטער וואָס האָבן זיך שוין יאָרן לאַנג נישט געזען. פון דער־אָ באַגעגעניש האָט משה אָנגעהויבן איינצוזען וויאַזוי ס׳איז געקומען דערצו אַז מענטשן זאָלן אָנהייבן שמייכלען. ס׳איז נישט געקומען מיטאַמאָל, נאָר צוביסלעכווייז. אָט ווי איין שוועסטער האָט דערציילט דער אַנדערער פון איר לעבן און גאָרנישט באַהאַלטן ס׳איז געווען אַ פרייער פלוס פון רייד און אַלץ איז אָפן — דאָס מויל, די ציין, די אויגן און דאָס אינערלעכע אין זיי, אַ פרייד איז געווען צעשפּרייט איבער זייערע פּנימער. אָט דאָס איז עס! — איז פאַר משהן ווי אַנטפּלעקט געוואָרן דער מיין פון שמייכלען. ווען ער האָט עס איבערגעגעבן זיינע פריינט האָבן זיי זיך צעשמייכלט פון זיין איינפאַל. דער איינציקער וואָס האָט עס נישט געטאָן איז געווען יאָסל.

— „ווי עס ווייזט אויס ביזטו נישט קיין אָפענער מענטש. — האָט מאָטל אין אַ שפּאַס אים געזאָגט. — „דערפאַר שמייכלסטו נישט.

— „כ׳האָב דיך טאַקע קיינמאָל נישט געזען שמייכלען. — האָט חנה צוגעגעבן.

יאָסל האָט זיך צעשמייכלט. איציק האָט נישט נאָכגעלאָזט: „אַצינד ווּעסטו זיך פרייען מיט אַ סך זאַכן.

יאָסל האָט שטיל געלאַכט און זיך אָנגערופן: „וואָס זשע איז אַ הילכיקער געלעכטער?

— „אויף דער הייסער מינוט קען איך דיר נאָר זאָגן, יאָסל — האָט משה אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. — פון אַ שטאַרקן שמייכל מיט אילע רמ״ח אברים ווערט אַ הילכיקער געלעכטער.

— „אפשר וואָלסטו אונז אויך דערקלערט וואָס איז אַזוינס חכמה? — האָט איציקן ווי באַנג געטאָן וואָס ער האָט משהן צוגעשטופּט צו דער וואַנט און פאַרענטפערט זיך. — „איז עס נישט צו האַרבליך?

— „ס׳איז די זעלבע יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט. — האָט משה אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט איציקס זאָרג. — „דורך דורות און דורות האָט דער מענטש געבידעוועט און שטאַרק געפּראַצעוועט צו מאַכן אַ לעבן. אַמאָל איז ער דורכגעפאַלן און אַמאָל האָט ער עפּעס דערגרייכט. איז עס

בײַ אים פאַרגעקומען אַז ס׳איז אַ צופאַל. אַז דאָס האָט זיך פאַרואָרעט מערערע מאָל איז אים אַרײַן אין קאָפּ אַרײַן אַז מסתמא האָט ער דאָס ערשטע מאָל געאַרבעט אויף אַזאַ שטײַגער און דאָס צווײטע מאָל — אויף אַן אַנדער שטײַגער. הײסט עס נישט אַז מע דאַרף אײן שטײַגער אַרבעט פאַרוואָרפן און דעם אַנדערן — נישט? גראָד האָט זיך געמאַכט אַז דער געלונגענער שטײַ־גער אַרבעט איז געווען אַ שווערער און דער נישט געלונגענער — אַ גרינגער. איז דער מענטש געצוואונגען געווען שווער צו אַרבעטן אַבי נישט דורכפאַלן — און אויף אַזאַ אופן איז אַנגעגאַנגען דער וועג פון לעבן.

אײנצעלנע מענטשן אָבער האָבן געקלערט — אפשר וואָלט מען געקענט דעם שווערן שטײַגער אַרבעט אויסבעסערן, וועט עס ווינציקער געדויערן און דאָך אָפּגעטאָן ווערן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. געטראַכט און געטאָן און ס׳איז אַרויסגעקומען גאָר נישט שלעכט. ס׳רוב האָט זיך געהאַלטן בײַם אַלטן וועג פון אַרבעט און נאָר אײנצעלנע האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַנדערע וועגן. זײ, ווײַזט אויס, האָבן געמאַכט קלײנע אויסבעסערונגען וועלכע זענען געוווינלעך אָנגענומען געוואָרן פונעם רוב און אַן אַנדערש מאָל — נישט.

— „קומט דאָך אויס, משה, אַז ס׳גאָר ניטאָ קײן חכמה? — האָט יאָסל געשטויסט וואָס קלײנמאַן דראַפּעט זיך אויף די גלײַכע ווענט.

—„און דו האָסט געמײנט. — האָט משה מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף יאָסלען. — „אַז ערגעץ וואו ליגט אָנגעגרײט חכמה, אײנער שעפּט אַן פון דאָרט מיט פולע זשעמעניעס און דער אַנדערער — נאָר אַ ביסל? אײנער איז אַ קלוגער און דער צווײטער — נישט איבעריק קלוג, עס קומט גאָר פאַר אויף אַן אַנדער אופן. אײנער טוט ווי די טאַטע־מאַמע האָבן געהײסן טון, דער אַנדערער, דער קלוגער אַזוי צו זאָגן, לײגט צו אַ ביסעלע קאָפּ און האָט מער הצלחה ווי דער ערשטער. אַזוי גײט עס אַן משׁשת ימי בראשית.

— „פאַרוואָס זשע, משה, שטויסן מיר זיך אַן אויף מאָדנע דערשײַנונגען אין לעבן? — האָט חנה זיך אַרײַנגעטראַכט אינעם ענין. — „פאַרוויקלטע פּראָבלעמען זענען מיר גיכער גובר ווי פשוטע. מיר האָבן אויף שיפן זיך אַרויס־געלאָזט אויף אומבאַקאַנטע וואַסער־וועגן און אַזוי אַרום אַנטדעקט אַ נײַעם קאָנטינענט אָדער לאַנד און ערשט העט שפּעטער האָבן מיר געבויט אײַזנ־באַנען כדי צו פאַרבינדן לענדער פונעם זעלבן קאָנטינענט. פאַרוואָס?

— „דאָס נעמט זיך, גלויב איך, דערפון. — האָט קלײנמאַן געקוקט פאַר זיך. — „וואָס דעם מענטשן ציט צו וואָס ווײַטערע, שווערערע זאַכן, און דאָס וואָס מע קען מיט דער האַנט דערלאַנגען, וועט נישט אַנטלויפן. מע וועט עס דעראָבערן, אויב ניש מאָרגן איז איבערמאָרגן.

זײַן אײגענע דערקלערונג פאַרוואָס אײנער פירט דורך אַ זאַך בעסער און קליגער ווי אַן אַנדערער האָט משהן נישט געלאָזט צו רו און ווי אַלעמאָל איז אים אײן משך פון עטלעכע טעג געקומען אויפן געדאַנק אַז דאָס איז נישט אַזוי פשוט ווי ער האָט געמײנט, עס קומט גאָר פאַר אויף אַן אַנדער אופן.

צוליב אַלערליי סיבות האָט אַ פֿאָלק געמאַכט גרויסע דערגרייכונגען אויפֿן עקאָנאָמישן און אינטעלעקטועלן געביט. דאָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן פֿון אָנגעזעענסטע אינטעלעקטואַלן און צו זיי ווערט צוגעשריבן דער פֿאָלקס־אויפֿבלי. די יחידים פֿון גרויסן שוואונג האָבן משפּיע געווען אויפֿן פֿאָלקס מזל־ברכה. — און אַזוי איז עס געוועז אָנגענומען.

אין דער אמתן, האָט משה איינגעזען, גייט דער פּראָצעס אָן אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג — דאָס פֿאָלק ווירקט אויף די פֿירער. פֿון אַן אָפּגע־שטאַנען פֿאָלק קומען נישט אַרויס קיין גרויסע פּאָליטיקער אָדער דענקער. ביי די עסקימאָסן האָט זיך נישט באַוויזן קיין שפּינאָזא, אָבער ביי די יידן פֿונעם שפּאַנישן פּעריאָן איז אויפֿגעקומען דער רמב״ם.

וויאַזוי דערקלערט זיך עס? אַ פֿאָלק לעבט אויף זיין לאַנד און ציט די יניקה פֿון ערד־אַרבעט. דורות און דורות גייען פֿאַרביי. דער פּויער באַאַרבעט טיכטיגער ווי אַלעמאָל די ערד, גיט אַכטונג בעסער אויפֿן גאָרטן, אויך אויף די פֿערד און בהמות. די דערפֿער ווערן גרעסער, עס בויען זיך אויף שטעטלעך און שטעט וואוהין עס קומען פֿון ווייטע קאַנטן אַלערליי סוחרים מיט פֿאַר־שיידענע שטאָפֿן אויף מענערישע און פֿרויאישע קליידער. עס בויען זיך אויף שולעס, קלענערע און גרעסערע. די קלענערע אין די דערפֿער און די גרעסערע אין די שטעטלעך און שטעט. דער עולם ווערט שוין כמעט אַזוי געבילדעט ווי די סוחרים וואָס קומען אַראָפּ פֿון ווייטע גרויסע מקומות און קיינער וועט נישט וואַגן צו זאָגן אַז ס׳איז אַן אָפּגעשטאַנענער געגנט. דאָ און דאָרט געפֿינט מען שוין אַ בלאַט פֿון דער גרויסער שטאָט און אויף אַ זייטיק טישל ליגן עטלעכע יידישע מעשה־ביכלעך. אין אייניקע שטעטלעך האָט די יוגנט אויך אויפֿגעשטעלט עפּנטלעכע ביבליאָטעקן.

עס איז נאַטירלעך אַז אַ שטעטלעשער בחור זאָל נישט וואַקלען זיך אָנעקצופֿאָרן אין אַ גרויסער שטאָט און כאָטש ער איז דאָרט געוואָרן אויס־געריסן זענען פֿונדעסטוועגן אָנגעקומען ידיעות אַז ס׳גייט אים גוט. דערמיט האָבן זיך אָנגעשטעקט אַנדערע בחורים און האָבן נישט געסטאַיעט אין שטעטל.

27

שמחה ראַטענבערג האָט נאַטירלעך זיך געטראָפן מיט זיין לייבלעכן קאָזין, משה קליינמאַן. די באַגעגענישן צווישן זיי זיינען פאָרגעקומען ביי משהן אין הויז. מ׳האָט געשמועסט וועגן די קרובים וואָס זענען פאַרבליבן אין רוסלאַנד און וועגן די נאָענטע און ווייטע קרובים פון אַמעריקע. שפּע־טער צו איז מען אַריבערגעגאַנגען צום סאָוועטישן יידישן לעבן וועגן וועלכן משה איז געווען בייגעריק צו וויסן וואָס מער, דאָס קומט דאָך פון אַן אייגענעם וואָס האָט ניט לאַנג צוריק געלעבט דאָרט.

לויט ראַטענבערגס רייד איז אין אוקראַינע וואו ס׳האָט געלעבט אַ געדיכטע יידישע באַפעלקערונג, געווען צעשפּרייט אַ גרויסע נעץ פון יידישע שולן וואו אַלע לימודים זענען פאָרגעקומען אין יידיש. אין דער אוקראַינישער קרוינשטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אַ פאַרצווייגטער יידישער פאַרלאַג פון וואַנען יידישע ביכער זענען צעשיקט געוואָרן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פאַר שפּאָט ביליק כדי אַלע תלמידים און תלמידות זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט זיי איינצוקויפן.

נאָכן קריגן אַן אַלגעמיין בילד פון סאָוועטישן יידישן לעבן, האָט משה אין זינען געהאַט אַריבערצוגיין צו די איינצלהייטן און דאָס האָט ער גע־רעכנט צו דערגרייכן דורך פראַגן אויף וועלכע זיין קאָזין וועט אים געבן באַשטימטע ענטפערס.

—וואָס איז, שמחה, געוואָרן פון די אַלערליי קלייטן אויף דער הויפּט גאַס און אין די זייטיקע גאַסן?

—מען האָט ניט דערלויבט די צעלניקערס און שניטקרעמערס צו עפע־נען די קראָמען און פאַרקויפן אַלערליי סחורות.

— וואו זשע, שמחה, האָט מען געקענט קריגן שניט סחורה און צעלניק?

— די צעלניקערס און שניטקרעמער, משה, האָבן פאַרקויפט אין די הייזער זייער סחורה.

— און די סאָוועטישע מאַכט האָט זיי נישט פאַרמאַכט, שמחה?

— די מאַכט האָט געקוקט אויף דעם דורך די פינגער.

— „איך פאַרשטיי נישט, שמחה, וואָס דו רעדסט, אַט זאָגסטו מיר אַז די מאַכט האָט פאַרמאַכט די אַלע קראָמען און אַט זאָגסטו אַז זי האָט געקוקט דורך די פינגער ווען מען האָט געהאַנדלט אין די הייזער, ווי אַזוי קלעפּט זיך עס? אַ נו, לאָמיר הערן!

— די מאַכט האָט געלאָזט וויסן אַז זי וועט עפענען גרויסע שפּייז־

קראָמען וואו מען וועט קריגן אויף דריי טעג עסנוואַרג אויף די שפּייז־קאַרטלעך וואָס יעדערער וועט קריגן. איצט פאַרשטייסטו שוין, משה?

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, שמחה, פאַרוואָס די מאַכט דערלאָזט אַז מען זאָל האַנדלען אין די הייזער?

— ס׳איז זייער פּשוט, משה, אַזעלכע גרויסע מאַגאַזינען עפנט מען ניט איינס און צוויי.

— אַזעלכע קרומע זאַכן פּאַטופּיען זיך מיר נישט אין קאָפּ, שמחה, מען האָט צעפּויקט אין די גאַסן אַז מען גייט עפענען גרויסע מאַגאַזינען ווען זיי האָבן געוואוסט אַז מען קען עס באַלד ניט טאָן. מען האָט פאַרווערט צו עפענען די קראָמען און מ׳האָט געקוקט דורך די פינגער ווען מען האָט געהאַנדלט אין די הייזער. איך פאַרשטיי דאָס ניט.

— „אַז מען לייגט צו אַביסל קאָפּ, משה, ווערט אַלץ קלאָר. מען האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן אַז מען וועט עפענען גרויסע מאַגאַזינען, עס זאָל אַריינגיין אין פלייש און בלוט פונעם יידישן מענטשן, אַז פּריוואַטער האַנדל איז פאַרווערט. מ׳האָט דערווייל געלאָזט האַנדלען אין די הייזער ווייל גרויסע מאַגאַזינען האָט מען פאַרלויפיק נישט געקענט עפענען.

—עס קומט אָבער אויס, שמחה, אַז די מענטשן געוואוינען זיך צו אַרומצוגיין דאָס געזעץ, וועט דאָס זעלבע געטאָן ווערן אויך שפּעטער.

— „ווען עס וועט נייטיק זיין, משה, וועט מען שטרענג פאַרבאָטן דעם פּריוואַטן האַנדל. עס איז אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג.

— „נישט אַזוי לייכט, שמחה, געוואוינט מען אָפּ מענטשן טאָן זאַכן וואָס ברענגען אַריין אַ סך ריווח.

— די סאָוועטישע מאַכט, משה, קען אָפּגעוואוינען מענטשן פון אַ סך זאַכן. זי לייגט אַרויף אַ שווערע שטראָף און מאָנט עס תיכף איין אַפילו ווען מען דאַרף אָנקומען אַוועקצונעמען דאָס בעטגעוואַנט. חוץ דעם זעצט זי איין אין תפיסה און פאַרשיקט אַמאָל די גאַנצע פאַמיליע קיין סיביר.

— „איך ווייס ניט צו וואָס ס׳איז נייטיק די גאַנצע פאַרפּלאָנטערניש, שמחה, די מאַכט קען איינשטעלן אַ נייעם סדר און די באַפעלקערונג וועט בעל כרחה עס אָננעמען.

— „אַזאַ סדר לעבן, משה, וואָס איז להיפּך דעם בורזשואזנעם פּעריאָד וואָס האָט געדויערט הונדערטער יאָרן קען מען נישט איינשטעלן איינס און צוויי.

— איך גלויב, שמחה, אַז מען קען געפינען אַן אויסוועג. צום אַלעם ערשטן לייגט מען שטופּנווייז אַוועק דעם פונדאַמענט פון דער נייער סיס־טעם, דערנאָך אַרבעט מען אויס אַ דעטאַלן פּלאַן ווי אַזוי צו פאַרטיילן די פּראָדוקטן צווישן דער באַפעלקערונג. ווען אַלץ איז פאַרטיק, פאַרווערט מען דעם פרייען האַנדל און מען לאָזט אין גאַנג דעם נייעם שטייגער פון פאַרטיילונג.

— „אויף פּאַפּיר, משה, זעט עס אויס זייער פיין, אָבער אין לעבן גייט עס ניט צו אַזוי גלאַטיק.

— „איז וואָס, שמחה, אַז ס׳וועט נעמען אַ ביסל צייט אויסצואַרבעטן דעם פּלאַן? עס לוינט זיך צו פאַרלירן עטלעכע מאָנאַטן אַבי אויסצומיידן די פאַרפּלאָנטערנישן.

— „די צרה, משה, איז גאָר אַן אַנדערע. אין דער פאַנטאַזיע קוקט אויס אַ פּלאַן זייער שיין און אין פּראַקטישן לעבן ווערט פון אים אַ פאַרזעעניש. עס איז דער סאָוועטישער מאַכט ניט קלאָר געווען ווי אַזוי איינצופירן דעם נייעם פּלאַן אַז ס׳זאָל פון אים נישט ווערן קיין גרויסער דורכפאַל און דאָס לאַנד זאָל ניט אַריינפאַלן אין אַ פּאַניק אויף וואָס די שונאים פון דער נייער אַמכט האָבן געוואַרט, דערפאַר האָט מען געטאָן אַלץ זייער פּאַמעלעך און דערוויל געלאָזט האַנדלען אין די היימען. ס׳איז געווען אַ בין השמשות, די נייע צייט האָט געהאַלטן אין אָנקומען און די אַלטע צייט — אין אַרויסגיין.

— „צו וואָס, שמחה, איז נייטיק די גאַנצע מי? מיט וואָס איז דער קאַפּיטאַליזם ערגער ווי דער סאָציאַליזם צוליב וועלכן מען דאַרף אַוועק־לייגן אַזויפיל קרבנות?

— „מ׳האָפט, משה, אַז דער רוב מנין און בנין פון נייעם מענטשלעכן מין וועט מער זיך נישט דאַגהן וועגן חיונה און די קינדער פון גאַנצן פאָלק וועלן קריגן אַ גוטע דערציאונג, נישט ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — די גבירים שיקן זייערע קינדער אין די גימנאַזיעס און די אָרימעלייט שיקן זייערע קינדער אַרבעטן.

— „לאָמיר באַר זען, שמחה, ווי אַזוי עס וועט אויסקוקן די קאָמוניס־טישע געזעלשאַפט. פון אַלע מענטשן וועט ווערן אַרבעטער וואָס באַקומען זייער לוין און די פייאיקייטן פון די אויסדערוויילטע וועלן גיין אין ניוועץ.

— „לאו דווקא, משה, די קאָמוניסטישע סיסטעם זאָל פונקציאָנירן אָן שום שטרויכלונגען מוזן אויסגענוצט ווערן די פייאיקע מענטשן.

— „אויף פּאַפּיר שטימט עס זייער גוט, שמחה, אָבער אין פּראַקטישן לעבן קומט פאַר דאָס פאַרקערטע. וואָס גרעסער די פאַבריק אָדער אַנ־שטאַלט, אַלץ שווערער איז צו דערשלאָגן זיך צו אַ שטעלע אויף וועלכער מען קען זיך אויסטויגן.

— אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, משה, גייט עס דען בעסער? מענטשן וואָס צייכענען זיך מיט גאָרנישט ניט אויס, באַגליקן און ווערן רייך, און אַנדערע, קלוגע און פייאיקע מענטשן, האָבן ניט קיין הצלחה צו וואָס זיי זאָלן זיך ניט צורירן. אַזוי איז עס אומעטום.

— און וואָס איז, שמחה, מכות אַ בעל־מלאכה אָדער אַ בוכהאַלטער וואָס איז נישט מיט אַלעמען און קען זיך נישט יאָווען צו דער אַרבעט? וואָס טוט ער אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט?

— „ער דאַרף, משה, עקזאַמינירט ווערן פון אַ דאָקטאָר וואָס וועט

אים געבן אַ צעטעלע אַז ער טאָר נישט פאַרלאָזן דאָס הויז און דאָס צעטעלע דאַרף צוגעשיקט ווערן אין זיין אַרבעטס פּלאַץ.

— „מען קריגט דאָך נישט, שמחה, קיין דאָקטאָר איינס און צוויי אין רוסלאַנד. איז וואָס זשע זאָל דער חולה טאָן אין אַזאַ פאַל?

— ווי איך פאַרשטיי, משה, מוז ער זיך יאָוּוען צו דער אַרבעט און דאָרטן קען מען שוין אויספירן אַז אַ דאָקטאָר זאָל אים באַטראַכטן און באַשליסן וואָס צו טאָן.

— „עס קען דאָך, שמחה, טרעפן אַז דער חולה זאָל פון אָנשטרענגונג אַנידערפאַלן ביי דער אַרבעט און אויסציען די פיס.

—„אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך זייער זעלטן, משה.

— פאַרוואָס ניט זען, שמחה, אַז אַזעלכע זאַכן זאָלן קיינמאָל ניט פאַרקומען?

— „אויב מען וועט ניט זיין שטרענג, משה, וועלן אַ סך מענטשן, דורך אַלערליי תירוצים, נישט יאָוּוען זיך צו דער אַרבעט.

— פאַר ניט קומען צו דער אַרבעט, שמחה, קריגט מען נישט באַצאָלט, און מענטשן דאַרפן האָבן פּרנסה, וועלן זיי דאָס ניט טאָן.

— „יעדער אַרבעטער, משה, איז באַרעכטיקט צו קריגן יעדעס יאָר שכירות פאַר עטלעכע קראַנקע טעג.

—„דאָס איז זייער פיין, שמחה, אָבער וואָס קער זיך עס אָן מיט אונזער ענין?

— „אַ סך אַרבעטער, משה, לאָזן ניט דורך, צום סוף יאָר, די שכירות פון די קראַנקע טעג וואָס עס קומט זיי און מאַכן זיך קראַנק. און דאָס טאָר ניט געשען. דערפאַר מוז דער דאָקטאָר באַשטעטיקן אַז דער אַרבעטער איז קראַנק און טאָר נישט גיין אַרבעטן.

— „אויף מיין לשון, שמחה, הייסט עס אַז דער אַרבעטער איז אין דער בחינה פון אַ זעלנער.

— „אין אַ געוויסן זין, משה, איז יעדער איינער אין אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, געגליכן צו אַ זעלנער וואָס דאַרף זיך יאָוּוען אויף זיין אַרבעטס־פּאָסטן.

— „און ווי איז דער דין, שמחה, אַז אַן אַרבעטער שטייט אויף איינדער־פרי און פילט זיך לאַ־עליכמדיק, טאָר ער נישט בלייבן אין דערהיים און פאַרלירן אַ טאָג שכירות?

— „ניין, משה, יעדער איינער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געזעלשאַפט און מוזן יעדן טאָג קומען צו דער אַרבעט.

— „ביי מיר, שמחה, קומט עס אויס אַז אַזאַ מלוכה איז אַ גרויסע קאַזאַרמע.

— עס איז געווענדט, משה, ווי מען קוקט אויף זאַכן, די מלוכה גיט דעם אַרבעטער אַ דירה און זיינע קינדער — אַ גוטע דערציאונג. און דאָס

אַלץ פֿאַר אַ שיבוש כּמעט, דאַרף דאָך דער אַרבעטער האָבן אַ שטיקל אחריות פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

— „זיכער, שׂמחה, איז דער יחיד פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער געזעל־שאַפֿט. אויב דער יחיד וועט זיך אָפּזאָגן צו אַרבעטן פֿאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט, וועט מען אים ניט פֿאַרזאָרגן מיט אַ דירה א.אַ.װ. אָבער ווען דער יחיד פֿאַרפֿעלט עטלעכע טעג אַ יאָר צו אַרבעטן און קריגט ניט באַצאָלט דערפֿאַר איז לעכערלעך צו באַשטראָפֿן אים.

— „דאָס איז חל, משה, אויף דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט און נישט אויף דער קאָמוניסטישער.

— די פּריווילעגיע צו פֿוילן זיך אַביסל, שׂמחה, טאָר נישט אַוועק־גענומען ווערן פֿונעם יחיד אַפֿילו אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט, אַניט וועט פֿון איר ווערן אַ גרויסע קאַזאַרמע.

— „צו פֿוילן זיך, משה, איז מעגלעך אַפֿילו אַ גאַנץ יאָר נאָר אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט.

28

וואָס לענגער די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געדויערט און וואָס טיפֿער די דייטשע חיילות האָבן אַריינגערונגען קיין רוסלאַנד, אַלץ עקשנותדיקער האָבן זיך געמערט די קלאַנגען אַז אין די פּוילישע יידישע שטעטלעך קומט פֿאָר אַ סך ערגערס ווי אָנפֿאַלן פֿון שיכורע דייטשע זעלנער אויף דער פֿרידלעכער יידישער באַפֿעלקערונג.

אייניקע עלטערע יידן האָבן די שלעכטע בשורות וועגן דייטשע שחיטות אויף יידן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און געהאַט אַ גרונט דערצו. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען אַז אין אַנטווערפּן האָבן די דייטשן אויסגעקוילעט די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג און ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט אַז שיכורע דייטשע זעלנער האָבן גע׳הרג׳עט אַ פּאָר יידן. מ׳האָט אַפֿילו געשמועסט אַז די בילבולים זענען אויסגעטראַכט געוואָרן צו פֿאַרמיאוסן די דייטשן ביי די יידן וואָס האָבן אויס שנאה צו „פֿאָניע גנב" געהאָפֿט אויף דער רוסישער מפּלה.

מען האָט איבערגעגעבן אַז אַן עלטערע יידישע פֿרוי האָט געזאָגט דער יונגער פֿרוי, איר מאַן און קינדער: טאָכטער מיינע, איך וועל בלייבן ביי די נאַציס אָ׳ן איר אַנטלויפֿט און ראַטעוועט זיך . . .

משה איז געבליבן ווי פֿריטשמעליעט פֿון דער מוטערס רייד, באַלד אָבער איז אים שוידערליך קלאָר געוואָרן זייער מיין. אין מיין עלטער וועל׳יך נישט קענען מיטלויפֿן מיט אייך און מירן אַלע אומקומען, אַז איך וועל „בלייבן" ביי די נאַציס, וועט איר מיט די יונגע פֿיס קענען אַנטלויפֿן פֿונעם גיהנום.

***

עס זענען פֿאַראַן ווערטער וואָס פֿאַרגעסן זיך קיינמאָל נישט. ווען אין דייטשלאַנד איז שוין היטלער געווען ביי דער מאַכט, זענען די אַמעריקאַנער דייטשן, די עמיגראַנטן און זייערע געבוירענע אין אַמעריקע קינדער, געוואָרן האָפֿערדיק. זייער אָרגאַניזאַציע „דער דייטשער בונד" האָט אויף עפֿנטליכע פֿאַרזאַמלונגען געמאַכט דערקלערונגען וואָס זענען געווען ווי אָנגעשריבן מיט נאַצישע הענט. גראָד איז קליינמאַנען אויסגעקומען אַרויסצוגיין פֿון אַ סאָבוויי־סטאַנציע ווען אַהין האָט אַריינגעשטראָמט אַן עולם וואָס האָט גערעדט דייטש צווישן זיך. עס איז אָבער פֿאַר משהן ניט געווען קיין איבערראַשונג, אַ פּאָר מאָל אַ וואָך האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף אַזאַ עולם.

אַ גראָבע מיטליעריקע דייטשקע האָט זיך אָנגעשטויסן אויף קליינמאַנען וואָס האָט עפּעס געזאָגט זיין פֿריינד אין יידיש, האָט זי אים אַריינגעשריגן

אין פּנים: „וואָס פאַרנעמט איר זיך נישט, יידעלעך, קיין פּאַלעסטינע? קיינער דאַרף אייך דאָ נישט און מ'וועט אייך סײ ווי אַרויסטרייבן פון דאַנעט!

משהן האָט זיך איינגעקריצט אין זיכרון דאָס צאָרנדיקע פּנים פון דער דייטשקע.

אין מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אָנגעקומען באַשטעטי־גונגען פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין וואַרשע אַז פּוילן איז געוואָרן כמעט יידן־ריין. משה קליינמאַן האָט נישט געקענט באַגרייפן אַז די צי־וויליזירטע דייטשן זאָלן קוילן מענער, פרויען און קינדער אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועץ, נאָר דערפאַר וואָס זענען יידן, כאָטש זיי האָבן נישט געפירט קיין מלחמה מיט די דייטשן. פאַרקערט גאָר, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען זיי געווען אויף דער זייט פון די דייטשן. די יידן האָבן גע־האַסט רוסלאַנד ווי „פּאָניע גנב", וואָס האָט זיי פאַרביטערט דאָס לעבן און געהאָפט אַז נאָך אַ מפּלה וועט די רעגירונג ווערן נאָכגעביק צום רוסישן פאָלק און אויך צו די יידן, אַזוינס האָט נישט איינמאָל געטראָפן אין רוסלאַנד.

וואָס מער משה איז מיט דעם אַלעמען באַקאַנט געוואָרן אַלץ מער שטוינונג האָט זיך פאַרמערט אין אים — וויאַזוי קענען מענטשן באַגיין אַזויפיל רציחות ווי עס וואָלט געווען אַ רגילות זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן? קליינמאַן האָט נישט געקענט משיג זיין וויאַזוי אַ דייטשער אָפיצער וואָס האָט באַגעגנט אַ יידיש קינד, זאָל עס איינשטילן מיט אַ צוקערקעלע און הייסן אַ זעלנער צוטראָגן דאָס קינד צו דער מאַמען ווען דער אָפיציר האָט געוואוסט אַז זי ווערט געפירט צוזאַמען מיט נאָך אַ סך אַנדערע פרויען, צון אַ גרויסער געביידע וואו זיי וועלן אַ ביסל שפּעטער פאַרגאַזט ווערן. משהן איז אויך געקומען אויפן זינען וויאַזוי די דייטשן זענען זיך באַגאַנגען מיט זייערע יידישע קרבנות. זיי האָבן די יידן געגעבן אָפּצועסן אַ גוטן מאָלצייט, צונויפגענומען אין אַ גרויסן זאַל און זיי פאַרזיכערט אַז גאָר אינגיכן וועט זיך אַריינאַווען אַ קאָמיסיע וואָס וועט זיי פאַרשרייבן צו דער אַרבעט, יעדן נאָך זיינע פעאיקייטן. וואַרטנדיק אויף דער קאָמיסיע האָבן די יידן זיך דורכגערעדט צו וואָס פאַר אַן אַרבעט איז גלייכער צו פאַרשרייבן זיך, אַ דרויסנדיקער אָדער אַן אינעווייניקסטער, אַ שטייענדיקער אָדער זיצנדיקער. אין דער זעלבער צייט זענען אַ פּאָר דייטשן אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך און דורך די עפענונגען וואָס האָבן אויסגעזוען פון דערווייטנס ווי קליינע קוימענס אַריינגעלאָזט אין גרויסן זאַל אַ גאַז פון וועלכן די פאַרזאַמלטע יידן זענען אין משך פון עטלעכע מינוט דערשטיקט געוואָרן.

נאָך דער מלחמה האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז די רוסן אַריבער־טרעטנדיק די דייטשע גרעניץ האָבן געמאַכט אַ שחיטה אין עטלעכע דערפער, אָבער די ענגלענדער זענען געווען קעגן דעם: מען טאָר נישט הרג'ענען די פרידלעכע באַפעלקערונג" און די רוסן האָבן צו רו געלאָזט די דייטשע איינ־וואוינער.

משה קליינמאַן איז געווען אויפגעקאָכט: „די ענגלענדער האָבן געקענט זיין פיינע מענטשן, זייערע געפאַנגענע האָבן די דייטשן גוט באַהאַנדלט. מיט די רוסישע געפאַנגענע זענען זיי געווען גרויזאַם און אַ סך פון זיי זענען אויסגעשטאָרבן אין די דייטשע לאַגערן האָבן די רוסן געמעגט אויסקוילן אַ ביסל דייטשע איינוואוינער. איך אַליין וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט עס צו טאָן און די דייטשן וואָס וואָלטן זיך געבעטן מע זאָל רחמנות האָבן אויף זיי, וואָלט איך געוואָרפן אין פּנים אַריין: „אַזוי האָט איר געטאָן צו די יידן, איצט פאַרזוכט אויך דעם טעם פון ווערן געקוילעט, וועט איר וויסן ווי גוט עס איז". און די דייטשן וועלן איבערגעגעבן זייערע קינדער און קינדס־קינדער וויאַזוי זיי האָבן באַצאָלט פאַר זייערע זינד. רייד האָבן נישט קיין פּעולה, אָבער קלעפּ געדענקט מען און נאָך ווי אַזוי!

29

— „וויאַזוי, משה, האָט דער מענטש זיך אויסגעלערנט שרייבן? — האָט יאָסל אים געפרעגט.

— „איך בין נישט קיין פילאָלאָג, יאָסל. ווי איך בין זיך משער. — האָט משה פּאַוואָליע אַרויסגעבראַכט די ווערטער. — האָט דער מענטש אויסגעמאָלט אויף זיין אופן דעם זונאונטערגאַנג און זיינע אייגענע צוריק־קערנדיק זיך פונעם טייך אָדער פעלד, האָבן שוין געוואוסט ווען ער וועט קומען אַהיים. טויזנטער און טויזנטער יאָרן זענען פאַריבער איידער דער מענטש האָט ווערטער פאַרצייכנט מיט אַלערליי פיגורן. דערפון האָט זיך גענומען דער אלף־בית.

— „ווי איך פאַרשטיי, — האָט איציק זיך אָנגערופן, — האָט דער מענטש פריער זיך אויסגעלערנט רעדן. וויאַזוי האָט ער עס באַוויזן צו טאָן?

— „מענטשלעכע רייד. — האָט יאָסל אים געענטפערט. — האָבן זיך אָנגעהויבן פונעם פירערס אַלערליי געשרייען צוז אַ גרופּע פּוסגייער וואָס האָבן געמיינט אַז מען דאַרף זיך אָפּשטעלן, גיין פאָרויס אָדער גאָר זיך אומקערן.

— „כוואַליעס לופט שאַפן אַ ווינט און אַמאָל אַן אוראַגאַן וואָס איז אייגנטליך לופט אין באַוועגונג. — האָט משה מאַריך געווען. — געצאַמטע כוואַליעס לופט וואָס זייער מיין איז שוין אָנגענומען צווישן אַ גרעסערער אָדער קלענערער גרופּע מענטשן זענען שוין רייד וואָס באַצייכענען זאַכן, געפילן און מיינונגען. ווינטן און רייד זענען, קוקט אויס, פון איין אָפּשטאַם.

— „ווי איך שטעל זיך פאָר. — האָט איציק געדרונגען פון משהס רייד. — האָט די לופט אַרומגערינגלט די ערד נישט נאָר צוליבן מענטשן.

— „ביזט געקומען צום ריכטיקן אויספיר. — האָט משה זיך אַ קער געטאָן צו איציקן. — לופט איז די טרייבקראַפט פון אילע לעבעדיקע באַשע־פענישן, מיט לופט־באַוועגונגען (ווערטער, קלאַנגען און זשומען) גיבן זיי באַפעלן, באַראַטן זיך, קריגן זיך און קומען צוז אַן אויסגלייך צעשטערן דעם אַלטן געביי און שטעלן אויף אַ נייעם. אויך ביימער, גראָזן א.א.וו. זענען ניט קיין אויסנאַם. לופט איז דער באַשטאַנדטייל פון אַלץ וואָס איז אויף דער און אין דער ערד.

— „אפשר, משה, קענסטו מיר זאָגן, — האָט חנה אים געפרעגט, — ווען די פרוי האָט אָנגעהויבן צו באַנוצן זיך מיט פייער אָפּצוקאָכן עפּעס.

— „פרעג מיך גרינגערע זאַכן, חנה. — האָט אויף משהס ליפּן זיך באַוויזן אַ שמייכל. — איך קען זיך נאָר משער זיין אַז מיט אַ הונדערט

טויזנט יאָר צוריק זענען די מענטשן זיך צעלאָפּן ווען אַ דונער האָט אַ קראַך געטאָן איבער זייערע קעפּ און דאָס ווערדל נעבן וועלכן זיי זענען געזעסן האָט זיך אָנגעצונדן. ביי זיי איז דאָס געווען גאָטס שטראָף פאַר זייערע זינד. זענען טייל פון די אַנטלאָפענע שפּעטער אַ ווײַלע צוריק געקומען, האָבן די האַלאָוועשקעס זיך נאָך געזשאַרעט, דאָס וואַסער אין כסר־פענדל וואָס איז געשטאַנען אויף זיי איז געווען הייס און דאָס פלייש וואָס איז געלעגן דערנעבן איז געווען צוגעבראָטן. דאָס הייסע וואַסער האָט זיי פאַליובעט און דאָס אָפּגעבראָטענע פלייש איז געווען ווייך צום קייען. דאָס איז געשען, לאָמיר זאָגן, מיט טויזנטער יאָרן צוריק און ווען דאָס האָט זיך איבערגע'חזרט מערערע מאָל, האָבן די מענטשן גערן זיך צוגעוואוינט דערצו, געטראָגן ברענענדיקע שטיקער האָלץ צו זיך אין וואוינונג, אַרויפגעלייגט נאָך האָלץ און צוגעגרייט אַ געקעכץ פאַרן הויזגעזינד. דאָס איז נישט געטאָן געוואָרן אין איין שמיי־דריי, עס האָט גענומען יאָרן און יאָרן איידער די פרוי האָט אָפּגעקאָכט וועטשערע. עס טוט זיך נישט אַזוי שנעל ווי עס דוכט זיך אויס.

— „מע זאָגט, משה, דער בחור איז דער שענסטער יונג אין שטאָט. — האָט מאָטל זיך אָנגערופן. — דאָס מיידל איז אַזאַ קראַסאַוויצע אַז צו איר איז קיין גלייכן נישטאָ. ביי אַן אַנדער פאָלק וועמענס שטריכן אונטערשיידן זיך פון אונזערע זאָגט מען דאָס אייגענע וועגן זייעריקע. וואָס זשע איז שיין און וואָס זשע — מיאוס?

— „איך וועל דיך אויך פרעגן אַ קלאָץ קשיא, — האָט חנה צוגעלייגט אַ קנייטל. — אַמאָל איז געווען אַ סך רעליגיעס אויף דער וועלט, היינט איז פאַראַן פיל ווייניקער, און יעדע רעליגיע האָט אַן אַנדער פאָרשטעלונג וועגן גאָט. אויף דער וועלט, איז אָנגענומען, איז פאַראַן איין גאָט. וויאַזוי זשע קען מען זיך אַרויספּלאָנטערן פון אַזויפיל פאָרשטעלונגען וועגן גאָט?

— „איך וועל אייך די רגע נישט געבן קיין ענטפער, און איך זאָג אייך נישט צו אַז שפּעטער מיט עטלעכע טעג וועל איך זיין בכוח צו דערקלערן דעם פאַרפּלאָנטערטן ענין. איכ'ל אַ טראַכט טאָן... — איז משהס פּנים געווען פאַרקלערט.

— „טראַכט וואָס מער, משה. — האָט זייגערמאַן אים אונטערגעגעבן כוח. — ווּעסטו גיכער קומען צו אַ טאָלק.

— „איך וועל מאַכן אַ שווערן אָנהייב. — האָט קליינמאַן אין אַ וואָך אַרום אַרויסגערוקט די פאַרקוועטשטע ליפּן. — איל'עך אפשר קומען צום אַ גרינגערן סוף. אימער אויסמישן און אויסקנעטן צוזאַמען יידן פון אַ געוויסן קאַנט און דורכדעם אַרויסקריגן אַ מוסטער־ייד, וועט ער אפשר ענלעך זיין צום „שענסטן יונג אין שטאָט". ווי אַזוי דערקלערט זיך עס? אין אַ געוויסער געגנט האָט זיך איינגעשטעלט אַז די הייך, ברייט און שטריכן פון פּנים זענען גילטיק פאַר אַ נאָרמאַלן יידן. דער ייד וואָס האָט דערגרייכט אַ געוויסן גראַד פון פּערפעקציע אין דער הינזיכט איז דער שענסטער יונג

אין שטאָט. דעם זעלבן צוגאַנג קען מען אָנווענדן צו די מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן און די שווערן, וועט אַרויסקומען אַ „ייִד און אַ שוועד". מע קען זיך אויך אויסמאָלן אַ מוסטער־מענטש פֿון פֿעלקער וואָס געהערן צו דער מיטל־לענדישער ראַסע — איטאַליענער, שפּאַניער און ייִדן, באַזונדערס אָריענטאַ־לישע. ס'איז אָבער שווער פֿאָרצושטעלן זיך אַ מענטשן וואָס זאָל האָבן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון אַן אייראָפּייער — אי פֿון אַ סלאַוו, פֿון אַ דייטש און אי פֿון אַן איטאַליענער. עס איז כמעט אומגלויבליך וואוהין עס קענען אונז פֿאַרפֿירן אַזעלכע און ענלעכע אויסדריקן ווי: „דער בחור איז דער שענסטער יונג אין שטאָט".

— „איז דאָך אוממעגלעך צו קלערן אַפֿילו אַז ווען־עס־איז וועט זײַן אַ מוסטער־מענטש וואָס זאָל האָבן אין זיך די שטריכן פֿון אַן אייראָפּייער און אַ כינעזער. — האָט חנה אַרויסגעטראָגן פֿון קליינמאַנס קלערונגען.

— „עס איז זייער אַ פֿאַרפּלאָנטערטער ענין, מײַנע פֿרײַנט. — האָט משה ווי מסכים געווען מיט חנהן. — קליינע פֿעלקער, גרעסערע און נאָך־גרעסערע פֿעלקער האָבן זיך צופֿיל אָפּגעשיידט איינע פֿון די אַנדערע, געלעבט אין באַזונדערע באַדינגונגען און קלימאַטן, געוואָרן כמעט גאַנץ אַנדערע מענטשן. איז כדי צו דערגיין אַ שטיקל טאָלק אין דעם מישמאַש, דאַרף מען האָבן אַ מוסטער־מענטש נישט פֿון פֿעלקער, נאָר פֿון גרויסע קאַנטן. אייראָפּע למשל, וואָלט מען געקענט פֿאַרטיילן אויף צוויי חלקים, צפֿונדיקן און דרומדיקן. די ליניע וואָס שיידט אָפּ די צוויי טיילן וועט פֿאַרשטייט זיך זײַן אַ קרומע און אייניקע פֿעלקער וועלן געהערן צו ביידע חלקים. ס'איז אויך מעגלעך אַז אַ קאָנטינענט וועט מוזן פֿאַרטיילט ווערן אויף עטלעכע חלקים און אין יעדערן פֿון זיי וועלן זיך געפֿינען קליינע און גרויסע צאָלן פֿון עטלעכע פֿלקער. נאָר אויף אַזאַ אופֿן וועט מער־וויניקער געלינגען צו קריגן מוסטערן פֿון אַלערליי פֿעלקער און דערנאָך זיי סאָרטירן לויט זייערע ראַסע — ווײַסע, געלע, שוואַרצע און קלענערע ראַסעס.

— „עס וועט נישט זײַן קיין פּינקטלעכע פֿאַרטיילונג, — האָט איציק זיך אָנגערופֿן.

— „קיינער צווייפֿלט נישט אין דעם — האָט משה געקוקט אויף אים מיט זשמורענדיקע אויגן.

— „ס'איז אָבער קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ, דוכט זיך מיר.

— „פֿאַרוואָס זענען נאָך איצט פֿאַראַן אַזויפֿיל רעליגיעס אויף דער וועלט? — האָט חנה זיך געחידושט. — ס'איז דאָך נישט צו פֿאַרשטיין פֿאַר־וואָס דער גלויבן אין איין גאָט זאָל זײַן בײַ איין פֿאָלק אַנדערש ווי בײַ אַ צווייטן און יעדער צד מאַכט צו גאָרנישט דעם גלויבן פֿונעם אַנדערן צד.

— „דער אורשפּרונג פֿון אַלע רעליגיעס נעמט זיך דערפֿון, חנה, — האָט יאָסל איר געענטפֿערט, — וואָס נאָך דער אורמענטש האָט זיך גע־וואונדערט און אויף זײַן אופֿן זיך געפֿרעגט — פֿון וואַנען האָבן זיך גענומען

די שטערן, די לבנה, אילע קליינע און גרויסע באַשעפענישן אויף דער וועלט? איך גלויב אַז אין יעדער באַשעפעניש איז פאַראַן אַ לעכצונג צו דערגיין ווער ס'איז דער באַשאַפער פון דער גאַנצער וועלט. און וואָלטן די יידן זיך ניט פאַרגעשטעלט גאָט אַנדערש ווי די איבעריקע געצנדינער וואָלט דאָך דער ארון־עולם נישט געגעבן די יידן די תורה אויפן באַרג סיני.

— „אַפילו דער ווילדער מענטש, — האָט איציק געפּרובירט דערגאַנצן יאָסלס אַריינטראַכטן זיך אין דעם ענין, — וואָס האָט זיך געבוקט צום גאָט פון זיין דאָרף אָדער שבט, האָט גאָט זיך פאַרגעשטעלט אַנדערש ווי דער מענטש פון אַן אַנדער דאָרף אָדער שבט.

— מיר דוכט זיך אַז מיר אַמפּערן זיך וועגן אַ זעלבסטפאַרשטענד־ליכקייט. — האָט זייגערמאַן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט דעם גאַנצן ויכוח. — אָט האָבן מיר אַלע איבערגעלייענט דאָס זעלבע בוך און יעדער פון אונז פאַרשטייט עס אַנדערש. דאָס אייגענע קומט פאָר ביי פעלקער — יעדער פאָלק באַנעמט גאָט אויף אַן אַנדער אופן.

— „און דו, משה, האָסט שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן וועגן דעם? — האָט חנה זיך געוואונדערט.

— „גיי שוין, גיי, חנה. אַזאַ זאַך וועט קיינמאָל זיך נישט טרעפן. — פון קליינמאַנס מאַך מיט דער האַנט און דריי מיטן פּנים (אין זיי האָט געשטעקט אַ סך אָפּלאַכערישקייט פון זיך אַליין) — האָט דער קליינער עולם זיך צעלאַכט. משה האָט איינגעהאַלטן דעם שמייכל אין זיינע אויגן און זיך אָנגערופן: — „איך האָב זיך גוט צוגעהערט צו אייערע רייד און יעדער איינער האָט מיט אַן אַנדער קנייטש אַרויסגעבראַכט דעם זעלבן געדאַנק — די הייבטיקע ציוויליזירטע פעלקער גלויבן אין איין גאָט און יעדעס פאָלק מיינט אַז זיין פאַרשטעלונג פון גאָט איז טיפער פונעם שכנותדיקן פאָלק. ס'איז אַ ווידערשפרוך, אין סך־הכל אָבער קומט אַרויס עפּעס אַנדערש. לאָמיר פּרובירן אַרומנעמען דעם ענין אַ ביסל ברייטער, לאָמיר צענויפנעמען אַלע רעליגיעס צוזאַמען, אַרויסנעמען זייער תמצית, וועלן מיר האָבן אַ סך תמציתן, אימער זיי צענויפמישן אָדער באַהעפטן און פּרובירן אַרויסקריגן דעם עיקר פון אַלע רעליגיעס, אָדער בעסער געזאָגט איין עכטע רעליגיע, — וועט אַרויסקומען אַ באַוואונדערונג און אַ מורא, אַ ליוב און אַ געטריישאַפט צום בורא עולם. די דערשיינונג וואָלט איך אָנגערופן — אַן איינקייט וואָס באַ־ווייזט זיך אין אַ פילגעשטאַלטיקייט. דאָס קומט פאָר אויף אילע געביטן פונעם מענטשלעכן לעבן — מאַטעריעלן און גייסטיקן. די אייגנשאַפט איז אויך גילטיק אויף אַלע דערשיינונגען פונעם געוואַלדיקן קאָסמאָס.

— „פאַרוואָס מאַכן מענטשן מיט די הענט, משה, ווען זיי גייען? — האָט חנה אים געפרעגט.

— „כ'האָב אַ שטיקל צייט געקלערט וועגן דעם און געקומען צו אַן ענטפער. — האָט משה געווענדט זיך צו חנהן.

— „פאַרוואָס זשע האָסטו עס נישט געזאָגט?

— „אַז איכ'ן אײַך זאָגן צו וואָס איך האָב זיך דערטראַכט ווען איר קוקן אויף מיר ווי אַ גרויסן מענטשן. איך בין אַ פּשוטער בשר ודם און ווען ס'וואונדערט מיך עפּעס גריבל איך זיך אַזוי לאַנג ביז וואַנעט איך דערגיי אַז ס'איז נישט קיין וואונדער.

— „פאַרוואָס זשע טאַקע טוען די הענט נאָך די פיס ווען זיי שפּאַנען?

— איז חנה באַשטאַנען אויף אירן.

— „אין דײַן פרעגן, חנה, ליגט שוין דער ענטפער. — האָט משה אַ אַ בליק געטאָן אויף איר.

— „רעדסט צון אונז, משה, תרגום לשון. — איז מאָטל פאַרלאָפן חנהן דעם וועג.

— „עס קומט פון יענע אַלטע צײַטן. — האָט משה אַלעמען אַרומגעקוקט. — „ווען דער אוראַלטער מענטש האָט זיך שוין געקענט אויסציען אין דער הויך, נאָר כדי די פירפיסיקע חיות זאָלן אים נישט דערזען אין אַ נישט־גינסטיקער צײַט, איז ער געגאַנגען אויף אַלע פיר ווי זיי. אַ סך אונזערע באַנעמונגען שטאַמען פון אַזעלכע אַלטע צײַטן, אַז מיר האָבן אַפילו נישט קיין אַנונג וועגן זיי.

— „שטעקט נאָך אין אונז אַ סך פונעם האדם הקדמון? — האָט מאָטל ווי גע'חידושט זיך.

— „זיכער, — האָט משה נישט געצווייפלט. — „מער נישט, עס איז אַזוי אַרומגענומען מיט געוואוינהייטן און אייגנשאַפטן פון נײַע צײַטן, אַז מ'זעט שוין נישט אַרויס דאָס אָפּשטאַמיקע פון די אַלטע צײַטן.

דער עולם איז אַזוי געווען אַרײַנגעטאָן אין אײַנהערן זיך אין קליינמאַנס רייד, אַז קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט, נאָר ווי צוגעהערט זיך צו די זעלבע רייד וואָס האָבן נאָך געקלונגען אין די אויערן.

חייקע האָט געבראָכן דאָס אָנגעשטרענגטע שווײַגעניש: „מיר, ווײַבער, וועלן אַרײַנגיין אין קיך אַרײַן און זיך טומלען מיט צוגרייטן טיי און צו־בייסעכטס, און די מענער אי'לן זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיקע“.

30

שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָט קליינמאַן געווענדט זיך צו זיין קוזין:

— איך האָב ביז אַהער זיך ניט צוגערירט צו דיין גלויבן אין קאָמוניזם, איצט, רעכן איך, אַז איך מעג עס טאָן.

—מעגסט, מעגסט טרייבערן מיין גלויבן אין קאָמוניזם פון היינט ביז מאָרגן, עס וועט דיר גאָר ניט העלפן. איך וועל אַלץ פאַרבלייבן אַ קאָמוניסט.

— דו האָסט, שמחה, מיט דיינע אייגענע ווערטער כמעט געלאָזט וויסן אַז קאָמוניזם איז אַ נייע רעליגיע און רעליגיעס מאַכט מען נישט בטל מיט לאָגישע אַרגומענטן.

— אַזעלכע זאַבאַבאָנעס וועסטו מיר נישט אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַריין, משה. קאָמוניזם איז ניט קיין רעליגיע, קאָמוניזם איז געקומען נאָכן פאַנאַדער־פאַל פונעם קאַפּיטאַליזם האָט זיך געיאָוועט נאָכן פאַנאַנדער־פאַל פונעם פעאָדאַליזם. אויף אַזאַ אופן ווערט פאַרביטן איין סיסטעם פון אַרבעט אויף אַ נייער, און לויטן סיסטעם פון דער פּראָדוקציע ווערט אויס־געקנאָטן אַ נייע געזעלשאַפט. די קאָמוניסטישע סיסטעם פון אַרבעט איז נישט ענלעך צו דער קאַפּיטאַליסטישער. וועט במילא די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט זיין אַן אַנדערע. דאָס איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס.

— ווי איך פאַרשטיי, שמחה, איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס אַ דערשיינונג וואָס איז אומפאַרמיידלעך. צו וואָס זשע איז נייטיק געווען צו צעשיסן אַזוי־פיל אייגענע פאַרטיי־חברים?

— אייניקע חברים האָבן געשטרעבט צו פאַרקערעווען דעם רעוואָלוציאָ־נערן גאַנג אין אַזאַ ריכטונג וואָס האָט געקענט דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע, און צו פאַרמיידן די געפאַר, איז נייטיק געווען אָפּצוראַמען פון וועג די פירער פון דער ריזיקאַלישער שיטה. אַ רעוואָ־לוציע מאַכט מען נישט מיט זיידענע הענטשקס.

— מ׳האָט דאָך, שמחה, געקענט זיי אַריינזעצן אין טורמע אָדער אַרויס־שיקן פון לאַנד?

— דאָס, משה, טוט מען אין רואיקע צייטן, ווען אין לאַנד אָבער קומט פאָר אַן איבערקערעניש און אין קאָן שטייט דער גורל פון דער רעוואָלוציע, מוז מען דעמאָלט אָננעמען דראַסטישע מיטלען.

— דראַסטישע מיטלען האָט מען אויך אָנגענומען אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, מען האָט געהאַקט קעפּ, שמחה, אויף רעכטס און אויף לינקס און די רעוואָלוציע איז געגאַנגען צו גרונט.

— די קאָמוניסטישע פירער האָבן ניט איבערגעחזרט די טעותן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. פון איין זייט האָבן זיי אויסגערייניקט דאָס לאַנד פון די בונטאָווּשטשיקעס און פון דער אַנדערער זייט פאַרפעס־טיקט דעם קאָמוניזם אין רוסלאַנד גופא און דער פועל יוצא איז, אַז דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד האָט אַן איינפלוס אויף דער גאַנצער וועלט.

— דאָס רעוואָלוציאָנערע קעסל, שמחה, קאָכט זיך נאָך און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ קאַשע עס וועט זיך מיט דער צייט אויסקאָכן. עס קען זיין לטובת דער רעוואָלוציע און אויך פאַרקערט.

— ביזט גערעכט, משה, און אויך אומגערעכט. אין רוסלאַנד איז דער קאָמוניזם פאַרוואָרצלט און אים אומוואַרפן איז כמעט אוממעגלעך. אויסער רוסלאַנד איז דער באַדן אויך גרייט פאַר אַ רעוואָלוציע, זי קען אויסברעכן דאָ און דאָרט. זיין אַ דערפאָלג און אויך אַ דורכפאַל... פריער אָדער שפּעטער אָבער, וועט דער קאָמוניזם זיך צעשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט. אַזוי זע איך דעם היסטאָרישן פּראָצעס...

— דער היסטאָרישער פּראָצעס מיינט דאָך, דוכט זיך, אַז קיין שום סיסטעם פון פּראָדוקציע קען ניט עקזיסטירן אייביק. וואָס זשע פאַר אַ סיסטעם וועט אין דער צוקונפט פאַרבייטן דעם קאָמוניזם?

— קענסט דאָך, משה, אַוודאי מיינען אַז דו האָסט מיך אונטערגעשטעלט אַ פּיסל, האָסטו אַ גרויסן טעות; קאָמוניזם וועט אַ לאַנגע צייט הערשן אויף דער וועלט, אָבער נישט אייביק. וואָס פאַר אַ סיסטעם עס וועט פאַרבייטן דעם קאָמוניזם, האָב איך אַפילו נישט קיין אַנונג. די געשיכטע איז אַן אויסגעצייכנטע אקושאָרקע און וועט שוין זען אַז דאָס קומענדיקע קינד, די שפּאָגל נײַע סיסטעם פון פּראָדוקציע, זאָל זיין געזונט און שטאַרק.

— דו האָסט קלאָר און שאַרף פעסטגעשטעלט, שמחה, אַז דער ציל פון באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד איז געווען איינצושטעלן אַ קאָמוניסטישן רע־זשים אין רוסלאַנד און דערנאָך אים איינפירן וויינציקסטן איבער אייראָפּע. דו ביזט געווען אויפריכטיק מוסיף צו זיין אַז דער קאָמוניזם וועט זיך ניט האַלטן אייביק. דערווייל אָבער איז די דיקטאַטור פון דער באָלשעוויס־טישער פאַרטיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דיקטאַטור פון איין מענטשן וואָס האָקט קאָמוניסטישע קעפּ און וועט זיך ניט אָפּשטעלן דאָס ווייטער צו טאָן. דאָס שמעקט שוין מיט באָנאַפּאַרטיזם וואָס איז אַ שפּאַן צום צעזאַריזם און אין דעם שטעקט אַ גרויסע געפאַר.

— כ׳האָב דיר שוין אָנגעוויזן, משה, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אויס־געמיטן די בלאָנדזשענישן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. די קאָמו־ניסטישע סיסטעם האָט זיך אַנגעגומען אין רוסלאַנד און ס׳איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר צעזאַריזם.

— מיינסטו מיר צו זאָגן אַז אַ פאַרזעניש פון אַן אידייע מוז אָננעמען נאָר די פאָרמע פון צעזאַרים? דאָס פאַרזעניש, שמחה, קען זיך אָנקליידן

אין אַנדערע מלבושים און ס'וועט אַלץ בלייבן אַ פּאַרזעעניש. פּאַרשטייסט וואָס איך מיין...

— ווי באַלד די מיטלען פון דער פּראָדוקציע ליגן נישט אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן, משה, איז עס שוין אַ געווינס פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן, מעגסט עס אָנרופן מיט וועלכן נאָמען דו ווילסט.

— ווען די מיטלען פון דער פּראָדוקציע געפינען זיך אין די הענט פון אַ פּאַרטיי, שמחה, וואָלטן דיינע ווערטער געהאַט אַ ווערט; ליגט אָבער די מאַכט איבערן עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פון לאַנד, אין די הענט פון איין מענטשן, איז די סכנה זייער גרויס, מען קען אַפילו נישט זיכער זיין ווער ס'וועט באַשטימען זיין יורש, מעגלעך אַז ער אַליין וועט עס טאָן.

— איך גלויב, משה, אַז דער יורש וועט דערווילט ווערן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און זי וועט זיין די דעה־זאָגערין איבער די וויכטיקע מלוכהשע ענינים.

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן, שמחה.

דער וויכטיקער טעאָרעטיקער פון קאָמוניזם, בוכאַרין, איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1936. משה האָט געוואוסט אַז ביי שמחה'ן האָט נאָך לעגינס טויט, בוכאַרין געשפּילט די ערשטע פידל צווישן די קאָמוניסטישע גדולי הדור, ער האָט ניט געוואָלט ווי טאָן זיין קוזין און מיט אַ וואָרט ניט אַרויס־געכאַפּט זיך וועגן דעם.

שמחה אָבער, האָט ניט געקענט פאַרשווייגן אַזאַ וויכטיקע געשעעניש און זיך אָנגערופן:

— ווייסט זען, משה, אַז נאָך דער אויספאָרשונג, וועט זיך אַרויסווייזן אַז בוכאַרין איז אומשולדיק און וועט נאַטירלעך באַפרייט ווערן.

משה האָט געשוויגן, עס האָט זיך אים ניט געלייגט אויפן שכל אַז שמחה'ס השערה זאָל מקוים ווערן. מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָבן די רוסישע וויכטיקע צייטונגען, מיט גרויסע קעפּ אָפּגעדרוקט די ידיעה אַז בוכאַרין איז ריינגעוואַשן און באַפרייט געוואָרן.

— אהא, משה! — האָבן שמחה'ס אויגן זיך צעפינקלט און ער האָט זיך אַזש צעטאַנצט פאַר פרייד. — האָב איך דיר נישט געזאָגט אַז בוכאַרין איז אומשולדיק און וועט אין גיכן באַפרייט ווערן? מיר־ניט דיר־ניט שיקט מען דאָרטן ניט אַוועק אַזעלכע וויכטיקע פירער אויף יענער וועלט.

— איך בין צופרידן וואָס בוכאַרין לעבט, — האָט משה ניט געפונען פאַר נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף שמחה'ס זיכערקייט אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז מען שטאַרק מדקדק איידער מען ברענגט אום אַ קאָמוניסטישן פירער. עס האָט זיך אים בשום אופן נישט געגלויבט אַז די פריערדיקע קאָמוניסטישע פירער וואָס זיינען אומגעקומען, זענען געווען פאַררעטער.

ווען שמחה'ס באַקאַנטע און פריינד האָבן זיך קעגנגעשטעלט און אים

געזאָגט אַז די אומגעקומענע קאָמוניסטישע חברים זענען אויך געווען אומ־שולדיק, האָט ער מיט נצחון אויסגעשריען: „נאָך בוכאַרינס אַרעסט האָט מען ניט אויפגעהערט אויספאָרשן זײַן דיעלאָ און ווען ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז מ׳האָט געמאַכט אַ טעות, האָט מען אים באַלד באַפרייט. די איבעריקע קאָמוניסטישע פירער, האָט שמחה נאָך אַ קלײנער פויזע ממשיך געווען, זענען געווען בונטאָווטשיקעס, האָבן מסתמא געוואָלט איבערנעמען די מאַכט, האָט מען זיי געכאַפּט בײַ דער האַנט און משלח געווען אויף יענער וועלט.

מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט מען בוכאַרינען ווידעראַמאָל אַרעסטירט און כאַטש ביים מודה זײַן זיך אויף זײַנע חטאים האָט ער געדרייט מיט דער צונג און ס׳איז געווען פּאַרדעכטיקט צי זײַן שלאָגן זוך על חטא אויפן פּראָצעס איז געווען מיטן גוטן ווילן, האָט מען אים פאַרמשפּט צום טויט און אין גיכן אויסגעפירט דעם פּסק דין.

לויטן פירן דעם פּראָצעס, האָט שמחה אײַנגעזען אַז בוכאַרין וועט דאָס מאָל ניט אַרויס מיט גאַנצע ביינער. ער האָט דערוואַרט אַז ער וועט אָפּ־קומען מיט אַ פאַרשיקונג קיין סיביר. ווען די ריכטער האָבן אים פאַרמשפּט צום טויט, האָט שמחה נאָך אַלץ געהאָפּט אַז דער האַרבער אורטייל וועט פאַרביטן ווערן אויף לעבנסלענגלעכע געפענגעניש. ער איז דערפאַר, נאָכן דערשיסן פון בוכאַרינען, געווען אויסער זיך און געשריען: בוכאַרין איז נישט קיין פאַררעטער! מען האָט אים דערמאָרדעט. פשוט דערמאָרדעט!

שמחה האָט עטלעכע טעג ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דער פּאַרטיי־ליקונג פון בוכאַרינען. זײַנער אַ ידיד האָט איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו שמחהן: ווען דו זאָגסט עס אין רוסלאַנד בפרהסיא, אַז בוכאַרין איז ניט געווען קיין פאַררעטער, וואָלט מען דיך אויך געמאַכט מיט אַ קאָפּ קירצער.

— איז דאָך דאָס ניט קיין קאָמוניזם! — האָט שמחה ברייט צעעפנט די אויגן ווי ער וואָלט אין זיבעטן געהאַט צו דערזען אַז ס׳איז טאַקע אַזוי.

— וואָס פאַר אַ חכם האָט דיר געזאָגט אַז אין רוסלאַנד איז פאַראַן קאָמוניזם? — האָט משה אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און ווי איבערצייגט זיך אַז אַזאַ חכם איז נישט בנמצא.

— וואָס זשע טאַקע איז פאָרגעקומען מיט דער רעוואָלוציע, — האָט שמחה אויסגעשטעלט אויף משהן אַ פּאָר אויגן מיט אַ מיין, — דערקלער מיר, כ׳בעט דיר, וואָס אַזוינס איז געשען אין רוסלאַנד?

— איך ווייס גלייך ווי דו, — האָט משה ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון זײַן קוזין וואָס האָט באַדייט: דו האָסט דערוואַרט איך זאָל דיר דערקלערן די סיבה פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע און איך וויל דאָס אייגענע הערן פון דיר.

— אַז מען ווייסט ניט, טויג ניט. — האָט שמחה אַרויסגעמורמלט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי ער וואָלט דערזען דעם אָפּגרונט.

— עס טויג טאַקע נישט, — האָט משה דערמיט מרמז געווען אַז מען האָט געלייגט אויף דער איבערקערעניש אין רוסלאַנד גרויסע האָפענונגען וואָס זענען נישט מקוים געוואָרן, און ס׳איז דערימעך קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן.

— עס קומט אויס אַז מען האָט געדאַרפט די רעוואָלוציע ווי אַ לאָך אין קאָפּ. — האָט אין שמחהס קול זיך דערהערט אַ יאוש.

— און וואָלט זי ניט געקומען, — האָט משה ממשיך געווען — וואָלט מען געווען געמיינט אַז מען האָט אָנגעוואוירן דאָס גרויסע געווינס.

— קען מען דאָך דערפון דרינגען — האָט שמחה אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אַז מען דאַרף האָבן גרויסע האָפענונגען און בעטן גאָט אַז זיי זאָלן קיינמאָל ניט מקוים ווערן?

— דיין שפּאַס, שמחה, איז ריינער אמת. ווי עס קוקט אויס ווערן גרויסע האָפענונגען אין תוך קיינמאָל נישט מקוים. זיי זענען געראָטן אין אַ פאַלשן משיח.

— כ׳האָב ניט געשפּאַסט, משה, און דו האָסט געטראָפן. איידער צו דערלעבן אַ פאַלשן משיח, איז שוין גלייכער צו האָפן אויף משיחן און ער זאָל קיינמאָל ניט קומען.

— אין דיינע ווערטער, שמחה, שטעקט אַ סך אמת.

— לאָמיר זשע האָפן אַז פון דער פאַרקאָכטער קאַשע, אין רוסלאַנד, זאָל כאָטש אַרויסקומען אַ רעטשענע קאַשע וואָס קען זעטיקן דעם מאָגן. — האָט שמחה געוואָלט פאַרענדיקן בכי טוב.

31

— איז מעגלעך אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיט איין מאָל? — האָט חנה זיך געתחידושט.

— „זייער גוט, חנה, וואָס ביזט אַרויסגעקומען מיט אַזאַ פראַגע. — ווי איך בין זיך משער, איז דער וועלטבאַשאַף פאָרגעקומען שטופנווייז, יעדער לעבעדיק באַשעפעניש האָט געקראָגן אַ דראַנג צו מערן זיך. דאָס קומט פאָר אויף פאַרשיידנערליי אופנים. די אמעבא טוט עס גאַנץ פשוט. — פון איינער ווערט צוויי, דריי א.אַ.וו. ביי אַנדערע, שפּעטערדיקע באַשעפענישן, פאָרט זיך אַ זכר מיט אַ נקבה... עס איז נישט קיין מוז אַז אין דעם פּראָצעס זאָלן אָנטייל נעמען צוויי באַזונדערע באַשעפענישן. עס טרעפט אַז אין איין באַשעפעניש זענען פאַראַן ביידע מינים, און דורך דעם קומט אַרויס אַ נייער דור.

— „וויאַזוי זשע געשעט עס ביי די שטערן? — האָט איציק זיך געוואונדערט.

— „ווי עס קוקט אויס איז אין יעדן שטאָף, איציק, פאַראַן אַ מאָמענט ווען דער דינאַמישער כוח איז גובר דעם צאַמענדיקן און עס ווערט געבוירן אַ ניי באַשעפעניש, אַ שטערן, למשל.

— „רעכנסטו, משה, אַז אַ שטערן איז אַ באַשעפעניש? — האָט חנה אויסגעשטעלט די אויגן אויף אים.

— „זיכער, חנה, — האָבן קליינמאַנס ברעמען זיך אַרויפגעשאַרט. — און אַ שטערן האָט אַ באַוואוסטזיין אַז ער פירט דורך אַ געוויסע שליחות. באַלייכט די פּלאַנעטן וואָס דרייען זיך אַרום אים, אָדער האָט אַן אַנדערע עובדא. גלאַט אין דער וועלט אַריין זענען נישט באַשאַפן געוואָרן קיין שטערן.

— „וואָס פאַר אַ באַוואוסטזיין פאַרמאָגט די ערד? — האָט אויף זייגערמאַנס ליפּן צעלייגט זיך אַ שפּאַס.

— „דער באַוואוסטזיין פון דער ערד באַשטייט אין דעם וואָס זי דרייט זיך אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון דער זון צו קריגן גענוג וואַרעמקייט פאַר אַלץ וואָס געפינט זיך אויף איר.

— „דאָס, משה, רופסטו אַן באַוואוסטזיין? ס'איז דאָך נאָר אַ מעכאַנישער פּראָצעס, — האָט זייגערמאַן נישט אָפּגעלאָזט.

— „ווי איך פאַרשטיי, מאָטל, איז אין דער נאַטור נישטאָ קיין מעכאַנישע פּראָצעסן. אַלץ לעבט, נאָר אויף אַזאַ אופן וואָס איז אונדז אומפאַרשטענדלעך, ווייל מיר באַטראַכטן די וועלט מיט אונזער באַוואוסטזיין וואָס ציט זיך פון דער אמעבא.

— „מיינסט מיר צו זאָגן, משה, — האָט מאָטל אים איבערגעשלאָגן, — אַז דער באַוואוסטזיין פון דער אמעבא און פונעם מענטשן איז פון איין טייג געקנאָטן?

— „ווער נישט פאַרצווייפלט, מאָטל, — האָט משה מיט אַ לייכטן שאָקל פון דער האַנט אָראָפּגענומען ביי אים אַ שטיין פון האַרצן. — אויב איך וועל דיר זאָגן אַז יאָ. פון דער אַמעבאַ אָן הייבט זיך אָן אונזער באַוואוסטזיין וואָס ווערט גרעסער און טיפער אין גייסטיק־העכערע און נאָך העכערע לעבעדיקע באַשעפענישן, ביזקל ער דערגרייכט די העכסטע שטופע אינעם מענטשן. יעדער באַשעפעניש באַנעמט די וועלט אויף זיין אופן, פאַרשטייט זיך...

— „חוץ צו פאַרצוקן אַנדערע חיות האָט דער לייב אָדער וואָלף אַ באַדערפעניש צו באַטראַכטן די וועלט? — האָט חנה געשטוינט.

— „דער זאַטער לייב באַטראַכט זיכער די וועלט. — האָט קליינמאַן זיך געוואונדערט וואָס חנה האָט געצווייפלט אין דעם. — און זיין באַוואוסט־זיין איז אַ סך ענלעכער צו אונזערן ווי צום באַוואוסטזיין פון דער אמעבא. דער מענטש איז אויך נישט אַראָפּגעקומען פון הימל מיט אַ רייפקייט וואָס מיר באַמערקן עס איצט און איז אויך נישט דער איינציקער אין אוניווערס. אַרום די אומצאָליקע שטערן אויפן הימל דרייען זיך מסתמא פּלאַנעטן וואָס ווערן באַוואוינט פון לעבעדיקע באַשעפענישן, גייסטיק העכערע און נידעריקע ווי אויף דער ערד...

— „פון וואַנעט נעמט זיך צו דיר אַזאַ זיכערקייט? — האָט איציק געפרעגט משהן. — אפשר גאָר האָט זיך דורך אַ צופאַל אַנטוויקלט אַ מענטש אויף דער ערד?

— „אַזעלכעס קומט נישט פאָר אין דער נאַטור. — האָט משה אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. — אַלץ איז געוואויגן און געמאָסטן לויט אַ פּלאַן וועלכן מיר קענען נישט משיג זיין. די שטערן, די זון און די לבנה באַווייזן זיך אויפן הימל, ווי מע שמועסט, צו דער באַשטימטער צייט פון יאָר און טאָג.

— „דאָס איז נאַטירלעך און אַנדערש קען עס נישט פאָרקומען. — איז מאָטל געוועזן אומגעדולדיק.

— „האָב אַ ביסל געדולד, מאָטל, — האָט קליינמאַן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — וועל איך דיר לאָזן וויסן אַז אויף אַ געוויסער הייך וואו די גראַווי־טאַציע פון דער זון האָט שוין קיין נישט קיין שליטה, דאָרטן וועט מיין געדולד אויך נישט העלפן. דאָרטן הערשן אַזעלכע גיוואַלדיקע כוחות וועגן וועלכע מיר האָבן אפילו נישט קיין אַנונג. ווייסטו שוין וואָס פאַר אַ גרויסע קנאַקערס מיר זענען?

— „לאָמיר זשע, משה, נישט פליען צו הויך און האַלטן זיך ביי דער ערד. — האָט חנה ווי שלום געמאַכט צווישן מאָטלען און משהן.

— וועל איך צוליב טאָן אַ דאַמע, — האָט קליינמאַן אַ שמייכל געטאָן צו חנהן. — און זיך האַלטן ביי דער ערד. איך האָב נישט ליב קיין נאַקעטע

ביימער און מיר זענען אויך דערווידער נאַקעטע בערג מיט שפּיציקע שטיינער. כ׳האָב ליב צו קוקן אויף ביימער וואָס זענען פול מיט גרינע בלעטער און בערג באַוואַקסענע מיט גראָז. זאָל עס זיין דערפאַר וואָס איך בין נישט מער ווי אַ מענטש און האָב ליב דאָס וואָס כ׳קען מיט די אייגענע הענט באַשאַפן. וואָס זאָגט איר?

— „איך גלויב אַז דו האָסט רעכט, קליינמאַן. אַ מענטש האָט ליב זיין אייגנס. — האָט מאָטל ווי באַשטעטיקט משה׳ס רייד.

— „פאַרוואָס זשע, מאָטל, קומט מיר פּלוצים אָן אַ סאַנקאַליע צו שטיין פון דערווייטנס און צוקוקן זיך ווי די ערד דרייט זיך, פאַלט אין ערגיץ נישט אַראָפּ און האַלט אין איין לויפן פאָרויס. פאַרוואָס?

— „די פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך אַמאָל ביי דיר, משה — איז מאָטלען געקומען אין קאָפּ אַריין אַז אייניקע מענטשן זענען נישט־דערבאַקענע פּאָעטן.

— „אין דעם שטעקט עפּעס אַנדערש, — האָט איציק אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט מאָטלס באַמערקונג און דערביי געקלערט אַז אין משהן ליגן פאַרטאַיעט כוחות וואָס זענען געבליבן אויף אַ האַלבן וועג... ער קען שוין משהן אַזויפיל יאָרן און ווייסט נישט וואָס סע בורעט זיך ביי אים אינעווייניק...

— „עס קען אויך זיין — האָט משה צוגעגעבן — אַז דער מענטש האָט נישט ליב די נאַקעטע נאַטור מחמת ס׳איז נאָך דאָ אין אים אַ זכר פון די גאָר אַלטע צייטן ווען דעם פּענטשן איז אָנגעקומען מיט גרינע ווערים צו מפרנס זיין זיך פון דער אַרומיקער נאַטור וואו צו דעראָביען אַ ביסל נאָרונג איז געווען זייער שווער כאָטש די באַדערפעניש זענען געווען באַגרענעצטע. אין דעם אוראַלטן מענטשן איז געלעגן אין די ביינער אַז אין דער נאַטור איז גאָרנישט צוגעגרייט פון זיינעט וועגן, מע דאַרף ביטער פראַצעווען כדי אָנצוהאָדעווען די פאַמיליע.

— „מיך האָבן דיינע ווערטער נישט איבעראַשט משה. איך האָב אַלע מאָל דערוואַרט אַז דו זאָלסט זאָגן אַזוינס און אַזעלכעס. — האָט חנה זיך אַ ביסל פאַררויטלט..

עס האָט קליינמאַנען אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ — אויב די וועלט איז נישט באַשאַפן געוואָרן מיטאַמאָל, איז דאָך מסתמא געווען אַ צייט ווען לעבעדיקע באַשעפעניש זענען נאָך נישט געווען בנמצא. קען דאָך געמאָלט זיין אַז אין איין פּעריאָד איז חוץ לעבעדיקע באַשעפענישן געווען אויף דער ערד פון אַלצדינג — גראָזן און ביימער, טייכן און ימ׳ען, בערג און טאָלן, ווינטן און רעגנס. טויט־שטיל איז אויף דער וועלט נישט געווען. פרוכטן זענען געפאַלן פון די ביימער און דער ווינט האָט זיי געטראָגן אַהער און אַהין. וואַסערן האָבן פאַרפלייצט שטרעקעס ערד, פון אייניקע וואַסערן זענען פאַרבליבן אָזיערעס און אַנדערע זענען אויסגעטריקנט געוואָרן. ביימער

זענען באַדעקט געווען מיט גרינע בלעטער וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן געל. נאָכמאָל גרין און ווידעראַמאָל געל א.אַ.וו.

ביימער האָבן אַ באַוואוסטזיין אַז זיי וואַקסן און ברענגען פרוכטן וועמענס זאָמען געבוירן נייע ביימער. עס איז מעגלעך אַז זייער באַוואוסטזיין איז געווען שאַרפער און צייטיקער ווי היינט ווייל זענען געווען דאָס אייבערשטע פון שטייסל אויף דער ערד. אין אַ געוויסן זינען זענען ביימער געווען באַוועגלעך, האָבן זיך צעשפרייט אויף רעכטס און אויף לינקס, איז זייער באַוואוסטזיין אויך געווען אַ באַוועגלעכער.

האָבן זיך באַוויזן קליינע באַשעפענישן וואָס האָבן זיך דערנערט פון די פרוכטן אויף די ביימער וואָס האָבן זיך דערפילט גדולדיק — מע דאַרף צו זיי אָנקומען, אָן זייערע פרוכטן וואָלטן די־אָ באַשעפענישן פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט. עס האָבן זיך געיאַוועט באַשעפענישן וואָס האָבן געבויט נעסטן אויף די הויכע ביימער און געהאַט אַ מעגליכקייט אויפצוברענגען אַ נייעם דור. אַנדערע ווידער האָבן, אויף אַ רעגנדיקן טאָג, באַהאַלטן עסנוואַרג אין די לעכער פון די ביימער. ביינאַכט איז אויף זיי געוואָרן לעבעדיק. באַשעפענישן האָבו געליובעט זיך און אויך געראַנגלט מיט אַנדערע פאַר זייערע געליבטע. די ביימער זענען ווי געוואָרן שותפים אין אַ גרויס באַלעבאַטישקייט.

פלוצים האָט זיך אָנגעהויבו צו באַווייזן אַ באַשעפעניש וואָס איז נישט געווען ענלעך צו די איבעריקע, עס האָט געשפּאַנט אויף די הינטערשטע פיס, און די פאָדערשטע פיס האָט עס אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט. עס האָט זיך גענומען דאַכטן אַז אָט־אָט און עס פאַלט אַוועק, ווי קען מען עס גיין אויף צוויי פיס? אָבער עס האָט געשפּאַנט, אי דאָס זייער שנעל. צייטנווייז האָט עס עפּעס געטראָגן מיט די פאָדערשטע פיס האָט עס איינגעבראָכן אַ ביימל און שפּעטער אַ יונגן בוים און אים צוגענומען. עס האָט אויך געטראָפן אַז אַן איינגעבראָכענער בוים איז אַרויפגעפאַלן אויפן מאָדנעם באַשעפעניש וואָס האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן און געבליבן ליגן דאָרט.

באַלד אָבער זענען אָנגעקומען אַנדערע צווייפיסיקע באַשעפענישן און אַוועקגעטראָגן דעם בוים און דאָס באַשעפעניש וואָס איז געלעגן אונטער אים. אינגיכן זענען זיי צוריקגעקומען, איינגעבראָכן עטלעכע ביימער און זיי אַוועקגעפירט.

שפּעטער מיט אַ שטיקל צייט האָבן זיך געיאַוועט מער צווייפיסיקע וועזנס וואָס זענען געזעסן אין אַ קעסטל, געמאַכט, דוכט זיך פון אַ בוים, האָבן געהאַלטן אין די פאָדערשטע פיס לאַנגע שטעקנס, אויך געמאַכט פון ביימער, געפּאָכעט מיט די שטעקנס אויף צוויי גרויסע פירפיסיקע באַשעפענישן וואָס האָבן געמוזט לויפן אויס מורא, ווייזט אויס, אַז די שטעקנס זאָלן זיך נישט אַראָפּלאָזן אויף זייערע רוקנס.

מ׳האָט גענומען אונטערהאַקן און איינברעכן ביימער ווי קיינמאָל נישט ביז אַהער. פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען אַזויפיל צווייפיסיקע באַשעפע־

נישן און ווי לאַנג זיי וועלן זיך זאַמען דאָ איז שווער געווען צו דערגיין.

ס׳איז נאָך גוט וואָס די ליכטיקייט פאַרשווינדט פון צייט צו צייט. דאָס פינצטערניש שטעלט זיך איין און ס׳פריערדיקע גליקליך לעבן קערט זיך אום. עס געדויערט אָבער נישט לאַנג און די ליכטיקייט באַווייזט זיך — און מיט אומגעדולד האַלטן זיי אין איין וואַרטן אַז דאָס פינצטערניש זאָל וואָס גיכער קומען און וועלן אַ ביסל הנאה האָבן פונעם לעבן.

ווען דאָס איז אָנגעגאַנגען יאָרן און יאָרן האָבן די ביימער צו ביסלעך אָנגעהויבן צו פילן אַז די צווייפיסיקע באַשעפענישן זענען צו־אָפטע געסט ביי זיי. איידער אָבער ס׳איז געקומען צום באַוואוסטזיין פון די ביימער וואָס אייגנטליך עס קומט פאָר האָבן זיי מיטאַמאָל אויף אַן אמתן דערפילט אַז די צווייפיסיקע וועזנס זענען ביי זיך אין דער היים און זיי, די ביימער, זענען גאָר אין זייער רשות. קענען זיי זיך באַפרייען פון דעם יאָך? אויב נישט באַלד, איז כאָטשבי שפעטער. ווי עס קוקט אויס, איז די האָפענונג ביסלעכווייז אויסגערונען און איר אָרט האָט פאַרנומען די איינגעשפאַרטע זיכערקייט אַז די צווייפיסיקע באַשעפענישן ווערן מיט יעדער ווײַלע שטאַרקערע באַלעבאַטים דאָ און זיי געהערט שוין באַלד דער גאַנצער אַרום. דאָס איז דאָך פשוטע פאַרכאַפונג און פריער אָדער שפעטער קריגן די פאַרכאַפערס איבער די הענט. מסתמא וועט עס נישט פאַרפעלן צו קומען, אַן עוולה טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן. עס קען טאַקע געדויערן אַ שטיקל צייט און אַמאָל נאָך מער ווי אַ שטיקל, די האָפענונג טאָר מען נישט אויפגעבן. די צייט וועט קומען און די פאַרכאַפערס וועלן קריגן זייער פאַרדינטע שטראָף אַנדערש קען עס נישט זיין, אַניט, איז דאָך מעגלעך אַז די ממשלה פון רשעות זאָל זיך פאַרפעסטיקן אויף דער וועלט. די גערעכטיקייט וועט שוין זען אַז צו דעם זאָל נישט קומען.

אין דער נאַטור איז אָבער נישטאָ קיין גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט. ווען עס יאַוועט זיך אַ מער באַוועגלעך באַשעפעניש ווי דאָס פריערדיקס ווערט דאָס לעצטע אַוועקגערוקט אין אַ זייט אי פיזיש, אי גייסטיק. ווי עס קוקט אויס איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן שטופנווייז און מעגלעך אַז זי איז נאָך נישט פאַרענדיקט. איז במילא יעדעס שפעטערדיק באַשעפעניש מיט אַ שטאַפל העכער אין וועלט־באַשאַף.

אייניקע העכערע מאַלפעס האָבן געשפאַנט אויף צוויי פיס און מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן, אָבער נישט אַלע האָבן דערגרייכט אַזאַ מדרגה. עס זענען, קען זיין, געווען מאַלפעס וואָס זענען פאַמעלעך געגאַנגען אויף צוויי פיס און גיך געשפאַנט אויף אַלע פיר.

דער מאַרך פון די מאַלפעס איז ענלעך צום מענטשלעכן, נאָר קלענער. נישט אַלע מינים מאַלפעס האָבן אַ מאַרך פון דער זעלבער גרייס, איז זייער אינטעליגענץ אַ פאַרשיידנאַרטיקע. ווען די העכערע מאַלפעס, די שימפאַנזעס און גאָרילאַס, האָבן זיך באַוויזן, זענען זיי געווען די בחירי־היצירה. זיי זענען

געווען אַ שטאַפּל צום מענטשן — האָבן פֿאַרמאָגט ווינציקער פֿיזישן כּוח און מער שׂכל ווי די ווילדע חיות און דאָך זיך בעראַנגלט מיט זיי און ביי־געקומען.

די מאַלפּעס האָבן געלעבט אין קליינע און גרעסערע גרופּעס פֿון וועלכע ס׳האָט זיך אויסגעטיילט אַן עלטסטער וואָס האָט אויסגעשטעלט די שעהן פֿון אַרבעט און רו, האָט אויך געפֿונען אַן אָרט מיט מער לעבנס־מיטלען פֿאַר דער גרעסער געוואָרענער צאָל מאַלפּעס. ס׳איז דערימעך נויטיק געווען שנעל צוזאַמענרעדן זיך מיט די נאָענטע שכנים און צוזאַמען אָנפֿאַלן אויף די ווייטערע שכנים און פֿאַרטרייבן פֿון זייערע ערטער, און אַזוי אַרום צונעמען זייער האָב און גוטס. האָט דעם עלטסטן נישט אָפּגעגליקט אין די איבערפֿאַלן אויף פֿרעמדע מאַלפּעס, איז ער אַראָפּגעזעצט געוואָרן פֿון אַ ייִנגערן עלטסטן וואָס האָט מיט זיינע ראַטגעבער דורכגעפֿירט די אויסגעאַרבעטע פֿאַר־כאַפּערישע פּלענער.

די מאַלפּעס האָבן געהערשט איבער די איבעריקע באַשעפֿענישן פֿון דער ערד און געווען זיכער ווי דער איצטיקער מענטש, אַז צו זיי געהערט די גאַנצע וועלט.

ווען דער מענטש האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד איז, קען זיין, נישט געווען קיין גרויסער אונטערשייד צווישן אים און דער פֿיזיש און גייסטיק־אַנטוויקלטער מאַלפּע. און זיי האָבן געלעבט בשלום צווישן זיך. מיט דער צייט האָט דער מענטש געקראָגן מער דערפֿאַרונג און דערפֿילט זיך מעשׂה באַלעבאָס איבער דער ערד. אַנגעהויבן קוקן פֿון אויבן אַראָפּ אויף דער מאַלפּע ביזקל ס׳איז געקומען דערצו אַז ר׳האָט זי געטומען רעכענען פֿאַר אַ נידעריק באַשעפֿעניש.

ווי ס׳קוקט אויס איז אויף דער וועלט געווען, אין די טויזנטער יאָרן פֿון איר עקזיסטענץ, אַ סך ציוויליזאַציעס און דאָס באַשעפֿעניש, די אָנפֿי־הערין פֿון אַ פֿריערדיקער ציוויליזאַציע, האָט געשפּרייזט צוריקצואוועגס ווען אַן אַנדער באַשעפֿעניש האָט געשטאַלטיקט אַ נייע ציוויליזאַציע. דאָס קען מען אָנווענדן צו אַלע באַשעפֿענישן פֿון דער ערד וואָס זענען געווען אין אַ געוויסער צייט „די קרוין פֿון דער ערד” און שפּעטער גענומען שפּילן די צווייטע פֿידל ווייל אַ שפּאָגל־נייע באַשעפֿעניש האָט פֿאַרנומען דעם אויבנאָן.

אַפֿילו אין ענגן קרייז פֿון איין מין קומט פֿאָר דאָס אייגענע — אייניקע געהערן, פֿיזיש און גייסטיק, צו אַ העכערער מדרגה און אַנדערע — צון אַ נידעריקער. נאָכמער, אייניקע מלוכות קומען אויף זייער שנעל און אין אַ קורצער צייט ווערן זיי אַזוי פֿאַר׳שיכורט פֿון זייער דערפֿאָלג און מאַכט אַז זיי באַמערקן נישט אַז אַ שכנותדיקע מלוכה האָט ביסלעכווייז און אַן רעש אָנגעזאַמלט אַ סך עשירות און דאָס פֿאָלק וואָס איז געווען גרייט מיט לייב און לעבן צו פֿאַרטיידיקן זייער פֿאָטערלאַנד, באַפֿאַלט צוליב צוקונפֿטיקע

באַוואָרענישן די רייכע מדינה כדי צו פֿאַרכאַפּן זייער גרויס פֿאַרמעגן — און כאַפּט אַ גרויסע מפּלה.

— „דאָס איז דער גאַנג פֿונעם מענטשן זייט עס איז אים געלונגען צו שאַפֿן קליינע און גרויסע מלוכות, — האָט משה ווי אונטערגעפֿירט אַ סך הכל צו די טראַכטונגען וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין אים און זיי אַרויסגעבראַכט פֿאַר זיינע פֿריינט.

— „אפֿשר קענסטו אונדז זאָגן, משה, וויאַזוי עס איז געקומען דערצו אַז נאָר דער מענטש קען זיך אַריינטראַכטן אין די אַלע זאַכן? — האָט יאָסל זיך אַ ביסל פֿאַרהיקעט.

— „אילע לעבעדיקע באַשעפֿענישן האָבן אַ באַוואוסטזיין וואָס איז ענלעך צון אונזערן, — משה האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער געלאַסן ווי אַ זעלבסטפֿאַרשטענדליכקייט. — דעם לייבס געהירן זענען זייער ענלעך צון אונזערע, איז ער זאַט באַנעמט ער גאָטס וועלט, נישט מיט אַזאַ פֿאַרנעם ווי מיר. מע טאָר אָבער נישט אַרויסלאָזן פֿון אויג אַז אויך דער מענטש איז באַגרעניצט. ער איז טאַקע דערגאַנגען אַז ס'איז דאָ ערד און וואַסער, ליכטי־קייט און פֿינצטערניש, אָבער אין לעצטן סך הכול ווייסט ער וויינציק. אַמאָל האָבן מיר געמיינט אַז אַלצדינג איז פֿאַר אונדז קלאָר, היינט ווען די אויגן האָבן זיך ביי אונדז צעעפֿנט זענען מיר געוואויר געוואָרן אַז מיר זענען ביכולת אַריינצובליקן אין דער נאַטור נאָר דורך שפּאַרונקעלע.

32

אַ נאָענטער פֿריינט פֿון די קליינמאַנס האָט זיי איינמאָל צוגערעדט מיט־פֿאָרן מיט אים קיין קאַנאַדע: „מיר פֿאָרן אין צווייען אין מיין אָטאָמאָביל, איך פֿירן וועט זיין לעבעדיקער. איך בין שוין דאָרט געווען צוויי מאָל און איצט גלוסט מיר נאָך אַמאָל אַריינכאַפּן זיך אַהין, עס איז גאָר אַן אַנדער מדינה, כאָטש קאַנאַדע און אַמעריקע זענען ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער.

— „אפשר, איטקע, וואָלסטו געקענט פֿועלן ביי דיין באַלעבאָס צו קריגן איצטער דיין וואַקאַציע, — האָט משה זיך געווענדט צו איר. — זומער ביזטו נישט שטאַרק פֿאַרנומען, וואָלטן מיר אַ ביסל קאַטייעט איבער די קאַנאַדער וועגן. ס׳איז דאָך פֿאָרט אַן אַנדער מדינה.

— „דו ווייסט דאָך אַז ס׳איז נישט געווענדט אין באַלעבאָס, — איז איטקע געווען פֿאַרחידושט. — די אָנגעשטעלטע קריגן וואַקאַציע נאָך אַ געוויסער ריי און מע קען דאָס נישט בייטן. פֿאָר אַליין צו קיין קאַנאַדע און אַז דו וועסט צוריק קומען, וועל איך זיך נאָכאַמאָל פֿאַרליבן אין דיר. — האָט זי זיך צעשמייכלט. קליינמאַנס בליקן זענען געפֿאַלן אויף איטקען, האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף איר ווען זי האָט געשמייכלט אָדער געלאַכט. גראָד דעמאָלט האָט אַ זיכערקייט זיך צעוואַקסן אין אים אַז די ווערטער קומען אַרויס, נישט פֿון איר מויל, נאָר פֿון די אויגן. משה האָט זי אַרומגענומען, געקושט אין די אויגן און זיך אָנגערופֿן: !צוליב דיין שמייכל וועל׳יך דיך פֿאָלגן, זיך דורכפֿאָרן קיין קאַנאַדע און בענקען נאָך דיר.

— „ווען דו וועסט צוריק קומען וועל איך שוין זען צי דו האָסט געבענקט נאָך מיר. — האָט זי מיט איר נעזל אַרומגעגלעט זיין פּנים.

קליינמאַן האָט יעדן טאָג אָנגעשריבן צוויי בריוולעך צו איטקען און אָנקומענדיק אויף זיין פּלאַץ אין מאָנטרעאָל האָט ער דאָרט געטראָפֿן עטלעכע בריוולעך פֿון איר.

אייגנטלעך איז נישט פֿאָרגעקומען קיין צעשיידונג צווישן זיי, יעדן טאָג האָבן זיי זיך ווי דורכגעשמועסט, נישט נאָר ווען ער האָט געלייענט אירע בריוו און זי — זיינע, אַ גאַנצן טאָג האָט עס געדויערט, מיט קלענערע אָדער גרעסערע הפסקות.

טרעפֿנדיק זיך דאָרטן מיט יידן פֿון אַלערליי שיכטן איז קליינמאַן געוואָרן פֿריידיק איבעראַשט. זיי האָבן אים דערמאָנט די יידן פֿון דער אַלטער היים, מיט זייער שפּראַך, תנועות און העוויות. אייגנטלעך האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אויף אַזעלכע יידן ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, און ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז ער לעבט אין אַ יידישער מדינה. פֿאַרוואָס זשע איז פֿאָר־געקומען אַזאַ ענדערונג צום ערגערן אין דער יידישער אַמעריקע? נישט

נאָר די יוגנט רעדט נישט קיין יידיש, נאָר אייניקע יוגנטלעכע פאַרשטייען נישט קיין יידיש. די מיטליעריקע רעדן נאָך יידיש צווישן זיך, לייענען אַ יידישע צייטונג, נעמען אָבער נישט אין די הענט אַריין קיין יידיש בוך. אין די ביבליאָטעקן וואו עס איז פריער געווען אַן אָפּטיילונג פון יידישע ביכער, געפינען זיך נאָך צוויי־דריי פּאָליצעס מיט אַלטע יידישע ביכער.

משה האָט אומיסטנע באַזוכט יידישע שולן. די תלמידים גיבן זיך אָפּ פלייסיק מיט יידישע לימודים. אין דער ביבלאָטעק האָט ער געטראָפן יידן זיצן איבער אַ יידיש בוך און אייניקע האָבן אַרויסגענומען יידישע ביכער און אַנדערע — צוריקגעבראַכט. מיט איין וואָרט, עס האָט אַ ווייע געטאָן אויף אים מיט אַ יידיש לעבן. ער וואָלט זיך נישט געקווענקעלט און אַריבער־געקליבן זיך קיין קאַנאַדע, איטקע וועט אָבער נישט איינגיין אויף דעם ווייל זי האָט אַ גוטע שטעלע און וועט נישט קריגן אַזאַ אין דער אָפּגעשטאַ־נענער קאַנאַדע, אויך אים וועט נישט אָנקומען גרינג צו זיין פאַרוואָרפן מיט אַרבעט ווי אין אַמעריקע.

משה קליינמאַן האָט ליב געהאַט צו שפּלען זיך ביחידות און דער אַרומיקער עולם האָט אים נישט אָפּגערעדט דערפון, ס'איז געווען אָנגענומען אַז גאָר אַן אויסגעצייכנטער שווימער לאָזט זיך איינער אַליין אַרויס מיט אַ שיפל איבערן גרויסן טייך וואָס רינגלט אַרום מאָנטרעאָל. דער פּאַרנאַכט איז געווען זייער אַ שיינער, אויפן הימל איז אַפילו קיין וואָלקנדל נישט געווען צו מערקן און די כוואַליעלעך האָבן שטיל געשעפּטשעט צווישן זיך. נאָכן שפּלען זיך אַ האַלבע שעה האָט קליינמאַן אַרויסגענומען די וויעסלעס פונעם וואַסער און אַריינגעלייגט אין שיפל, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט. פון דער לינקער זייט טוליען זיך איינע צו די אַנדערע קליינע ישובים, דאָ און דאָרט ציגדן זיך פייערלעך און ס'איז אַ מחיה צו קוקן אויף זיי. פון דער רעכטער זייט ציט זיך אַ לאַנגע־לאַנגע שערענגע ביימער הינטער וועלכע עס שטייען נאָך אַ סך ביימער. פונדערווייטנס, אויפן האָריזאָנט, שטייט אַ בוים איינער אַליין. משהן האָט עס געחידושט. אַרום איינ־צעלנעם בוים געפינען זיך נישט קיין ביימער, נאָר אָפּגערוקט אין אַ זייט ציט זיך אַ שערענגע געדיכטע ביימער. נישט ווייט פון יענעם אָרט האָט די רויטלעכע זון זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער ערד. קליינמאַן האָט געקוקט אָט אויף דער זון און אָט אויפן בוים. אינצווישן האָט די זון זיך אַראָפּגערוקט צווישן הימל און ערד, דער בוים איז געבליבן אויפן זעלבן פּלאַץ. עס איז טשיקאַווע, איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין, וואָס גראָד דאָ, ווייט פון דער היים, איז אים קלאָר געוואָרן אַז ער בענקט שטאַרק נאָך איטקען, קוקט אויפן בוים און מיינט גאָר זי. קליינמאַן האָט זיך ערשט דאָ דערוואוסט וויאַזוי עס האָט זיך אין אים צעזשאַרעט די ליבע צו איטקען. ער האָט איינמאָל שטאַרק און לאַנג געקוקט אויף איר און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער האָט דערזען אַן אַנדער איטקע, נישט די וואָס איז אים שוין פון לאַנג

געווען באַקאַנט. משה האָט שפּעטער אַ ווײַלע אונטערגעשמייכלט — מאַלע וואוהין די פאַנטאַזיע קען פאַרפליען. אָבער פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן זיך אומקוקן אויף איטקען, נישט טראַכטנדיק דערפון. און עס טוט אים שוין גאָרנישט באַנג. ערשט די לעצטע צייט האָט קליינמאַן איינגעזען אַז צו דערקענען אַ מענטשן איז נויטיק אַרייַנצוקוקן זיך אין זיין פּנים בשעת ער רעדט. קומט עס אויס אַז וואָלט ער נישט געווען באַטראַכט איטקעס פּנים בעת איר רעדן צון אים וואָלט זי נישט געווען זיין ווייב. נישט אַנדערש אַז דאָס איז געשען צוליב אַ צופאַל. דאָס מזל, אָדער ריכטיקער, דער צופאַל, האָט משהן אַ פּאָר מאָל צוגעשפּילט. וואָלט דער נאַטשאַלניק אין מאָסקווע נישט געווען באַוויליקט זיין בקשה און אים נישט אַריבערגעשיקט קיין דרום־רוסלאַנד, וואָלט ער נישט געקראָגן די געלעגנהייט אַריבערצוכאַפּן זיך צו זיינע עלטערן און דורכדעם אַריבערפּעקלען זיך קיין אַמעריקע. דער אַנדערער צופאַל האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון דעם מלאך־המות׳ הענט אָדער אין בעסטן פאַל פאַרהיט פון אַן אומגליקספאַל. ער האָט באַדאַרפט אַריבערגיין די גאַס און די גרינע ליכט האָט אים ווי געלאָזט וויסן אַז דער וועג איז פריי. משה אָבער איז אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פּאַרוועם געבליבן שטיין און געוואַרט. קעגנאיבער אים האָט זיך געטראָגן אַ גרויסער לאַסט־וואָגן וואָס האָט זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן ביים ווינקל־גאָס צוליב דער רויטער ליכט, איז אָבער, קעגן די טראַפיק־רעגולאַציעס, געפאָרן ווייטער, אָנגעשלאָגן זיך אין אַ טאַקסי, זי צעשמעטערט און שטאַרק פאַרוואונדעט דעם טאַקסי־טרייבער. עס איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, די פּאָליציי איז שנעל געקומען און אויך דער אַמבולאַנס פונעם רויטן־קרייץ וואָס האָט אַוועקגעפירט דעם פאַרוואונדעטן טאַקסי־טרייבער אין שפּיטאָל אַריין. די פּאָליציי האָט אויסגעפרעגט דעם טרייבער פונעם לאַסט־וואָגן און אויך עטלעכע מענטשן וואָס האָבן צוגעזען דעם אומגליקספאַל.

משה איז מבולבל געוואָרן, האָט געפינטעלט מיט די אויגן, געהאַט אַ באַגער צוגיין צום אומגליקספּלאַץ, נישט גערירט זיך פון אָרט אָבער. אין אַ קליינער ווײַלע אַרום איז אָנגעלאָפן אַ איבערלעבונג — ער האָט דאָך געקענט איצט ליגן אונטער די רעדער פונעם לאַסט־וואָגן אַ פאַרוואונדעטער אָדער אַ דערהרגעטער. ווען קליינמאַן איז אַ ביסל געקומען צו זיך האָט ער זיך גענומען וואונדערן — וויאַזוי איז עס געקומען דערצו אַז ער האָט זיך אין מיטן דערינען אָפּגעשטעלט? ער האָט דאָך וועגן גאָרנישט נית איבערגעקלערט און נישט געהאַט אין זינען אַז ס׳איז גלייכער איבערצווואַרטן. נישט אַנדערש אַז אַ געפיל האָט אים אונטערגעזאָגט אַז עס קען געשען מיט אים אַן אומגליק. ווי דען קען מען דאָס דערקלערן? ס׳איז אויך מעגליך אַז אַ מענטש ווי יעדער אַנדער חיה דערפילט אַמאָל דאָס אָנקומען פון אַ געפאַר און היט זיך אומבאַוואוסטזיניק דערפון אויס. אַזוי צי אַזוי, ער איז געבליבן לעבן און וועט עס לאַנג געדענקען.

װעגן דעם גליקלעכן צופאַל האָבן געװאוסט אַלע זײַנע באַקאַנטע און אויך איטקע. צומאַרגנס איז פאָרגעקומען אַן אַמפּעריי צװישן זײ, האָט משה איר געזאָגט: — „אַ זיווג איז דאָך מן השמים, דאַרפסטו דאַנקען און לויבן גאָט װאָס איך בין נישט געוואָרן קיין קריפּל װײַל דו האָסט דאָך געמוזט חתונה האָבן מיט מיר".

— „און דו דאַרפסט דאַנקען און לויבן גאָט װאָס איך האָב אָפּגע׳גט מאַטלען, אַניט װאָלסטו אַ פאַרזעסענער אַרומגעבלאָנקעט איבער דער װעלט.

— „איצט פאַרשטײ איך שוין, איטקע, פאַרוואָס דו האָסט מיך געבעטן זיך דורכרעדן מיט מאַטלען אַז ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ נאַכאַמאָל הייראַטן מיט דיר, אַזוי אַרום האָסטו מיך אַרײַנגענאַרט אין זאַק אַרײַן.

— „װאָס זשע דען האָב איך, משה, געזאָלט טאָן מיט דיר, איבערלאָזן דיך אויף הפקר?

ביידע האָבן זיך האַרציק צעלאַכט.

עטלעכע װאָכן נאָך משהס צוריק קומען פון קאַנאַדע האָט איטקע גע־קראָגן אַ װייטיק אין בויך. משהס עצה איז געװען אַז מ׳דאַרף צוגיין צום אַ דאָקטאָר און איר ענטפער איז געװען — „אימער צוואָרטן אַ פּאָר טעג". עס זענען פאַריבער צוויי טעג און דער װייטיק האָט נישט נאָכגעלאָזט, איז משה צוגעגאַנגען מיט איר צום אַ פרויען־דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט זי אונטערזוכט און איר געזאָגט: „נעמט גאָרנישט אײַן צו שטילן די װײטיקן און שרעקט זיך נישט. אויב די װייטיקן װעלן אָנהאַלטן אין די קומענדיקע פּאָר טעג, קומט צו.

די װייטיקן זענען נישט פאַריבער, צייטנווייז האָבן זיי איר שטאַרק דערקוטשעט און צייטנווייז — װיינציק. זי איז נאַטירלעך צוגעגאַנגען צום דאָקטאָר װעלכער האָט זי גרינטלעך אונטערזוכט און איר געלאָזט װיסן, אַז די װײטיקן זענען, װייזט אויס, סימנים פון פאַרשוואַנגערשאַפט. ער האָט איר געראָטן אָנגיין מיט איר לעבן װי פריער, אָבער נישט עסן אָדער טרינקען קיין האַרבע זאַכן. דער דאָקטאָר האָט איר אויך אָנגעזאָגט, צוקומען אין זײַן אָפיס מיט צוויי װאָכן שפּעטער.

דעם דאָקטאָרס השערה איז געװען אַ ריכטיקע. ער האָט איר געגעבן אינסטרוקציעס װיאַזוי אָנצוגיין מיט איר טאָג־טעגלעכן לעבן װאָס זענען גאָר נישט געװען קיין האַרבע און אויך גע׳עצהט אַרײַנקומען אין זײַן אָפיס פון צײַט צו צייט.

איטקע האָט אָפּגעלעבט מיט מאַטלען עטלעכע יאָר און קיין קינדער זענען נישט געקומען. נישט געקוקט אויף דעם האָט משה קליינמאַן חתונה געהאַט מיט איר אָן ניש דערוואָרט אַז זי זאָל האָבן קינדער מיט אים, איז דעריבער צו זײַן פרייד קיין גרענעץ נישט געװען. ער האָט זי אַרומגענומען, אויפגעהויבן, געקושט און געקושט. איטקע האָט זיך געבעטן ביי אים: „לאָז מיך אָפּ, מויש, מ׳דאַרף זײַן פאָרזיכטיק".

— „ביזט גערעכט, ביזט גערעכט, מיין טייערינקע, איך וועל עס מער נישט טאָן.

משה איז זיך באַגאַנגען מיט איטקען אויף אַזאַ פּאַרזיכטיקן אופן אַז זי האָט אינזינען געהאַט אים צו זאָגן אַז ער זאָל נישט איבערטרייבן. זי האָט זיך אָבער באַרעכנט און עס נישט געטאָן ווייל דאָס ייִנגעלע וואָס ער האָט געהאַט מיט גיטלען איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, איז במילא דאָס נאָך־נישט געבוירענע קינד אין איר, איטקעס, אינגעווייד ביי אים שטאַרק ציטערדיק און מע טאָר עס נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. פאַרקערט גאָר, וואָלט ער נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ אויפמערקזאַמקייט צו איר שוואַנגערשאַפט וואָלט נישט קענטיק געווען זיין לעכצונג נאָך אַ יורש. מחמת בעת ער פלעגט דער־מאָנען זיין טאַטן האָט זיך געפילט אין זיינע רייד אַז ער האָט זייער געבענקט נאָך אַ ייִנגל.

מאָטל האָט זיך געטישעט וואָס איטקע איז נישט פאַרגאַנגען אין טראָגן אַ צווייטן יאָר נאָך דער הייראַט מיט משהן. נישקשה, קליינמאַן האָט חתונה געהאַט מיט זיין געגטער פרוי, מעג ער אויך אָפּלעבן עטלעכע יאָר מיט איר און סוף כל סוף זי אָפּגטן ווען קיין קינדער וועלן נישט קומען. ער האָט עס כשר פאַרדינט. ווען אָבער עס איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה אַז איטקע שוואַנגערט, האָט אים אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן. נישט נאָר האָט ער, משה, צוגענומען זיין ווייב, נאָר זי גייט נאָך האָבן אַ קינד פון אים. אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט. וועט זיך נאָך דאַרפן אַ קנופּ טאָן אין באַק און איר אָפּגעבן מזל־טוב. אויב זשע זי וועט געבוירן אַ ייִנגל און אים מכבד זיין מיט סנדק, וועט ער איר נישט קענען אָפּזאָגן ווי ר׳האָט זיך נישט געקענט ווערן ווען זי האָט אים אַוועקגעזעצט אויבנאָן ביים חתונה־מאָלצייט. וואָס טוט זיך דאָ אויף דער וועלט? אין די געשעפטן גייט אים זייער גוט, איז אַפילו מצליח דעמאָלט ווען נאָך אַלע אויסרעכענונגען איז געווען קלאָר ווי דער טאָג אַז אין דעם געשעפט וועט ער ברעכן האַלדז און נאַקן. און אין פּערזענלעכן לעבן גייט אים מיט דער פּוטער אַראָפּ. פאַרוואָס קומט אים אַזאַ שלעכטע מערכה? ער האָט מיט איטקען געוואָלט נאָכאַמאָל הייראַטן כאָטש זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט מיט אים און בשעת זיי זענען געווען פאַרהייראַט האָט ער זי דאָך געטראָגן אויף די הענט. פאַרוואָס זשע טאַקע איז ער אַזאַ שלימזל אין פּערזענלעכן לעבן, פאַרוואָס?

ווי אַלעמאָל האָט מאָטל אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַר חייקען. זי האָט נישט געהאַט קיין טרייסט ווערטער פאַר אים ווייל עס איז איר דורכ־געלאָפן אין קאָפּ אַז ער קען, ווייזט אויס, נישט האָבן קיין קינדער. איטקע איז נישט טראָגעוודיק געוואָרן פון אים און מיט דער אלמנה וואָס האָט געבוירן דעם פריערדיקן מאַן צוויי קינדער, האָט ער אויך קיין קינד נישט. ער איז געווען אַזוי דערשלאָגן אַז חייקע האָט געמוזט געפינען טרייסט־ווערטער און זיך אָנגערופן: „דער הימל איז נאָך נישט ביי דער ערד, מאָטל.

דו קענסט נאָך האָבן אַ קינד אָדער צוויי מיט דער איצטיקער ווייב. און אויב חס ושלום נישט, טאָר מען אויך נישט פאַרלירן דעם קאָפּ. דערצי דײַן ווייבס קינדער ווי דײַנע אייגענע, זײַ צו זיי ווי אַן אייגענער טאַטע, טו אַלצדינג זיי זאָלן דיך ליב האָבן. אויב דו וועסט זיך אַזוי באַגיין מיט זיי, וועלן זיי אַנדערש נישט קוקן אויף דיר ווי אויף זייער טאַטן, זייער ריכטיקער פאָטער איז דאָך אויפן עולם האמת. רײַכע קריסטן און אויך יידן נעמען אַרײַן צו זיך פרעמדע קינדער און דערציִען זיי ווי אייגענע קינדער און זיי זײַנען באמת צוגעבונדן צו זייערע נײַע עלטערן. פאַל זשע נית אַראָפּ בײַ זיך, מאָטל. נאָך אַלעמען זענען זיי די קינדער פון דײַן ווייב.

— „איך וועל דיך פאָלגן, חייקע. — האָט מאָטל ווי זיך אונטער־געגעבן. — דאָס איז, ווײַזט אויס, מײַן גורל, קעגן דעם קען מען זיך נישט ווערן. אין לעבן טרעפן זיך נאָך ערגערע זאַכן און מען מוז זיי אָננעמען באהבה צי נישט באהבה...

— „איצט האָסטו גערעדט ווי זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש. — איז אויף חייקעס פּנים ניכר געווען אַז זי איז אויפריכטיק אין איר ווענדונג צו מאָטלען. — זע אויכעט אַז דײַן באַנעמונג צו איטקען און משהן זאָל זײַן אַ באַמת פרײַנטלעכע. דאָס לעבן איז נישט קיין גן עדן, מע דאַרף מאַכן דערפון אַ שטיקל גאָרטן וואו מע קען זיך אָפּרוען אַמאָל...

בײַ חייקען איז קיין ספק נישט געווען אַז מאָטל האָט זיך אונטערגעגעבן זײַן גורל ווען ער איז געוואוירע געוואָרן אַז איטקע האָט פאַרשוואַנגערט, דערפון אָבער וואָס זי האָט געבוירן אַ ייִנגל וועט ער שטאַרק צערודערט ווערן. מאָטלס גרעסטער וואונטש איז געווען אַז זײַן ווייב זאָל געבוירן אַ ייִנגל און ער וועט אים אַ נאָמען געבן נאָך זײַן טאַטן. איטקע האָט נישט געהאַט קיין קינדער מיט מאָטלען, האָט ער זי אָפּגעג׳גט און חתונה געהאַט מיט אַן אלמנה וואָס האָט געבוירן צוויי קינדער איר פריערדיקן מאַן. וואָלט איטקע געהייראַט מיט אַ מאַן פון אַן אַנדער קרייז וואָלט עס געווען אַ האַלבע צרה — ווייט פון די אויגן, ווייט פון האַרצן. האָט זי אָבער חתונה געהאַט מיט משהן, זײַן נאָענטן פרײַנט, דערצו נאָך געבוירן אים אַ ייִנגל, די צוויי־ענדיקע צרה וועט מאָטלען שווער זײַן איבערצוטראָגן. עס קען זיך אים אויך דאַכטן אַז וואָלט ער נישט געווען אָפּגעג׳גט איטקען וואָלט זי געהאַט מיט אים אַ ייִנגל — ווינציק פרויען הייבן אָן צו קינדלען צען יאָר נאָך דער חתונה?

עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, איז חייקען נישט אַרויס פון קאָפּ, אַז מאָטל באַשולדיקט משהן אין צוויי זאַכן — ער האָט אַזוי געפירט די אונטער־האַנדלונגען מיט איטקען וועגן שטעלן אַ חופּה מיט איר געוועזענעם מאַן, ס׳זאָל דערפון גאָרנישט ווערן, און נאָך מאָטלס חתונה האָבן מיט דער אלמנה האָט ער, משה, געהייראַט מיט איטקען.

עס מוז עפּעס געטאָן ווערן אַז מאָטלס כעס אויף משהן זאָל געמילדערט ווערן. צוליב דעם איז חייקע מיט איציקן, אַ פּאָר טעג פאַרן ברית, צוגע־

גאַנגען אויפדערבאַכט צו די קליינמאַנס ווען משה איז געווים אַהיים געקומען פֿונעם אָפּיס. ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט האָט חייקע אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט אַז ביים ברית קומט מאָטלען אַ גרויסער כיבוד, ער איז דאָך איטקעס געוועזענער מאַן און משהס לאַנגיאָריקער פּריינט.

משה איז געזעסן דערנעבן און געשוויגן. איטקע האָט געקוקט אויף אים און זיך אָנגערופן: „חייקע רעדט צו דער זאַך. מאָטל האָט אַ רעכט איבערצוטראַכטן — מיט מיר האָט זי אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר און קיין קינדער זענען נישט געקומען און מיט אים, משהן, האָט זי געהאַט אַ יינגל אַ צוויי יאָר נאָך דער חתונה.

— „אויף דעם האָב איך געוואַרט, חייקע — האָט משה געטייטלט מיטן פינגער אויף איטקען. — מאָטל קען האָבן טענות צו זיך, צו מיר און מער פֿון אַלעמען צו איטקען, דערפֿאַר איז איר געקומען דאָס ערשטע וואָרט און ער וועט שוין קריגן אַ כיבוד...

— „אַ שטייגער? — איז איציק נייגעריק געווען צו וויסן.

— „אַז מיר קומט דאָס ערשטע וואָרט ווי זשע מעג איך זיך אָפּזאָגן דערפֿון? — האָט איטקע זיך צעשמייכלט. — סנדק וועט זיין דייוו און קוואָטער — מאָטל.

— „האָסט גוט איינגעטיילט, איטקע. — האָט משה אָנגעטייעט פֿון איר. — אַ שוואָגער איז וויכטיקער פֿונעם געוועזענעם מאַן.

ווען די שטערנס זענען אַהיים געגאַנגען האָט משה אַ פֿרעג געטאָן איטקען: „וואָס פֿאַר׳אַ נאָמען וועמיר געבן אונזער יינגל?

— „וואָס פֿאַר׳אַ נאָמען קען מיר אים געבן אויב נישט שיקע? — האָט פֿון אירע ווערטער געהערט זיך נישט קיין ענטפֿער, נאָר אַ זעלבסטפֿאַרשטענדליכקייט.

— „אַז מירן האָבן נאָך אַ קינד וועלן מיר עס אַ נאָמען געבן נאָך דיין טאַטן אָדער מאַמען. — האָט קליינמאַן אונטערגעכאַפּט אירע ווערטער.

— „פֿון דיין מויל אין גאָטס אויערן אַריין. — האָט איטקע אַרויסגערעדט די ווערטער ווי אַ תּפֿילה.

מאָטל האָט זיך נישט גערעכט אויף אַזאַ כיבוד און עס איז ביי אים געווען זייער אָנגעלייגט. כאָטש צוריק גערעדט איז אים דער כיבוד געקומען, זי איז דאָך געווען זיין ווייב, מיט וועלכער ער האָט עטלעכע יאָר זייער גוט געלעבט און משה איז זיין לאַנגיאָריקער פּריינט ווען נישט איר ברודער דייוו וואָס איז בילכער פֿון אים, מאָטלען, וואָלט מען אים זיכער געגעבן סנדק. יאָסל געוואויר ווערנדיק דערפֿון האָט געזאָגט גאָלדען: „משה איז זיך באַגאַנגען מיט מאָטלען ווי אַ נאָענטער פּריינט און ס׳האָט אַנדערש נישט געקענט פֿאָרקומען.

צוטראָגנדיק דאָס קינד צום סנדק דייוו איז מאָטלען דורכגעלאָפֿן אין מוח — ווען זיי גט׳ן זיך נישט וואָלט איטקע מסתמא געהאַט אַ יינגל פֿון

אים, מאַטלען. ער האָט דערפילט אַ שלאַבעריקייט אין זיינע הענט און אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער זיין לייב — נאָך דאָס וואָלט אים געפעלט, ס'קינד זאָל אַרויספאַלן פון זיינע הענט. ער האָט זיך געשטאַרקט, אַרויפ־געצויגן אַ שמייכל אויף די ליפן און איבערגעגעבן דאָס קינד דייזון. אַנידערזעצענדיק זיך אויף זיין פּלאַץ האָט מאַטלען באַגאָסן אַ שוויס. ער האָט געווישט זיך דעם שטערן, דאָס פּנים און דעם האַלדז. אַ מידקייט איז אים באַפאַלן, האָט חשק געהאַט אַרויסצוגיין אין דרויסן, האָט זיך געשעמט, אילע וועלן קוקן אויף אים...

די פריינט אין אייגענע האָבן עס צוגעזען, באַנומען דאָס פאַרבלאָנ־טערניש און מיט אַ וואָרט זיך נישט אָנגערופן.

ביי איטקען זענען די האָר אַראָפּגעהאנגען ביזן נאַקן און פון פאָרנט זענען זיי געווען אַראָפּגעלאָזט ביז אַ האַלבן שטערן.

נאָכן ברית־מילה איבער איציקלען האָט זי אָפּגעשוירן די אַראָפּגעהאָנגענע פאָדערשטע האָר. ווען משה איז פאַרנאַכט אַהיים געקומען און אַ קוק געגעבן אויף זיין ווייב, האָט זי זיך אָנגערופן: „היינט אינדערפרי האָב איך אָפּ־געשוירן די אַראָפּגעהאנגענע פאָדערשטע האָר, איסטיך פרעגן: פאַרוואָס? וועל איך דיר זאָגן: „ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט מאַטלען, איז מיר איינגעפאַלן אַז נאָכן ערשטן קינד וועל איך אונטערשערן די פאָדערשטע האָר. קיין קינד מיט מאַטלען האָב איך נישט געהאַט, האָב איך עס נישט געטאָן. אָבער נאָכן ברית פון אונזער בכור האָב איך אונטערגעשוירן די האָר.

משה איז צוגעגאַנגען צו איטקען און אַ קוש געגעבן אין שטערן, האָט געקוקט אויף איר, אויפן קינד — און אין זיינע אויגן האָט געשיינט אַ פרייד.

עטלעכע טעג נאָכן ברית־מילה האָט קליינמאַן פאַרענדיקט זיין אַרבעט פאַרפרי און אים האָט אַ טראַג געטאָן צו גיין אַהיים דורך אַ זייטיקן וועג, אַ פּאָר קוואַרטאַלן ווייטער פונעם דרך המלך. און גאָר אינגיכן איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין אַז ס'איז געשען וואָס האָט באַדאַרפט געשען — נאָך איציקלען איז געקומען שיקעלע און ווען ער גיט אַ קוק אויף אים, דוכט זיך אַז ער כאַפּט דעם אָנבליק פון איציקלען. און וואָס אָפּטער ער זעט דאָס קינד, ווערט פונעם דוכטעניש אַ זיכערקייט...

האָט ער אַ קוק געגעבן אויפן הימל, איז אין אים אַ טראַכטונג אויפ־געקומען — גאָטס דרכים איז פאַרן מענטשן נישט משיג צו זיין. מיט מאַטלען האָט איטקע נישט געהאַט קיין קינדער און אים, משהן, האָט זי אַ צוויי יאָר נאָך דער חתונה געבוירן אַ ייִנגל, איז עס ניט מן השמים?

וואָלט געווען ביי איר מיט מאַטלען אַ קינד, וואָלט ער זי נישט אָפּ־גע'גט און ער, משה, וואָלט מיט איר נישט חתונה געהאַט. גייען אַוועק עטלעכע יאָר און זיין גלייכן געפינט זיך נישט פאַר אים, וואָלט ער מסתמא איינגאַנצן

נישט געהייראַט. האָט זיך אַלץ נישט אויסגעלייגט ווי אַ באַשערטע זאַך צו חתונה האָבן מיט איטקען?

משה האָט אַלע ווײַלע אויפגעהויבן די אויגן צום הימל ווי וואָלט געדאַנקט דעם רבש״ע וואָס האָט נישט אָנגעטאָן זיין חסד פון אים. פון אַ זייטיק וועלדל האָבן זיך געטראָגן אַלערליי קלאַנגען — שטילע, הויכע, פאַמעלעכע, שנעלע. און פון דערווייטנס האָט זיך געהערט דאָס קוואקען פון די זשאַבעס נעבן אַ טייכל.

קליינמאַן האָט מיט זיכערע טריט געשפּאַנט צום טייל שטאָט וואו ס'האָט זיך געפונען זיין וואוינונג און פונעם גאַנצן געגנט האָבן געוואונקען צון אים היימישע פייערלעך וואָס זענען מיטן גאַנג געוואָרן העלער און נאָך העלער. די ברייטע סטעזשקע וואָס ער האָט באַטראָטן האָט געפירט אַהינצו און איבער אים האָבן געפינקלט די שטערן וואָס האָבן אין אַ גרויסער צאָל זיך באַוויזן אויפן הימל.

(סוף)